STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08053

DOS LEBEN UN SHAFEN FUN HOFETS HAYYIM

Mosheh Meir Yashar

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער חפץ חיים אין יאָהר תרפ״ה

דאָם לעבען און שאַפען

פון חפץ חיים

אַלע רעכט, סיי פון גאַנצען ספר, סיי פון טיילווייזען איבער־
דרוקען אדער איבערזעצען, באַהאַלט דער מחבר פאַר זיך אַליין.

COPYRIGHT, 1937, BY
MOSES M. YOSHOR

געדרוקט ביי די שולזינגער ברידער
העברעאישע, אידישע און ענגלישע ליינאָטייפּערס און פּרינטערס
PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA BY
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
1001 SUTTER AVENUE, BROOKLYN, N. Y.

צו מיין ליבע מוטער
אויף לאנגע געזונטע יאָהרען

תפארת בנים אבותם.
(משלי י"ז, ו')

לזכר נשמת אדוני
אבי מו"ר התורני ויא"ב
ר' דוד ב"ר יצחק מאיר ז"ל
נפטר ג' אדר, תר"ץ

ת. נ. צ. ב. ה.

א י נ ה אַ ל ט

ערשטער טייל

פאָרוואָרט 13
איינלייטונג 17
געבורט 29
יוגענד 32
דער שדוך 38
וויל קיין רב ניט זיין 43
ווערט אַ קרעמער 49
ווערט אַ ראש ישיבה 56
גרינדעט אַ ישיבה 64
זיין ערשטער ספר 71
אַ ספר פאַר׳ן פאָלק 77
מזכה צו זיין די וועלט 84
די הסכמות אויפ׳ן ספר 88
אַן ערלויבעניש פון צענזור 94
דאָס שטעדטעל ראדין 102
די ראדינער בעלי בתים 109
זיין אייגענער משולח 116
מ׳זאָל ניט וויסען פון איהם 122
אָפּריכטען גלות 125
דער „שמירת הלשון" 136
זיינע ספרים — זיין ביאגראפיע 145
מיט די גדולים פון פריהערדיגען דור 152
פּראַקטיש אין לערנען 158

פאַר אידישע סאלדאטען 166
דער ספר „מחנה ישראל" 173
די שטענדיגע זאָרג פאַר זיינע תלמידים 180
דער „משנה ברורה" 186
זיין איידים ר׳ הירש 195
אין פאַרגלייך מיט אַנדערע 202
מזכה זיין די גבירים 206
דער „אהבת חסד" 214
זיין זוהן ר׳ אברהם ז"ל 219
די שטאַרקייט פון זיין אמונה 226
פאַר אידען אין אמעריקא 232
אלס כהן 241
דער סדר קדשים 245
באַהאַלטענע גרויסקייט 249
קבלת התורה — „שבועות" 257
מיט־העלפער 263
פקחות און פראַקטישקייט 270
אַ כלל טהוער 277
די אספת הרבנים אין פעטערבורג 282
צו זאָגען מוסר 287
דאנקבאר פאַר גוטס 298
דער נייער ישיבה בנין 306
סוד פון פאפולאריטעט 315
די וועלט־מלחמה 322
די אָפטע פריזיוועז 328
צום מארשאלעק 331
הוספות 335

בילדער אינהאַלט

ערשטער טייל

דער חפץ חיים אין יאָהר תרפ״ה 17

דער חפץ חיים אין זומער פון יאָהר תרצ״ב 48

הרב ר׳ אליהו דוד רבינוביץ תאומים זצ״ל 145

הרב ר׳ יעקב ברי״ט זצ״ל, ווילנע 145

הרב ר׳ נחום׳קע שמש (קאפלאן) זצ״ל, הורדנה 145

הרב ר׳ שלמה הכהן זצ״ל, ווילנע 145

הרב ר׳ רפאל כהן זצ״ל 145

הרב ר׳ יוסף סקוביץ זצ״ל, ווילנע 145

הרב ר׳ אליעזר משה הלוי הורביץ, פינסק 145

הרב ר׳ יום טוב ליפמאן הכהן זצ״ל, מיר 145

הרב ר׳ מאיר יונה ש״ץ זצ״ל, סוויסלאוויץ 145

הרב ר׳ חיים עוזר גראזענסקי, ווילנע 176

הרבנית שרה׳לע, טאָכטער פון חפץ חיים 208

הרב ר׳ הירש לעווינסאָן זצ״ל, איידים פון חפץ חיים 208

הרב ר׳ מאיר שמחה הכהן זצ״ל, דווינסק 273

הרב ר׳ דוד פרידמאן זצ״ל, קארלין 273

הרב ר׳ חיים הלוי סאלאוויטשיק, בריסק 273

הרב ר׳ יצחק יעקב ראבינאוויץ זצ״ל, פאנעוויעז 273

הרב ר׳ שלום בער שניאורסאן זצ״ל, ליובאוויטשער רבי 273

הרב ר׳ משה לאנדינסקי, ראש ישיבת „חפץ חיים״, ראדין 304

דער חפץ חיים אין יאָהר תר״ץ 321

פאָרוואָרט

„דאָס לעבען און שאַפען פון חפץ חיים״, ענטהאַלט אַ ים פון אינטערעסאנטע און באַלעהרענטע מאטעריאל, בילדער און שטריכען פון היסטאָרישע פּאַסירונגען און פערזענליכקייטען, מיט וועלכע דער חפץ חיים, איז געקומען אין באַריהרונג. די פארכאפּענדע עפּיזאדען, בריליאַנטענע געדאַנקען און דברי תורה, די האַרציגע מדות און נשמה־ריהרענדע ביישפּילען, וועלכע זיינען מיר בע״ה געלונגען צו פאַרצייכענען און צו שילדערען, וועלען האָפענטליך, דיענען פאַר יעדען לעזער, אלס קוואַל פון התלהבות און אינספּיראציע. דיזער ספר, מיט זיין פיל־פאַרביגקייט און ברייטען פאַרנעם, איז פאָרלויפיג אַ יחיד במינו אין דער אידישער ליטעראטור.

ב״ה, איך האָב זוכה געווען צוזעהן ווי מיין שרייבען קריגט אנערקענונג צווישען די לייטענדסטע פערזענליכקייטען פון אונזער צייט. דער עלצטער זוהן פון חפץ חיים הגאון ר׳ ארי׳ ליב הכהן שליט״א, רב פון ראדין, ובפרט דער גאון הדור ר׳ חיים עוזר גראדזענסקי שליט״א, און הגאון ר׳ יצחק אייזיק הלוי, דר. הערצאג, רב הכולל פון ארץ ישראל, האָבען טיילוויז געלעזען די קארעקטען פון מיינע ספרים (צו מיין ענגלישען בוך „סיינט ענד סיידזש״ האָט הרב דר. הערצאג, געשריבען אַן הקדמה). מיינע מאמרים און שילדערונגען האָבען ת״ל מוצא חן געווען אין זייערע אויגען. זייערע באַגייסטערטע אָפּשאַצונגען זיינען אויסגעדריקט געוואָרען בכתב.

„זה חלקי מכל עמלי״, ס׳איז זיכער ניט צוליב מיין זכות. ס׳איז דער אונערשעפּליכער זכות פון מיינע גרויסע רביים, ווענען איך האָב זוכה געווען צו קאָנען און משמש צו זיין כאחד מן הקטנים צווישען זייערע תלמידים.

שרייבענדיג דיזע פּרקים, האָב איך אימער געפיהלט אַז איך טהו אַ „מלאכת הקודש״, בכדי צו באקאָנען די אלגעמיינע אידישע וועלט מיט איינעם פון די גרעסטע אידען אין די לעצטע עטליכע דורות. מיט זיין מוסטערהאפטען לעבען און אידעאלע לעהרען. איך האָף אַז דיזער ספר וועט איה״ש ברייגען מוטה, האָפנונג און שטאַרקייט, העלפען גייסטיג צו פאנאנדערטרייבען די שווערע וואלקענס אויף די אידישע הימלען, דערנעהנטערען די דערוויטערטע צו אלעס וואָס איז הייליג און טייער אין אידישען לעבען און מקרב זיין די ערוואַרטענדע גאולה.

„שגיאות מי יבין?״ נאָר דער חפץ חיים, מיט זיין ערהאבענעם מח און הייליגע מחשבות, האָט געקאָנט זאָגען: „אין מיינע ספרים האָב איך בלויז געשריבען אזעלכע תורה, מיט וועלכע איך וועל זיך ניט שעהמען איבערצוזאָגען אויפ׳ן עולם האמת״. איך האָף דאריבער, אז אויב אימיצער וועט

געפינען אַ גרייז אָדער אַ טעות, וועט ער מיר דן זיין לכף זכות, נעמענדיג אין אַנבאַטראַכט די אונגעהוירע שוועריגקייט פון מיין ארבייט, צו קלייבען און אנאליזירען די ריכטיגקייט פון יעדער געשעהניש, וואָרט אָדער קלאַנג, וועלכע ווערט צוגעשריבען צום חפץ חיים.

יעדענפאַלס, אויב וועלכער ס'איז ענין איז פאַר'ן לעזער אונקלאר, אָדער אונפאַרשטענדליך, זאָל ער עס תולה זיין אַז מיין ווייניגקייט האָט עס ניט איבערגעגעבען פּילייכט ריכטיג, אָדער קלאָר גענוג.

מיין האַרציגען דאַנק און הויפט יישר־כח, בין איך שולדיג צו מיין רבי'ן, דעם אלטען גאון און ראש ישיבה אין ראדין, הרב ר' משה לאנדינסקי, באקאנט אלס, ר' משה קנישינער, פאַר זיין ווערטהפולע הילף און ערמוטהיגונג אין מיין ארבייט. ספעציעל פאַר די וויכטיגסטע מאטעריאל, וועלכע ער האָט מיר צוגעשיקט; אויך צו די מנהלי וראשי ישיבה: הרה״ג ר' יהושע לעווינסאָן, הרה״ג ר' אליעזר זאב קאפּלאַן, איידיקלעך פון חפץ חיים, און צו הרה״ג ר' מנחם מנדל יוסף זאקס, איידים פון חפץ חיים. אויך צו די ראשי ישיבה הגאונים: ר' יחיאל מרדכי גאָרדאָן, פון לאָמזע, ר' אהרן קאטלער, פון קלעצק, ר' אברהם יפין, פון ביאליסטאק, און ספעציעל לידי'נ הרה״ג ר' שמואל גריינימאַן, תל אביב, פאַר פיל אינטערעסאַנטע שטריכען.

מיין אנערקענונג און דאַנק וויל איך אויך אויסדריקען צו דער „פּאַבליקיישאַן קאמיטע״ פון דער „ישיבת חפץ חיים סאָסייעטי״, הר״ר יוסף דוד פיקס, טשערמאַן, הרה״ג ר' ירחמיאל קומין, הרב דר. דוד זוסמאן שטערן, הרב חיים גאָלדענבערג, הר״ר שמואל קרולעוויץ, ר' אהרן פראצשינסקי, ר' יעקב לעוויט, ר' דוד טאס, ר' חיים זרח טאס, ר' זעליג באראש, און צו אַן אמת'ן גוטען פריינד ר' יוסף יצחק ב״ר דוד אלבערט.

אַ באַזונדערען דאַנק צום באַוואוסטען ארטיסט ר' חיים ב״ר דוד הכהן לעווין, פאַר'ן צוגרייטען די אַלע נויטיגע פאטאגראפיעס. און צו די ברידער יהושע מיכל ושמואל שולזינגער, פאַר זייער געדולדיגע מיט־הילף אין מיין ארבייט; פאַרזיכטיג איבערגעהענדיג די קארעקטורען.

איך וויל אויך באַדאַנקען דעם „מאָרגען זשורנאל״, וואו אַ העלפט פון דיזען ספר איז געדרוקט געוואָרען יעדען פרייטאָג, אין פארלויף פון יאָהר תרצ״ה.

אַ ספעציעל באַזונדערען דאַנק לידידי דעם ווערטהען רעדאַקטאר פון „מאָרגען זשורנאל״ מר יעקב פישמאן, און דעם מיט־רעדאקטאר מר ש. יודסאָן, פאַר זייער ווערטהפולע הילף מיט ראטה און טהאט.

מ. מ. י.

יצחק אייזיק הלוי הערצאג
הרב הראשי
למדינת אירלנד החפשית
דובלין

Rabbi Dr. I. HERZOG,
M.A., D.LITT.,
Chief Rabbi of the Irish Free State,
33, BLOOMFIELD AVENUE,
DUBLIN.
TELEPHONE: 81671

ב"ה, א" יתרו הרצ"ו.

כבוד ידידי הדר"ג שליט"א

שלום וברכה,

מכתביו וספרו כת"י לנכון הגיעו לידי. בכל חפץ לבבי אני נכון בס"ד לעשות רצונו. אמנם דבר גדול עשה כת"ר, כי ספר כזה עלול להביא תועלת מרובה לחבב את שמו וזכרו של אותו צדיק ועמוד התורה והעבודה על הרבה מהדור הצעיר הזקוקים לאנגלית. ולשם אותו כונה אני מחבר את ספרי על המשפטים כדי לתת לאחינו ילידי אנגליא ואמריקא מושג מחכמת המשפטים של תו"הק.

יישר חילי' וחפץ ד" בידו יצליח.

בברכת כט"ס
ובכבוד רב,

א בריוו צום מחבר פון הגאון ר' יצחק אייזיק הלוי הערצאג שליט"א, הויפט רב פון ארץ ישראל, אין צוזאמענהאנג מיט דער הקדמה וועלכע ער האט געשריבען צו זיין ענגלישען ספר, Saint and Sage.



דער חפץ חיים אין זומער פון יאָהר תרצ"ב

אײנלײטונג

דאָס פאָלק און זײנע גדולים

דאָס אידישע פאָלק איז רײך מיט גרױסע פיהרענדע פערזענליכקײטען, װעלכע האָבען בעאײנפלוסט און געװירקט אױף דורות. רײך און פיל־פאַרביג איז די אידישע היסטאָריע מיט עפּאָכע־מאַכענדע גדולים און צדיקים װעלכע האָבען דערהױבען דאָס פאָלק צו אַ לעבען פון אידעאַליזם און הײליגקײט. די אידישע געשיכטע באַמיהט זיך שטענדיג צו פאַרפאָלקסטימליכען און אונ־שטערבליך מאַכען איהרע העלדען. עס פאַסירט אָבער זעהר זעלטען אַז אַ גדול זאָל קריגען זײן פולע אַנערקענונג בײ זײן לעבען. אַן אַלטער אידישער װערטעל זאָגט „אחרי מות קדושים אמור", ד. ה., אַז נאָכ'ן טױט זאָגט מען אױף אײנעם אַז ער איז אַ הײליגער. און אין דער װירקליכקײט איז עס טאַקע אַזױ, די גדולים פון אַלע צײטען זײנען מעהרסטענטײלס פּראָמינענט און פּאָפּולאַריזירט געװאָרען לאַנג לאַנג נאָך זײער טױט.

אײגענאַרטיג און פענאָמענאַל איז אָבער די פּערזענליכקײט פון גאון וצדיק ר' ישראל מאיר הכהן, אָדער װי ער איז איבעראַל באַקאַנט אונטער'ן נאָמען חפץ חיים. ער האָט זוכה געװען צו װעלט־באַריהמטקײט און צו װערען אַ לעגענדארישע פיגור פילע צעהנדליגע יאָהרען בײ זײן לעבען, זײנע פילע קאָלאסאלע װערק, זײן מוסטערהאַפטער פערזענליכער לעבען פון קדושה וטהרה, און זײן מסירת־נפש'דיגע באַמיהונגען צו פאַרשפּרײטען דאָס װיסען פון דער תורה און צו דערהױבען זײן פאָלק צו אַ הױכע שטופע פון מאָראַל און מדות, האָבען איהם געמאַכט פאַר'ן פּרינץ פון אידישען גײסט. ער איז בחײו געװאָרען דער אַנערקענטער פאָלקס־רבי פון כלל ישראל, װײל ער האָט אַזױ װי די זון באַלױכטען און געװאָרעמט די גאַנצע אידישע װעלט.

מיר זײנען ניט אימשטאַנד צו געבען אַן ערשעפּליכע ביאָגראַפיע און פיהלען זיך ניט גענוג פאַסיג אונטערצונעמען צו בעשרײבען גענוי דאָס לעבען און שאַפונג פון אַזאַ גײסטיגען ריעז און לױטער הימלישע פערזענליכקײט. מיר זײנען בכלל צו נאָהענט צו זײן תקופה, צו זײן װירקונג־סביבה און אַטמאָספערע כדי בכח צו זײן איהם אָפּצושאַצען אין זײן געהעריגע הױך.

עס דאַרף נעמען פילע יאָהרען און פילייכט דורות ביז עס וועט מעגליך זיין צו שאַפען אַ גרינדליכע און אָביעקטיווע אָפּהאַנדלונג וועגען דעם1). ריכטיג האָט אַמאָל אַ גדול באַמערקט, אַז כדי צו קענען פאַרשטעהן דעם חפץ חיים, מוז מען אַליין זיין אַ ניצוץ פון חפץ חיים.

אַ באַוואוסטער תלמיד האָט אַמאָל געפרעגט דעם חפץ חיים: היות ס׳איז ידוע אַז ר׳ חיים וואָלאָזשינער האָט אַמאָל אָפּשאַצענדיג זיין רבי׳ן דעם ווילנער גאון, באַמערקט, אַז דער לעצטער איז פילייכט אזוי גרויס געווען ווי דער רמב״ן וועלכער האָט געלעבט מיט זעקס הונדערט יאָהר צוריק פאַר איהם, טאָ ווארום האָט די השגחה בעדאַרפט באַשטימען פאַר זיין דור אַזאַ גרויסען גייסט וואָס האָט מיט זיין גדלות גאָר באַלאַנגט צו אזוי פיעל דורות צוריק. מיר האָבען דאָך אַ כלל אין תלמוד אַז „דור דור ודורשיו, דור דור ושופטיו, דור דור וחכמיו״, ד. ה., אַז איטליכער דור האָט זיך זיינע פיהרער?

האָט דער חפץ חיים אויף דעם אזוי געענטפערט: — ס׳איז אַ פאַקט אַז אין אידיש־גייסטיגען זינן לויפען די דורות מיט אַ שנעלען טעמפּאָ באַרג אַראָפּ. אַלעס וואָס דער גדול פון זיין דור איז בכח צו טהאָן, איז בלויז אָפּצוהאַלטען אַביסעל די שנעלקייט פון לויפען. עס פאַסירט אָבער אַז אַ דור לויפט באַרג אַראָפּ צו האַסטיג אזוי, אַז עס איז שוין דאַמאָלס ניט גענוג די שטאַרקייט פון דעם געוועהנליכען גדול פון דור, נאָר די השגחה מוז דאַן אַראָפּשיקען אַ גייסטיגען ריעז פון פילע דורות צוריק כדי ער זאָל מיט זיינע אונגעהויערע כחות אימשטאַנד זיין אָפּצוהאַלטען דעם דור פון אַ צו גרויסע ירידה. אָט דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון ווילנער גאון! . . .

דיזע אָפּשאַצונג וועלכע דער חפץ חיים האָט באַנוצט אויפ׳ן ווילנער גאון איז פּאַסיג אויף איהם אליין. אויך ער זעלבסט איז ניט געווען לויט זיין דור, נאָר מיט פילע דורות צוריק, און אויך אונזער דור האָט זיך גענויטיגט אין אַן אויסערגעוויינליכע ריזענקראַפט כדי איהם אָפּצוהאַלטען פון אַ האַסטיגע ירידה . . .

אָבער אויב אין גייסטיגען זינן איז דער לעצטער דור געפאַלען נידעריג אין פאַרגלייך מיט די פאַרגאַנגענע דורות, פאַרנעמט דער חפץ חיים, אַלס

---

1) גרויסע מענער, זאָגט עמערסאָן, זיינען ווי הויכע בערג. ווער עס שטעהט נאָהענט צו זיי, קאָן קיינמאָל ניט קריגען קיין באַגריף פון זייער ריכטיגע גרויסקייט. נאָר דאַן ווען מען רוקט זיך אָוועק פון זיי אויף אַ גרויסע ווייטקייט קאָן מען זיי ערשט זעהן אין זייער גאַנצער הויכקייט.

דער צדיק פון דור אַ גלאַררייכען אָרט אין דער ערשטער רייהע צווישען די צדיקים און גדולים פון פילע דורות.

דער אמת׳ער גרויסער מענש איז העכער ווי זיין צייט. ער לעבט און ווירקט ניט נאָר פאַר זיין געגענווארטיגען דור, נאָר אויך פאַר דער ווייטער צוקונפט. ער איז גלייך צו אַ גערטנער וועלכער לאָזט פאַלען די קערנדלעך אין די שפּאלטען פון דער ערד וואו זיי פאַרבלייבען בעהאַלטען ביז זיי שלאָגען טיפע וואָרצלען, שפּראָצען ארויס און פאַרשפּרייטען זיך. די געדאַנקען און אידעען פון אדם גדול בלייבען אויך אָפטמאָל פאַרבאָרגען און אומבאַמערקבאַר פאַר דער געגענוואַרט; עס דויערט מאַנכעס מאָל אַ לאַנגע צייט ביז זיי ווערען איינגעוואָרצעלט און פאַרצווייגט און פעהיג צו פּראָדוצירען פּראַכטפולע פרוכט, כדי די מענשהייט צו דערקוויקען פאַר דורות לאַנג.

באַזונדער איז שווער צו שאַפען אַ גענויע באַשרייבונג איבער אַ גדול בישראל. עס איז אַ פאַקט אַז דער אמת׳ער גדול רעדט זעהר זעלטען וועגען זיך זעלבסט. ער אליין פיהרט ניט קיין טאָג־ביכער און לאָזט אויך ניט אַנדערע עס טהאָן פאַר איהם. ער איז אַ „בורח מן הכבוד״ און איז מקיים בוכשטעבליך דעם „הצנע לכת״, טהוענדיג אַלעס שטילערהייט, אָהן טומעל און אָהן פויקען. זאָגאר די רעזולטאַטען פון זיין גרויסע השפּעה אויף זיין דור שרייבט דער צדיק צו זעהר אָפט צו אנדערע אומשטאַנדען איידער צו זיין אייגענע פּערזאָן. דער היסטאָריקער דאַרף דאריבער זוכען אויסקינפטע דאָ און דאָרטען; ער דאַרף אויפכאַפּען ווערטער און קלאַנגען און אַלעס אנאַליזירען, אַלעס וועגען און מעסטען כדי אויסצוגעפינען און באַשטעטיגען דעם אמת.

אויב די באדינגונגען זיינען אַזעלכע אין באַצוג צו אַנדערע גדולים, זיינען זיי פיל שווערער און מעהר פאַרוויקעלט בנוגע דעם חפץ חיים. עס שיינט צו זיין אונמעגליך צו בעקומען גענויע און ריכטיגע ידיעות וועגען זיין לאַנגען כמעט הונדערט־יעהריגען לעבען בכלל, און פון זיינע איינגערע יאָהרען בפרט; עס זיינען גאָר היינט ניטאָ אַזעלכע זקנים וועלכע האָבען געקענט דעם חפץ חיים פון זיין פריהערסטער יוגענד אָן.

עס איז אַ פאַקט, אַז ווען דער חפץ חיים האָט אין יאָהר תרפ״ג זיך געקליבען פאָהרען אין וויען און האָט געמוזט צוליב דעם זיך מאַכען אַן אויס־לענדישען פאַספּאָרט, האָט מען ניט געקענט צושטעלען צו דער פּוילישער ציווילער מאַכט די נויטיגע דאָקומענטען אַלס פאָרמאַליטעט צו באַשטעטיגען זיין געבורטס־דאַטום, ווייל ווען ער איז געבאָרען געוואָרען האָט נאָך אין

רוסלאנד ניט עקזיסטירט דער מעטריקאציע סיסטעם. דער סטאראָסטא האָט דאריבער פאָרגעלייגט אַז מען זאָל איהם ברייגגען עדות צו באַשטעטיגען זיין געבורטסטאָג. זעלבסטפערשטענדליך אז אזא זאַך איז אונמעגליך געווען צו פאַרווירקליכען. מען האָט איהם געמוזט געבען אַ פּאַספּאָרט אָהן די געוועגליכע פאָרגעשריבענע פאָרמאַליטעטען. די רעגירונג האָט דאַן אויך געמאַכט אַן אויסנאַהם און איינגעשטימט איהם ארויסצוגעבען דעם פּאַספּאָרט אָהן אַ פּערזענליכע פאָטאָגראַפיע, ווייל ווי מיר וועלען שפּעטער דערצעהלען מעהר באריכות האָט זיך דער חפץ חיים קיינמאָל נישט געוואָלט לאָזען פאָטאָגראַפירען. אויך כדי אויסצופילען די שורה וועגען זיין פּראָפעסיאָן אַלס רב, האָט דער סטאראָסטא דאַן געפאָדערט מען זאָל איהם צושטעלען אַ שריפט־ליכע סמיכה, וועלכעס דער חפץ חיים האָט אָבער קיינמאָל נישט געהאָט. ער האָט דאריבער געמוזט צו דיזער געלעגענהייט זיך איינשאַפען אַ סמיכה פון זיין ידיד הגאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי פון ווילנא . . .

צווישען די מעהר באַריהמטע גדולים אין די לעצטע הונדערטע יאָהרען, זיינען די מעהרסטע באַקאַנט אין דער וועלט, דורך די נעמען פון די וויכטיגע ספרים וועלכע זיי האָבען געשאַפען. זעהר ווינציג מענשען וויסען צ. ב. וועך ר׳ יחזקאל לאנדא, ר׳ משה סופר, ר׳ אברהם דאנציג, אָדער ר׳ ישראל ליפשיץ, זיינען געווען. דאגעגען וויסען אָבער פילע ווער „נודע ביהודה״, דער „חיי אדם״, דער „תפארת ישראל״, זיינען. וועגען די וויכטיגקייט און באַדייטונג פון אַזאַ ערוואָרבענעם נאָמען, שיינט צו זיין קיינע מיינונגס־פאַרשידענהייטען.

צו רופען איינעם בלויז „רבי״ אָדער „רבנו״, איז דער פּראָמינענטסטער פאָלקס־טיטול ביי אידען. בלויז געצעהלטע האָבען צו אַזאַ פאָלקס־קרוינונג זוכה געווען. דער טיטול פון אונזער גרעסטען פיהרער, משה רבנו. צווישען די עפּאָכע־מאַכענדע תנאים, איז רבי יהודה הנשיא גיכער באַקאַנט אלס „רבי״, אָדער „רבנו הקדוש״. און דער פאָטער פון די אמוראים „אבא אריכא״, איז באַקאַנט אלס „רב״. אַן עהנליכער טיטול וואָלט זיך בימינו זיכער גע־פאַסט פאר׳ן איבעראל אנערקענטען און פאַרהייליגטען ר׳ ישראל מאיר׳ן, ווען ניט אַ פריהער אָנגענומענער נאָמען.

דער נאָמען חפץ חיים

ווי שוין פריהער דערמאָנט איז ער אין דער גרויסער וועלט גיכער בע־קאַנט מיט'ן נאָמען חפץ חיים. ווייניג מענשען וויסען זיין אמת'ן נאָמען, ר' ישראל מאיר הכהן. און די וואָס וויסען דערמאָנען עס זעהר זעלטען. „חפץ חיים" איז דער נאָמען פון זיין ערשטען ספר. ווי באַוואוסט ענטהאַלט דיזער חבור א סיסטעמאַטישע צוזאַמענשטעלונג און אַ גרינדליכע אָפּהאַנדלונג פון אַלע דינים און מאָראַלישע לעהרערס וועגען לשון הרע, באַזירט אויפ'ן פסוק אין תהלים: „מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב, נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה" — ווער איז דער מענש וואָס וויל לעבען און ווינשט זיך צו זעהן גוטעס? זאָל היטען זיין צונג פון ריידען שלעכטס און זיינע ליפּען פון פאַלשקייט. ער האָט דאַריבער דעם ספר אַ נאָמען געגעבען „חפץ חיים".

זוכט אויסצומיידען פרסום

זיין גאַנץ לעבען האָט דער חפץ חיים געזוכט אויסצומיידען דאָס וואָס מען רופט אין אַמעריקא „פּובליסיטי". ער האָט שטענדיג באַדויערט וואָס אַלע זיינע ערנסטע באַמיהונגען קעגען פרסום האָבען איהם ווינציג וואָס געהאָלפען און אַז קעגען זיין ווילען איז ער וואָס ווייטער אַלץ מעהר באַוואוסט געוואָרען אין דער וועלט. באַטראַכטענדיג זיך זעלבסט אַלס אַ קליין שטעד־טעלדיגער פשוט'ער איד, האָט ער געהאַט גרויס פאַרדרוס וואָס זיינע ספרים האָבען איהם געמאַכט אזוי פיל פאַר אַ מפורסם. ער האָטווירקליך געהאַט צער פון זיין באַריהמטקייט.

„סטייטש, פאַרוואָס און פאַר ווען קומט עס מיר?" — פלעגט ער זיך שטענדיג באַקלאָגען. לויט זיין אַרגומענטירונג איז אויסגעקומען אומגעפעהר אזוי: וואָס איז שייך די ספרים וועלכע ער האָט געשאַפען איז דאָך עס ניט הויפּטזעכליך אַ דאַנק זיין אייגענעם כח. השי"ת האָט דאָך עס איהם געהאָלפען צוליב'ן זכות פון כלל ישראל... בכלל ווי אזוי קאָן און מעג אַ איד שטאָלצירען מיט זיין געלעהרזאַמקייט? זאָגט דען ניט דער תנא אין אבות: „אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך, כי לכך נוצרת" — אויב דו האָסט געלערענט אַ סך תורה פאַרדינסטו ניט קיין דאַנקבאַרקייט דערפאַר, ווייל

אויב ניט לערנען? וועלכער נאָר ערוואַרטעט עס דאַנקבאַרקייט צוליב דעם וואָס ער שטרענגט אָן זיינע לופט רעהרען אריינצונעמען פרישע לופט, אָדער זיין מויל אריינצונעמען שפייז? איי דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט צוגע־זאָגט דעם מענשען שכר פאַר'ן לערנען איז דאָך עס טאַקע בלויז אַ חסד פון השי"ת (ולך ה' החסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו). עס איז אזוי ווי אַ פאָטער באלוינט זיין קינד פאַר'ן עסען אָדער באשטראָפט איהם פאַר'ן ניט וועלען עסען . . . די תורה איז דאָך אַ לעבענס קוואַל פאַר יעדען אידען . . . גייסטיגע ברויט פאַר זיין נשמה . . .

דאָס אַלעס איז ביים חפץ חיים אויסגעקומען נאַטירליך, איינפאַך און אַ זעלבסטפערשטענדליכע זאַך. טאָ ווי אזוי האָט ער געקאָנט זיך ערלויבען צו געניסען פון כבוד און באַריהמטקייט, וועלכעס ער האָט נאָך זיין מיינונג קיינמאָל ניט פאַרדינט?

בכלל האָט דער חפץ חיים קיינמאָל ניט געזוכט צו זיין אַ פיהרער ביים פאָלק, ווייל אין זיין עניוות האָט ער זיך ניט געהאַלטען גענוג פאַסיג און ווירדיג צו ווערען אַ מנהיג ביי אידען. ווען מען פלעגט איהם, ביי וויכטיגע פאַרזאַמ־לונגען אָװעקזעצען צווישען די גדולים אויבען אָן, האָט ער עס ביי זיך זעלבסט באַרעכטיגט, ווייל ער איז דאָך אַ זקן און דערצו אַ כהן אויך, אָזעלכע מעלות וועלכע האָבען גאָר ניט צו טהאָן מיט פערזענליכע אייגענ־שאַפטען. אין זיין פערזענליכען לעבען האָט דער חפץ חיים אימער געזוכט צו בלייבען אַ „נחבא אל הכלים". ער האָט זיך ניט נאָר מונע געװוען פון צו ריידען אָדער שרייבען וועגען זיך זעלבסט, נאָר ער האָט אויך מיט אַלע מעגליכקייטען געשטערט אַנדערע און פאַרבאָטען זיי צו שרייבען וועגען איהם.

אין יאָהר תרע"ב האָט ר' שמואל נח גאָטליעב פון פינסק ארויסגעגעבען זיין ספר „אהלי שם", וועלכער ענטהאַלט אַדרעסען און קורצע ביאָגראַפיעס פון אַלע רבנים און רביים, לויט ווי יעדער איינער האָט איהם אליין צוגעשיקט. פון חפץ חיים אָבער איז דאָרט מעהר ניטאָ ווי דער אַדרעס אליין. דערצעהלט דער פערפאַסער אַז ווען ער האָט זיך געווענדעט צום חפץ חיים מיט אַ בקשה פאַר אויסקינפטע מכח זיין ביאָגראַפיע און אויך פאַר אַ באַשרייבונג מכח זיינע ספרים, האָט ער ערהאַלטען דעם פאָלגענדען ענטפער:

„איך האָב ערהאַלטען אייער בריעף. איך וואָלט געוואָלט אייער ביטע ערפיהלען. עס איז אָבער מיר זעהר שווער דאָס צו טהאָן, ווייל מיין נאָמען איז שוין אזוי אויך צופיל בעקאַנט געוואָרען, פיל מעהר ווי די פאַרדינטע מאָס,

און געגעז מיין ווילען, טאָ ווי אזוי קען איך פאַראורזאַכען נאָך מעהר פרסום און איך שרייבען וועגען מיינע ווערק וועלכע איך האָב ארויסגעגעבען, אַ דאַנק דעם זכות פון פאָלק ישראל. איך האָב נאָך אורזאַכען פאַר וואס ס'איז מיר אונמעגליך עס צו טהאָן. איך האָף איהר וועט עס מיר ענטשולדיגען".

דער מחבר ר' שמואל נח ציטערט אַז דורכ'ן אָפדרוקען דיזען בריעף זאָל ער חלילה נישט האָבען עובר געווען אויפ'ן רצון פון צדיק. ער האָט אָבער קיין אַנדערע ברירה ניט געהאָט, פאַרענטפערט ער זיך, ווייל סתם אָהן אַ פאַרוואָס ניט צו דערמאָנען די גראַנדיעזע אויפטהואונגען פון חפץ חיים לטובת הדת והרמת קרן התורה, און וועגען זיינע פילע הייליגע ספרים מיט וועלכע ער האָט מזכה געווען די וועלט, וואָלט מען איהם חושד געווען אין טאַקטלאָזיגקייט. לכן כדי אַראָפצונעמען פון זיך די שולד, דרוקט ער אָפּ דעם בריף און האָפט אַז דער צדיק וועט עס איהם פאַרגעבען... (זעה ספר „אהלי שם").

פאַרוואָס דער חפץ חיים האָט זיך אזוי געשראָקען פאַר צופיל עפענט־ליכקייט און באַריהמטקייט איז לייכט צו פאַרשטעהן פאַר די יעניגע וועלכע פלעגען הערען זיין באדויערונג מיט אַ טיפען צער:

„איך בין, בעוונותינו הרבים, געשלאָגען געוואָרען אין צווייען. אַז און פאַר זיך בין איך דאָך אַ קליינער און פשוט'ער מענש, אָבער אין דער וועלט זיינען פאַראַן אַזעלכע, וועלכע מאַכען אַ טעות, מיינענדיג, אַז איך בין גאָר אַ גדול. ווען ס'האַנדעלט זיך אין חילול השם, רעכענט מען דאָך שטענדיג לויט דער מיינונג פון דער וועלט, קומט דאָך אויס, אַז איך בין פאַראַנט־וואָרטליך מיט מיין הנהגה און מעשים אזוי ווי איך וואָלט געווען אַן אדם גדול, אַ סך מעהר ווי איך וואָלט באַדאַרפט לויט מיין אמת'ער ווירדע און מעגליכ־קייטען. אַזאַ פאַרזיכטיגקייט איז דאָך איבער מיינע כחות"!

מעהר באַוואוסטקייט האָט דאַריבער געמיינט פאַר איהם מעהר פאַראַנט־וואָרטליכקייט און איבערנאַטירליכע אָנשטרענגונג.

עס ווערט אויך דערצעהלט, אַז מיט פילע צעהנדליגער יאָהרען צוריק איז דער חפץ חיים, זייענדיג אין גראָדנע, איינגעשטאַנען ביי ר' חיים ליב איישישקער. דער לעצטער האָט איינמאָל באַמערקט אויפ'ן פנים פון זיין חשוב'ן אורח אויסגעצאָסען אַ מאָדנע אומעטיגקייט, האָט ער איהם אַ פרעג געטהאָן: „רבי, לויט אייערע מעשים און דערגרייכונגען, זייענדיג אַ מחבר פון אַזעלכע וויכטיגע ספרים און אַ מרביץ תורה ויראת השם, דאַרפט איהר

דאָך זײַן שטענדיג פרעהליך און צופרידען, װאָרום דערקענט מען אויף אײך צײכענס פון עצבות?״

האָט איהם דער צדיק אויף דעם געענטפערט: „ס׳זײַנען דאָ צװײערלײ קרעמערס: אַן אָרימער קרעמער װעלכער פאַרמאָגט ניט גענוג אײגענעם קאַפּיטאַל, עפּענט אויף אַ קלײן קרעמעל. ער נעמט אַ טײל װאַרע פאַר מזומן און אַביסעל אויף קרעדיט. אַזאַ סוחר איז אַ קלײנער בעל חוב. דאַגעגען אַ רײַכער קרעמער, אַן אַגולניק, װעלכער האַנדעלט פאַר אַ סך טויזענדער, טהוט זײַנע גרויסע עסקים אויף קאַנטאָ. ער האָט שוין שולדען איבער׳ן קאָפּ און ער הײסט שוין אַ גרויסער בעל חוב. דאָס זעלבע איז מיט מיר. איך האָב אויפ׳ן אויבערשטענ׳ס װעלטעל געעפענט אַ גרויסע קראָם. איך בין, געגען מײַן װילען, באקאַנט געװאָרען אין דער װעלט, פונקט װי איך װאָלט געװען אַ גדול, בפרט װען איך האָב גענומען אויף זיך אַזאַ גרויסע פאַראַנטװאָרטליכקײט, מאַכענדיג אַ חבור אויף „אורח חיים״ (דעם משנה ברורה) אַזוי איז דאָך עס מסתמא געװען מן השמים, צו פּסק׳ענען הלכה למעשה. װען איך דערמאָן זיך געהט אַ שוידער דורך מײַן קערפּער, אַזוי װי די חז״ל דערצעהלען, אַז רבי ישמעאל האָט געזאָגט צום סופר (ר״מ): „זײ פאָרזיכטיג אין דײַן הײליגער אַרבײט, װײל דורך איבערפיהרען אײן אות קענסטו גורם זײַן אַ חורבן אין דער װעלט, „װער װײסט״, האָט ער זיפצענדיג פאַרענדיגט, „צי איך װעל אַװעק פון דער װעלט האָבענדיג אָפּגעצאָהלט אַלע מײַנע שולדען . . . און װאָס װעט זײַן מיט מיר דאָרט? ״ . . .

עס איז דאריבער קײן װאונדער ניט, װאָס דער חפץ חיים האָט אַזוי פײַנט געהאַט פרסום. ער האָט אַלץ מורא געהאַט טאָמער װעט ער ניט אימשטאַנד זײַן נאָכצוקומען די לאַסט פון התחייבות׳ן װאָס באַװאוסקײט ברײַנגט מיט זיך.

מאַנכעס מאָל האָבען צופעליגע אויסערליכע מאָטיװען איהם באַװעגען צו אַנטלויפען פון דער עפענטליכקײט און זיך צו באַהאַלטען פון באקאַנטע.

עס האָט, צום בײשפּיל, אַמאָל פּאַסירט אַז פאָהרענדיג פאַרקויפען זײַנע ספרים איז איהם אויסגעקומען צו פאָהרען מיט אַ בעל עגלה, װעלכער האָט אויך געפיהרט פאַרשידענע משא אויף זײַן װאָגען. צוליב דער אומבאַקװעמ־ליכקײט איז דער חפץ חיים אויפ׳ן װעג אַראָפּגעגאַנגען פון װאָגען כדי אויס־צוגלײַכען זײַנע גלידער און זיך אַביסעל אָפּרוהען. דער בעל עגלה, אַננעמענדיג זײַן פּאַסאַזשיר פאַר אַן אָרימען װאַנדערענדען מוכר ספרים, האָט אין אַ שפּאַס

אַ שמיץ געטהאַן די פערד און איז אַוועקגעפאַהרען, איבערלאַזענדיג דעם אורח אליין אויפ׳ן וועג. דער לעצטער האַט נעבאַך קיין ברירה ניט געהאַט, נאָר האָט געמוזט געהן צופוס ביז ער איז געקומען אין שטעדטעל.

קומענדיג אין שטעדטעל האָט דער חפץ חיים זיך נאָכגעפרעגט וואו דער בעל עגלה וואוינט און איז גלייך אוועק און איהם באצאָהלט פאַר׳ן פאָהרען. נאָך דעם האָט ער גלייך געדונגען אַ פוהר און איז תיכף אָפגעפאָהרען כדי מען זאָל זיך ניט דערוויסען אַז ער איז געווען אין שטעדטעל.

ווען מען האָט זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט ער לויט זיין אייגענע ערקלערונג, עס געטהאָן צוליב דעם וואָס אויב דער בעל עגלה וואָלט זיך שפּעטער דערוואוסט אַז ער האָט באַליידיגט אַ אידען אַ בן תורה און דערצו נאָך אַ מחבר פון ספרים, וואָלט ער דאָך געהאַט דערפון גרויס צער . . .

אין יאָהר תרפ״ה האָט דער שרייבער פון דיזע שורות געפלאַנט צו פאַרפאַסען אַ לעבענס-געשיכטע פון חפץ חיים. דעם ערשטען מאמר האָט ער דאַן פאַרעפענטליכט אין דעם אידיש-ענגלישען מאָנאַטליכען זשורנאַל:

THE JEWISH FORUM — NEW YORK, JULY 1925

אונטער׳ן נאָמען:

THE RABBI HAFETZ HAYIM —— AN APPRECIATION

כדי די זאַך צו פאַרברייטערען און פאַרפאָלקאָמען איז נויטיג געווען צונויפצושטעלען מאַטעריאַל פון די נאָהענטע און באַקאַנטע אַרום דעם „סבא קדישא״, וויסענדיג אָבער, דאָס ער אליין טאָר וועגען דעם ניט וויסען, האָט זיך דער שרייבער געווענדעט צו די קרובים אין ראדין מיט אַ בקשה צו זאַמלען פאַר איהם די נויטיגע אינפאָרמאַציע. ליידער האָט זיך דער אַלטער צופעליג דערוואוסט פון דעם און ער האָט רעאַגירט אויף זיין ספּעציפישען שטייגער. ער האָט גלייך אָנגעשריבען אַן אייגענהענטיגען בריעף צום שרייבער פון דיזע צייל‍ען, וועמען ער האָט גוט געקאַנט, ווייל לערנענדיג אין זיין ישיבה האָט ער זוכה געווען צו זיין ווי אַ בן בית מיט איהם.

דער בריעף לעזט זיך אין אידיש ווי פאָלגט:

„איך האָב זיך דערוואוסט, אַז כ״ת האָט פאַרעפענטליכט אַ באשרייבונג וועגען מיין פּערזאָן אין ענגליש און אַז ער פאַרבארייטעט זיך אזוי צו טהאָן אויך אין דער העברעאישער שפּראַך אויף אַ גרעסערען אופן, בעט איך איהם זעהר דאָס ניט צו טהאָן, ווייל עס איז ניט נאָך מיין רצון און עס איז אימער

דער בריעף אין אָריגינאַל:



געווען געגען מיין הנהגה מיין גאַנצען לעבען. ווען איך וואָלט פריהער גע־וואוסט וואָלט איך עס ניט ערלויבט צו טהאָן אפילו אין ענגליש. דאָך, וואָס אָריבער איז אריבער — אָבער אין דער צוקונפט בעט איך איהם זיך צו פאר־מיידען פון דעם, ווייל עס פארשאַפט מיר אַ סך צער. אַ כלל האָבען אונזערע חכמים געזאָגט: „נגיד שמא אבד שמא", דער יעניגער וואָס וויל אַז זיין נאָמען זאָל זיך ציהען וויט, פאַרלירט זיין נאָמען. וכשם שקבל שכר על הדרישה, כך יקבל שכר על הפרישה" . . .

זעלבסטפארשטענדליך, אַז דער שרייבער האָט דאמאָלסט געמוזט זיינע פלענער אינגאַנצען אויפגעבען. יעצט מוז ער זיך דאריבער בלויז באנוצען מיט פערזענליכע זכרונות און איינדרוקען און אויך מיט מאַטעריאַל וואָס איהם

איז געלונגען צונויפצוזאַמלען נאָך זיין פּטירה, פון אנשים חשובים ונאמנים. דער צוועק דאָ איז בלויז צו געבען אַ מיניאַטור־בילד פון זיין גרויסער פּער־זענליכקייט, ראשי פּרקים פון זיין לעבען ווירקען און שאַפען.

עס איז אָבער צו האָפען אַז אין דער נאָהענטער צוקונפט וועט די אידישע ליטעראַטור באַרייכערט ווערען מיט צעהנדליגער נייע בענדער, וועלכע וועלען ענטהאַלטען אַ מעהר אויספיהרליכע ביאָגראַפיע און אַ גענויערע זאַמלונג פון די אונצעהליגע פאָלקס־לעגענדעס און פאַרשידענע שעהנע מעשה׳לאך וועלכע זיינע געשפּינען געוואָרען וועגען חפץ חיים. אַט די אַלע וואונדערבאַרע אגדות כאַראַקטעריזירען אַם בולט׳סטען די טיעפע חכמה און צדקות, חסידות און פרישות פון דעם פאַר פיעלע יאָהרען אומבאַקאנטען איד, ר׳ ישראל מאיר הכהן פון ראדין.

אַבוואהל איינער פון זיינע גרעסטע תלמידים, דער גאון ר׳ אלחנן וואַסערמאַן, דער ראש פון דער באַראנאָוויטשער ישיבה, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „אויב דער חפץ חיים האָט מיט זיין גאונ׳ישען קאָפּ גע־זוכט פון אונז זיך אויסצובאהאַלטען, ווי אזוי קאָנען מיר מיט אונזערע קליינע קעפּלאך איהם געפינען”? איז עס דאָך אָבער ניט אויסגעשלאָסען, אַז דורך באַקענען זיך מיט אַט די אָהן־אַ־צאָל עפּיזאָדען, געשיכטעס, תורה־ווערטער און געדאנקען, איז מעגליך זיך צו שאַפען, מעהר אָדער ווייניגער, אַ באַגריף פון דער פּראַכטפולער פּערזענליכקייט, וועלכע איז געוועזן פאַר די לעצטע דורות אַ לעבעדיגע לעגענדע — דער חפץ חיים.

א.

זיין געבורט

אין דער שטעדטעל זשעטל, גראדנער גובערניע, פוילישע ליטע, איז עלף טעג אין חדש שבט אין יאָהר תקצ"ח 1) געבוירען געוואָרען אַ קינד ביי די עלטערען ר' ארי' זאב הכהן און פרוי דאברושע.

ר' ארי' זאב איז געווען ניט קיין רייכער קרעמער. ער האָט געשטאַמט פון אַן אָנגעזעהנע פאַמיליע און איז געווען אַן אדם חשוב, אַ פרומער איד און אַ גרויסער תלמיד חכם. לומדים פלעגען איהם באצייכענען אַלס „דער מהר"ם שיף למדן". אין זיין יוגענד האָט ער געלערנט אין דער בעריהמטער וואלאָזשינער ישיבה, וואהרשיינליך נאָך אין דער צייט פון איהר מיסד און ראש מתיבתא, הגאון ר' חיים זצ"ל.

1) דער יאָהר תקצ"ח איז וואָהרשיינליך דער ריכטיגער דאַטום. לויט דער רוסיש־אידיש ענציקלאָפעדיע איז ער געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1833, ד. ה., מיט זעקס יאָהר פריהער. (זעה „עווריסקאַיא ענציקלאָפעדיע", 9טען באַנד, זייטען 97-98.) לויט'ן לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור — זלמן רייזין (ווילנא תרפ"ז) איז דער יאָהר פון זיין געבורט געווען 1839. פאַראַן אויך אַנדערע אויסרעכנונגען: לויט ווי הגאון ר' מנחם יוסף זאַקס, איידים פון חפץ חיים, דערצעהלט, האָט י"א שבט, תרפ"ה, דער חפץ חיים צו איהם געזאָגט: „היינט בין איך געוואָרען ניינציג יאָהר אַלט". ער האָט דעם טאָג פונקט געהאָט געענדיגט זיין ספר „זכור למרים". ער האָט צווישען אַנדערע אויך געבעטען אריינרופען זיין פלימעניק הרב ר' מרדכי דוב, און דעם סופר הישיבה ר' ברוך מרדכי סענדראָוויץ וועלכער האָט פאַר איהם איבערגעשריבען דעם כתב יד און איהם צוגעגרייט צום דרוק. ער האָט פאַר זיי געמאַכט אַ סעודה און בעת מעשה גערעדט וועגען דעם גרויסען חסד, וואָס בזכות דעם ספר „חפץ חיים" האָט איהם דער בורא יתברך מאריך ימים געווען און האָט די אַנוועזענדע מעורר געווען צו זיין פאָרזיכטיג אין די ענינים פון שמירת הלשון. לויט ווי הגאון ר' יחיאל מרדכי גאָרדאָן, לאָמזער ראש ישיבה דערצעהלט, האָט דער חפץ חיים ביי דער אספה פון רבנים פאַר'ן ועד הישיבות אין זומער אין יאָהר תרפ"ד, ווען מ'האָט געוואָלט אַז ער זאָל ערשיינען אין דער ווילנער שטאָדט שוהל כדי צו אַדרעסירען אַ מאַסען פערזאַמלונג דאָן געענטפערט: „מיט 60 יאָהר צוריק ווען איך בין אַלט געווען 28 יאָהר, האָב איך געשריבען מיין ספר און אויף איהם מיין נאָמען ניט געשטעלט, איך האָב דאַמאָלט קיין כבוד ניט געוואָלט. ווילט איהר איצט אויף די עלטערע יאָהרען איך זאָל זוכען כבוד?!" אויב דיזע ערקלערונגען זיינען פינקטליך, איז דער יאָהר פון זיין געבורט געווען אין תקצ"ה בערך.

ר׳ ארי׳ האָט אויך געלערנט אַלס יונגער מאַן, אָדער פרוש אין ווילנא אין ר׳ חיים נחמן פרנס׳ס קלויז. כדי זיך מפרנס צו זיין האָט ער געקנעלט מיט איניגע רייכע גמרא בחורים. פון זיינע פארדינסטען פלעגט ער אַ טייל שיקען אַהיים פאַר זיין פאַמיליע.

זיין פרוי דאַברושע איז אויך געווען אַ זעהר פרומע, שטילע און באַ־שיידענדע פרוי2). לכבוד שבת פלעגט זי אָנצינדען אַ סך ליכט און פלעגט אָפּהיטען שבת מיט די גרעסטע זהירות, זאָגאַר וואו ס׳איז געווען אַן עירוב פלעגט זי ניט טראָגען אפילו אַ שליסעל. דעם גאַנצען טאָג פלעגט זי פאַר־ברייננגען איבער דער סדרה און מדרשים. זי האָט דעם סדור, די תחנה און דעם תהלים פון איהר האַנד כמעט ניט אַרויסגעלאָזט. ביי ר׳ ארי׳ זאב׳ן איז זי געווען אַ צווייטע פרוי, אַ שוועסטער נאָך אַ שוועסטער. צו איהר חתונה (אין תקצ״ג בערך) איז זי אלט געווען פערצעהן יאָהר. ר׳ ארי׳ זאב׳ס ערשטע פרוי, מרים, האָט איהם געלאָזען דריי קינדער — אַ טאָכטער רייזעל און צוויי זיהן, ר׳ משה און ר׳ אהרן. ר׳ אהרן איז געווען אַכצעהן יאָהר אַלט ווען זיין מוטער׳ס שוועסטער האָט פינף יאָהר נאָך איהר חתונה געבוירען צו זיין פאָטער איהר איינציגען זוהן.

---

2) אין יאהר תרפ״ד האט הרב ר׳ מרדכי בער, דער איידים פון חפץ חיים׳ס שוועסטער, צופעליג געפונען ביי זיין שווינער אין הויז אַן אַלטען תהלים וועלכער איז געווען פון איהר מוטער. האט ער דעם תהלים איבערגעגעבען דעם חפץ חיים. דערזעהענדיג דעם תהלים האט דער חפץ חיים איהם מיט ליבע געקושט און וויינענדיג באַמערקט צו די אַנוועזענדע:

„וואס ווייסט איהר וויפיל טרערען די מאַמע, זכרה לברכה, האט אין אַט דעם תהלים פאַרגאַסען. יעדען פאַרטאָג פלעגט זי וויינען און מתפלל זיין אַז איהר אינגעלע זאל זיין אַן עהרליכער און אַ וואוילינקער איד . . . ״

רעדענדיג וועגען איהר זוהן האט זי אַמאל דערצעהלט אַז סידור לעזען האט זי איהם אַליין אויסגעלערנט. ווען איהר טאָכטער מאַטליע האט קליינערהייט געפאַדערט אַז זי זאל איהר אָנדינגען ביי אימיצען צו לערנען, האט די מוטער צו איהר געזאָגט: „נישקשה, מעגסט נאָך לערנען ביי מיר. אויב ישראל מאיר׳ן האט געפאַסט צו לערנען ביי מיר, מעג עס דיר אודאי פאַסטען״!

ווייבער שכנות האבען איהר אַמאל געפרעגט: „פאַרוואָס האט איהר זוכה געווען צו אַזאַ זוהן״? האט זי געענטפערט מיט אַ באַשיידענדער צופרידענהייט: „איך בין אַזאַ אידענע פונקט ווי אַלע, נאָר אַז דער אויבערשטער האט מיר איהם געגעבען מסתמא בין איך איהם ווערט״.

זי פלעגט זיך שטענדיג האַלטען אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, ניט גערעדט וועגען קיינעם און זיך דערווייטערען פון קאָמפאַניעס און „רעדלעך״ וואו „מ׳שמועסט . . . ״ איהר שטענ־דיגער שפּריכוואָרט פלעגט זיין: „אַליין — איז די נשמה ריין״.

דאברושע איז נפטרה געוואָרען דעם צווייטען טאָג שבועות אין יאהר תרנ״ג אין עלטער פון 74 יאָהר.

אונגעהויער גרויס איז געווען די שמחה פון ר׳ ארי׳ זאב׳ס יונגע פרוי, דערזעהענדיג אַז איהר תפלה איז אָנגענומען געוואָרען און זי איז באגליקט מיט אַ שעהנעם אינגעלע וועמעס שיינענדער פנימ׳ל האָט געשטראַהלט מיט אַ הימלישע ליכטיגקייט.

אוי ווי זי וואָלט דאַן געוואונשען אַז דער בית המקדש וואָלט שוין צוריק אויפגעבויט געוואָרען. זי וואָלט דאָך איהר אויסגעבעטענעם זוהן אזוי ווי חנה האָט איהר זוהן שמואל צום אויבערשטען געהייליגט. איהר קינד איז דאָך נאָך מעהר יחסן, ער איז דאָך א כהן ווערענד שמואל איז בלויז געווען א לוי! וואָס ס׳זאָל שוין אָבער ניט פּאַסירען איהר קינד וועט לערנען תורה — תורה איז די בעסטע סחורה! ס׳איז דאָך דער איינציגער אוצר פארבליבען נאָכ׳ן חורבן לערנענדיג תורה קאָן מען דאָך דערגרייכען צו אַזאַ מדרגה ווי דער כהן גדול. אזוי טראַכטענדיג האָט זי אַ בליק געטהאָן אויף איהר קינד. עס האָט זיך איהר געדאַכט אזוי ווי ער וואָלט געשמייכעלט צו איהר און אין זיינע שעהנע ליכטיגע אויגעלאך האָט זי געלעזען אַן הבטחה אַז איהר האָפנונג וועט פאַר־ווירקליכט ווערען.

דעם 18טען טאָג אין חדש שבט איז פאָרגעקומען דער ברית פון קינד. צום ברית זיינען געקומען דער רב און אַלע שעהנע בעלי בתים און גוטע פריינד. הערענדיג אַז דער נאָמען פונ׳ם קינד איז ישראל מאיר, האָבען אַלע אָנוועזענדע צוגעוואונשען דעם פאָטער און מוטער אַז דאָס קינד זאָל אויפ־וואַקסען צו זיין אַ ליכט צום פאָלק ישראל. „אמן!״, האָט באזונדערס די מוטער מיט אַ ציטערענדע האַרץ און טרעהרענדע אויגען געענטפערט.

ב.

זיין יוגענד

דיזער נאָמען (ישראל מאיר) האָט אין דער ווירקליכקייט באקומען זיין פולסטע און העכסטע באדייטונג, ווייל דאָס קינד איז שפּעטער אויסגעוואקסען דער אמת׳ער „מאיר ישראל״, דער באַלויכטער פון זיין פאָלק.

ער האָט דערצעהלט, אַז אַלס קליינער אינגעל האָט איהם זיין פאָטער איינמאָל מיטגענומען קיין ווילנא, וואו ער האָט איהם אריינגעפיהרט צו אַ בעקאַנטען גרויסען רב כדי דער לעצטער זאָל איהם פארהערען אין גמרא. דער גדול האָט איהם נאָכ׳ן פאַרהער אַ קניפּ געטהאָן אין בעקעל, זאָגענדיג צו איהם: „יאָ, ביזט אַ גוט אינגעלע, היט זיך, מיין טייער קינד, זאָלסט דיין נאָמען ניט פארלירען״. דיזע ווערטער האָט ער געדענקט זיין גאַנצען לעבען. ער האָט אין דער ווירקליכקייט זיין נאָמען דערהויבען צו אַ הויכע מדרגה פון חשיבות און פראָמינענץ.

די עלטערען האָבען זיך געפיהלט זעהר שטאָלץ און זיך געשעצט גליקליך מיט זעהר קליינעם ישראל מאיר׳ען, ווייל פון קינדווייז אָן האָט מען שוין דערקענט זיינע עלוי׳ישע כשרונות. ער איז שנעל באַוואוסט געוואָרען אַלס איינער פון די בעסטע קינדער פון שטאָדט. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין התמדה און חשק צו לערנען. ווי גרויס זיין התמדה איז געווען פון קינדווייז אָן איז צו זעהן פון דעם וואָס ר׳ ארי׳ זאב פלעגט דערצעהלען אַז זייענדיג מיט איהם אין ווילנא איז איינמאָל זיין באַליבטער ישראל מאיר׳קע אַנטשלאָפען געוואָרען אויף דער גמרא אין מיטען לערנען, האָט ער איהם אַ שלאָפענדיגען אריינגעטראָגען אין זיין שלאָף־צימער און איהם געלאָזט שלאָפען אויף זיין בעט. ווי ערשטוינט איז ער אָבער געוואָרען שפּעטער, געפינענדיג זיין אינגעלע ווידער זיצענדיג איבער דער גמרא און חזר׳נדיג דאָס וואָס ער האָט מיט איהם אין דער פריה געלערענט.

ער איז פון קינדווייז אָן אויך באוואונדערט געוואָרען פאַר זיין אויסער־געוועהנליכע תמימות און עהרליכקייט. איינמאָל, ווען אַלס קליינער אינגעל, האָט ער זיך געשפּילט אויפ׳ן מאַרק מיט אַנדערע קינדער, האָט פּאַסירט אַז

ביי אָ פּרוכט־הענדלערקע האָט זיך אויסגעשאָטען אַ קאָשעק מיט עפּעל. די קליינע קונדסים האָבען, יעדער מיט שמחה, געכאַפּט די קייקלענדע עפּעלעך, און אזוי האָט אויך געטהאָן דער קליינער ישראל מאיר׳קע. שפּעטער ווען זיין פּאָטער האָט מיט איהם געלערנט אין חומש „לא תגנב״, אַז מ׳טאָר יענעם׳ס ניט נעמען, און „לא תחמוד״, אַז מ׳טאָר יענעם׳ס ניט גלוסטען, האָט ער נאָכ׳ן לערנען געבעטען ביי זיין מוטער אַ קאָפּיקע אויף צו קויפען פּרוכט. און ווען די מוטער האָט איהם געגעבען, איז ער אַוועק אין מאַרק צו דער זעלבער אידענע און האָט געקויפט עפּעלעך, און נאָכדעם ווי ער האָט באצאָהלט, האָט ער אַ שאָט געטהאָן דאָס מעסטעלע מיט די עפּעלעך צוריק אין איהר פּרוכט־קאָשעק, און איז אַנטלאָפען.

עס ווערט אויך דערצעהלט, אַז אין שטעדטעל האָט דאַן געלעבט אַן אָרימער וואַסער־טרעגער, אַ פּראָסטער איד און ניט קיין גרויסער חכם. חדר־אינגלאך פלעגען זיך טשעפּען מיט איהם, אָפּטהועןדיג איהם כל׳ערליי שפּיצ־לעך. ווען ער פלעגט ווינטער איבערלאָזען די ליידיגע עמערס ביים ברונעם, פלעגען חברה קונדסים שטענדיג קומען אָנגיסען די עמערס כדי זיי זאָלען איבערנאַכט פאַרפרוירען ווערען. פאַרטאָג, בעת דער וואַסער טרעגער פלעגט קומען שעפּען וואַסער, האָט ער געהאַט אַ שווער שטיקעל אַרבייט אויסצוהאַקען די אייז פון די עמערס. ער פלעגט דאריבער אַן אויפגערעגטער און צו׳כעס׳־דיגער שעלטען. ווען דער יונגער ישראל מאיר איז פון דעם געוואָהר געוואָרען פלעגט ער, אומבאַמערקט פון דער גאַנצער חברה, קומען שפּעט אין אָוועגט און צוריק אויסגיסען דאָס וואַסער פון די עמערס, כדי דער אָרימער וואַסער־טרעגער זאָל ניט האָבען קיין צער און ער זאָל אין דער פריה אָהן טרחה גלייך קענען נעמען די עמערס און געהן פאַרדינען זיין ברויט.

ווען דאָס קינד איז אַלט געוועזען צעהן יאָהר, איז ער געוואָרען אַ יתום. זיין פּאָטער, וועלכער האָט דאַמאָלט געלערנט תורה אין ווילנא אַלס פּרוש אין ר׳ חיים נחמן פּרנס׳ס קלויז, איז דאָרט אין עלטער פון זיבען און פערציג יאָהר געשטאָרבען כ״ד תשרי אין יאָהר תר״ט ווען ס׳איז אין ווילנע פאַר־שפּרייט געוועזען די כאלערא עפּידעמיע 1). ווען ער איז געלעגען אויף זיין טויט־

1) לויט ווי עס האָט דעם שרייבער איבערגעגעבען הרב הגאון ר׳ דוד לייבאָוויץ, האָט ער אַליין געהערט זיין אָנקעל דעם חפץ חיים דערצעהלען, אַז בעפאָר מיט צוויי וואָכען אום יום כיפור איז דער גאון וצדיק ר׳ ישראל סאַלאַנטער ניט רעכענדיג זיך מיט׳ן פּראָטעסט פון אייניגע רבנים אין ווילנע אין דער פריה נאָך שחרית אַרויף אויף דער

טען בעט, איז זיין איינציגע זאָרג געווען ווער וועט ערציהען אין אידישקייט זיין קינד און איהם מגדל זיין „לתורה ולמעשים טובים”.

דער טראַגישער צופאַל האָט פון דעסטוועגען ניט אונטערגעבראָכען דאָס כסדר׳דיגע שטייגען פון קליינעם אינגעל, אַ דאַנק די בראַווקייט און ענערגיע פון זיין נאַבעלע צדקניות׳דיגע מוטער.

זי האָט, ווי אַן אמת׳ע אשת חיל, געטראָגען אויף זיך דעם יאָך פון פרנסה און האָט אימער געהאַלטען אַ וואַכזאַמע אויג אויף איהר קינד. אויך האָט זיין ברודער ר׳ אהרן ז״ל פיעל געטהאָן פאַר איהם. דער לעצטער איז געווען אַ גרויסער למדן און האָט מיט׳ן קליינעם ברודער פערזענליך תורה געלערנט. ער האָט אויך זעהר פיעל בייגעשטייערט צו זיין ערפאָלגרייכער ערציהונג. דער חפץ חיים האָט איהם שטענדיג דערמאָנט לטובה און האָט אימער געפיהלט דאַנקבאַרקייט צו איהם. דער קליינער ישראל מאיר איז כסדר געשטיגען אין לערנען און אין מדות טובות.

זיין מוטער, די אלמנה, האָט דערווייל נאָכאַמאָל געהייראַט מיט איינעם אַ ר׳ שמעון, אַ חשוב׳ן בעל הבית פון ראַדין. דער צווייטער מאַן האָט זיך פארפליכטעט אויסצוהאַלטען איהר זוהן. אָבער דער לעצטער איז זעלטען געווען אין דער היים. ער האָט שוין דאַן געלערנט אין ווילנא, די ירושלים דליטא, וועלכע ער האָט פון דאַמאָלט אָן באַטראַכט אַלס זיין צווייטע היים נאָך ראַדין.

ווען דער יונגער בחור׳ל איז אין ווילנא געקומען, האָט ער דאָרט גע־נאָסען גרויס התקרבות פון ר׳ חיים נחמן פרנס, וועלכער האָט גוט געקאַנט זיין פאָטער ז״ל און האָט אויך גלייכצייטיג באַוואונדערט די עלוי׳שע כשרונות פון דעם זשעטלער ישיבה־אינגעל. אַ קרוב פון רח״נ פרנס, הרב ר׳ ישראל

בימה און האָט בפני כל העדה געמאַכט קידוש און פאַרביסען, כדי צו ווירקען אויפ׳ן עולם ווער עס פיהלט זיך שוואַך זאָל ניט פאַסטען. ווייל לויט דער מיינונג פון אַלע דאָק־טורים מיט וועלכע ר׳ ישראל האָט זיך בעפאָר ערב יום כיפור געהאַט מיישב געווען האָט ביי יענע אומשטענדען צו פאַסטען געמיינט סכנת נפשות. אין אַזאַ פאַל האָט ר׳ ישראל וועלכער איז אַלעמאָל געווען מחמיר אויף זיך, אַפהיטענדיג אַלע דינים און דקדוקים און האָט קיינמאָל בעפאָר קיין שאלות ניט געוואָלט פסק׳נען — געשטעלט אויף זיך און זיך ניט צוגעהערט צו קיינע מחמירים. אַז ר׳ ישראל איז געווען גערעכט האָט באַוויזען דער פאַקט, וואָס די מגפה איז גלייך נאָך יום כיפור פאַרקלענערט געוואָרען — און איז אַ קורצע צייט נאָכדעם אין גאַנצען פאַרשוואונדען. דאָס שטימט מיט דער ערצעהלונג פון דר. לואיס גינזבורג אין זיין ענגלישען בוך „סטודענטס סקאָלראָס ענד סיינטס” זייט 185. אַלזאָ אַנדערש ווי ר׳ יעקב מאַרק אין זיין „גדולים פון אונזער צייט”, זייטע 76.

גאָרדאָן 2) האָט איהם אַריינגענומען צו זיך כדי ער זאָל לערנען מיט זיין זוהן מרדכי, פאַר וועלכען ער האָט איהם ממש געצוואונגען צו נעמען באַצאָהלט. ר׳ ישראל גאָרדאָן האָט איהם אַרויסגעהאָלפען אין פילע הינזיכטען. דערהויפּט האָט ער איהם באַזאָרגט מיט אַ גוטען און גרויסען רבי׳ן, דעם גאון און חכם ר׳ יעקב ברי״ט ז״ל3), וועלכער פלעגט זאָגען שעורים טאַקע אין דער אויבענדערמאָנטער פרנס׳ס קלויז, און איז אויך געווען דער רבי פון די ברידער הגאונים ר׳ בצלאל און ר׳ שלמה הכהן פון ווילנא 4). בכלל האָבען אין דער ישיבה דאמאלט געלערענט די גרעסטע עלויים פון ווילנא און ליטא. ס׳פלעגען נאָר אריינגענומען ווערען אַזעלכע תלמידים וועלכע האָבען געהאַט די כשרונות צו ווערען גדולים. געוועהנליך, פלעגען נאָר אריינגענומען ווערען תלמידים אין עלטער פון זיבעצעהן יאָהר. מיט׳ן זשעטלער עלוי איז אָבער געמאַכט געוואָרען אַן אויסנאַהם.

ביי ר׳ ישראל׳ן אין הויז האָט דער יונגער ישיבה בחור׳ל געפונען אַ רייכע ביבליאָטעק, כל׳ערליי ספרים ראשונים און אחרונים, פון וועלכע ער האָט געשעפּט מיט א פולע מאָס.

---

2) ר׳ ישראל גארדאן אַ רייכער איד און אַ גרויסער תלמיד חכם איז דאַמאַלט געווען דער ארטיגער ראבינער. לויט׳ן רש״י פין איז ער געווען אַן אייניקעל פון הרב החכם הרופא המפואר מוהר״ר אהרן דאקטאר גארדאן. דיזער ר׳ אהרן איז געווען אַ באַריהמטער אַרצט, און לייב דאקטאר פון פוילישען קעניג (סוף 17־טען און אנפאַנג 18־טען יאהרהונדערט) ביי וועמען ער האט פועל געווען פיעלע טובות פאַר אידען, אויס ליבע צו איהם האט דער קעניג איהם און זיין פאַמיליע באַהערט מיט געוויסע פריוויליגיעס (זעה „קריה נאמנה״ זייטע 111, 188). ר׳ ישראל איז געבוירען געוואָרען ה׳ טבת תקל״ח, געשטאָרבען י״ב טבת תרט״ז.

3) ער איז אויך באַקאַנט אַלס ר׳ יענקעלע קאָוונער. ער איז געבוירען געוואָרען כ״א אלול תקנ״ז און געש. אין ווילנא כ״ז אדר א׳ תרמ״ג. אויסער זיין גרויסע גאונות אין תורה איז ער געווען אַ גרויסער געלערנטער און שפּראַכען קענער. ער האָט פיעל מאָל פאַרטראַטען זיין פאָלק ביי דער רוסישער מלוכה אין פּעטערסבורג און זיך פאַרטיידיגט געגען די שונאי ישראל. די גרעסטע רבנות שטעלעס אין די גרעסטע שטעדט האט ער זיך ענטזאָגט פון אנצונמען, זאָגענדיג: „אַזוי ווי איך וויל ניט הערשען איבער אַנדערע וויל איך אויך ניט זיין משועבד צו אנדערע״. אין זיינע לעצטע יאָהרען האָט ער איינגעווילינגט צו זיין אַ מורה הוראה אין ווילנא.

4) וועגען דעם גאון ר׳ שלמה׳לע מיט וועמען ער האָט דאַן צוזאַמען געלערנט האָט ער אַמאָל דערצעהלט, אַז צווישען די יאָהרען דרייצעהן און זיבעצעהן איז ער זעהר שטאַרק קראַנק געוואָרען. די דאָקטוירים האָבען אָנגעזאָגט אַז ער טאָר ניט לערנען, ווייל זיינע נערוועז זיינען געוואָרען זעהר אָפּגעשוואַכט און די קלענסטע אָנשטרענגונג איז פאַר איהם סכנת נפשות. האָט ר׳ שלמה׳לע געזאָגט: „אויב איך זאָל פאָלגען די דאָקטוירים, וועל איך דאָך שטאַרבען פון ניט לערנען, איז מיר שוין גלייכער צו שטאַרבען פון יאָ לערנען״.

דאַמאָלט איז די השכלה באַוועגונג אין ווילנא געווען אין איהר גלאַנץ. דאָרטען האָבען זיך דאָן געפונען די פיהרענדע משכילים. אד״ם הכהן לעבנזאָהן, אָדער ווי מ׳האָט איהם גערופען „בערקע מיכאַלישקער״, פלעגט אַליין אָפט אויך קומען לערנען אין קלויז, און פלעגט אַ סך פאַרברייינגען אין געשפּרעך מיט׳ן זשעטלער ישיבה בחור. ער און אַנדערע משכילים האָבען געוואָרפען אַן אויג אויף דעם יונגען עלוי. זיי האָבען מעהרערע מאָל געמאַכט אַ פאַרזוך איהם פון דער גמרא און בית המדרש אָוועקצורייסען. בערקע׳ן האָט זיך שוין איינמאָל אויסגעדוכט אַז אָט־אָט האָט ער איהם אין זיינע הענד אריינגעקראָגען. ער האָט אָבער באַלד אויסגעפונען זיין טעות, נעמליך, אַז דער זשעטלער עלוי מעג זיך טאַקע זיין אַ רוהיגער און תמימות׳דיגער אין זיין אויסערליכע באַנעהמונג, אָבער אינערליך באַזיצט ער אַ דינאַמישע קראַפט, און איז אַן אונערשעפּליכער רעזערוואואַר פון אמונה, וועמען קיין מאַכט קאָן ניט צושטערען.

עראינערענדיג זיך אָן יענע צייטען, פלעגט ר׳ ישראל מאיר אונטערשטרייכען דעם פאַקט פון „יש קונה עולמו בשעה אחת״, אַז זעהר אָפט ווענדעט זיך דאָס גאַנצע גליק פון אַ מענשען אָן אַ באַשלוס פון אַ רגע. מאַנכע מאָל באַשליסט אַ מענש צו טהאָן אַ זאַך וועלכעס איז באמת שלעכט פאַר איהם; עס דראָהט צוצושטערען זיין גייסט, זיין לעבען און זיין צוקונפט. דאמאלס קאָן דער מענש הערען אַ וואַרנונג וועלכע קומט פון זיין אינערליכען וועזען, פון זיין געוויסען, זיין נשמה. דאָס אַלעס דויערט בלויז „כהרף עין״, אַן אויגענבליק. גליקליך איז דער מענש וואָס פאַרנאַכלעסיגט ניט אָט דיזע הייליגע מאָמענטען און הערט זיך צו צו זיין פּנימות׳דיגען רוף און ענדערט זיין פריהערדיגען באַשלוס. דאַן איז ער געראַטעוועט אויף זיין גאַנצען לעבען.

ווי ווייט אויסגעאַרבייט אין זיינע מדות בין אדם לחבירו, ר׳ ישראל מאיר איז שוין דאַן געווען, קאָן דינען דער פאָלגענדער פאַקט וועלכען ער אַליין האָט אַמאָל דערצעהלט.

אַלס אַ בחור פון 16 יאָהר האָט ער איינמאָל ניט ווילענדיג אַנגעטראָטען איינעם אויפ׳ן פוס. און אָבוואָהל ס׳איז דאַמאָלט געווען אַ שטאַרקער ספק צו יענער האָט עס בכלל געפיהלט, דאָך האָט ער איהם דערפאַר מפייס געווען ערב יום כיפור.

זיין אַרגומענט פלעגט שטענדיג זיין אַז זינדיגען „בין אדם לחבירו״ איז געפערליכער ווי „בין אדם למקום״, ווייל דעם רבונו של עולם קאָן מען דאָך

איבעראַל און אימער טרעפען צו בעטען מחילה, וועהרענד „בין אדם לחבירו״, טאָמער פאַהרט יענער גאָר אַוועק קיין אַמעריקא, און דאַן איז ביטער ווי גאַל . . . געה בעט איהם איבער, אַז דו ווייסט זאָגאַר ניט זיין אַדרעס — ס׳איז אַן עסק ביש . . .

ער האָט אַמאָל אליין דערצעהלט: „ווען בערקע האָט זיך איינמאָל זעהר שטאַרק גענומען צו מיר און האָט מיר דוקא געוואָלט ארייגכאַפּען — בין איך אנטלאָפען אין אַ דערבייאיג שטעדטעל״. אויך ווען די משכילים האָבען איהם איינמאָל געפרעגט: ס׳שטעהט „אם אתה עוסק בה — אשריך וטוב לך״ — טאָ וואו איז אשריך?״ האָט זיי ר׳ ישראל מאיר געענטפערט: „ווייזט מיר פריהער דעם „עוסק״ וועל איך אייך דערנאָך ווייזען דעם „אשריך״.

ג.

דער שידוך

ווען ער איז קוים זעכצעהן יאָהר אַלט געוואָרען, האָט מען איהם שוין געריעדט רייכע און יחסנ׳ישע שדוכים, מיט פילע טויזענדער רובעל נדן.

אין די יאָהרען איז דאַמאָלס בכלל ניט געווען צו פריה צו טהאָן אַ שדוך. מעגליך אַז ווען ניט זיין קליינער וואוקס וואָלטען שדכנים איהם נאָך פריהער ניט צו רוה געלאָזט. ער האָט דאָך שוין דאַן גע׳שם׳ט אַלס גרויסער און טיפער למדן, זייענדיג באקאַנט אַלס דער „זשעטלער עלוי״. און אַזעלכע בחורים ווי ער פלעגען ווערען חתנים צו 13־14 יאָהר. ווי עס איז צו זעהן פון דעם פאָלגענדען אַנעקדאָט, וואָס ער האָט אַמאָל אַליין דערצעהלט.

אין יענער צייט האָט אַ געוויסער גביר געטהאָן אַ שדוך פאַר זיין טאָכטער מיט אַ באַריהמטען עלוי, אויף וועמען מען האָט געזאָגט אַז ער איז בלויז דרייצעהן יאָהר אַלט און איז קלאָר אין ש״ס. אויסגעלאָזען האָט זיך אַז ער איז טאַקע געווען קלאָר אין ש״ס, אָבער אַנשטאָט דרייצעהן יאָהר איז ער גאָר אַלט געווען פופצעהן יאָהר, און אַ פופצעהן יעהריגער בחור זאָל וויסען ש״ס איז דאַן גאָר קיין נייעס ניט געווען. דער שדוך איז צוליב דעם זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

אין דער צייט ווען גבירים פון ווילנא און אומגעגענד האָבען געזוכט זיך מתחתן צו זיין מיט אונזער זשעטלער ישיבה בחור זיינען צו דער זעלבער צייט אין ראדין פילע מאָל פאָרגעקומען איבעררייזדעניש צווישען דער מוטער און איהר מאַן ר׳ שמעון. דער לעצטער האָט געהאַט אַ טאָכטער מיט׳ן נאָמען פריידע, פון זייער ערשטער פרוי. די מיידעל איז געווען עלטער ווי זיין שטיף־זוהן. דער פאָטער האָט דוקא חשק געהאַט אַז זיין שטיף־זוהן ישראל מאיר זאָל ווערען זיינער אַן איידעם. אָבער די מוטער, אזוי גוט ווי איהר גאַנצע פאַמיליע, האָבען זיך שטאַרק געשטעלט געגען אַזאַ שידוך. דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס געשטערט דעם שלום־בית. ביי דער מוטער איז שוין אפילו רעכט געווען זיך פאַנאַנדערצוגעהן מיט איהר צווייטען מאַן

צוליב דעם. איינמאָל ווען ר׳ שמעון איז געווען אין ווילנא, האָט ער באַזוכט זיין באַליעבטען שטיעף־זוהן און האָט איהם איינגעלאַדען ער זאָל קומען צו איהם און צו זיין מוטער אויף יום־טוב. דער זוהן איז געקומען און איז דאָרט פאַרבליבען עטליכע וואָכען. דער שטיעף־פאָטער האָט דערווייל אויסגענוצט די געלעגענהייט און זיך זעהר באַמיהט צוזאַמענצוברייגנען דעם שידוך. ווען דער זוהן האָט זיך צופעליג דערוואוסט אַז דער גאַנצער ענין האָט שוין פאַראורזאַכט מחלוקת צווישען זיין מוטער און איהר מאַן און אַז די מוטער׳ס שטאַרקע געגנערשאַפט האָט צובראָכען איהר שלום־בית אויף אזוי ווייט אַז עס איז שוין רעכט ביי איהר זיך צו שיידען מיט איהר מאַן, איז ער צוגעשטאַנען צו זיין מוטער אַז ער וועט בשום אופן ניט דערלאָזען אַז צוליב איהם זאָל זי ליידען און צושטערען איהר היים. ער האָט איהר ערקלערט אַז ער איז גרייט צו טהאָן דעם שידוך און ער בעט אַז זי זאָל אויך צו דעם מסכים זיין. אזוי איז עס געשעהן און עס איז באַשטימט געוואָרען אַ צייט צו פייערען די תנאים.

ווען זיין ברודער ר׳ אהרן אין זשעטל האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער גלייך געדונגען אַ בעל־עגלה און האָט זיך אין איילעניש אַוועקגעלאָזט נאָך ראדין ניט צו דערלאָזען צו די תנאים. ר׳ אהרן האָט דורכאויס געוואָלט אַז זיין עלוי׳ישער ברודער זאָל דוקא טהאָן אַ רייכען און יחסנ׳ישען שידוך, וועלכעס ער האָט בעטראַכט אַלס גליק פאַר איהם. ווי אויף צו־להכעיס איז גראַד אויפ׳ן וועג ניט ווייט פון ראדין צובראָכען געוואָרען אַ ראַד פון וואָגען, און עס האָט גענומען דעם בעל־עגלה עטליכע שעה אַלעס צוריק אין אָרדנונג צו ברייגנען. דאָס האָט פאַראורזאַכט אַז ר׳ אהרן זאָל אָנקומען אין ראדין מיט עטליכע שעה שפעטער — שוין נאָך די תנאים.

ר׳ אהרן האָט אָבער אַלץ געפאָדערט אַז זיין ברודער זאָל דעם שידוך אָפּלאָזען; ער איז גרייט געווען צו באַצאָהלען דעם קנס, וואָס איז פאַרגעשריבען אין די תנאים פאַר דעם צד וואָס לאָזט אָפּ דעם שדוך. דער יונגער חתן האָט אָבער פון דעם ניט געוואָלט הערען. חלילה! ער זאָל פאַרשעהמען אַ אידישע טאָכטער! ער האָט זאָגאַר אָנגעוויזען אַז דער צופאַל וואָס זיין ברודער איז פאַרהאַלטען געוואָרען אויפ׳ן וועג און האָט ניט געקענט קומען פריהער כדי צוצושטערען די תנאים, צייגט אַז עס איז אַ זיווג מן השמים און אַז אַלעס איז אַ השגחה־זאַך. אַ לאַנגע צייט איז ר׳ אהרן געווען ברוגז אויף איהם צוליב דעם וואָס ער האָט איהם דאָן ניט געפאָלגט.

דער חתן איז אָבער גראד צופרידען געווען מיט זיין זיווג. ער האָט אַמאָל רעדענדיג וועגען ענין שדוכים דערצעהלט, אַז זיינער אַ חבר וועלכער איז געווען בבחינת עלוי האָט געטאָהן דאָס וואָס מענשען רופען אַ גליק־שדוך: ער האָט דאַמאָלס גענומען צעהן טויזענט רובל נדן, און מען האָט איהם צוגעזאָגט אייביגע קעסט, מען האָט איהם געגעבען אַ גאָלדענעם זייגער און אַנדערע מתנות. נאָך דער חתונה האָט איהם דער שווער אריינגענומען אין זיינע וואַלד־מסחרים. דער סוף איז אָבער געווען אַז פון לערנען האָט ער זיך דערוויטערט, דאָס געלט האָט ער פארלוירען און עס איז פון איהם גאָרניט געוואָרען. „איך, אָבער", האָט ער אויסגעפיהרט, „האָב געטהאָן אַ שידוך וועלכער האָט ניט געהאַט אָט די אַלע מעלות פון הון ועושר; מענשען האָבען עס ניט באטראַכט פאַר אַ גליק — אָבער אַ דאַנק איהר, מיין פרוי, בין איך געוואָרען אַ שטיקעל מענש".

„אַז נדן איז ניט קיין עיקר, האָט מען שוין אפילו אין די פריהערדיגע דורות פארשטאַנען", פלעגט ער זאָגען, און דערביי דערצעהלען דעם פאַל־געגענדען אַנעקדאָט: ר' וועלוועלע, דער ווילנער שטאָדט מגיד, האָט געטהאָן אַ שדוך מיט זיינער אַ טאָכטער און איז פאַר דער חתונה ניט אימשטאַנד געווען צו סלוק'ן דעם נדן. האָט ער זיך געווענדעט צום חתן'ס מחותנים און געזאָגט: „איך, אַלס מגיד, ווען איך וויל קלאָר מאַכען אַן ענין צו מיינע צוהערער זאָג איך זיי אַ פאַסיגען משל, כדי זיי זאָלען דורך דעם קענען פארשטעהן דעם נמשל. ווען אָבער דער ענין איז פארשטענדליך אַן און פאַר זיך, דאַרף איך דאָך דאַמאָלס ניט קיין משל. „דאָס זעלבע", האָט ר' וועלוועלע אויסגעפיהרט, „דענק איך בנוגע נדן. עס דינט אזוי ווי א משל, וועלכער מאַכט גלאַט דעם נמשל. ווען מען וויל צופאַסען צוויי פאַרשידענאַרטיגע פערזאָנען איז נדן דאַמאָלט אַ מיטעל זיי צו מאַכען צוגענגליך איינעם צום אַנדערען. אין דעם דאָזיגען פאַל אָבער זעה איך אַז חתן און כלה פאַסען זיך זעהר גוט צו איינער צום אַנדערען און עס איז גלאַט און גלייך פון אַלע זייטען. דענק איך דאריבער אַז דער משל, נדן, איז דאָ בכלל ניט קיין עיקר".

„פונדעסטוועגען", האָט אַמאָל דער חפץ חיים אויסגעפיהרט מיט אַ שמייכעל, „אויב דער מחותן איז אַ פאַרמעגליכער איז זיין פליכט זיך דוקא צו באַנוצען מיט אָט דעם משל . . . און ניט זיין אַזוי ווי דער רייכער בתואל הארמי מיט זיין זוהן לבן, וועלכער האָט געזאָגט צו אליעזר'ן: „אָט איז רבקה, נעם און ברענג זי אַלס פרוי פאַר'ן זוהן פון דיין האַר". מיינענדיג אַז רבקה

נויטיגט זיך ניט אין קיין נדן צו ווערען די פרוי פון יצחק'ן . . . זיי שיקען אוועק רבקה'ן פון הויז בלויז מיט ברכות..."

די חתונה איז פאָרגעקומען ווינטער אין יאָהר תרט"ו. דער חתן איז דאַ־מאָלט אַלט געוועז זיבעצעהן יאָהר. ער פלעגט אָפט דערמאָנען דעם פסוק: „ויוסף בן שבע עשרה שנה", אַז יוסף איז אַלט געוועזן זיבעצעהן יאָהר ווען ער האָט פאַרלאָזען זיינע עלטערען'ס היים און איז אַרויס פאַר זיך אויף דער וועלט.

דער שווער האָט איהם פארשפּראָכען עטליכע יאָהר קעסט מיט דער אבזיכט אַז מיט דער צייט וועט זיין איידים זיך צוגרייטען צו ווערען אַ רב.

נאָך דער חתונה האָט זיך דער יונגער מאַן געווידמעט צום לערנען. ער האָט געלערנט מיט אַ געוואַלדיגער התמדה. יעדען טאָג האָט ער געהאָט זיינע שעורים אין מקרא, משנה, גמרא, הלכה, מדרשים און ספרי מוסר. ער פלעגט לערנען אין בית המדרש אָפּגעזונדערט אין אַ ווינקעל הינטער דער בימה, אָדער אין עזרת־נשים, וואו ער איז אַ גאַנצען טאָג פון קיינעם ניט געשטערט געוואָרען. ער האָט זאָגאר מיט די לומדי'שע יונגע לייט פון שטעדטעל זעהר זעלטען פארבראַכט; ער האָט זיך שוין דאַן געהיט פון לשון הרע, און איז געוועזן פאָרזיכטיג ניט צו רעדען וועגען אַנדערע, ווי די חז"ל זאָגען, אַז רעדענדיג וועגען יענעם'ס שבחים קומט מען לייכט צו רעדען אויך וועגען יענעם'ס חסרונות.

מען דערצעהלט, אַז אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אין שטעדטעל אַ מחלוקת מכח די אָרטיגע רבנות. ווען אונזער יונגער מאַן איז געקומען קיין ווילנא האָט איהם דער גאון ר' יעקב ברי"ט זצ"ל געפרעגט וואָס עס הערט זיך מכח די רבנות אין ראדין. האָט ער תמימות'דיג געענטפערט דעם רבי'ן, אַז היות ווי ער האָט אויף זיך גענומען ניט צו רעדען קיין לשון הרע און צו שטעהן וויט פון מחלוקת, טהוט איהם זעהר לייד וואָס ער קאָן אויף זיין פראַגע ניט ענטפערען.

די לומדים פון שטעדטעל האָבען שנעל אויסגעפונען וואָס פאַר אַ שאַר־פער יונגערמאַן דער זשעטלער איז (אזוי האָט מען איהם דאַמאָלס גערופען). זיי האָבען איהם איינמאָל געפרעגט וואָרום ער זוכט ניט די התקרבות פון מענשען, האָט ער זיי געענטפערט: „איך זוך צוערשט די התקרבות פון רבש"ע און זיין הייליגע תורה; די התקרבות פון מענשען וועט שוין ממילא קומען".

ער האט ווירקליך ניט באדארפט לאנג ווארטען. די התקרבות פון אלעמען אין שטעדטעל איז שנעל געקומען. ער איז גיך באוואוסט געווארען און אלע האבען איהם געעהרט און געשעצט. א קורצע צייט איז אריבער און מען האט איהם שוין גערופען, זאגאר אונטער די אויגען, רבי ישראל מאיר.

ד.

ער וויל קיין רב ניט זיין

צו ווערען אַ רב איז אין יענע יאָהרען געווען די שטרעבונג פון יעדען יונגען תלמיד חכם. דער גרעסטער כבוד און נחת פון עלטערען פלעגט זיין, צו זעהן זייער זוהן אָדער איידעם, זיצען אויף אַ כסא הרבנות. אָבוואהל דאָס איז אויך געווען דער וואונש פון ר׳ שמעון, וואָלט ער פון דעסטוועגען ניט געווען אַ „דוחק את השעה״, נאָר וואָלט געלאָזען אַלעס געהן מיט דער נאַטור. ער וואָלט ניט געוואגט איבערצורייסען זיין באַליעבטען איידעם אין זיין אויסערגעוויינליכער התמדה. אפילו נאָכדעם ווי די צוגעזאָגטע קעסט־יאָהרען זיינען שוין געווען אַריבער, וואָלט ער איהם מיט צופרידענהייט באַזאָרגט מיט פרנסה, כדי ער זאָל קענען אויך ווייטער אומגעשטערט עוסק זיין אין תורה. אָבער דורך אַ צופאַל איז גראַד דאַן ר׳ שמעון פאַראָרימט געוואָרען און איז ליידער געצוואונגען געווען צו ראַטהען זיין איידעם אַז ער זאָל אָנפאַנגען זוכען עפּעס אַ רבנות־שטעלע.

ווי איבעררױשט איז אָבער דער שווער געוואָרען, דערוויסענדיג זיך אַז זיין איידעם איז ביי זיך פעסט באשלאָסען קיין רב ניט צו זיין. אומזיסט זיינען געווען אַלע אַרגומענטען, עס האָבען ניט געהאָלפען קיין טענות. ער האָט אפילו וועגען סטאַרען זיך צו קריגען אַ רבנות־שטעלע ניט געוואָלט טראַכטען.

ווען זיין אייגענע פרוי האָט אָנגעהויבען אײנ׳טענה׳ן מיט איהם אַז ווען ער וואָלט געוואָרען אַ רב וואָלט ער זיך, און דער גאַנצער פאַמיליע פאַרשאַפט פיעל כבוד, האָט ער אויף דעם געענטפערט: „אויב צו זיין אַ רב וואָלט באמת געווען אַ כבוד וואָלטען דאָך די אידישע חכמים ניט גע׳עצה׳ט פיינט צו האָבען רבנות (ושנא את הרבנות). „דער אמת׳ער כבוד״, האָט ער איהר ערקלערט, קומט פון גוטע, עהרליכע אַרבייט, פון מעשים טובים. וואָס שייך פרנסה, איז אַ מענש מחויב עפּעס צו טהאָן און האָבען בטחון אין השי״ת אַז ער וועט שיקען זיין הילף. דער רבונו של עולם וואָס איז אַזאַ רייכער

רחמנות׳דיגער פאָטער, וועט דאָך אונז ניט פאַרלאָזען, היתכן, אַז ער זאָל פאַרגעסען צו שפּייזען זיינע קינדער?"

האָט זיך געמאַכט אַז די רבנות־שטעלע אין אַ דערבייאיגע שטעדטעל איז ליידיג געוואָרען. די אָרטיגע בעלי בתים האָבען זיך געווענדעט צו איהם ער זאָל איינשטימען צו ווערען זייער רב. ער האָט זיך אָבער געהאַלטען ביי זיינס, אַז ער וויל קיין רב ניט זיין. מען האָט דאריבער געזוכט צו ווירקען אויף איהם דורך זיין אַלטער מוטער. אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען. ווען זי איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו איהם, האָט ער איהר ער־קלערט אַז ער פיהלט דאָס ער קאָן ניט גענונג לערנען צו זיין אַ רב, און אַז עס איז איהם בכלל פרעמד די דרכי הרבנות . . . דאָס האָט אָבער געווירקט מען זאָל איהם אין הויז ניט שטערען אָוועקצופאַהרען לערנען.

ווען ער איז נאָך אַ האַלב יאָהר אַבוועזענהייט געקומען צוריק אהיים זיינען שוין די פריהערדיגע רבנות אויסזיכטען בטל געוואָרען. מען האָט איהם שוין דערוויל צו־רוה געלאָזט.

האָט זיך גראַד געמאַכט אַז די רבנות־שטעלע איז ראַדין איז געוואָרען ליידיג. זיינען די שטעדטעלדיגע בעלי בתים שטאַרק צוגעשטאַנען צו איהם און איהם פשוט ניט אָפּגעלאָזט ביז וואַנען ער האָט צוגעשטימט צו ווערען זייער רב. ער האָט אָבער אויסגענומען מיט זיי די פאָלגענדע תנאים: א) אַז זיי זאָלען איהם קיין געהאַלט ניט צאָהלען; ב) זיי זאָלען איהם מוחל זיין און פּטר׳ן פון אַלע התחייבות, קוים מאַכט ער אַ טעות אין אַ דין בנוגע געלד־זאַכען אָדער ער ריהרט אָן זייער כבוד; ג) אַלע זאָלען זיך פאַרפליכטען איהם צו פאָלגען.

אין אַ קורצער צייט נאָכדעם האָט פּאַסירט אַז צוויי אָרטיגע בעלי בתים האָבען געהאַט ביי איהם אַ דין תורה. האָט דער יעניגער וואָס האָט פאַרשפּיעלט ניט געוואָלט מקיים־פּסק זיין. האָט ר׳ ישראל מאיר קיין סאַך ניט געקלערט, נאָר האָט גלייך צוריקגעשיקט דעם כתב הרבנות צו די ראשי הקהל.

פון דאַמאָלס אָן האָט ער שוין מעהר קיין רב ניט געוואָלט זיין אונטער קיינע אומשטענדען, נאָר איז פאַרבליבען אַ ראַדינער בעל הבית זיין גאַנצען לעבען.

כדי צו פאַרדינען זיין אָרימען לעבענס־מיטעל, האָט ער געלערנט מיט עלטערע קינדער גמרא, איהם איז ליבערשט געווען צו זיין אַ מלמד איידער

אַ רב. לערנען מיט קלענערע און אינגערע פון איהם, דאָס יאָ, אָבער מיט גרעסערע און עלטערע — דאָס ניט.

אין זיין אויסערגעוויינליכער תמימות און עניוות האָט ער זיך זעלבסט בעטראַכט ניט ראוי צו ווערען אַ מנהיג פאַר אידען. ער האָט פשוט מורא געהאַט פאַר'ן אחריות פון רבנות. ער האָט אין זיין טיפע ערענסטקייט געדענקט אַז ס'פאָדערט זיך אונגעהויער געדולד און אָנשטרענגונג צו ערפיי־לען געהעריג די פליכטען אַלס רב.

ער האָט זיך אויך געשראָקען פאַר'ן עפענטליכען כבוד וואָס אַזאַ אַמט פאַרשאַפט. כבוד קען דאָך זעהר לייכט פאַרפיהרען דעם מענשען; ס'איז דאָך אַ גרויסער נסיון, ובפרט אַזאַ סאָרט כבוד וואָס איז אַ טאָג־טעגליכע ערשיינונג.

עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסען אַז זיין באַשלוס וואָס ער האָט שוין דאַן געהאַט גענומען אָפּצוהיטען זיך פון רעדען אָדער הערען לשון הרע און רכילות, האָט איהם אזוי עקשנות'דיג געמאַכט אין זיין צוריקהאַלטונג פון רבנות. עס איז אַ פאַקט וואָס ער פלעגט עס אָפט דערמאָנען און ברייננגט עס אין איינעם פון זיינע ספרים, אַז דער גאון וצדיק ר' רפאל האמבורגער (פון ווערמענס משפחה ער אליין זאָל האָבען געשטאַמט) האָט זיך די לעצטע פיער יאָהר פון זיין לעבען אָפּגעזאָגט פון רבנות, ווייל האָבענדיג צו טאָהן מיט בעלי־בתים און נעמענדיג אַ שטעלונג געגען זייערע קליינליכע אינטריגעס און קריגערייען האָט ער איינגעזעהן אַז ס'איז כמעט אונמעגליך ניט נכשל צו ווערען אין לשון הרע. ניט זייענדיג קיין רב האָט ער געבעטען יעדען איינעם וואָס פלעגט קומען צו איהם, ניט צו ריידען וועגען קיין אַנדער מענשען. עס איז דאריבער ניט וויטלויפיג צו גלויבען אַז ר' ישראל מאיר האָט נאָך אַלס יונגערמאַן געזוכט נאָכצופאָלגען אַזאַ הייליגען ביישפּיל.

עס איז אויך זיכער אַז ער האָט זיך גלייכצייטיג אויך געשראָקען אַז די כסדר'דיגע קהל'שע טרדות וועלען איהם שטערען צו זיצען על התורה ועל עבודה. ער האָט מורא געהאַט אַז דאָס פאַרנעמען זיך מיט צרכי צבור און פאַרשידענע אַרבייט וועלען פאַראַליזירען אַלע זיינע אידעען און אונמעגליך מאַכען די פאַרווירקליכונג פון זיינע שטרעבונגען. ער האָט דאריבער דאַן פאָרגעצויגען צו פיהרען אַ פריוואַט־איינפאַכען לעבען.

מערקווירדיג אָבער, אַז טראָץ זיין אייגענעם „בטול היש" און אפשר גראַד טאַקע צוליב דעם, האָט איהם די השגחה באַשטימט אויסצואיבען אַן

איינפלוס אויף אַ גרעסערען און ברייטערען געביט אידער אויף אַ באגרע־ניצטען קרייז פון אַ קליין־שטעטלדיגע אידישע געמיינדע: אַז אַנשטאָט צו ווערען דער רבי פון אַ הייפעלע אידען, האָט איהם די השגחה געפיהרט, געגען זיין אייגענעם ווילען און ערוואַרטונג, צו ווערען דער רבי פון כלל ישראל, דער אונגעקרוינטער פיהרער פון אידישען פאָלק.

ווי מען גיט איבער, זאָל דער גאון וצדיק ר׳ ישראל סאלאַנטער, זיך אַמאָל האָבען טאַקע אויסגעדריקט פאַר זיינע מקורבים: „אָט דעם יונגערמאַן האָט דער רבונו של עולם צוגעגרייט אין דער צוקונפט צו זיין אַ מנהיג פון פאָלק ישראל״.

אין זיין יונגע האַרץ האָט שוין דאַן געברויזט אַן אונענדליכער קוואַל פון ליעבע פאַר יעדען אידען. ער האָט מיטגעפיהלט יענעמ׳ס ליידען און פאַר־גאָסען טרערען אויף זיין צער. ר׳ ישראל מאיר׳ס עמפפינדליכע און צאַרטע נשמה האָט געוועהטאָגט איבער דער גייסטיגער ירידה פון זיין פאָלק. זאָגאַר דער מאַטעריעלער חורבן האומה, איז לויט זיין אויפפאַסונג, געווען בלויז אַ רעזולטאַט פון דער רוחניות׳דיגער נידערלאַגע. פון איין זייט האָט דער ביטערער גלות מיט זיינע אונערטרעגליכע גזירות טאָג־איין און טאָג־אויס די אידען קיין מנוחה ניט געגעבען. און פון דער אַנדערער זייט, אָדער בעסער געזאָגט, פון אינווייניג, האָט דער ווילדער שטן־טאַנץ פון דער השכלה מיט איהרע שמד־טענדענצען געבראַכט אַ שרעקליכען טומעל אין דער אידישער גאַס. די דאַמאָלסדיגע משכילים האָבען געזוכט מיט אַלע מיטלען אָפּצושפּאָטען פון די פאַרהייליגסטע אידישע פאָלקס טראַדיציעס און מאַכען צו־נישט די שעהנסטע אידישע פּירנציפּען און אידעאַלען. ר׳ ישראל מאיר האָט דאָך גוט געקענט די טרעגער פון דער דאַמאָלסדיגער השכלה. ער האָט זיי דאָך געזעהן און געהערט ווען ער איז נאָך געווען אַ ישיבה בחור אין ווילנא. ער האָט דאָך געוואוסט אַז זיי, אין זייער בלינדקייט, האָבען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט אום איבערצוצייגען דאָס פאָלק אַז ביי די גוים איז אַלעס שעהן און ליכטיג און ביי די אידען איז כלומר׳שט אַלעס באַדעקט מיט שימעל און פינסטערקייט.

מילא, ער אליין פאַרשטעהט זעהר גוט זייערע פאַלשע און בייזע כוונות. „זיי זאָגען כלומר׳שט — פלעגט ער באַטאָנען — אַז זיי זוכען אַלעס צו בעטראַכטען אין דער ליכט פון מענשליכען פאַרשטאַנד, בעת זייער אייגענער שכל ווערט רעגולירט פון זייערע תאוות ומחשבות זרות. זייערע אפּיקורסישע

טענות אין אַלגעמיין זיינען דאָך גאָר ניט ניי, מעהר ווי מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק, דערצעהלט אונז שוין דער נביא, פון אַזעלכע נאַרישע ארגומענטען ווי „שוא עבוד אלקים ומה בצע כי שמרנו משמרתו וכי הלכנו קדורנית...״ (מלאכי ג׳) ס׳איז קיין תועלת ניט צו דינען גאָט און אַז עס קען קיין גוטס ניט ארויסקומען פון אָפּהיטען און ליידען פאַר זיינע מצוות״.

ער האָט זיך אָבער זעהר שטאַרק מצער געווען צוליב די פּשוט׳ע אידען, וועלכע קענען חלילה פארפירט ווערען פון די פאַלשע בעלי טובות מיט זייערע כלומר׳שטע גליקען . . . זיי דאַרף מען דאָך לערנען, מען דאַרף זיי ערציהען און געבען צו פארשטעהן דעם אמת׳ן גליק פון דער תורה, דעם גייסטיגען פארגעניגען פון אָפּהיטען איהרע מצוות, און די אונפארמיידליכע שטראָף און יסורים פון אַן עבירה, א. ז. וו.

ווי קומט ער, אָבער, אַ קליין שטעטעלדיגער יונגערמאַן צו אַזאַ ארבייט? פעהלען דען אין דור גדולים און צדיקים וועלכע זאָלען זיך שטעלען אַנטקעגען צוריקצוהאַלטען דעם דור פון לויפען מיט אַזעלכע שנעלע טריט באַרג אַראָפּ? אמת! אָבער „במקום שיש חילול השם אין חולקין כבוד לרב״. דאָרטען וואו ס׳איז דאָ אַ געפאַהר ס׳זאָל פאַרשוועכט ווערען דעם אויבערשטענ׳ס נאָמען, טאָר מען ניט וואַרטען צוליב דעם כבוד פון אַ גרעסערען, זאָגען די חז״ל.

ארויסצוגעהן אין עפענטליכע ויכוחים מיט די פארפיהרער? דאָס ניט! די ערשטע זאַך וואָס אַ מענש דאַרף טהאָן איז צו ווירקען אויף זיך זעלבסט. און דער אַנדערער, אויף איהם קוקענדיג, וועט שוין ממילא ווערען געווירקט.

מען דערצעהלט אַז ווען מען האָט איינמאַהל געפרעגט ביים דובנער מגיד, ווי קומט עס וואָס מען האָט קיינמאָל ניט געהערט דעם ווילנער גאון זאָגען מוסר צו זיינע תלמידים און דאָך זיינען זיי געווען גרויסע יראי שמים? האָט ער געענטפערט, אַז דער בעסטער וועג ווי צו מאַכען יענעם גוט, איז אליין צו זיין אזוי גוט אַז יענער זאָל מוזען בעאיינפלוסט ווערען. און ער האָט עס אויף זיין שטייגער ערקלערט מיט אַ משל: אַנשטאָט אָנצוגיסען וויין אין יעדען גלעזעל באזונדער, איז דאָ אַ לייכטערער וועג, נעמליך, אָנצו־פילען דאָס פלעשעל אזוי פול ביז וואַנען עס וועט זיך איבערגיסען און פון זיך זעלבסט אָנפילען יעדעס גלעזעל.

אָבער אין אַ צייט פון מלחמה דאַרף מען זיך אויך קענען לערנען פון שונא׳ס טאַקטיק, ער ערקלערט עס מיט אַ משל: —

אַ אידענע איז אַמאָל געשטאַנען אין מאַרק און פאַרקויפט עפּעל. זיינען געקומען צולאָזענע חברה און אָנגעפאַנגען יעדער צו כאַפּען די פרוכט פון איהר קאָשעק. האָט די אידענע געוויינט און געשריען געוואַלד, מען באַראַ־בעוועט איהר גאַנץ פערמעגען. פון דער ווייטענס איז אָבער געשטאַנען אַ חכם, וועלכער האָט זיך צו איהר אָנגערופען: „דו נאַרישע פרוי וואָס וועט דיר העלפען דיינע טרעהרען און געשרייען? שטעה ניט מיט פאַרלייגטע הענד! זיי כאַפּען כאַפּ אויך, דאָס וואס דו וועסט אין דיינע הענד אריינכאַפּען וועט דאָך ביי דיר בלייבען (הקדמה צום ספר „שמירת הלשון״).

אַלזאָ, דעם בעסטען מיטעל צו באַקעמפען די השכלה מיט איהרע געפאהרען איז, לויט ר׳ ישראל מאיר׳ס שיטה, אימער געווען ניט דורך ליאַר־מען און שרייען געגען זיי, נאָר זיך באַנוצען מיט׳ן געגנער׳ס מעטאָדען. געהען צום פאָלק און זיי אויפקלערען, עפענען זייערע אויגען זיי זאָלען דערזעהן „דעם ריכטיגען וועג וואו עס רוהט די אמת׳ע ליכט״ און פיהלען די רחמנות־דיגע האַנד פון רבונו של עולם, וועלכע איז אימער אויסגעשטרעקט צו זיי.

האָבענדיג פאַר זיך אַזאַ גראַנדיעזע אַרבייט, זייענדיג דורכגעדרונגען מיט אַזאַ רעליגיעזען דראַנג און אָנגעצונדען מיט אַ פייער פון אַזאַ התלהבות, האָט ער אין זיין יוגענד געהאַפּט, אַז ער וועט קענען אַליין בלייבען אייביג בעהאַלטען אין זיין קליינע פאַרוואָרפענע שטעטעל און וואַרפען די שטראַה־לען פון זיינע רעפלעקטאָרען וויט, ווייט אין יעדער ווינקעלע פון אידישען ישוב, כדי די וואַנדערענדע זאָלען וויסען וואוהין צו געהן און די פאַרבלאָנד־זשעטע זאָלען געפינען זייער וועג. ער וועט דאָך בלויז זיין אַזוי ווי יענער משרת וואָס שטעהט אין אַ טונקעלען ווינקעל און האַלט אַ לאָמפּ צו צייגען די פאַרבייגעהענדע ווי אַזוי צו געהן, אַזוי האָט ער זיך געטראַכט.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס ער האָט אין אַלע וואַרשיינליכ־קייטען, דער הויפּט צוליב דעם חשש פון ביטול תורה, מורא געהאַט צו פאַר־נעמען אַ כסא הרבנות.

ה.

ער ווערט אַ קרעמער

די קליינע און נישטיגע פּאַרדינסטען וואָס ר׳ ישראל מאיר האָט געהאָט פון קנעלען מיט קינדער, זיינען געווען ווייט פון גענוג זאָגאר אויף אַן אָרימען לעבען. זיינע פריינד און קרובים האָבען, זעהענדיג זיינע דחקות, זיך פיעלע מאָל געבעטען ביי איהם אַז ער זאָל נעמען פון זיי שטיצע וואָס זיי האָבען איהם געוואָלט געבען בכבוד גדול. ער האָט אָבער פון דעם אפילו ניט געוואָלט הערען. איהם איז ליבערשט געווען צו ליידען נויט און צייטענ־ווייז זאָגאר צו הונגערען, איידער צו געניסען פון מענשליכער גאָב.

ווען זיין פרוי האָט איינמאָל אָנגעפאַנגען איינצו׳טענה׳ן מיט איהם, פאַרוואָס ער ענטזאָגט די הילף און שטיצע וואָס זיינע פריינד בעטען זיך אַז ער זאָל פון זיי נעמען — האָט ער איהר מיט אַ שמייכעל געענטפערט: „יאָ, מען בעט זיך ביי מיר איך זאָל נעמען, ווייסטו פאַרוואָס, ווייל איך וויל ניט, קוים אָבער וועל איך וועלען וועט מען מיך שוין מעהר ניט בעטען צו נעמען״.

ניט צו נעמען פון מענשען קיין מתנות שיינט שוין דאַמאָלט צו האָבען געווען אַ לעבענס פרינציפּ אין זיין הנהגה. „ושונא מתנות יחיה״ האָט ער געזוכט צו פאַרווירקליכען אין טעגליכען לעבען.

ער האָט נאָך אָלס יונגערמאַנטשיק שוין געהאָט ביי זיך באשלאָסען אונטער קיינע אומשטענדען ניט צו געניסען פון קיין אומפאַרדינטע גאָב, נאָר צו זיין אין עיניו פרנסה בבחינת „חי נושא את עצמו״.

בכלל דאַרף באַטאָנט ווערען, אַז ר׳ ישראל מאיר איז זיין גאַנץ לעבען געווען דורכגעדרונגען מיט׳ן געפיהל אַז עס איז אַן אומרעכט עפּעס צו געניסען פון דער וועלט אומפאַרדינטערהייט. די יעניגע וועלכע זיינען אַביסעל בעקאַנט געווען מיט זיינע דרכים, ווייסען מיט וואָסערע קרעכצען און בכיות זיין דיענען דעם אויבערשטען איז געווען דורכגענומען. ער האָט זיך שטענדיג געזאָרגט פאַרוואָס ער איז ניט בכח געווען, לויט זיין מיינונג,

אָפּצוצאָהלען כביכול פאַר די חסדים וואָס ער טהוט כסדר מיט איהם. ווי אַ שעמעוודיג קינד וועלכעס איז ניט אימשטאַנד אַליין צו פאַרדינען אויף פרנסה, נאָר מוז אַלע מאָל אָנקומען צו זיין פאָטער נאָך הילף און רחמנות. אזוי פלעגט זיך דער חפץ חיים פיהלען בעת זיין אויסגיסען דאָס האַרץ אין תפלות ותחנונים פאַר'ן רבש"ע. ער איז געווען דורך און דורך איבערצייגט אַז די אַלע טובות זיינען איהם געגעבען אַלס „מתנת חנם". „מ'שטיינס גע־זאָגט", פלעגט ער מיט אַ זיפץ זאָגען, „ס'א באַטרעף ס'האָבען מיינע מעשים געגען די אונצעהליגע חסדים וואָס איך בין כסדר מקבל פון השי"ת. איך האָב דאָך אפילו אַ טויזענד חלק ניט געטהאָן פון דעם וואָס איך האָב באמת באַדאַרפט טהאָן".

ער פלעגט אָפט באַדויערען אַז איהם איז בעונותינו הרבים ניט געלונגען צו ערפילען דעם תכלית פון דער בריאה. ווערדליג ווי ספרים זאָגען, האָט דער באשאַפער, אָנשטאָט צו לאָזען די מענשליכע נשמה פאַרבלייבען אין די הימלישע ספערען, זי אַראָפּגעשיקט אויף דיזער וועלט מיט דער אַבזיכט אַז זי זאָל דורך מיה און אנשטרענגונג אַלעס אליין פאַרדינען און ניט דאַרפען אָנקומען צו געניסען „נהמא דכסיפא" — פאַרשעהמט ברויט.

„וואָס האָב איך אויפגעטהאָן? מיט וואָס האָב איך צו קומען פאַר'ן רבונו של עולם? ווי קען איך צייגען מיין פנים פון חרפה", פלעגט ער קלאָגען בעת ער פלעגט מאַכען זיין חשבון הנפש אין זיינע חצות תפלות. די יעניגע וועלכע האָבען (אומבאמערקט פון איהם) געהערט איהם אין זיין התבודדות זאָגען די תפלה „ולך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים", האָבען געפיהלט אַז ער האָט דאָן דורכגעלעבט יעדעס וואָרט וואָס ער האָט ארויסגערעדט. באַטראַכטענדיג אלעס וואָס דער אויבערשטער האָט מיט איהם געטאָהן פאַר אַ צדקה, האָט אויסגעקוקט אזוי ווי זיין פנים וואָלט ממש געפלאַמט פון שאַנדע.

דאָך וואָס ס'שייך צום רבונו של עולם איז ער דער גוטער באַרעמ־הערציגער פאָטער, וועמעס הויפּט פאַרגעניגען עס איז צו זיין אַ טוב ומטיב, צו טהאָן גוטעס מיט זיינע באשעפענישען צי זיי פאַרדינען יאָ אָדער ניט. שלעכט און ביטער איז אָבער ווען מען קומט אָן צו אַ „מתנת בשר ודם", צו נעמען מתנות פון מענשען, האָט זיך דער חפץ חיים קיינמאָל ניט געקענט ערלויבען. ובפרט האָט ער ניט געקענט סובל זיין וואָס מענשען זוכען איהם מהנה צו זיין מאַכענדיג אַ טעות, מיינענדיג אַז ער איז גאָר אַ גדול, אַ צדיק, אָדער קדוש . . .

אַזעלכע און עהנליכע געדאַנקען האָט מען שוין געהערט פון חפץ חיים אין זיין יוגענד. ער האָט שוין דאַן געהאַט ביי זיך באַשלאָסען, אונטער קיינע אומשטענדען ניט צו נעמען קיין מתנות. ער האָט בעסער געוואָלט ליידען איידער צו נעמען פון מענשען.

אמת, ער פערזענליך האָט פיליכט גאָר ניט געפיהלט קיין דחקות, אַ דאַנק זיין פעלזען־שטאַרקע אמונה און בטחון. פאַר איהם האָט דאָך ניט עקזיסטירט קיין גרעסערע פאַרגעניגענס אין דער וועלט ווי עוסק צו זיין אין תורה. זיין הויפט זאָרג איז אָבער געווען די פאַמיליע. ער האָט אַלץ געדענקט אַז זיי ליידען זעהר פיעל. אין דער ווירקליכקייט אָבער, איז ביי זיין נאָבעלער און צדקנית׳דיגער פרוי אויך געווען דער העכסטער תענוג צו זעהן איהר מאַן זיצען און לערנען. זי האָט געטהאָן אַלעס וואָס זי האָט נאָר געקענט איהם צו מאַכען פיהלען באַקוועם, אַבי ער זאָל ניט מבטל זיין פון זיין הייליגער עבודה.

עס איז דאַן געווען פיער יאָהר נאָך זיין חתונה ווען ער האָט צופעליג באַקומען אַ ירושה פון הונדערט און פופציג רובל פון זיין פאָטער׳ס אַ שוועסטער. האָט ער מיט דעם געלד געעפענט אַ שפייז־קרעמעל. זיין פרוי האָט געפיהרט די עסקים און ער איז געזעסען אין בית המדרש און געלערנט. אין קרעמעל פלעגט ער קומען נאָר אין די מאַרק־טעג כדי צו העלפען זיין פרוי אין געשעפט.

ער פלעגט אָבער דאָס קרעמעל ניט לאָזען האַלטען אָפען אַ גאַנצען טאָג. „גענוג אַ האַלבען טאָג“, פלעגט ער זאָגען, „אַנדערע קרעמערס דאַרפען דאָך אויך חיונה“. ווען ער האָט שפעטער איינגעזעהן אַז כמעט אַלע אין שטעטעל קומען קויפען אין זיין קראָם, האָט ער, כדי ניט משיג גבול צו זיין, די אַנדערע קרעמער און צונעמען זייער פרנסה, געזאָגט צו זיין פרוי: „מען דאַרף פאַרמאַכען די טיהר פון קראָם וואָס געהט ארויס צום גאַס; פאַר אונז וועט זיין גענוג דער פדיון פון די שכנים ארום אונז און זיי וועלען דאָך אויך וויסען צו קומען דורך דער הינטער טיהר“. ניט איינמאָל האָט ער ערקלערט זיינע קונים אַז ער איז ניט זיכער אַז זיין סחורה איז ווירקליך אזוי גוט, און ער גלויבט אַז ביי די אַנדערע קרעמער קענען זיי באַקומען פאַר זייער געלד בעסערע סחורה.

דאָס אַלץ האָט איהם אָבער ניט געהאָלפען. אַלע זיינען געלאָפען אין זיין קראָם קויפען. ניט נאָר ווייל זיי האָבען איהם געוואָלט געבען צו לייזען,

נאָר אויך דערפאַר וויל ער האָט זיי טאַקע געגעבן גוטע סחורה און אויך אַ גוטע וואָג און אַ גוטע מאָס. ניט איינמאָל האָט ער ארויסגעוואָרפען וואָרע, וויל עס האָט זיך איהם געדאַכט אַז עס איז ניט געווען גוט גענוג.

איינמאָל, אין אַ מאַרק־טאָג, האָט איינער פון זיינע קריסטליכע קונדען פארגעסען אין זיין קרעמעל אַ הערינג. האָט דער חפץ חיים געזוכט אויס־צוגעפינען ווער דער קונה איז געווען. ער האָט אָבער ניט געקענט אויסגע־פינען און ער האָט פון דעם געהאַט גרויס צער. כדי ניצול צו ווערען פון חשש „גזל עכו״ם״, האָט ער דעם קומענדען מאַרק־טאָג געטיילט יעדען איינעם פון זיינע קריסטליכע קונים אַ הערינג אומזיסט.

זיין זהירות פון קלענסטען חשש פון גזל עכו״ם איז געווען אויסגערעכענט אויפ׳ן ווייטסטען ספק. ער האָט אַ מאָהל אַליין דערציילט אַז ווען ער איז געווען אַ קרעמער פלעגען אין זיין שפייז קרעמעל אַריינקומען קריסטליכע פרויען וועלכע זיינען געווען שטענדיגע קונים און פאַרלייגען צו פאַרקויפען זייער אייגענע אַרטיקלען (שלא מדעת בעליהן), האָט ער פאַרזאָגט ניט צו קויפען קיין זאַך פון זיי. ווען זיין פרוי האָט איהם ערקלערט אַז דאָס פאַר־טרייבט די גוי׳אישע קונים איז ער דאמאלט געפאָהרען צו ר׳ ישראל סאַלאַנטער זיך מיט איהם מישב זיין, וויל ס׳איז איהם געווען א ספק אין דעם דין צו עס פאַסט זיך ביי נכרים „מה שקנתה אשה קנה בעלה״ 1).

זעלבסטפערשטענדליך, אַז וואס מעהר קונים ער האָט געהאַט און וואָס מעהר ער האָט געלייזט אין זיין קרעמעל אַלץ מעהר האָט ער צוגעלייגט צו זיינע עסקים. ער האָט דאריבער לאַנג קיין שפייז־קרעמער ניט געקענט פארבלייבען.

זיין שווער האָט איהם דאַן געזוכט צו פאראינטערעסירען מיט אַנדערע עסקים. ער פלעגט איהם שיקען קיין ווילנא איינצוקויפען שניט־וואָרע (דריי גודס). ער האָט זיך אָבער שנעל איבערצייגט דאָס קיינע עסקים וועלען ניט ענדערען זיין אידעם׳ס באַציהונג בנוגע האַנדלען עהרליך. ער האָט בשום אופן ניט געקענט זיך צופאַסען צו די געוויינליכע באַגריפען און מנהגים אין עולם המסחר.

האָט ער פאַר די עטליכע רובעל וואָס עס איז איהם נאָך פארבליבען, בעשלאָסען צו קויפען אַ קוה, כדי זיך ווי עס איז מפרנס צו זיין פון די מילך.

1) בנוגע אידישע פרויען זעה גמרא ב״ק קי״ח ע״ב און חו״מ סימן שנ״ח.

ס׳איז איהם אָבער לכתחילה שווער געווען צו קריגען פונקט אַזאַ קוה ווי ער האָט געוואָלט. ער האָט געזוכט אַ קוה וועלכע האָט ניט קיין הערנער, כדי עס זאָל זיך איהר ניט פאַרגלוסטען אַמאָל אַ שטויס צו טהאָן אַן אַנדער קוה אָדער אַ מענשען. ווי אזוי קען ער האָדעווען אַ מזיק? ער האָט אָבער לאַנג זוכענדיג דאָך געקראָגען צו קויפען פונקט אַזאַ קוה ווי ער האָט געוואָלט. ער פלעגט אַליין גוט אַכטונג געבען אַז ביי דער נאַכט זאָל די טיהר פון שטאָהל זיין גוט פאַרמאַכט און ווען מען האָט איהר ארויסגענומען צו פאַשען אויף די גראָז, האָט ער איהר איבערגעגעבען אונטער אַ גוטע שמירה כדי זי זאָל חלילה ניט טהאָן קיין שאדען דורך פיטערן זיך אין אַ פרעמדען פעלד. האָט פאַסירט אַז ער איז איינמאָל אַוועקגעפאָהרען פון דער היים און פאַרגעסען אָנצוזאָגען די בני בית צו פאַרמאַכען גוט די טיהר און אָפּהיטען די קוה פון גורם צו זיין אַ היזק צו אַנדערע, האָט ער גלייך פון וועג געשיקט אַן עקסטרא שליח דאָס צו באַוואָרענען.

ער האָט אויסער דעם אויך פאַרמאָגט אַ שטיק לאַנד. דאָס לעצטע איז געווען דער נדן וואָס זיין שווער ר׳ שמעון האָט איהם געגעבען (דאָס איז דער פּלאַץ אויף וועלכען ער האָט שפּעטער אויפגעבויט זיין גרויסע וועלט באַריהמטע ישיבה פאַר וועלכען צוועק ער האָט עס אַוועקגעגעבען אַלס נדבה.) דאָס איז געווען אַ סאָרט גאָרטען נאָהענט צום הויז.

האָבען זיך איינמאָל זיינע בני בית מתיישב געווען און האָבען אויף דעם פאַרזעעט אוגערקעס, ווייל דאָס וואָלט אריינגעבראַכט אַ בעדייטענדען ריוח. ווען ר׳ ישראל מאיר האָט זיך פון דעם דערוואוסט האָט ער עס שטאַרק ניט געוואָלט ליידען.

„ס׳טייטש", האָט ער גע׳טענה׳ט, „דורך דעם וועלען דאָך ליידען די אידען וואָס זייער גאַנצע פרנסה באַשטעהט פון גערטנעריי. פאַר זיך דאַרף מען דאָך ניט אזוי פיעל אוגערקעס. וועט מען דאָך מסתמא דאָס איבריגע וועלען פאַרקויפען, וועט דאָך עס גורם זיין אַ שאָדען צו אַנדערע . . . מיר האָבען דאָך ב״ה אַ קוה מיט מילך זיך צו ערנעהרען", איז געווען זיין אַרגומענט.

דער סוף איז געווען אַז די אוגערקעס זיינען ניט געוואַקסען. ס׳איז געווען אזוי ניט געראָטען אַז מען האָט געמוזט איבער־אַ־ייעס צואַקערען דעם גאָרטען און פאַרזעען קאַרטאָפעל וועלכע זיינען גראַד געוואַקסען אויסער־געוויינליך גוט. און דער חפץ חיים האָט זיך געפרעהט.

זעהענדיג אַז זיין פאַמיליע איז שוין ווי עס איז פאַרזאָרגט מיט פּרנסה, פלעגט ער פון צייט צו צייט אַוועקפאָהרען פון דער היים צו לערנען בפרישות אין די נאָהענטע שטעטלעך, ווי איישישאָק, וואשילישאַק, א. א. וו. זייענדיג אין וואשילישאק האָט ער אַמאָל געשיקט אַ בריעף דורך די בעלי עגלות וועלכע זיינען געפאָהרען צום מאַרק אין ראַדין, און האָט זיי געבעטען איהם טהאָן די געפעליגקייט און עס איבערגעבען צו זיין פרוי גלייך ווי זיי וועלען נאָר אַהין קומען, ווייל, האָט ער באַטאָנט, ס'איז אַ זעהר וויכטיגער בריעף.

די בעלי עגלות האָבען געמיינט ווער ווייס מכח וואָסערע מסחרים עס מוז דאָרטען אין בריעף זיין, האָבען זיי זיך ניט געקענט איינהאַלטען, ווילענדיג דוקא אויסגעפינען די סודות. זיי האָבען דאריבער געעפענט דעם בריף כדי איהם איבערצולייענען. ווי ערשטוינט זיינען זיי אָבער געוואָרען לעזענדיג אַז ער שרייבט גאָר צו זיין פרוי וועגען אַזאַ מסחר: היות, ווי זיי האָבען אַן אייגענע קוה, לכן זאָל זי נזהר זיין ניט צו לאָזען איהר ארויס אויפ'ן גאַס אין מאַרק־טאָג, ווייל עס פאָהרען דאָך דאַמאָלס דורך פיעל קריסטליכע פוהרען פון וועלכע די בהמה איז עלול ארויסצושלעפען אַביסעל היי, און אַ בן נח איז דאָך ניט מוחל אפילו אַ פחות משוה פרוטה, וועט דאָך עס זיין גזל.

אָט אזוי האָט ר' ישראל מאיר גע'מסחר'ט אין זיינע יונגע יאָהרען. דאָך טראָץ זיין איבערנאַטירליכע פאַרזיכטיגקייט ניט אָנצוריהרען יענעמ'ס, האָט ער זיך פון דעסטוועגען זיין גאַנצען לעבען ניט געקענט בארוהיגען צוליב זיין האַנדעל אין דער יוגענד. ער פלעגט זיך שטענדיג אָפּעסען זיין האַרץ טאָמער האָט ער דאַמאָלט אימיצען אָפּגענאַרט, אָדער ניט עהרליך בע־האַנדעלט. ער האָט זיך אָבער פיעלע מאָל געטרייסט אַז ער האָט עס דאָן אַלעס געטהאָן כדי ניט מעיז פּנים צו זיין זיין שווער. ער איז דאָך געווען עלטער פון איהם, ובפרט אַלס שוויגער־פאָטער איז ער דאָך איהם מחויב געווען מכבד צו זיין און צו פאָלגען.

שפּעטער אויף די עלטערע יאָהרען ווען ער האָט זיך געגרייט אַוועק־צופאָהרען קיין ארץ ישראל, האָט ער איינמאָל צונויפגערופען אין בית המדרש אַלע ראַדינער אידען און האָט זיי געבעטען מיט טרערען אין די אויגען איהם מוחל צו זיין אויב ער האָט עפּעס גענומען פון זיי, אָדער אימיצען פון זיי בע'עול'ט. און אזוי ווי פאַר זינד בין אדם לחברו, העלפט דאָך ניט קיין תשובה „עד שירצה את חברו", ווייל ער איבערבעטען און פאַרריכטען זיינע

אַמאָליגע פעהלערס מיט דעם וואָס ער איז מנדב לצרכי העיר פינף הונדערט זלאָטעס, אויף צו בויען אַ ברונעם פאַר אַלעמען פריי צו שעפען וואַסער (2).

(2) אזוי איז די עצה פון די חז"ל: „גזל ואינו יודע ממי גזל ילך ויעשה מהן צרכי רבים, מאי היא, אמר רב חסדא בורות שיחין ומערות". ביצה כ"ט ע"א, בבא קמא צ"ד ע"ב, חו"מ סימן שס"ו ב'.

ז.

ער ווערט אַ ראש ישיבה

קיין רב האָט ער טאַקע ניט געוואָלט זיין, און קיין קרעמער האָט ער ניט געקענט זיין, אָבער לערנען מיט אַנדערע תורה דאָס יאָ. דאָס ברייננגט דאָך ניט צו קיין ביטול תורה. אדרבא, אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכקייט איז גאָר אַ גוטער מיטעל מען זאָל אליין האָבען חשק צו לערנען מיט מעהר פלייסיגקייט און זיין מעהר פאָרזיכטיג אין דער פערזענליכער הנהגה. זיין אַ ראש ישיבה איז דאָך ניט ווי זיין עפעס אַ פּראָפעסאָר פון אַן אוניווערזיטעט, וועמעס אויפגאַבע איז בלויז צו וויסען און קענען ארויסברייננגען זיין מקצוע פאַר זיינע תלמידים. צו לערנען תורה מיט אַנדערע, מיינט דאָך צו־ערשט צו לערנען תורה מיט זיך אליין, עס מיינט דאָך זיך זעלבסט אויסצואַרבייטען, זיך אליין צו דערהויבען צו אַזאַ הויכע מדרגה אַז די תלמידים זאָלען ארויפקוקען צום רבין׳ס הויך און זוכען צו שטייגען צו זיין שטופע.

צו זיין אַ ראש ישיבה איז אימער געווען דער העכסטער און ריינסטער אידעאַל פון דעם אמת׳ן גדול בתורה אין אַלע צייטען. דער גרויסער מענש איז דאָך אזוי ווי אַ שטראָמענדער קוואַל וועלכער שפּארט זיך צו פאַרשפּרייטען וואָס ווייטער און וואָס מעהר, זוכענדיג צו באַוואַסערען און באפרוכפּערען די שכנות׳דיגע פוסטע און טרוקענע פעלדער. צו זיין אַ משפּיע מיינט גלייכצייטיג צו זיין אַ מושפּע. לויט׳ן אידישען באגריף איז דאָך „ומתלמידי יותר מכלם״, וואָס מעהר מען שעפּט פון ברונעם אַלץ ריינער און אַלץ מעהר ווערען זיינע אייגענע וואַסערען.

נעמענדיג דאָס אַלעס אין אַנבעטראַכט, איז קיין וואונדער ניט וואָס דער יונגער ר׳ ישראל מאיר טראַץ זיין אַנטלויפען פון כבוד, אויסמיידענדיג צו ווערען אַ פיהרער ביי אידען, האָט פון דעסטוועגען צוגעשטימט צו ווערען אַ ראש ישיבה, צו זאָגען אַ שעור אין גמרא און אין פוסקים פאַר גרעסערע בחורים לומדי תורה. ער האָט פשוט אין דעם געזעהן די פאַרווירקליכונג פון זיין שטרעבונג, נעמליך צו דינען אַלס אינסטרומענט און העלפען פאַרשפּרייטען תורה און צו מאַכען די זיהן פון זיין פאָלק געלערנט אין איהרע ווערטער.

בכלל איז דער ענין ישיבה פון דער יוגענד אָן געווען זיין לעבענס־אידעאַל. די ישיבה וועלכע איז אַלס אינסטיטוציע דער העכסטער רעליגיעזער לעהר־אַנשטאַלט אין אידענטום איז געווען דעם חפץ חיים׳ס בית המקדש (אין מיניאַטור) אין וועלכען ער, אַלס כהן, האָט געגלוסט צו טאָהן די עבודה פון „יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל״, ד.ה., לויט דער תורה איז די אויפגאַבע פון כהן צו לערנען די געטליכע געזעצען צו יעקב׳ן און די תורה צו ישראל.

פאַר דאָס לעבען און עקזיסטענץ פון דער ישיבה איז ער גרייט געווען צו בריינגען די גרעסטע פערזענליכע קרבנות. „אָהן ישיבות וועט זיך דאָך די תורה ניט האַלטען און אידישקייט וועט ח״ו אונטערגעהן״, פלעגט ער מיט אַ ציטערנדע שטימע וואָרנען. לויט זיין אויפפאַסונג וואַלט דער אונטער־גאַנג פון די גרויסע ישיבות געמיינט די גרעסטע טראַגעדיע פאַר׳ן אידענטום.

זיין אָפּפערווילליגקייט פאַר ישיבות איז פון אָנפאַנג אָן ביי איהם באַ־טראַכט געוואָרען אַלס הויפּט־פליכט און צו דער זעלבער צייט דער גרעסטער תענוג אין דער וועלט. „פאַר׳ן קיום התורה״, פלעגט ער זאָגען, „איז דאָך כדאי צו ליידען אפילו די גרעסטע חרפות און בזיונות״. און פלעגט דאביי ציטירען דעם מאמר חז״ל, וועלכער זאָגט, אַז דער פאָטער פון נביא יחזקאל האָט זיך גאָר גערופען ברכיה, טאָ פאַרוואָס הייסט ער יחזקאל בן בוזי? „מפני שביזה א״ע על התורה״, ווייל ער האָט זיך מבזה געווען פאַר תורה. „האָט עס דען ניט דער אויבערשטער אַליין דעמאָנסטרירט מיט זיין אַראָפּקומען אויף דיזער בלאָטיגער וועלט צו געבען אַ תורה? דאַרף מען נאָך האָבען אַ גרעסערען באַווייז אַז צוליב תורה דאַרף מען גרייט זיין אפילו צו קריכען אין בלאָטע?״

איז דען אַ וואונדער וואָס זיין שטענדיגע מורא פאַר כבוד און גדולה האָט איהם ניט אָפּגעשראָקען ווען ס׳האָט זיך געהאַנדעלט וועגען לערנען תורה ברבים, וועגען דאָס לעבען און עקזיסטענץ פון אַ ישיבה? . . .

כדי בעסער צו פאַרשטעהן די וויכטיגקייט פון דער ישיבה אַלס צענטער פון תורה און דאָס באַדייטונג פון זיין אַ ראש ישיבה איז נויטיג צו געבען אַ קורצען איבערבליק אויף דער ווירקונג פון דער ישיבה אין אַלגעמיין.

די חכמי התלמוד אָפּשאַצענדיג די לעבענס־נויטווענדיגקייט פון דער ישיבה האָבען אונז פאַרזיכערט אַז: „מימיהן של אבותינו לא פסקה ישיבה מהם״ (יומא כ״ח ע״ב), אַז קיינמאָל זיינען אונזערע עלטערען ניט געווען אָהן

אַ ישיבה; זאָגאר ווען זיי זיינען געווען אין מצרים און געוואַנדערט אין דער מדבר האָבען זיי געהאַט א ישיבה. נאָך מעהר, גלייך מיט דער ערשיינונג פונ׳ם ערשטען אידען, אברהם, איז אויך ענטשטאַנען די ישיבה. וואָהרשיינליך דאָס וואָס די דאַמאָלטדיגע מענשען פלעגען זיך פאַרזאַמלען ארום אברהם׳ן כדי פון איהם צו לערנען, רופען עס די חז״ל אַן ישיבה. „אברהם זקן ויושב בישיבה״.

עס איז אָבער קלאָר, אַז אָבוואהל דער אויסערליכער כאַראַקטער און פאָרמע פון דער אַלטערטימליכער ישיבה איז געווען גאַנץ אַנדערש פון דער ישיבה אין היינטיגע צייטען, אָדער אין די צייטען פון די חכמי התלמוד, דאָך בנוגע דעם גייסטיגען אינהאַלט איז איהר הויפט אידעאַל שטענדיג געווען איינס און דער זעלבער, נעמליך, איינצופלאַנצען די תורה און איהרע מדות אין גאַנצען פאָלק.

אַ גלאָררייכע היסטאָריע האָט די ישיבה דורכגעמאַכט אין דער עפּאָכע פון די תנאים ואמוראים און אין די צייטען פון די גאונים: ווי עס איז צו זעהן פון די בליהענדע ישיבות אין יבנה, טבריא, סורא נהרדעה ופומבדיתא, א.ז.וו. ווי אַ גאָלדענע קייט האָט די ישיבה פאָרטגעזעצט איהר שעהנע און ליכטיגע טראַדיציעס אין די צייטען פון די גדולי הראשונים און בעלי תוספות אין אפריקא, מצרים, שפּאַניען, פראַנקרייך און דייטשלאַנד, ביז די ישיבות אין פוילען, אונטער דער פיהרערשאַפט פון ר׳ יעקב פּאָלאַק, ר׳ משה איסרליש (רמ״א), ר׳ שלמה לוריא (מהרש״ל) ר׳ שמואל אליעזר הלוי איידליש (מהרש״א), ר׳ מאיר מלובלין (מהר״ם), א. ז. וו.

קליינע ישיבות זיינען דאַן געווען כמעט אין אַלע וויכטיגע שטעדט און שטעטלעך, אָבער גרויסע ישיבות זיינען בלויז געווען אין די הויפּט אידישע צענטערן ווי קראקא, לובלין, בריסק, א. ז. וו. ווי ליכט־טורמעס אין אַ פינ־סטערער נאַכט אין מיטען פון אַ שטורמדיגען ים, אזוי האָבען די ישיבות באלויכטען די פאַרוואָלקענטע אידישע הימלען פון גלות.

ריידענדיג וועגען ישיבות און לימוד התורה פלעגט ר׳ ישראל מאיר שטענדיג באדויערען וואָס די רבנות איז אין די לעצטע דורות בארויבט גע־וואָרען פון איינע פון איהר וויכטיגסטע פונקציעס.

אין פריהערדיגע דורות, פלעגט ער זאָגען, פלעגט דער רב מעהרסטענ־טיילס אויך זיין דער ראש הישיבה פון זיין שטאָדט אָדער שטעדטעל; ווי עס איז צו זעהן פון די אונטערשריפטען אויף די בריעף, פסקים תשובות און

הסכמות פון די גרעסטע רבנים פון די פאַרגאַנגענע דורות. זיי פלעגען זיך חתמ'ענען אב"ד ור"מ, ד. ה., רב און ראש ישיבה. ווי ער ציטירט פון אלטע פנקסים אין איינעם פון זיינע ספרים, האָט דאַמאָלס עקזיסטירט אַזאַ תקנה, אַז יעדער רב האָט באַדאַרפט אָנפיהרען מיט אַ ישיבה וועלכע זיין קהלה פלעגט אויסהאַלטען. געגארט האָט דער חפץ חיים פון זיין פריהעסטע יוגענד אָן צו זעהן אַזאַ סאָרט שעהנעם צושטאַנד צוריק אין דעם אידישען געמיינדע לעבען. (זעה זיין ספר „חומת הדת" דעם ערשטען פרק.)

דעם חורבן אין דער אידישער וועלט וואָס די ווילדע אינוואזיע פון די בלוט־דורשטיגע קאָזאַקען האָט פאַראורזאַכט, באַקאַנט אַלס די גזירות ת"ח ות"ט (1648) פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט די טרויעריג באַרימטע שבתי צבי באַוועגונג — האָבען פאַראַליזירט און צושטערט די גרויסע ישיבות פון פוילען.

אַבוואָהל דאָס ענשטעהונג פון חסידות האָט פיעל געווירקט אויפצו־מונטערען דעם אידישען גייסט און אָנצוצינדען דעם אידישען פייער פון אמונה, האָפנונג און בטחון, דאָך וואָס ס'שייך דעם למוד התורה האָט עס ניט נאָר ניט פאַרשטאַרקט, נאָר אדרבא, טיילווייז אָפּגעשוואַכט. ווי באַוואוסט, האָט דאָס חסידות אין אָנפאַנג פון איהר ענטוויקלונג אויף אַן עקסטרעמען אופן בלויז אונטערגעשטראָכען דעם פּרינציפּ פון „עבודה שבלב", באַטאָנענדיג דערהויפּט די ווערדע פון די התלהבות וואָס קומט פון האַרץ, פון מענשליכען געפיהל און זיינע עמאָציאָנען. אויך די מחלוקה צווישען חסידים און מתנגדים האָט אַ סך ערנידעריגט דעם כבוד און למוד התורה, ספּעציעל צווישען די מאַסען. צו דעם איז צוגעקומען די השכלה באַוועגונג מיט איהרע ראַציאָנאַ־ליסטישע פאָדערונגען וועלכע האָט קאָנצענטרירט איהר הויפּט אַטאַקע אויפ'ן אַלטען בית המדרש.

דערצעהלט הגאון ר' יוסף ז"ל, אב"ד דקרינאַק, אין זיינעם אַ בריוו, אַז בעפאָר זיין גרויסער רבי האָט געגרינדעט די וואָלאָזשינער ישיבה (אום־געפעהר אין יאָהר תקס"ב) איז דער נאָמען „ישיבה" שוין כמעט פאַרגעסען געוואָרען. מען האָט ניט געוואוסט וואָס עס הייסט לערנען תורה ברבים. ספרי קודש און ספרי ש"ס זיינען געווען אַ זעלטענהייט און עס האָט זיך גע־פונען בלויז אין די הייזער פון יחידי סגולה. זאָגאָר אין די בתי מדרשים פון די גרויסע שטעדט האָט זיך ניט געפונען קיין גאַנצער ש"ס. מען האָט עס פשוט ניט באַדאַרפט, ווייל דער עולם האָט ניט געלערענט און ווען זיין היי־

ליגער רבי האָט זיין ישיבה געגרינדעט, איז במציאות ניט געווען צו קויפען גמרות פאַר די תלמידים. מען האָט דאריבער געמוזט אַרויסשיקען משולחים אין די גרויסע שטעדט אויפצוזאַמלען פאַר זיי גמרות. ערשט ווען דער סלאַ־וויטער רב האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך דאַן אונטערגענומען אָפצודרו־קען עטליכע הונדערט ש"ס'ן. פיעלע סוחרים, קומענדיג קיין ליטא, פלעגען בכיוון אָנלייגען וועג כדי מיט זייערע אויגען זעהן דעם וואונדער ווי אזוי אַ רבים פון הונדערטע יונגע לייט, גדולי תורה לערנען טאָג און נאַכט (זעה תולדות רבנו חיים מוואָלאָזין).

עס איז ווירקליך צו באַוואונדערען וואָס אין אַ קורצע צייט, איז ר' חיים'ן געלונגען צו ציהען אַ חבורה פון אויסערגעוועהנליכע בעלי כשרונות, וועלכע זיינען נאַכהער געווען די גאוני הדור, ווי ר' יעקב פון קארלין, מח"ס „משכנות יעקב", ר' דוד טביל מינסקער, מח"ס „נחלת דוד", ר' יוסף סלוצקער, ר' דובער טורעצער, ר' יוסף זונדיל סאלאנטער, ר. אלי' קאלישער, ר' משה ראסיינער, ר' אשר שערעשאווער, מח"ס „ברכת ראש", א. אז. וו.

אין די יאָהרען ווען ס'איז אויסגעפאַלען דעם חפץ חיים'ס יוגענד, וועלכע מיר בעהאַנדלען דאַ, האָט שוין די וואָלאָזשינער ישיבה געהאַט הינטער זיך אַ היסטאָריע פון איבער זעכציג יאָהר. פוילישע־ליטא האָט שוין דאַן געהאַט פארמאָגט אייניגע פון איהרע גרויס ישיבות ווי מיר, איישישאק, מינסק, ווילנא, א. א. וו.

עס איז אינטערעסאַנט אַז אין דער ישיבה וואו דער הפץ חיים איז ערצויגען געוואָרען (ר' חיים נחמן פרנס'ס קלויז אין ווילנא), איז בשעתה געווען אַן אָפטיילונג פון וואָלאָזשין.

ר' חיים וואָלאָזשינער האָט כידוע פאַר זיין ישיבה געקראָגען די הויפט שטיצע פון ווילנא. האָבען דאריבער די ווילנער בעלי בתים געפאָדערט אַז ער זאָל זייער שטאָדט אויך מזכה זיין דורך גרינדען דאָרט אַן אָפטיילונג פון זיין ישיבה. אזוי איז געשעהן. און עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ קבוץ פון יונגע לייט אין ר' חיים נחמן פרנס'ס קלויז, פון וועלכען ר' ישראל מאיר איז מיט פילע צעהנדליגע יאָהרען שפעטער געווען אַ תלמיד אַזוי ווי זיין פאָטער ר' ארי' זאב איז געווען, נאָכדעם ווי דער לעצטער האָט באזוכט וואָלאָזשינער ישיבה.

אָט דער גייסט, און געפיהל פון מסירת נפש פאַר תורה, האָט דער חפץ חיים גע'ירש'נט פון זיינע רביים און פאָרגעגנער. עס איז אין אַלגעמיין נאָ־

טירליך אַז ער, ווען די השגחה האָט באַשטימט צו זיין אַ רבי פון כלל ישראל, זאָל זיין באַהערשט מיט אַן אינערליכען דראַנג צו לערנען מיט תלמידים.

זיך צו אָפּפערען פאַר תורה האָט ביי איהם געמיינט ניט בלויז אליין צו לערנען נאָר אויך משפיע זיין אויף אַנדערע צו לערנען. „הוי גולה למקום תורה״, ליידען גלות צוליב תורה האָט ביי איהם געמיינט ניט בלויז אַז מען דאַרף געהן צו אַ מקום תורה כדי אליין צו לערנען נאָר אויך צו מאַכען אנדערע לערנען. „אזוי האָט דאָך אונז געלערענט כביכול אליין פאַרלאָזענדיג זיין הימלישע היים און אַראָפּקומענדיג אויף דער וועלט כדי צו מאַכען לערנען און באַקאָנען אַנדערע מיט זיין תורה״, פלעגט ער באַטאָנען.

לערנענדיג אַלס פרוש אין מינסק, ווען ער איז קוים עטליכע צוואנציג יאָהר אַלט געווען, וואַרשיינליך אין די יאָהרען תרכ״ב, תרכ״ג, האָט ער גלייכצייטיג געלערענט טעגליך אַ שעור אין „פייגעל׳ס קלויז״ פאַר בחורים לומדים און גדולי תורה.

צוליב זיין אויסערגעוויינליכע התמדה און פון צופיעל גייסטיגע אָנ־שטרענגונג איז ער קראַנק געוואָרען. ער האָט זיך דאריבער געמוזט צוריק־קעהרען אהיים וואו די דאָקטוירים האָבען איהם פארזאָגט אויפצוהערען פאַר אַ צייט צו לערנען. מעהר ווי אַ יאָהר האָט ער אפילו קיין ספר ניט געעפענט, אזוי שוואַך איז ער געווען. דאָס האָט געדויערט בערך ביז׳ן יאָהר תרכ״ה. נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין פיזיש באַטראַכט אַלס ערהאָלט, האָט ער אָבער געפיהלט זיך גייסטיג זעהר צובראָכען און געפאַלען. „אַ קלייניגקייט, אַזוי פיעל ביטול תורה!״

דאָס איז צו זעהן פון דעם עפּיזאָד וואָס דער באַוואוסטער גדול הרבנים, ר׳ גבריאל זאב מרגליות זצ״ל, האָט אַמאָל דערצעהלט דעם שרייבער פון דיזע שורות. אין יאָהר תרכ״ו ווען ער האָט, אַלס יונגערמאַן, נאָך זיין חתונה געגעסען קעסט ביי זיין שווער, דעם באַריהמטען צדיק ר׳ נחום׳קע הוראנדער, האָט דער לעצטער איינמאָל פרייטאָג פאַרנאַכט אין גרויס איילעניש צוליב קדושת השבת אויסגעליידיגט זיינע קעשענעס. האָט ר׳ גבריאל זאב דאָן געפונען צווישען אַנדערע פאַפּירלעך אַ בריוועל, וועמעס אינהאַלט האָט זיך טיילוויז געלעזען ווי פאָלגט:

„איך בעט זעהר מהוכ״ק ער זאָל אזוי גוט זיין און מתפלל זיין פאַר מיר, אַז השי״ת זאָל שטאַרקען מיין האַרץ כדי איך זאָל זוכה זיין איהם צו

דינען באמת ובלב תמים. איך ווייס מיין קליינינגקייט און נישטיגקייט, איך בין אַ זינדיגער, פול מיט זינד (יודע אני את מך ערכי כי חוטא ופושע אנכי). געשריבען פון איינעם וואָס שרייבט זעהר מיט אַ צובראָכען און אַנגעווייטאַגט האַרץ, ישראל מאיר ב״ר ארי׳ זאב הכהן מעיר ראדין״.

פרייטאג־צו־נאַכטס האָט דער נייגעריגער ר׳ גבריאל זאב געפרעגט ביי זיין שווער מכח דעם שרייבער פון דעם בריוועל, אויף וועלכעס דער לעצטער האָט געענטפערט:

„דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל, כ׳האָב שוין ערהאַלטען פון איהם עטליכע אזעלכע בריוו. ער איז א שאַרפער און וואוילער יונגערמאַן, אַ גרויסער בעל מח און בעל מעשים!״.

עס איז אגב כדאי צו דערמאָנען, אַז דער חפץ חיים האָט זעהר שטאַרק מפליא געווען ר׳ נחום׳ס גרויסקייט, אַמאָל שילדערענדיג ר׳ נחום׳קעס צדקות האָט ער זיך אויסגעדריקט וועגען איהם: „די העכסטע מדרגה וואָס א בשר ודם איז אימשטאַנד צו דערגרייכען אין עניני חסד, האָט ר׳ נחום׳קע דערגרייכט״ 1).

דער פאַקט אַז ער איז אזוי ערנסט קראַנק געוואָרען פון צופיעל אָנ־שטריינגונג און התמדה האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זיין גאַנצען לעבען. דאָס האָט פאַראורזאַכט אַז פון דאַמאָלט אָן זאָל אַלעס ביי איהם ווערען אָרגאַניזירט לויט אַ שטריינגען סדר. ער פלעגט עס שפעטער אָפטמאָל דערמאָנען אַלס ביישפיל אַז לערנענדיג טאָר מען ניט פאַרנאַכלעסיגען די מצוה פון „ונשמרתם מאד לנפשותיכם״ 2), און אַז די ריכטיגע טייטש פון מתמיד

1) דער חפץ חיים פלעגט ר׳ נחום׳ן באַצייכנען אַלס מוסטער פון פאָלקאָמענהייט ווי ווייט אַ מענש קאָן זיך אויסאַרבייטען. ר׳ נחום׳קעס נאָמען האָט געקלונגען אין גאַנץ ליטא. ער איז געווען אַן איש קדוש וטהור און איז באַטראַכט געוואָרען אַלס דער „יסוד ושורש העבודה״ פון זיין דור. אויסער זיין גרויסע צדקות איז ער געווען אַן אמת׳ער גדול בתורה. ער האָט אבער פון זיין תורה ניט געוואָלט ציהען זיין חיונה. פינף שעורים פלעגט ער טעגליך זאָגען אין די גראָדנער שוהלען אהן באַצאָהלונג. אויף זיין אָרימען לעבען האָט ער זיך צופרידען געשטעלט מיט די שכירות וועלכע ער פלעגט באַקומען אַלס שמש פון בית המדרש חברה ש״ס. ער איז כל ימיו געווען דער פאָטער פון הונדערטע יתומים ואלמנות, דער אמת׳ער פריינד פון אָרימע, קראַנקע און געפאַלענע, וועלכע ער האָט געשטיצט. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תקנ״ב און נפטר געוואָרען ח׳ מרחשון תר״מ אין גראָדנע.

2) זעה רמב״ם פי״א ה״ד מרוצח, וועלכער זאָגט: מצות עשה להסיר כל מכשול שיש בו משום סכנת נפשות, ולהשמר בדבר יפה יפה, שנאמר השמר לך ושמור נפשך. (זעה דעם „מנחת חינוך״ מצוה תקט״ו; אויך דעם „תורה תמימה״ דברים ד׳ ט׳.

איז אזוי ווי ר׳ הירש לייב פלעגט זאָגען: „צו לערנען אין צייט, עסען אין צייט און שלאָפען אין צייט". און אַז מאַנכעס מאָל איז דער חשק צו ווערען אַ גרויסער מתמיד, נאָר דעם יצר הרע׳ס אַ מיטעל צו פארפיהרען דעם מענשען. נישט קענענדיג פאַרטראָגען דעם בחור׳ס גרויסען באַגעהר צו לערנען, גיט ער איהם איין אַ געדאַנק אַז ער זאָל אָנפאַנגען לערנען אַכטצעהן אָדער צוואנציג שעה אַ מעת־לעת. דער סוף איז, אַז ער ווערט קראַנק און איז געצוואונגען גענצליך אויפצוהערען לערנען.

אַלסביישפּיל פלעגט ער דערצעהלען אַז ווען ער האָט איינמאָל אַן אווענט פארבראַכט אין לערנען מיט ר׳ אלי׳ קראַטינגער און ווען ס׳איז געקומען צעהן אַ זייגער, האָט יענער אַראָפּגעדרעהט דעם לאָמפּ, מיט דער באמערקונג: „מאָרגען איז אויך אַ טאָג, יעצט איז די צייט צו געהן שלאָפען".

אין יאָהר תרכ״ה איז ער אויפגענומען געוואָרען אַלס ראש הישיבה אין וואשילישאק, ווילנער גובערניע. אין דער ישיבה וואָס אַ געוויסער ר׳ יצחק הכהן קאַפּלאַן, אַן אָרטיגער נכבד און תלמיד חכם, האָט געגרינדעט. זיין געהאַלט איז געווען פופציג רובעל אַ זמן מיט קעסט, אין דעם הויז פון מיסד הישיבה.

איינמאָל אַן ערב־פּסח, ווען ער האָט, אָפּגעמענדיג די גאַנצע פופציג רובעל מיט איינמאָל, זיך געגרייט צו פאָהרען אַהיים אויף יום טוב, האָט ער זיך דערוואוסט אַז אַ שידוך פון אַן אָרימע שטעטעלשע יתומה האַלט ביים פאַנאַנדערגעהן צוליב דעם וואָס די כלה האָט ניט אויף חתונה הוצאות. די חתונה האָט נאָך געזאָלט פאָרקומען ראש חודש ניסן, און דאָ איז שוין עטליכע טעג פאַר פּסח, האָט ר׳ ישראל מאיר אַוועקגעגעבען דער אָרימער כלה זיין גאַנץ פאַרמעגען — די פופציג רובעל, ניט איבערלאָזענדיג זיך אפילו פאַר הוצאות הדרך. „נישקשה", האָט ער געזאָגט, „איך קען דאָך קריגען צו לייהען אויף הוצאות, אָבער אויף איהר איז דאָך נעביך אַ גרויס רחמנות!" און פאַר זיך האָט ער אַנטליהען אויף רייזע־קאָסטען צו פאָהרען אַהיים פון זעלבען ר׳ יצחק׳ן.

אין וואשילישאק איז ער געווען ראש הישיבה ביז׳ן יאָהר תרכ״ט.

ז.

ער גרינדעט אַ ישיבה

מיט זעכציג־זיבעציג יאָהר צוריק איז דער למוד התורה געווען בע־דייטענד פאַרשפּרייט כמעט אין אַלע שטעדט און שטעדטלאך פון פּוילען און ליטא. יעדער בית המדרש איז געווען אַ מקום תורה פאַר אַלט און יונג. די לאַנגע בית המדרש טישען פלעגען זיין באזעצט מיט לערנער: ווער גמרא, ווער פוסקים, ווער משניות, חומש, מדרש — אַלע האָבען געלערנט. אפילו די יעניגע וועלכע האָבען נישט פאַרשטאַנען די שוואַרצע פּינטעלעך, פלעגען אויך קומען פאַרטאָג אין בית המדרש און מיט אַ וויינענדיגען ניגון זאָגען תהלים. תורה איז דאַן, ווירקליך געווען, די בעסטע סחורה.

אַלע באַמיהונגען מצד דער רוסישער רעגירונג אָוועקצורייסען די קינדער פון די חדרים און די יונגע לייט פון די בתי מדרשים האָט געהאַט זעהר ווייניג ערפאָלג. די ספּעציעלע שולעס וואָס די רעגירונג האָט דאַמאָלס, אין איינקלאַנג מיט דער השתדלנות פון די משכילים, געגרינדעט פאַר די אידישע קינדער זיינען באזוכט געוואָרען פון אַ זעהר קליינעם פּראָצענט. ניט קיין בעסערען מזל האָבען געהאַט די רעגירונג סובסידירטע און קאָנ־טראָלירטע ראבינער סעמינאַריומס, וועלכע זי האָט געעפענט אין ווילנא, ווארשא און זשיטאָמיר. זיי זיינען אזוי ווי באָיקאָטירט געוואָרען פון כלל ישראל, ווייל דער רוב מנין ורוב בנין פון פאָלק זיינען געבליבען לאָיאַל צו די טראַדיציעס פון זייערע עלטערען.

דאָס אַלעס אָבער פאַסירט הויפּטזעכליך, אַ דאַנק די אייניגע גרויסע ישיבות וועלכע האָבען ווי שטאַרקע פעסטונגען באשיצט דאָס אידענטום. אין דיזע ישיבות זיינען קאָנצענטרירט געווען די בעסטע קעפּ, די שאַרפסטע מוחות פון דער אידישער יוגענד. די גייסטיגע אידישע פיהרער פון יענעם דור (ווי ר׳ יעקב בריט, ר׳ ישראל סאלאנטער, ר׳ הירש ליב וואלאזשינער, ר׳ יאָשע בער סאלאווייטשיק, א. א. וו.) האָבען פאַרשטאַנען אזוי ווי עס האָט פאַרשטאַנען ר׳ חיים וואָלאָזשינער בשעתו, אַז אין צייט פון גרויס געפאַהר, ווען דער שונא לויערט אויף אַלע גרעניצען, פאַרלאָזט זיך ניט דער געניטער גענעראַל אויף די קליינע גרופּעס זעלנער וועלכע זיינען צושפּרייט און צוטיילט איבער׳ן גאַנצען לאַנד, נאָר ער מאָביליזירט דאַן די פעהיגסטע יונגע לייט

און אָרגאַניזירט די בעסטע כחות אין פאַרשידענע סטראַטעגישע פונקטען. די גדולי הדור האָבן דאריבער געזוכט אַלע וועגען און מיטלען צו שאַפען וואָס מעהר און וואָס גרעסערע ישיבות.

לויט ר׳ ישראל מאיר׳ס אויפפאַסונג קומט אויס היות די ישיבה היינטיגע צייטען פאַרנעמט, אין אַ קלייגעם פאַרמאַט, דעם אָרט פון בית המקדש אמאָל. דאָס איז דער „מקדש מעט״, וואָס השי״ת האָט צוגעזאָגט די אידען אין גלות לויט׳ן נביא יחזקאל. אַלע אידען זיינען דאריבער פאַר־פליכטעט צו בויען אָט די הייליגע אינסטיטוציע, ווי די חז״ל זאָגען: „כל דור שלא נבנה ביהמ״ק בימיו מעלין עליו כאלו הוא החריבו״ (ירושלמי, יומא פ״י, ה״א) — דער דור, וואָס אין זיין צייט ווערט דער בית המקדש ניט געבויט, איז פונקט ווי עס וואָלט אין זיין צייט חרוב געוואָרען.

ווען אונזער יונגער גדול און צדיק איז קוים עטליכע און צוואנציג יאָהר אַלט געווען, איז ער באַהערשט געוואָרען פון אַ חשק צו בויען אַ ישיבה. ער האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטען פון אָנפאַנגען צו פארווירקליכען דעם געדאַנק, איידער ער האָט געהאַט אַ געלעגענהייט אויסצופּרובירען זיינע פערזענליכע כחות און פעהיגקייטען אויפ׳ן געביט פון הרבצת התורה. נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעפונען זיין ערפאָלג אַלס ראש הישיבה און מחנך פון יונגען דור, האָט ער באשלאָסען צו מאַטעריאַליזירען זיין אידעאַל, שאַפענדיג אַליין אַ ישיבה אין זיין היימאַט־שטעדטעל ראדין, באַקאַנט זייט דאַן אַלס „ישיבת חפץ חיים״, אין וועלכער עס האָט עד היום הזה פאַר קיין איין טאָג ניט אויפגעהערט דער קול התורה.

דאָס איז צו זעהן פון זיינעם אַן אייגענהעטיגען כתב־יד. ער שרייבט צווישען אַנדערעס וועגען זיין ישיבה:

„תחלת התיסדותה היתה מעת שבאתי מעיר וואשילישאק לראדין ששם אמרתי שעור בגפ״ת בשנת תרכ״ט לפ״ק. ומאז שבאתי לראדין הערני רוחי בע״ה לקבץ בחורים ואברכים ללימוד התורה. וגם נתן ה׳ בלבי לעורר אנשים אודות חלק הדיבור ולעשות פתיחה רחבה ולהציג לפני העולם את גדול ענינה. ונתן ה׳ חיני בעיני העולם וגם נתקבל דברי לענין קיבוץ של תורה יותר ויותר״. אין אידיש לעזט זיך עס טהיילווייז ווי פאלגט:

„דער אויבערשטער האָט מיר געגעבען חן אין די אויגען פון דער וועלט . . . און מיינע ווערטער בנוגע צום ענין פון אַ קיבוץ פאַר תורה (ישיבה) זיינען אָנגענומען געוואָרען מעהר און מעהר״.

אַלזאָ, ווי ער אליין דערצעהלט, האָט ער געגרינדעט די ישיבה אין יאָהר תרכ״ט, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין ראדין פון וואשילישאָק, וואו ער פלעגט זאָגען אַ שעור אין גמרא, פוסקים תוספות פאַר גרויסע בחורים לומדים, דאַן האָט זיך אין איהם דערוועקט דער גייסט צו שאַפען אין ראדין אַ קיבוץ פאַר בחורים און יונגעלייט . . .

די אהבת התורה איז אין יענעם געגענד ביי אַלעמען געווען זעהר שטאַרק. יעדער איינער האָט דאַן געזוכט זיך איינצושאַפען אַ חלק אין דער תורה און צו נעמען אַן אַנטייל אין בויען און אויפהאַלטען אַ ישיבה. אַלס אילוסטראַציע קאָן דינען דער עפּיזאָד, איבערגעגעבען פון מיסד פון לאָמזער ישיבה, הגה״צ ר׳ אליעזר שולאָוויץ זצ״ל, וועלכער האָט גראד געלערענט אין איישישאק (וועלכע איז אינגאַנצען צוועלף וויאָרסט פון ראדין), אומגעפעהר אין דער צייט, ווען דער חפץ חיים האָט געגרינדעט זיין ישיבה.

דער שטאָדישער מלמד פון איישישקער תלמוד תורה, וועמעס שכירות עס זיינען געווען צוואַנציג רובעל אַ זמן (אָדער פערציג רובעל אַ יאָהר), האָט איינמאָל פלוצלינג ערקלערט אַ סטרייק פאָדערענדיג אַ הוספה פון פינף־און־צוואנציג רובעל אַ יאָהר. ס׳איז געוואָרען אַ טומעל אין שטאָדט. מען האָט פאַררופען אַן אספה אויסצוהערען די טענות פון מלמד און צו באשטימען וואָס צו טהאָן מיט אַזאַ סטרייקער. דער מלמד האָט גע׳טענה׳ט, היות ווי יעדער בעל הבית אין שטאָדט האָט דאָס פאַרגעניגען פון אויסהאַלטען ביי זיין טיש אַ ישיבה־בחור אַמווענייגסטענס שבתים און ימים טובים, זעהט ער ניט אין פאַרוואָס ער זאָל זיין בארויבט פון אַזאַ מעגליכקייט. אויף דער פראַגע, ווארום ער פאָדערט דוקא אַזאַ גרויסע סומע, האָט ער מיט טרערען אין די אויגען געענטפערט: „מילא איך און מיינע בני בית קומען דורך ווי ס׳איז, אָבער צו האָבען אַ חשוב׳ן אורח ביי מיין טיש, דאַרף איך דאָך שוין צוגרייטען אַ בכבוד׳יגען שבת, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַן אורח אַ תלמיד חכם, און דאָס, האָב איך אויסגערעכענט, דאַרף מיר קאָסטען אומגעפעהר אַ האַלבען רובעל אַ וואָך״.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דעם איישישקער מלמד איז די הוספה ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג 1) ס׳איז געווען אַ דין תורה ביי אַ פרעמדען בית דין.

1) אין יענע יאָהרען אין אַזאַ שטאָדט ווי איישישאק איז די פאָדערונג פון אַזאַ הוספה פאַר אַ שטאָדט מלמד געווען זעהר אַ געוואַגטע. ווען מען פאַרגלייכט עס צו דער

און די דיינים האָבען ענדליך איינגעזעהן די גערעכטיגקייט פון דעם שטאָדט־מלמד'ס טענה און איהם צוגע'פסק'ענט די געפאָדערטע הוספה אויף זיינע שכירות.

די ראדינער בעלי בתים זיינען דאָן געווען העכסט צופרידען צו האָבען אַזאַ אינסטיטוציע אין זייער שטעדטעל. פון זייער זייט האָבען זיי זעהר פיעל ארויסגעהאָלפען אויפצוהאַלטען די ישיבה מאַטעריאל. אזוי ווי ס'איז דאמאלט געווען דער מנהג אין אלע קיבוצים, האָבען די תלמידים געלערענט אין אָרטיגען בית המדרש. די פרעמדע בחורים פלעגען עסען „טעג" ביי די שטעטעלשע בעלי בתים און געשלאָפען זיינען זיי דאָרטען, וואו זיי האָבען געלערענט, אויף די ביינק און שטענדערס פון בית המדרש.

שפעטער פלעגען די בחורים אליין ניט געהן אין די הייזער עסען „טעג", נאָר דער שמש פון בית המדרש, ר' גדלי', פלעגט געהן צו יעדער בעל הבית און ברייגנען פאַר די בחורים עסען אין ספעציעלע טעפלעך. ווי די אַלטע ראדינער פלעגען דערצעהלען אין אַ וויץ, פלעגט ער אָנהענגען די טעפעלעך ארום זיין גאַרטעל, איין זייט איז געווען פאַר פליישיגע און די צווייטע זייט — פאַר מילכיגע.

נאָכהער איז געשאַפען געוואָרען די „קדירה", ד. ה., אַזאַ ספעציעלע קיך. דאָס האָט געגרינדעט די פרוי פון ר' ישראל מאיר'ן. זעהענדיג ווי איהר מאַן באַזאָרגט די תלמידים מיט תורה, האָט זי זיך אונטערגענומען זיי צו באַזאָרגען מיט „קמח". זי פלעגט אליין ארומגעהן זאַמלען די נויטיגע פראָדוקטען פון די שטעטעלשע אידען און דערבייאיגע ישוב'ניקעס און מיט דער הילף פון איהרע טעכטער עס אליין קאָכען און סערווירען.

ענדליך איז איינגעפיהרט געוואָרען דער סטיפענדיום־סיסטעם, וואָס עקזיסטירט ביז היינטיגען טאָג, ד. ה. יעדער תלמיד באקומט אַ געוויסע וועכענטליכע אָדער מאָנאַטליכע שטיצע פון דער ישיבה־קאַסע צו דעקען זיינע נויטיגע הצטרכות'ן, ווי עסען, שלאָפען, קליידונג, א. א. וו.

ערצעהלונג אַז דער בעל „שאגת אריה" האָט אין יאָהר תקט"ו פאַרלאָזען זיין רבנות־שטעלע אין וואלאזשין און איז אַוועק קיין מינסק וויל די וואלאזשינער בעלי בתים האָבען איהם ניט געהעכערט די געפאָדערטע הוספה פון 5 קאָפיקעס אַ וואָך אויף זיינע וועכענטליכע שכירות פון צוויי גילדען. די נכבדי העיר האָבען פאַררופען אַן אספה און האָבען ניט געקאָנט געפינען קיין מקור פאַר אַזאַ גרויסע הוספה... (זעה תולדות רבנו חיים מוואלוזין הערה דף ו' ע"ב).

זעלבסטפארשטעדליך, אז פונקט ווי אין מאטעריאלען זין, אזוי אויך גייסטיג, האט די ישיבה דורכגעמאכט א כסדר'דיגע אנטוויקלונג. אין אנפאנג איז זי געווען אויף א קליינעם פארמאט. די תלמידים זיינען געווען מערסטענס פון שטעדטעל און פון די נאהענטסטע שטעדטלעך ארום. וואס ווייטער איז די ישיבה אלץ מעהר ערפאלגרייך געוואקסען. בחורים פון נאהענט און ווייט האבען, דערהערענדיג פון דעם נייעם מקום תורה, זיך געלאזט צופוס קיין ראדין.

און ר' ישראל מאיר האט אזוי ווי א יונגער פאטער, וועלכער פרעהט זיך מיט זיינע קליינע קינדער, יעדען איינעם אויפגענומען מיט אפענע ארמס. ער פלעגט איבער די בחורים זיין השגחה אויסאיבען ס'זאל זיי ניט פעהלען קיין זאך. אויף יעדען איינעם האט ער געהאלטען אן אויג, פאר יעדען איינעם האט ער זיך געזארגט.

ווי ס'איז שוין אויבען דערמאנט געווארען, פלעגען די בחורים שלאפען אין ארטיגען בית המדרש. האט זיך דער יונגער ראש הישיבה דערוואוסט, אז די בעלי בתים, קומענדיג פארטאג לערנען און דאווענען, שטערען די תלמידים אין זייער שלאפען, האט ער זיך א געוויסע צייט, ווי א גוטער טאטע, מקדים געווען צו קומען נאך פריהער און זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טיהר, און וועלכער איד ס'איז אריינגעקומען איהם אויפמערקזאם געמאכט צו געהן שטיל, כדי ניט אויפצואוועקען חלילה די קינדער, וועלכע שלאפען. ער האט דאן מתקן געווען, אז די משכימים זאלען דאווענען און לערנען אין זייטיגען שטיבעל ביים בית המדרש כל זמן די בחורים שלאפען.

ער אליין דערצעהלט אין זיין תמימות אין דעם אויבענדערמאנטען כתב־יד: „לא העלמתי עיני מהישיבה להחזיקה ולהרבותה ולהשגיח עליה בכל הענינים".

האבענדיג אזא איבערגעגעבענעם פארזארגער, האבען זיך טאקע די קינדער מיט'ן יוגענט־פייער פארטיעפט אין לערנען. די התמדה איז געווען אויסערגעוועהנליך גרויס, פון וועלכעס דער יונגער ר' ישראל מאיר האט מקבל געווען פיעל נחת.

איינמאל האט ר' ישראל מאיר באמערקט ווי א פרעמדער בחור, קומענדיג נאר וואס פון וועג, האט זיך גלייך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל איבער א גמרא און געלערענט זעהר געשמאק. ער האט גלייך פארשטאנען, אז מסתמא האט דער בחור נאך ניט געגעסען. איז ער אוועק אהיים און האט

שטילערהייט געבראַכט אַ טעפּעלע געקעכטס מיט ברויט און עס אויף אַ באַהאַלטענעם אופן אָוועקגעשטעלט לעבען מתמיד.

דער בחור, זייענדיג ארייגגעטהאָן אין לערנען, האָט קיין זאַך ניט באַ־מערקט און האָט ווייטער פאַרגעזעצט זיין למוד. האָט זיך ר׳ ישראל מאיר עטליכע מאָל בכיוון ארומגעדרעהט ניט ווייט פון בחור און נאָכהער איז ער צוגעגאַנגען צו איהם און געזאָגט: „דאַכט זיך, אָן אורח? שלום עליכם! כ׳זעה, אַז עס שטעהט לעבען אייך עפּעס אַ טעפּעלע מיט עסען. אימיצער האָט עס, מסתמא, פאַר אייערטוועגען געבראַכט. עס וועט דאָך קאַלט ווערען, פאַרוואָס׳זשע עסט איהר ניט? אויף וואָס וואַרט איהר״? און דער בחור האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז ער איז טאַקע הונגעריג . . .

ער פלעגט אויך גלייכצייטיג היטען, אַז די בחורים זאָלען ניט לערנען צו שפּעט אין דער נאַכט. ניט איינמאָל פלעגט ער נאָך צוועלף אוהר ביינאַכט אריינקומען אין בית המדרש און פאַרלעשען די לאָמפּען, בעטענדיג זיך ביי די בחורים, אַז זיי זאָלען געהן שלאָפען און אָפּהיטען זייער געזונט.

ער האָט אויך געשפּירט די באזונדערע נויטיגקייט צו באזאָרגען מיט בעסערע עסען און מיט אַנדערע באַקוועמליכקייטען די שוואַכערע און מעהר מפונק׳דיגע תלמידים. ניט איינמאָל האָט דער חפץ חיים זיך אויסגעדריקט וועגען אַ שוואַכערען בחור: „זיין עסען איז ביי מיר טייערער ווי זיין לייגען תפילין״ . . .

דערצעהלט ר׳ לייזער אידל, דער שניפּישקער מגיד, אַז אַלס יונגער בחור איז ער וועלענדיג מקיים זיין דעם „הוי גולה למקום תורה״, געקומען קיין ראדין. עס איז שוין געווען נאָך זונאונטערגאַנג, ווען ער איז אָנגעקומען אין שטעדטעל. ער איז גלייך אריין אין בית המדרש. אָן אויסגעמאַטערטער האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ באַנק און איז גלייך געשמאַק איינגעשלאָפען. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ארום פיער אַזייגער פאַרטאָג, האָט ער דער־פיהלט, אַז ער איז צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע און עפּענענדיג די אויגען האָט ער דערזעהן, אַז ר׳ ישראל מאיר שטעהט לעבען איהם. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטען אַ קישען און אין דער צווייטער — אַ פלאַש מיט וואַרימער מילך, און ער רעדט:

„ס׳איז דאָך אייך הארט צו ליגען״, און ער רוקט איהם אונטער די קישען צוקאָפּענס. „ס׳איז דאָך אייך, מסתמא, קאַלט, אָט טרינקט, זייט אזוי גוט, די מילך, וועט אייך זיכער אַביסעל דערוואַרעמען״.

אויף צו מארגענס האט ער אפגעווארט ר׳ לייזער אידלען, כדי ער זאל געהן מיט איהם אהיים עסען אנבייסען . . .

אזוי איז געלייגט געווארען דער ערשטער פונדאמענט פון דער יעצטיגער וועלט־באריהמטער גרויסער ישיבה, וועלכע טראגט דעם הייליגען „חפץ חיים״ נאמען.

עס וועט אבער זיין ריכטיגער צו זאגען, אז ניט ר׳ ישראל מאיר האט געשאפען א ישיבה, נאר די ישיבה איז געווארען פון זיך אליין געשאפען. עס איז געשאפען געווארען די ישיבה ארום איהם, ווייל אין צענטער פון איהר איז געשטאנען דער גרויסער אוהב תורה. זיין דינאמישע פערזענליכקייט האט אלעמען געצויגען אהין וואו ס׳האט אזוי פראכטפול געבליהט און גע־וואקסען דער „עץ החיים״ — די ישיבה.

ח.

זיין ערשטער ספר

אין „ספר חסידים" (סימן תק"ל) ווערט געזאָגט: „מי שמחדש חידושים ואינו כותב אותם הרי זה כובש נביאתו — דער וועלכער איז מחדש חידושים און פאַרעפּענטליכט זיי ניט פאַר דער וועלט באַגעהט אַ זינד אַזוי ווי אַ נביא אויב ער פאַרהאַלט ביי זיך די נבואה וועלכע איז אַנטפּלעקט געוואָרען צו איהם".

ר' נחמן בראַצלאַווער פלעגט זאָגען, אַז דער וואָס קען שרייבען אַ ספר און טהוט עס ניט איז אַזוי ווי ער וואָלט פאַרלוירען אַ קינד. פיעלע גדולים וועלכע האָבען געשריבען ספרים פלעגען טאַקע פאַר'משכנ'ען זייער ביסעל אַרימקייט אַבי צו דרוקען זייערע ווערק. זיי האָבען באַטראַכט דעם ספר אַלס בעסטען מיטעל צו פאַראייביגען זייער געדעכניש און מאַכען זייער נאָמען אונשטערבליך. זיי האָבען זיך געשטיצט אויף אַ מאמר חז"ל, אַז אויב די לעבעדיגע זאָגען נאָך אַ גוטע זאך אין נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם פאַר־אורזאַכען זיי אַז זיינע ליפּען זאָלען זיך באַוועגען אין קבר.

עס האָבען זיך פון דעסטוועגען געפונען מאַנכע גדולים וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געזוכט ארויסצוגעבען אַ ספר. זיי האָבען געהאַלטען אַז „זה ספר תולדות אדם", אַז דער בעסטער ספר זיינען גוטע קינדער, אַז אַנשטאַט זיך צו פאַראייביגען דורך אויסדריקען די געפיהלען און געדאַנקען אויף אַ טויטען געגענשטאַנד, ווי פּאַפּיר אָדער פּאַרמעט, איז וויכטיגער און מעהר ווירקזאַם עס אויסצודריקען אויף די יונגע הערצער פון זייערע קינדער און תלמידים. אַזעלכע לעבעדיגע און צאַפּלדיגע ספרים האָבען זיי געפיהלט זיינען מעהר ווערטהפול און דויערהאַפטיג ווי אַ שטומער ספר.

„צו שרייבען ספרים איז קיין ענדע ניטאָ", ערקלערט קהלת. כדי צו פאַרשטעהן גוט די פולע באַדייטונג פון אַ געוויסע לעהרע, איז וויכטיג אַז דער תלמיד זאָל עס לערנען דירעקט פון זיין רבי'ן, אַז ער זאָל הערען די ווערטער ווי זיי געהען ארויס פון זיין מויל, און פיהלען די קלאַנגען פון

זיין שטימע. נאָר אויף אַזאַ אופן איז מעגליך געגוי צו לערנען די אינערליכע כוונות פון דער תורה.

די אידען האָבען טאַקע אַמאָל פאַרמאָגט אַ גרויסע און רייכע „תורה שבעל פה", אַ מויל צו מויל, און האַרץ צו האַרץ תורה, וועלכע האָט ערקלערט און באלויכטען די תורה שבכתב, די שריפטליכע תורה — דעם תנ"ך. אזוי האָט זיך דאָס יודענטום געפיהרט פאַר פיעלע הונדערטע יאָהרען. ביז דער תקופה פון די חכמי המשנה און עס וואָלט זיכער אזוי פארבליבען ווען ניט דער ביטערער גלות מיט זיינע גרוילהאַפטע קאָנסעקוועגצען וועלכע האָבען צוטרייסעלט דעם נאָרמאַלען אידישען לעבען. איז געקומען רבי יהודה הנשיא מיט די חכמים פון זיין דור און האָבען סיסטעמאַטיזירט און פאַרוואַנדעלט אין שריפט די תורה שבעל פה, דעם תלמוד, אַנדערש וואָלט די תורה פאַר־געסען געוואָרען צוליב די שרעקליכע אומשטענדען וואָס אידען איז אויסגע־קומען צו לײדען.

עס איז לייכט צו פאַרשטעהן אַז אויב צו לערנען קלאָר אַ הלכה איז בעסער דורך פערזענליכען קאָנטאַקט צווישען תלמיד און רבי'ן, אַ פשיטא שוין אַזעלכע ענינים וועלכע האָבען צו טהאָן מיט עטהישע און מאָראַלישע פרינציפּען. ס'איז דאָך אַ כלל אַז „דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב", ווערטער וועלכע געהען ארויס פון האַרצען דרינגען אריין אין האַרצען.

דער יונגער ר' ישראל מאיר אין זיין אינערליכען דראנג צו דערהויבען זיין פאָלק צו אַ הויכער מאָראַלישער מדרגה, איז ניט געבליבען צופרידען בלויז מיט די תלמידים ארום איהם וועלכע זיינען געווען אונטער זיין השפעה. אויך אין „ספר חסידים" האָט ער געזעהן ווערט געבראַכט אַז אַזאַ מצוה וועלכע איז פאַרנאַכלעסיגט ביים פאָלק איז אַקוראַט ווי אַ מת מצוה, און אַז אַזאַ מצוה וועלכע האָט ניט קיין בעלנים, וועלכע זאָלען זיך נאָכיאָגען נאָך איהר, באַקלאָגט זיך פאַר כביכול: „פאַרוואָס בין איך ערגער פון אַלע מיט דעם וואָס קיינער וויל מיט מיר אין באריהרונג ניט קומען", און דאָס שאַפט אַ קטרוג אויף אידען. ווען ער האָט זיך איבערצייגט אַז מעהר ווי אַלעס איז ביי מענשען פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען זיין כח הדבור, אַז די מצוה פון „שמירת הלשון", דאָס אָפּהיטען דעם צונג פון שלעכטס איז ממש הפקר, האָט ער גלייך באַשלאָסען זיך מתעסק צו זיין אין דער מצוה. „אַ קלייניגקייט", פלעגט ער זאָגען, „די מענשליכע מויל, זי איז דאָך עלול אריינצושלעפּען דעם מענשען אין אַ זומפּ פון לשון הרע, רכילות, שקר, חניפה, לצנות, מחלוקת, כעס,

גאוה, אונאת דברים און הלבנת פנים. די מויל איז דאָך אימער צוזאַמען מיט'ן מענשען. זי איז דאָך אין פארגלייך מיט אַנדערע טיילען אזוי ווי אַן עלעקטרישע מאַשין וועלכע אַרבייט בליץ־שנעל און קען אין איין רגע פראָדוצירען אַן אונגעהייערע צאָהל זינד. זי איז דאָך אזוי ווי אַ הויז־גנב פון וועמען ס'איז זיך שווער אויסצוהיטען!"

ער פלעגט אַלס אילוסטראַציע דערמאָנען די תלמוד'ישע מעשה'לע אַז רבי שמעון בן יוחאי האָט אַמאָל געזאָגט, ווען איך וואָלט געשטאַנען ביים באַרג סיני, אין דער צייט ווען די תורה איז געגעבען געוואָרען צום פאָלק ישראל, וואָלט איך דאַמאָלס געפאָדערט פון אויבערשטען אַז ער זאָל באשאַפען יעדען מענשען מיט צוויי מיילער — איין מויל אויף צו לערנען די הייליגע תורה, און די אַנדערע צו באַנוצען אויף וואָכעדיגע ענינים. דער זעלבער תנא האָט אָבער נאָכהער געביטען זיין מיינונג ווען ער האָט איינגעזעהן אַז עס איז ניט אויסצוהאַלטען פון די צרות וואָס דער מענש ברייננגט אויף זיך באזיצענדיג בלויז איין מויל. קען מען זיך שוין פאַרשטעלען דעם אונערטרעגליכען שאָדען פון צוויי מיילער.

אַלזאָ, ארום דער זעלבער צייט ווען דער יונגער ר' ישראל מאיר האָט זיך אָפגעגעבען מיט לערנען און פאַרשפרייטען תורה, האָט ער אויך עוסק געווען אין שרייבען זיין ערשטען ספר כדי צו לערנען דאָס פאָלק ווי אזוי צו פאַרהייליגען די מויל.

דער באַוואוסטער לאָמזער ראש ישיבה, הגאון ר' יחיאל מרדכי גאָרדאָן, דערצעהלט, אַז ער האָט אַמאָל אליין געהערט פון חפץ חיים'ס הייליגע מויל אַז זיין ערשטען חבור האָט ער געמאַכט ווען ער איז אַלט געווען אַכט־און־צוואַנציג יאָהר. מיט דעם האָט ער וואַרשיינליך געמיינט די „פתיחה", אָדער אָפּהאַנדלונג וועגען לשון הרע, וועלכעס ער האָט, ווי עס ווייזט אויס, צוערשט פאַרפאַסט אַלס אַ באַזונדערען קונטרס און שפּעטער עס באַהעפט צום ספר חפץ חיים, ווי ער אליין שרייבט אין זיינעם אַן אייגענהעטיגען כתב יד.

„וגם נתן ה' בלבי לעורר אנשים אודות חלק הדבור שלא יהי' הפקר, ולעשות פתיחה רחבה להציע לפני העולם את גודל ענינה. ונתן ה' חיני בעיני העולם שנתקבל דברי... ובשנת ל"א ול"ב חברתי את הספר „חפץ חיים" ח"א וח"ב ונתתי לבי להוציא לאור ועזרני השי"ת שבשנת ל"ג הדפסתיו כולו. ונתחזק הקבוץ ג"כ בע"ה..."

אין אידיש לעזט זיך עס טהיילווייז ווי פאָלגט:

„דער אויבערשטער האָט אויך דאַן אַריינגעגעבען אין מיין האַרץ דעם געדאַנק אויפמערקזאַם צו מאַכען די מענשען, אַז זיי זאָלען ניט דערלאָזען זייערע רייד זאָלען זיין הפקר, און צו פאַרפאַסען אַ ברייטע אַפהאַנדלונג באַקאַנט צו מאַכען די וועלט וועגען דיזען וויכטיגען ענין. דער אויבערשטער האָט מיר געגעבען חן אין די אויגען פון דעם וועלט, אז מיינע ווערטער זאָלען אָנגענומען ווערען. אין די יאָהרען תרל״א, תרל״ב האָב איך מחבר געווען דעם ספר „חפץ חיים״ אין צוויי טיילען, און האָב אין מיין האַרץ אַפגעמאַכט עס צו פאַרעפענטליכען. האָט השי״ת געהאָלפען אז אין יאָהר תרל״ג האָב איך עס אָפגעדרוקט אין גאנצען און די ישיבה איז דאַן אויך פאַרשטאַרקט געוואָרען״.

אגב איז פון די לעצטע ווערטער צו זעהן אַז זיין געדאַנק איז אימער געווען צו פארזיכערען דעם ערפאָלגרייכען וואוקס פון זיין ישיבה אין אלע הינזיכטען.

מענשען לערנען זיך ווי אזוי און וואָס צו ריידען. דאָס פאַרנעהמט א וויכטיגען פלאַץ אין דער פראָגראַמע פון ערציהונג. לויט׳ן חפץ חיים אבער פאָדערט זיך מעהר טאַקט און חכמה צו וויסען ווי אזוי און ווען צו שווייגען. ווי דער תלמוד ערקלעהרט: „מה אומנתו של אדם בעולם הזה ישים עצמו כאלם״ (חולין פ״ט) עס איז אַ פאַקט, אַז צו זיין אַ פראָסטער ארבייטער, ווי האַקען שטיינער, גראָבען ערד, אדער טראָגען ציגעל, פאָדערט זיך ניט קיין ספעציאַליטעט, מען דאַרף ניט זיין קיין בעל מלאכה אויף דעם. אז די חכמים דריקען זיך אויס, אז דער מענש דאַרף זיין א „אומן״, א געלערנטער פאַכמאַן אום צו וויסען ווי אזוי צו זיין שטום, קען מען פארשטעהן די גרויסע קונסט פון שווייגען (שמירת הלשון, שער התבונה).

כדי צו פאַרווירקליכען זיין אידעאַל האָט ער זיך ניט פארלאָזט בלויז אויף זיין ספר, נאָר ער אליין פלעגט פערזענליך ביי יעדער געלעגענהייט ריידען צום פאָלק און זיי לערנען די קונסט צו קענען שווייגען ווען נויטיג. ער פלעגט אויך ערמוטיגען זיינע תלמידים אז זיי זאָלען זיך לערנען צו האַלטען דרשות. „צום פאָלק איז דאָך א מצוה צו ריידען. ריידען אויפ׳ן פאָלק, חלילה! דאָס ניט! ווען דער נביא ישעיהו האָט גערעדט אויפ׳ן פאָלק, זאָגענדיג, אַז ער זיצט צווישען א פאָלק מיט אומריינע ליפען, איז ער גלייך געשטראָפט געוואָרען, אַז זיין צונג איז אָפגעבריהט געוואָרען. ער איז אָבער באוואונדערט געוואָרען פאר זיינע שטאַרקע און ביטערע שטראָף־רייד וואָס ער האָט גערעדט צום פאָלק״.

איינמאָל איז געקומען צו איהם א תלמיד און האָט זיך באַקלאָגט פאַר איהם: „רבי, איהר זאָגט אונז כסדר אַן אַז מיר זאָלען דרשן׳ען פאַר׳ן עולם, אָט האָב איך גערעדט צוויי שטונדען נאָכאַנאַנד פאַר אַ געפּאַקטער שוהל און איך זעה ניט, אז איך זאָל האָבען עפּעס געווירקט מיט מיינע רייד, אפילו איינער זאָל בעסער ווערען! טאָ וואָס־זשע איז די פּעולה פון דעם?״

האָט איהם דער רבי אויף דעם געענטפערט:

„ס׳איז מיר א פּלא אויף אייך אז איהר זאָלט אזוי ריידען. איהר ווייסט דאָך דעם מאמר וואָס דער ווילנער גאון ברייגגט אין זיינעם א ספר, אַז פאַר יעדע רגע וואָס אַ מענש קאָנטראָלירט זיך און האַלט זיין מויל פאַרמאַכט וועט ער זוכה זיין צו געניסען לעתיד לבא פון אַזאַ פּראַכטפולע ליכטיגקייט (אור הגנוז) פון וועלכע אן ערדליכע באַשעפעניש האָט גאָר קיין אהנונג ניט. דאָס איז דאָך בלויז, האָט דער חפץ חיים אויסגעפיהרט, „פאַר איין איינציגע רגע שווייגען, היינט שטעלט זיך פאַר דעם שכר פון אָפּהאַלטען אן עולם צוויי שטונדען נאָכאַנאַנד פון צו ריידען שלעכטס? צו מאַכען זיי שווייגען פאַר אַזאַ צייט איז דאָך שוין גאָר נישט משער צו זיין די גרויסקייט פון דער מצוה! ווילט איהר נאָך מעהר?״

צו דערגרייכען פאָלקאָמענהייט אויף וועלכען ס׳איז געביט איז אַן ענין פאַר יחידי סגולה. עס איז א שטרעבונג פאַר די אויסדערוועהלטע אינדיווידו־עלען. פאָלקאָמענהייט איז אָבער נויטווענדיג אַלס ציל פאַר יעדען רעכט־דייג־קענדען און ערנסט־פיהלענדען מענשען; וואָס העכער און שעהנער דער תכלית אַלץ נאָבעלער קומט ארויס זיין טהאַט. בכלל איז דאָס שטרעבען אליין אַן און פאַר זיך שוין אויך א גרויסער ענין. אזוי ווי אונזערע אַלטע חכמים זאָגען: „אַ מענש זאָל אלעמאָל זאָגען: ווען וועלען מיינע טהאַטען דערגרייכען צו אַזאַ מדרגה ווי די מעשים פון מיינע עלטערען.״ דאָס מיינט אין אנדערע ווערטער, אַז די שטרעבונג מוז אַלעמאָל זיין גרעסער ווי דיווירקליכע דערגרייכונג.

דאָס וואָס דער מענש קאָן ניט זיין פערפעקט מיינט נים, אַז ער דאַרף דעריבער פאַרנאַכלעסיגען זיין פליכט צו טאָן גוטעס. רפואת הנפש דאַרף ניט זיין אַנדערש ווי רפואת הגוף. אויב אפילו דער פּאַציענט ווייס, אז דער דאָק־טאָר קען איהם פאָלקאָם ניט אויסהיילען פון זיין קראַנקהייט, נעהמט ער פונ־דעסטוועגען זיינע רפואות, ווייל „חיי שעה״ איז אויך אַן ענין, יעדע שטונדע לעבען באַטראַכט ער אַלס געווינס. טאָ פאַרוואָס זאָל זיך דער מענש אין

רוחניות׳דיגען זין זיך פיהרען אנדערש? האט דער יונגער צדיק ניט געקאנט פארשטעהן.

אבער ניט ביי אלעמען איז דער שעהנער אידעאל א מיטעל צו אינספי־רירען א גוטען טהאט. אויפ׳ן איבערפלעכליכען געדאנק האט עס אמאל א פארקעהרטע ווירקונג. למשל: איינע פון די הויפט סבות פון מענשען׳ס גלייכ־גילטיגקייט בנוגע אפצוהיטען די מויל פון לשון הרע אין זיין דיינקען, אז היות ער מוז דאך צוליב זיין עקזיסטענץ האבען עסקים מיט מענשען, דארף ער זיין געזעלשאפטליך און פריינדליך מיט אלעמען, און דאריבער איז פאר איהם אוממעגליך כסדר צו וועגען און מעסטען יעדען ווארט וואס ער וויל ארויס־ריידען; און בכלל כדי צו האלטען כסדר דעם צונג אונטער קאנטראל פאר־דערט זיך אומענדליכע מיה און אנשטרענגונג, לאזט ער איבער זיין מויל גאר אויף הפקר. „דאס״, פלעגט ר׳ ישראל מאיר זאגען, „איז דאך די כונה פון ר׳ יוחנן בן דהבאי׳ס ווערטער אין אבות דר׳ נתן (כ״ז) „אל תרחק את עצמך ממדה שאין לה קצבה״, דאס הייסט, דערווייטערט זיך ניט פון אזא מידה, וועלכע האט קיין גרעניצען ניט איהר אפצוהיטען. ער פלעגט עס ערקלערען דורך דעם פאלגענדען משל:

„ווען איינער שטעהט ניט ווייט פון א ברעג ים און זעהט ווי דער ים שפייט אויס אייניגע קאסטבארע שטיינער, היתכן, אז ער וועט זיך דאן פוילען אנצושטרענגען צו לויפען כאפען דעם אוצר צוליב דעם וואס עס איז ניט דויערהאפטיג, אדער ווייל ער וועט בלויז זיין אימשטאנד צו קלייבען די טייערע בריליאנטען פאר א קליינער ווילע?״

דער מענש דארף דאריבער לערנען צו פארשטעהן אלע שפיצלעך און אונטערוועגעלעך פון צר הרע בנוגע לשון הרע. אויב אפילו דאס לערנען וועט איהם ניט העלפען הונדערט פראצענט, אין א גרויסער מאס אבער וועט עס געוויס האבען א ווירקונג.

דער עלעמענטארער פרינציפ, אז אן אומריינער צונג איז א סימפטאם אז דער אינערליך פיזישער צושטאנד איז ניט נארמאל, איז אויך סימבאליש אין גייסטיגען זין. א מאראליש־אומריינער צונג איז א באוויז אז דער אינער־ליכער סיסטעם פון דער מענשליכער נשמה פונקציאנירט ניט ווי געהעריג. ר׳ ישראל מאיר האט דעריבער געווידמעט זיינע יוגענדליכע כחות צו היילען די מענשהייט פון דער גרעסטער גייסטיגער עפידעמיע — לשון הרע ורכילות.

ט.

אַ ספר פאַר׳ן פאָלק

א ספר איז די פּרוכט פון מחבר׳ס מח, דער רעזולטאַט פון זיין פיהלען און דיינקען; עס איז דער אויסדרוק פון זיינע מחשבות און די אינטערפּרע־טאַציע פון זיינע באַגריפען. דער ערנסטער מחבר, וועלכער זוכט ניט צו קאָמערציאַליזירען זיין ווערק, וועט זעלטען נעמען די מיה צוצופּאַסען זיין דיינקונגס אַפּאַראַט צום געברויך פון פאָלק. אמת, דער דור אזוי גוט ווי די סביבה האָבען א ווירקונג אויף דעם געדאַנקען גאַנג פון פּאַרפאַסער, דאָך אין זיין באַוואוסטזיין באַמיהט ער זיך אונטערצושטרייכען זיין אייגענאַרטיגקייט און אָריגינאַליטעט אין אלע זיינע שאַפונגען. ער לערנט און שטודירט, ער זוכט און פאָרשט לויט זיין אייגענעם געשמאַק און זיינע פּערזענליכע נייגונגען. ווען עס געלינגט איהם צו אַנטדעקען עפּעס נייעס, וועט ער ניט רוהען און ניט זיין צופרידען ביז וואַנעט ער איז אימשטאַנד איבערצוגעבען די רעזולטאַ־טען צו אַנדערע. אזוי איז די נאַטור פון מענשען. ווי ס׳האָט אַמאָל באַמערקט א געוויסער גדול, ווען מען זאָל דעם מענשען אויפהויבען אין דער הויך און עפענען פאַר איהם אַלע זיבען הימלען מיט זייערע וואונדערס און מאַכען איהם באַקאַנט מיט אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך, וואָלט פונדעסטוועגען זיין צופרידענהייט ניט געווען פאָלקאָם אויב מען וואָלט איהם ניט ערלויבט אַראָפּ־צוגעהן און דערצעהלען אַנדערע וועגען אלעס וואָס זיינע אויגען האָבען געזעהן.

עס איז אַ פאַקט, אז די רבנ׳ישע, אדער אידיש־רעליגיעזע ליטעראטור באַשטעהט טיילוויז פון אַזעלכע ווערק וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען צו־פעליג און זיינען זעלטען פאראויס געפּלאַנט געוואָרען ביי זייערע מחברים. שווימענדיג אין דעם אזוי גערופענעם „ים התלמוד״, האָבען זיי דאָ און דאָרט געפונען פאַרשידענע פּערעל וועלכע זיי האָבען סאָרטירט און זיי צוזאַמענגע־בונדען אויף פאַרשידענע שנירלעך, מאַכענדיג זיי נוצבאַר און ווערטהפול פאַר אַנדערע.

אַנדערש איז אָבער געווען אונזער יונגער מחבר. צו גרויס און הייליג איז ער שוין דאַן געווען אז ער זאָל וועלען זוכען אונשטערבליכקייט און פערזענ־ליכע באריהמטקייט דורכ'ן געדרוקטען וואָרט; דאָס וואָלט דאָך אין א געווי־סער מאָס געמיינט צו אַרבייטען בלויז פאר'ן „עגאָ", פון וועלכעס דער יונגער צדיק איז שוין דאַן געווען ווייט. זיין באַגעהר צו שרייבען א ספר איז אויך ניט געווען דיקטירט פון אן אינערליכען דראַנג צו באַקענען אַנדערע מיט זיינע געפיהלען און געדאַנקען, דאָס וואָלט געמיינט באַלעסטיגען אַנדערע, ווי ער אַליין דערצעהלט אין זיינעם אַן אייגענהאַנדיגען בריעף געשריבען ג' אלול, תרפ"ה:

„וחלילה לא העמסתי על העולם בחבורים שונים רק אותן שראיתי היותר נחוצים הבאתים אל הדפוס.—

איך האָב חלילה ניט באַלעסטיגט די וועלט מיט פארשידענע חבורים. איך האָב בלויז ארויסגעגעבען די וועלכע איך האָב זיך פריהער איבערצייגט, אַז זיי זיינען דורכאויס נויטיג און וויכטיג."

אלעס איז פאַר איהם געווען פאַראויס אויסגערעכענט און געניי געפלאַנט. ער האָט צוערשט אויסגעפונען וואָס דאָס פאָלק דאַרף, און ער האָט ער פאַר זיי געשאַפען. אין אַנדערע ווערטער, ער האָט געשריבען אַ סך ספרים, געשאַפען א סך מאַנוסקריפּטען, אָבער פאַרעפענטליכט האָט ער בלויז דאָס וואָס ער האָט באַטראַכט אַלס זעהר נוצליך.

א טעות מאַכען די יעניגע וועלכע דיינקען אז ר' ישראל מאיר איז געווען אַ צוריקגעצויגענער און א דערווייטערטער פון דער וועלט און אַז ער האָט מעהר ווי די „ד' אמות של הלכה" ניט געוואוסט. ווי מען זעהט פון זיין ספר, וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבען ווען ער איז נאָך קיין דרייסיג יאָהר ניט אַלט געווען, האָט ער שוין גאָר פאַרשטאַנען די וועלט. ער האָט דאַן פוןווירקליכען לעבען געהאַט שטודירט און געלערענט די פאַרשידענע מענשליכע נייגונגען, די אייגענאַרטיגע פסיכאָלאָגיע פון יחיד, וועגען זיינע גייסטיגע כחות און נסיונות. ער האָט שוין דאַן געניי, ווי א גוטער ספעציאַליסט, פאַר־שטאַנען צו באַהאַנדלען ערפאָלגרייך די פּראָבלעמען פון גוטס און שלעכטס אָדער די אינערליכע מלחמה אין מענשען צווישען יצר טוב און יצר הרע.

ער פלעגט, צוםביישפיעל, זאָגען אומגעפעהר אזוי:

דער מענש דאַרף אימער זיין אין קריגס־צושטאַנד מיט'ן יצר הרע. „לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע" (ברכות ה'), פאַרזאָגען אונזערע

חכמים, ד. ה. אז מען מוז שטענדיג זיין אין מלחמה מיט'ן יצר הרע, קיינמאָל ניט מאַכען שלום מיט איהם.

עס איז גאַנץ פשוט, פלעגט ער צוגעבען, צו זיין איין קליינע ווילע מיט'ן יצר הרע צוזאַמען איז אזוי ווי צו זיין א „דר עם נחש בכפיפה אחת"— צו וואָהנען מיט א שלאַנג אין איין שטייג. די געפאַהר איז דאָך דאמאָלס אונגעהויער גרויס, אין איין סעקונדע קאָן דער שלאַנג א ביס טהאָן און פאַר־גיפטען דעם מענשען אויפ'ן גאַנצען לעבען.

דער יצר הרע איז אַ געוואָלדיגער חכם להרע, קלוג אויף טהאָן שלעכטס. אמת, די חז"ל רופען איהם אָן מלך זקן וכסיל, ד. ה. אַן אַלטער נאַר. דאָס מיינט אָבער ניט אז ער אליין איז נאַריש, דעם נאָמען האָט ער צוליעב זיין פּראָפעסיאָן, ווייל ער באַשעפטיגט זיך מיט מאַכען מענשען נאַריש, אַריינגאַ־רענדיג זיי אין אַ בלאָטע. ס'איז אַזוי ווי מען רופט, צוםביישפיעל, איינעם גלעזער ווייל ער באַשעפטיגט זיך מיט גלאָז.

מיט אלע תחבולות זוכט דער יצר הרע צו פאַרפיהרען דעם מענשען. אַמאָל כדי צו געפינען זיין צוטרוי לאָזט ער איהם גראָד טהאָן אַ מצוה, אזוי ווי איינער וואָס וויל ניט אז זיין שותף זאָל אויסגעפינען ס'א גנב ער איז, גיט ער איהם איבער בכיוון א פארדינסט, כדי יענער זאָל מיינען, אז ער איז אַן עהרליכער מאַן און איהם אין גאַר ניט חושד זיין.

ווען עס קומט, למשל, צו לשון הרע, רעדט איהם דער יצר הרע אָפּט איין, אז עס איז ניט קיין עבירה צו זאָגען דעם אמת, אדער אז יענער פארדינט מען זאָל איהם באַרעדען, אז עס איז גאָר א מצוה, וכדומה.

דער מענש מוז און דאַרף דאריבער שטענדיג זיין אויף דער וואַך און ניט צולאָזען זיין אייביגען און ביטרען שונא, דעם יצר הרע, צו פאַרנעהמען קיינע פון זיינע פּאָזיציעס.

דער גרעסטער וואָפען און שטאַרקסטער פאַנצער געגען יצר הרע איז די תורה. וואָס מעהר תורה, אַלץ מעהר לעבען, אַלץ מעהר שטאַרקייט און גייסטיגע זיכערקייט און צופרידענהייט.

קיין וואונדער ניט, פלעגט ער אָפּט זאָגען, וואָס ס'קומט אַזוי שווער אָן צו באַקומען שטיצע פאַר תורה לערנען, אויפצוהאַלטען ישיבות און צו העלפען תלמידי חכמים. איהר קאָנט פּועל'ן ביים יצר הרע ער זאָל אייך לאָזען לייגען צוויי פּאָר תפילין, ער זאָל אייך אפילו לאָזען געהן אַלע טאָג אין מקוה, און

ער זאָל אייך לאָזען אויסזאָגען יעדען טאָג גאַנץ תהלים מיט א סך ברכות און קדושות, אבער ווען עס קומט צו תורה, צו מחזיק זיין א ישיבה און אויסצו־האַלטען לומדי תורה, קאָן ער עס שוין ניט פאַרטראָגען און לייגט איין וועלטען. פאַר תורה דערשרעקט ער זיך מעהר ווי פאַר אַלץ, דאָס איז דאָך זיין „סם המות״; „בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין״ (קדושין ל׳).

ווען ס׳לויערט אַ געפאַהר, איז דאָך דאן די פליכט פון יעדען בר דעת ארויסצושיקען אַן אַלאַרם צו וועקען די פאַרשלאָפענע און אויפמונטערען די אָפּגעשוואַכטע צו וואָרנען יעדען איינעם געגען א קאַטאַסטראָפע, צוצוגרייטען יעדען איינעם צו קאָנען בייקומען דעם געמיינזאַמען פיינד.

כדי דאָס צו פאַרווירקליכען, כדי אויסצוראָטען שנאה און פאַרפלאַנצען ליבע און ברודערליכקייט צווישען מענש און מענש, כדי צו מאַכען די תורה א דאָמינירענדע קראַפט אין דער אידישער גאַס, און כדי צו דערגרייכען זיינע ברידער אין אַלע ווינקעלעך, האָט ער פאַרפאַרסט זיין ספר, פאַר׳ן פאָלק און צוליעב׳ן פאָלק, וועלכען, ווי מיר האָבען שוין בעפאָר דערמאָנט, ער האָט א נאָמען געגעבען „חפץ חיים״.

„עם הספר״, „דאָס פאָלק פון בוך״ איז א טיטול מיט וועלכען דאָס אידי־שע פאָלק איז געקרוינט געוואָרען, ווייל מעהר ווי אַלע אַנדערע פעלקער האָבען די אידען זייער גורל, זייערע אינספּיראַציעס און אידעאַלען פאַרבונדען מיט׳ן ספר. דער ספר איז געוואָרען דער צענטער פון זייערע שטרעבונגען און דער רוקען־ביין פון זייער עקזיסטענץ. לויט אונזערע חכמים איז דאָס פאָלק אזוי צוזאַמענגעגאָסען מיט׳ן ספר אז ס׳איז זיך בכלל ניט פאָרצושטעלען אַ לעבען אָהן דעם. דער ספר (בכתב אדער בעל פה) איז נאָך אַנטשטאַנען פריהער איידער דאָס אידישע פאָלק איז ערשינען אויף דער וועלט. ציטירען די חכמי התלמוד אייניגע ידיעות פון אַן אוראַלטען ספר וועלכער שטאַמט לויט דער טראַדיציע אַזש פון אדם הראשון (ב״מ פ״ה). דאָס פאַרפאַסונג פון ספר יצירה ווערט צוגעשריבען צו אברהם אבינו. עס ווערט פאַרשטאַנען אַז די אבות האָבען גע־לערענט און אָפּגעהיט די תורה מיט איהרע מצוות לאַנג בעפאָר די אידען זיינען געשטאַנען ביים באַרג סיני. אנשטאט די פינף פרקים פון וועלכע אונזער גמרא עבודא זרה באשטעהט, איז די פון אברהם אבינו באשטאנען פון גאַנצע פיער הונדערט פרקים (ע״ז י״ד).

דער פאַרזאָג פון תנא אין אבות „קנה לך חבר״, שאַף זיך איין א חבר, מיינט לויט רש״י׳ס פירוש זיך איינצושאַפען ספרים, ווייל דער ספר איז דעם

מענשען'ס בעסטער חבר. דער ספר האָטווירקליך ווי א געטרייער פריינד זיך געפרעהט אין דעם אידען'ס שמחות און געפיהלט זיינע ליידען. ס'א שרעקליכע רדיפות זיינען זייביידע אויסגעשטאַנען! מען האָט געברענט דעם אידען איינגעוויקעלט אין דער ספר תורה. דער איד האָט זיין נשמה אויסגעהויכט מיט דער האָפנונג אז כביכול וועלכער וועט געוויס זיך אָפּרעכענען פאַר'ן שענדען דעם ספר, וועט דאַן אויך באצאָהלען די רשעים פאַר די יסורים וואָס זיי האָבען איהם פאַרשאַפט.

קיין פאָלק אין דער וועלט האָט ניט ארויסגעצייגט אזוי פיעל ליעבע און אַכטונג צום ספר ווי דאָס פאָלק ישראל. אָרימע און רייכע, פּראָסטע און געלערנטע, אַלע האָבען צוגעטיילט רעספּעקט און ממש פאַרהייליגט דעם ספר.

אין צייטען ווען ספרים זיינען געווען א זעלטענהייט, און די אָרימקייט איז געווען זעהר גרויס, איז א פליכט דאַמאָלס ארויפגעלייגט געוואָרען אויף די פאַרמעגליכע קהלות און יחידים צו קויפען ספרים און זיי אויסלייהען צו אַזעלכע יחידים וועלכע זיינען ניט אימשטאַנד געווען עס אליין צו קויפען.

נאָכדעם ווי די דרוק איז אנטשטאַנען, האָט זיך דער ספר שנעל פאַרשפּרייט צווישען פאָלק. צוליעב דעם וואָס אידען זיינען דאַן געווען די בעסטע קונדען אויף ספרים האָבען זיך פיעלע פאַרמעגליכע קריסטען געפלייסט צו גרינדען פאַרלאַגען ארויסצוגעבען אידישע ספרים.

דאָס אלעס איז קיין וואונדער ניט, ווייל אידען אין מיטעלאַלטער האָבען געווידמעט זייערע גייסטיגע כחות תורה צו לערנען.

עם הספר (מיט א „הא" הידיעה) מיינט א פאָלק פון א באוואוסטען ספר. און דיזען נאָמען האָבען אידען פאַרדיענט טאַקע צוליעב דעם וואָס זיי האָבען קאָנצענטרירט זייער הויפּט ענערגיע צו ערלערנען גרינדליך דעם „ספר הספרים", דעם תנ"ך. דער תנ"ך איז געווען דער צענטער פון אלע אקטיוויטעטען אין אידענטום.

„פלא פלאים", פלעגט דער חפץ חיים טריאומפירענד באטאָנען, אָט אויף דעם קליינעם ספר זיינען פיעלע הונדערטע טויזענדע ספרים געשריבען געוואָרען. גאַנצע מסכתות אין ש"ס זיינען אויפגעבויט געוואָרען אויף אַ פונדאַמענט פון אייניגע קורצע פסוקים. די גרויסע און שווערע מסכת יבמות איז באַזירט סך הכל אויף זעקס פסוקים פון דער תורה, און דאָס איז שוין א סך. אַנדערע מסכתות שטיצען זיך בלויז אויף צוויי־דריי פסוקים פון דער תורה. ווי צ. ב.,

עירובין, ראש השנה, יומא, סוכה, שקלים, גיטין, קדושין, בכורות, חולין. אַט די אַלע ענינים זיינען דערמאָנט אין דער תורה זעהר בקיצור. דער גאַנצער ענין פון נזירות, אַז סתם איז דרייסיג טעג, איז באַזירט אויף אַ גמטריא פון וואָרט „יהיה", וועלכעס באַטרעפט דרייסיג 1). אָדער די נייןֿאוןֿדרייסיג מלאכות פון שבת פון „אלה הדברים" 2), אויך פון דעם וואָס אין דער תורה ווערט שבת דערמאָנט צוזאַמען מיט'ן משכן. פון דער סמיכות לערנט מען ארויס וואָס הייסט אַ מלאכה ביי שבת 3).

פלעגט טאָקע דער חפץ חיים אין זיין נשמהֿריהרענדע תפלות זיך אויסֿטענה'ן:

„זעה, רבונו של עולם, וואָס דיין פאָלק ישראל האָט פאַר דיין כבוד וועגען געשאַפען; זעה די קרוינען וועלכע זיי האָבען אויף דיין תורה געמאַכט; דו האָסט די אידען געגעבען אַ קליין תורה'לע — קוק ס'אַ ריזען טורמס זיי האָבען ארום איהר אויפגעבויט! זיי האָבען דורכגעלערענט יעדעס וואָרט, זיי האָבען קיין האָר פון איהר ניט פאַרפעהלט, אַלעס האָבען זיי באַשעהנט און באַציערט. יעדען אות, יעדען פינטעלע, האָבען זיי קלאָר געמאַכט. זיי האָבען אַלעס געמאַכט לייכטען אַזוי ווי טייערע פערל און בריליאַנטען; אום אַלעס זאָל זיין צוגענגליך און פאַרשטענדליך פאַר יעדען איינעם. זעה די צוויי ש"ס'ן — תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי, און נאכהער די אונצעהליגע עטרות, דעם מדרש, זוהר, ספרא, ספרי, מכילתא, תוספתא, רבינו אלפס, רמב"ם, ראשונים ואחרונים, אָהן אַ סוף! און אונטער אַ וואָסערע באַדינגונגען האָבען זיי עס אַלעס געשאַפען? אין אַ שווערען ביטערען גלות, אונטער די שרעקליכסטע און אונערטרעגליכסטע באַדינגונגען! ממש צווישען פייער און שווערד האָבען זיי געלערענט און געשריבען. וואָס האָסטו צו זיי, רבונו של עולם? האָסטו אַן אַנדער פאָלק וואָס זאָל זיך מיט זיי קענען פאַרגלייכען? האָט אימיצער אַנדערש באַוויזען אַזעלכעס? טאָ ביז ווי לאַנג נאָך, טאַטינקע, וועסטו לאָזען דעם פאָלק ישראל זיך ארומוואַלגערען און זיך פלאָגען אין דער פרעמדי?"

אַזוי פלעגט ער זיך בעטען און מאַהנען ביים אויבערשטען באַגלייט מיט האַרץֿרייסענדע בכיות און הייסע טרעהרען — אַזוי ווי אַ קינד פאַר אַ טאַטען.

---

1) נזיר ה' ע"א.
2) פון דברים הדברים אלה הדברים, שבת דף ע' ע"א, צ"ז ע"ב.
3) שבת מ"ט ע"ב.

גאַנץ ריכטיג האָט דער גאון וצדיק ר' ישראל סאלאנטער באמערקט צו זיינע תלמידים ווען ער האָט דערזעהן דעם וואונדערבאַרען מאַנוסקריפּט פון דעם ראדינער אידען:

„אָט האָט געמומען א יונגערמאַן איין שורה פון דער תורה און האָט אליין באַשאַפען אַ גאַנצען שלחן ערוך אויף דעם! ס'א בריליאַנטענע קרוין!"

י.

מזכה צו זיין די וועלט

ר׳ ישראל מאיר פלעגט אָפטמאָל דערמאָנען און באַטאָנען דעם מאמר: „אפילו למד ולימד שמר ועשה והיתה ספיקה בידו להחזיק ולא החזיק הרי הוא בכלל... אשר לא יקום... (ירושלמי סוטה)״. ד. ה., אַז זאָגאר דער תלמיד חכם וועלכער זיצט טאָג און נאַכט און לערנט און איז מקיים די תורה איז פאַר־פליכטעט צו העלפען אנדערע צו לערנען, ווייל זיי זיינען צוויי גאַנץ באַזונדערע מצוות. איינמאָל די מצוה פון „למוד התורה״, אליין צו לערנען תורה, און צוייטענס, די מצוה פון „החזקת התורה״, צו שטיצען אַנדערע. און אזוי ווי דער וואָס לערנט ווערט ניט פּטור פון מצות סוכה, אדער לולב, אזוי אויך ווערט ער דורך דעם ניט פטור פון דער מצוה פון החזקת התורה. אין אנדערע ווערטער, א איד טאָר זיך ניט צופרידענשטעלען מיט זיינע אייגענע גייסטיגע ערגאָבערונגען אליין.

דער רבונו של עולם איז דאָך דער גוטער באַרמהערציגער פאָטער וועלכער זאָרגט זיך פאַר יעדען קינד, יעדער נפש איז ביי איהם ליב און טייער, טאָ־וואָס פאַר אַ פנים וועט אַזאַ איינער האָבען וועלכער האָט זיך קיינמאָל ניט גע־דאגה׳ט פאַר זיין ארימען ברודער, נאָר האָט זיך צופרידענגעשטעלט אבי איהם אַליין וועט גוט זיין, אבי ער אליין וועט האָבען גן עדן? כביכול וועט זיך ווינציג וואָס פרעהען מיט אזא אייגעננוציגעס קינד.

„זעהט״, פלעגט ער זאָגען, „די הייליגע תורה האָט פאַרזאָגט דעם מענשען רחמנות צו האָבען אויף זיין ברודער׳ס פאַרמעגען. אויב דו זעהסט דיין ברו־דער׳ס אָקס, אדער אייזעל בלאָנדזשען, טאָרסטו ניט פאַרמאַכען דיינע אויגען, נאָר דו דאַרפסט זיך באַמיהען און עס צוריקקעהרען צו איהם״. טאָ ווי גרויס דאַרף שוין זיין דיין אינטערעס אין דיין ברודער׳ס פערזאָן, צו העלפען איהם גייסטיג? „עזב תעזב עמו״, ווען דו זעהסט אַז יענער זוכט זיך אַליין צו העל־פען, נאָר ער איז מאַכטלאָז, דאַרפסטו דאָך איהם מיט אַלע דיינע כחות העל־פען טראָגען זיין משא. אויב אזוי פאָדערט די תורה פון מענשען זיך צו באַציהען

צו יענעמ׳ס מאַטעריעלע אָנגעלעגענהייטען, טאָ ווי דאַרף שוין זיין די באַציהונג צו יענעמ׳ס עניני נפש, צו זיין נשמה באַדערפעניששען. צו לעבען און זאָרגען אויך פאַר אנדערע און מיט אנדערע, מיינט דאָך גלייכצייטיג פאַר זיך אליין.

זייענדיג דורכגענומען מיט אָט דעם אידעאַל פון זיין פריהעסטער יוגענד אָן, איז קיין וואונדער ניט וואָס ער האָט זיך גענומען צו שרייבען אזא סאָרט ספר, מיט דער איינציגער אבזיכט כדי מזכה צו זיין דעם רבים.

ער האָט איינגעזעהן אז זייט דער ענטוויקלונג פונ׳ם דרוק האַלטען זיך די אידישע ספרים אין פאַרשפרייטען אויף אַן אונגעהייערען אופן. די מעכטיגע רבנ׳ישע ליטעראַטור קריגט צו וואָס ווייטער אַלץ מעהר ספרים אין הלכה, שאלות ותשובות, דרוש, חסידות, חקירה און קבלה, אבער צווישען אלע ספרים געפינען זיך פראָפּאָרציאָנעל זעהר ווינציג אַזעלכע וועלכע זאָלען זיין הויפּט־זעכליך געווידמעט אויסצובעסערען און פאַרשעהנערען דעם עטישען און מאָ־ראַלישען באַגריף פון מענשען. מיט זיין שאַרפען בליק און געזונטען חוש האָט ער באַמערקט אז לשון הרע איז די איינציגע שלעכטע מדה וועלכע איז מעהר ווי אַנדערע פאַראנטווארטליך פאַר די שרעקליכע הפקרות וואָס הערשט אין געזעלשאַפטליכען לעבען.

אונזערע אַלטע חכמים האָבען שוין ערקלעהרט אז לשון הרע איז דער מקור הרע, אז פון איהרע קוואַלען נעהמען זיך די מעהרסטע מענשליכע פעהלע־רען און שעדליכקייטען. איינער גלייכט צו באַריידען און ערנידריגען דעם צווייטען, אפצולאַכען און איהם מאַכען ביליג אין דער אָנוועזענהייט פון אנדערע. דאָס אַלעס ברייגגט אָפּטמאָל צו מחלוקת, שנאת חנם און שפיכת דמים. דער חורבן בית המקדש, דעם לאַנגען און ביטערען גלות, אויך דאָס אָפּהאַלטונג פון דער גאולה שרייבט דער תלמוד צו צום חטא פון לשון הרע.1)

עס איז אַן אַלטער כלל, אז אונוויסענהייט איז דער פאָטער פון כמעט אַלע מענשליכע בייזוויליגקייטען. לשון הרע איז אין דעם הינזיכט ניט קיין אויס־נאַהם. ניט נאָר דער המון, נאָר אפילו די געלערנטע פון פאָלק ווייסען זעהר ווינציג און היטען זיך זעהר ווינציג אָפּ פון לשון הרע. גוטע און פרומע אידען

---

1) ווען אין יאָהר תרמ״ד איז אַ איד אַ נכבד פון רובזעוויץ מינסקער גוב. אַ געוויסער ר׳ אלקנה זיך געקומען איהם שואל עצה זיין מכח געהן קיין ארץ ישראל, האָט איהם דער חפץ חיים אויפמערקזאַם געמאַכט אַז דאָרט האָט בעונותינו הרבים אַ שליטה דער כח פון „דבה רעה״, רעדען שלעכטס, אַן אונפאַרלאַשענער פונק וואָס שטאַמט נאָך מסתמא פון די שלעכטע דבורים פון די מרגלים. לכן דאַרף ער זייענדיג דאָרט מיט מעהר פאָרזיכטיגקייט זיך אָפּהיטען פון לשון הרע.

וועלכע זיינען „מדקדקים במצוות״ אָפּהיטענדיג די קלענסטע זאַכען אפילו, די אונוויכטיגסטע מנהגים וועלכע האָבען זאָגאָר ניט קיין מקור אין ש״ס, אדער פוסקים, ערלויבען זיך פון דעסטוועגען צו באריידען איינער דעם צווייטען, און דורכדעם פאַראורזאַכען שאָדען צו יענעמ׳ס נאָמען, אָדער פרנסה. זיי באַטראַכטען זיך אפילו ניט אז דאָס איז איינע פון די גרעסטע עבירות אין דער תורה.

לשון הרע, פלעגט דער חפץ חיים באַטאָנען, פאַנגט זיך אָפטמאָל אָן פון א קלייניגקייט, וואָס איז לכתחילה קוים באַמערקבאַר. עס איז אָבער אזוי ווי א פונק וועלכעס אויב מען פארלעשט ניט באצייטענס קען עס פאראורזאכען דעם גרעסטען שאָדען. און ער פלעגט געבען אויף דעם אַ כאַראַקטעריסטישעןביישפיעל, אויפצייגענדיג אז אַמאָל דורך ריידען לשון הרע אויף א פערד, קען מען פאַראורזאַכען דעם טויט פון אַ גאַנצע פאַמיליע.

מען רעדט למשל אויף יענעם בעל עגלה׳ס פערד, אַז ער איז א שוואכער ממילא מיידען מענשען אויס צו פאָהרען מיט אָט דעם בעל עגלה. אלס רע־זולטאַט פארדיענט ער ניט מיט וואָס צו ערנעהרען זיך, זיין פרוי, און זיין פאַ־מיליע. עס קען דאַריבער ברייגען דערצו אַז עטליכע מענשליכע נפשות זאָלען שטאַרבען פון הונגער אַלץ צוליעב א לשון הרע׳לע אויף אַ פערד.

מענשען זוכען א תרופה צו זייער גייסטיגע צובראָכענקייט דורך פאַסטען טעג פון עסען און טרינקען. זיי פארשטעהען ליידער ניט אז עס וואָלט פיעל בעסער געווען אז זיי זאָלען יאָ עסען, נאָר אנשטאָט דעם, צו פאסטען פון רעדען לשון הרע, רכילות און דברים בטלים. אזא תענית וואָלט דאָך זיכער געהאַט א גרויסע חשיבות און עס וואָלט איהם דאָך ניט אָפּגעשוואַכט פיזיש אדער גייסטיג. עס וואָלט איהם אדרבא געבראַכט אינערליכע שטאַרקייט און ריינקייט.

אלזא, כדי צו באַקאַנען דער מענשהייט מיט דער ווירקזאַמסטער רפואה צו אָט דער פארשפרייטער מחלה, האָט דער יונגער ר׳ ישראל מאיר צונויפגעזאַ־מעלט, סיסטעמאַטיזירט און ערקלעהרט מיט אַלע איינצעלהייטען די אלע דינים פסקים און הלכות בנוגע לשון הרע. דיזער ספר באַשטעהט פון צוויי טיילען: איין חלק וועגען לשון הרע, און דער צווייטער וועגען רכילות. לשון הרע מיינט ריידען שלעכטס אויף יענעם, און רכילות מיינט פיהרען פליאַטקעס, נעהמען ווערטער פון איינעם און עס אוועקטראָגען צו אַנדערע, אזוי ווי א פעדלער (רוכל), וועלכער קויפט און פאַרקויפט. אזוי קומט ער איינעם דערצעהלען: „אָט אזוי האָט יענער גערעדט וועגען דיר״.

אין דיזען ספר ווערט צווישען אנדערעס ארויסגעבראַכט דער געדאַנק אז „החיים והמות ביד הלשון״, אז לעבען און טויט זיינען אָפּהענגיג פון צונג. דער צונג איז דעם מענשען געגעבען געוואָרען צו באַנוצען אויף תורה און חכמה. דורכ׳ן צונג איז דער מענש געוואָרען דער „בחיר היצירה״, די קרוין פון באַשאַפונג. אַ ריינע און הייליגע צונג איז בכח צו דערהויבען דעם מענ־שען צו דער העכסטע שטופע פון פאָלקאָמענהייט. די אייגענשאַפט פון רעדען מאַכט דעם מענשען צו דיינקען און צו טראַכטען, און ס׳שטעלט איהם אוועק העכער ווי די חיה (מותר אדם מן הבהמה). צו לאָזען דאָס מויל הפקר מיינט אַראָפּצוזינקען נידעריג צו דער חיה׳שער מדרגה, עס מיינט צו געבען די בהמה׳שע אינסטינקטען די אויבער־האַנד איבער דאָס מענשליכע וועזען צו פאַרשלעפּען דעם מענשען אין „שאול תחתיה״.

גרויס איז געוועז זיין וועהטאָג צוליעב א פארשפרייטע הפקרות אין אידיש־קייט. זיין האַרץ האָט געוויינט אויפ׳ן כבוד שמים וואָס ווערט פאַרשוועכט, וואָס וואָלט ער ניט געטאָהן צו פארהינדערען דעם חילול שם שמים?! ער האָט צום ביישפּיעל אמאָל ריידענדיג וועגען חילול שבת זיך אויסגעדריקט אומגע־פעהר אזוי: „ווען א קוש טהאָן יענעם אין האַנד וואָלט געהאָלפען אז א איד זאָל ניט מחלל שבת זיין, וואָלט איך עס געטאָהן, ווען איך זאָל וויסען אז איך זאָל זיך אוועקלייגען און א קוש טהאָן יענעם אין פוס, זאָגאַר קושען זיינע שמוציגע שיך, וואָלט יענעם צוריקגעהאַלטען פון חילול שבת וואָלט איך עס מיט שמחה געטאָהן. מיין מויל וואָלט זיך טאַקע איינגעריכט, אָבער עס וואָלט דאָך פאַרגרעסערט דעם כבוד שמים. אַ קלייניגקייט א איד זאָל אָפּהיטען א שבת. א וואָסער ווערטה האָט דאן די אומריינקייט פון מיין מויל״.

יא.

די הסכמות אויפ׳ן ספר

אין יאָהר תרל״ב האָט ר׳ ישראל מאיר פאַרענדיגט זיין ערשטע מאָנו־מענטאַלע ווערק, וועלכער ער האָט אַ נאָמען געגעבען „חפץ חיים״, אין איינ־קלאַנג מיט׳ן פסוק „מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב, נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה״. „ווער איז דער מענש וואָס וויל לעבען און האָט ליעב די טעג צו זעהן אין זיי גוטס? היט אָפּ דיין צונג פון שלעכטס און ריינע ליפען פון צו רעדען פאַלשקייט״. ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלען די טיעפע באַגייסטערונג, וואָס דער יונגערמאַן האָט געפיהלט באַוואונדערנ־דיג זיין פראַכטפולען ערפאָלג. ער האָט אויף זיין שטייגער אָפּגעגעבען אַ שבח והודיה צום רבונו של עולם פאַר׳ן גרויסען חסד, וואָס ער האָט מיט איהם געטאָהן אין ערמעגליכען איהם צו שאַפען אַזאַ פאָלקאָם געלונגענע ווערק. „אַלעס צוליעב׳ן זכות פון כלל ישראל״. פלעגט ער אימער באַטאָ־נען. אין זיין גרויס עניוות און תמימות פלעגט ער זיינע פערזענליכע פאַר־דינסטען שטענדיג מינימיזירען. זעהר אַ קליינעם באַטרעף פלעגען זיינע אייגענע מעשים און זכיות האָבען אין זיינע אויגען.

„אַ זאַך, אידער זי איז פאַרענדיגט, קען מען ניט וויסען צי עס איז גוט״, איז געווען זיין מיינונג. און אַזוי ווי אַלע זיינע באַהויפּטונגען האָט ער אויך דיזע געשטיצט אויף א פסוק פון דער תורה. אין דער ערשטער פרשה פון בראשית ווערט דערצעהלט: „דער אויבערשטער האָט געזאָגט: זאָל זיין ליכ־טיג; און עס איז געוואָרען ליכטיג, דער אויבערשטער האָט געזעהן די ליכ־טיגקייט אַז עס איז גוט״. ד. ה., אַז ערשט נאָכדעם ווי ס׳איז געווען פאַר־ענדיגט, האָט ער געזעהן אַז ס׳איז גוט, אָבער ניט פריהער, ווייל אידער א געגענשטאַנד ווערט פאַרענדיגט, איז ניט מעגליך צו זאָגען א גענויע מבינות.

אַזוי האָט אויך פּאַסירט מיט אונזער מחבר און זיין שאַפונג. ווען דער כתב יד איז שוין געווען פאַלשטענדיג, האָט ער דאַמאָלט אויף דעם געזוכט די מיינונגען און מבינות׳ן פון די גדולי הדור אין יענער צייט זיי זאָלען פעסט־

שטעלען צי דער ספר איזווירקליך גוט און פאַרדיענט צו זעהן די ליכטיגקייט פון טאָג. ער אליין איז דאָך א נוגע בדבר און קען דאַריבער זעהר לייכט א טעות מאַכען אין זיין מיינונג 1)

---

1) ניט צו דרוקען אַ ספר אָהן אַ הסכמה איז אַ תקנה אָדער מנהג הונדערטע יאָהרען אַלט. אמת, אַז נאָך אין די צייטען פון די „אנשי כנסת הגדולה" (מעהר ווי מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק) זיינען שוין געווען אַזעלכע ספרים וועלכע זיינען צוליב איין אורזאַכע אָדער אַן אַנדערע, ניט געווען ערלויבט צו ווערען פאַרשפּרייט, נאָר זיינען פאַר־אורטיילט געוואָרען צו „גניזה", ד. ה., צו ווערען בעהאַלטען און ניט זעהן די ליכטיגקייט פון טאָג (ברכות ע"ב; שבת י"ג ע"ב; ל' ע"ב קט"ו ע"א; פסחים ס"ב ע"ב; חגיגה י"ג ע"א). עס האָט אָבער דאַן לגמרי ניט עקזיסטירט עהנליכעס צו דעם וואָס מען רופט היינט הסכמה. ניט דער תלמוד, ניט אין די ספרי גאונים און ניט אין די ספרי ראשונים געפינט מען אַ שפּור פון אַזאַ תקנה. דאָס איז אַ טראַדיציע וועלכע איז אַנטשטאַנען ערשט נאָך דער ערפינדונג פון דעם דרוק, ווען ספרים האָבען אָנגעהויבען פאַרשפּרייט צו ווערען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב. צוערשט איז דאָס נעמען אַ הסכמה געווען אַ רשות, נאָכהער האָבען די פאַרשטעהער פון אידענטום ערקלערט אַלס פליכט, פאַרבאָטענדיג דאָס ארויסגעבען און פאַרשפּרייטען פון אַ ספר אָהן אַ הסכמה, אָדער הסכמות פון פּאַסיגע אויטאָריטעטען.

די אורזאַכען פון אַזאַ תקנה זיינען לייכט צו פאַרשטעהן.

די גרויסע ברכה פאַר'ן אידישען ספר וואָס דער דרוק האָט זייט דעם יאָהר רל"ד (וועלכער האָט צוערשט דערזעהן דאָס אידישען וואָרט אין דרוק) געבראַכט, ענטדעקענדיג פאַר דער וועלט פילע אונשאַצבאַרע גייסטיגע אוצרות, וועלכע וואָלטען אָהן דעם געבליבען פאַרבאָרגען און זאָגאַר אינגאַנצען פאַרלוירען, האָט (פאַרבּיליגענדיג די הוצאות ההדפסה) ערמעגליכט כל ערליי פאַרפאַסערס ארויסצולאָזען אין צירקולאַציע אומפּאַסיגע און אַפּטמאָל שעדליכע ווערק. ווי דער גרויסער גאון און חסיד ר' יעקב הכהן פון פראַנקפורט דמיין שרייבט אין זיין הסכמה אויפ'ן ספר „תשב"ץ" אין יאָהר תפ"ה: „איך האָב שוין פון לאַנג צוריקגעצויגען מיין האַנד פון צו געבען אַן הסכמה אויף נייע און אויך אויף אַלטע ספרים. פילע וועלכע זענען פאַרפאַסט געוואָרען אין אונזערע דורות פאַראורזאַכען מעהר שאָדען ווי פאַרדיענסט (ורבים קלקולם יותר מתיקונם). זעה אויך עהנליכעס אין די הסכמות צום ספר „פחד יצחק, וויניציאה תק"ו; אויך אין די ספרים „נובלות חכמה" פון ישר מקנדיא באזיליה, שפ"ט; „מעיל צדקה" פון ר' יונה לוד סופר ת"ע.

עס איז אויך נויטיג געווען צו שאַפען וואָס ווייטער אַלץ מעהר אָפּגאַנג פאַר די ווערטהפולע ספרים כדי דער ריכטיגער מחבר זאָל אימשטאַנד זיין ארויסצוגעבען זיינע ווערק. די הסכמה פון גדולים וועלכעס איז אַ גוטזאַגונג אויפ'ן אינהאַלט און מחבר, האָט געהאָלפען דעם פאַרפאַסער צו קריגען קונים אויף זיין ספר.

כדי צו פאַרזיכערען דעם ערפאָלג פון ספר האָט זיך געפאָדערט צו באַוואָרנען די פאַרלאַגס־רעכט כדי די מורא פון הסגת־גבול זאָל ניט צוריקהאַלטען דעם מחבר פון צו מאַכען די גרויסע הוצאות וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט יעדער אויסגאַבע. אין זייערע הסכמות פלעגען די גאונים דיזען פאַרבאָט שטאַרק אונטערשטרייכען.

די תקנה איז צו ערשט געשאַפען געוואָרען אין איטאַליע, דאָס וויגעלע פון אידיש־געדרוקטען וואָרט, דייטשלאַנד, בעהמען, האָלאַנד און אַנדערע לענדער האָבען נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל. דער היסטאָרישער „ועד ארבע ארצות" האָט שפּעטער די תקנה אָנגענומען, און נאָך מעהר, איהר פאַרשטאַרקט. אַז איסור און קנס איז אַרויפגעלייגט געוואָרען ניט נאָר אויפ'ן אַרויסגעבער, נאָר אויך אויפ'ן קויפער, ניט צו האַלטען אַ ספר אָהן אַ הסכמת. די אַנדערע העלפט פון 17־טען יאָהרהונדערט ווען די „שבתי צבי" באַוועגונג האָט געזוכט

דער מחבר האָט זיך דאריבער געווענדעט צו די גאוני הדור פון יענער צייט אַז זיי זאָלען מיט זייער „עין הבקורת" דורכקוקען זיין מאַנוסקריפּט און זאָגען זייער מיינונג. דאָס איז געווען ביי איהם דער הויפּט מאָטיוו אין זיין זוכען הסכמות אויפ'ן ספר. ער אליין האָט פאַר זיך ניט געזוכט קיין כבוד אָדער מאַטעריעלע נוצען אויף אַזוי ווייט אַז ער האָט זאָגאַר זיין נאָמען ניט געוואָלט האָבען דערמאָנט אינ'ם ספר. ער האָט בלויז געוואָלט אַז די באַוואוסטע רבנ'ישע אויטאָריטעטען זאָלען דורך זייערע הסכמות באַשטעטיגען און אַנערקענען די חשיבות און נוצליכקייט פון ספר.

ס'פאַרשטעהט זיך, אַז ניט קיין קליינע התפעלות האָבען געהאַט די גדולי הרבנים צו וועמען ער האָט זיך נאָך הסכמות געווענדעט, אויסגעפינענדיג אַז דער מחבר פון אַזאַ הייליגען און וויכטיגען ספר איז ניט קיין אַנדערער, נאָר עפּעס אַן אונבאַקאַנטער יונגערמאַן, אַ שפּייז קרעמער פון שטעטעל ראדין. זיין אנטלויפען פון כבוד אויף אַזאַ אונגעהערטען אופן, זיין ערענסטע עניוות, צדקות און תמימות האָט זיי אויך ניט ווינציגער איבערראַשט.

אין די הסכמות הגאונים אופ'ן ספר „חפץ חיים" ווערט די גרויסקייט פון מחבר זעהר באַוואונדערט פון די גדולי הדור. דער באַרימהטער גאון ר' מרדכי מעלצער (דאן רב אין לידא), נאָכדעם ווי ער באַוואונדערט די גרויסע און נוצליכע ארבייט פון מחבר, די הייליגקייט און אינהאַלטסרייכקייט פון ספר, שרייבט ער צווישען אנדערעס, אַז מען זאָל חס ושלום דעם קלענסטען צווייפעל ניט האָבען אַז צוליעב וועלכע ס'איז מאַטעריעלע צוועקען, אדער צו שאַפען פאַר זיך געלד, אָדער כדי זיך צו ערווערבען כבוד האָט דער יונגער גדול און צדיק פאַרפאַסט זיין ספר. ער קען גראַד דעם מחבר און קען באמונה עדות זאָגען אַז אַזעלכע אייגענננוציגע געדאַנקען זיינען לגמרי פרעמד צו זיין גייסט, אַז ער האָט אין זיין גרויס צדקות און פרומקייט אַלעס געטאָהן לשם שמים.

עהנליך שרייבט אויך זיין קורצע הסכמה דער גאון ר' משה ארי' פון יאנאָווע אַז ער קען פּערזענליך זעהר גוט דעם מחבר און ס'איז ביי איהם

צו פאַרשפּרייטען איהר טריפה'נע ליטעראַטור, האָבען די אידישע פיהרער דעם איסור נאָך מעהר פאַרשטאַרקט.

היסטאָריש איז באַקאַנט דער ספר „האגור" פון ר' יעקב לנדא, געדרוקט אין נאפולי (נייפּעלס), אין די יאָהרען רמ"ז רנ"ב אַלס דאָס ערשטע ווערק וואָס איז ערשינען מיט הסכמות פון די דאַמאַלסדיגע גדולים.

קלאָר ווי דער טאָג אז דער מחבר וועלכער וויל ניט מען זאָל זאָגאַר וויסען זיין נאָמען, האָט פאַרפאַסט זיין ספר ניט חלילה צוליעב חומרית'דיגע נוצען, אדער כדי זיך באריהמט צו מאַכען אין דער וועלט, נאָר אז זיין כונה איז דורכאויס ריין, נעמליך כדי מזכה צו זיין די וועלט.

די גרויסע גאונים ר' יוסף ור' בצלאל, די רבנים אין ווילנא, וועלכע האָבען איהם נאָך משמעות געקענט פון זיין פריהעסטע יוגענד אָן, זיינען זעהר מפליא דעם ספר, וועלכער האָט לויט זייער מיינונג, ניט קיין גלייכען צווישען די ספרים פון אַנדערע געגענוואַרטיגע מחברים. זייער טיעפע באגייסטערונג פאר'ן מחבר האָבען זיי אויסגעדריקט צווישען אנדערעס ווי פאָלגט:

„עס האָט זיך נאָך באמת ביז יעצט ניט געפונען איינער פון די גדולי הראשונים און ניט פון די גרויסע צווישען די אחרונים וועמענס מיסיע עס איז געוועזען צו בעאַרבייטען און מבאר צו זיין יעדער דין און הלכה פון דער תורה אַז זיי זאָלען זיך גלייכצייטיג אויך ווידמען מבאר צו זיין די פּרטים פון יעדער הלכה און אלע האַרבע איסורים בנוגע לשון הרע ורכילות ארומגעהמענדיג גרינדליך יעדער דין אין זיינע איינצעלהייטען לויט די קוואַלען וועלכע זיינען פאַרשפּרייט אין די ש"ס'ן, בבלי און ירושלמי און אין די פיעלע מדרשים און די הייליגע ווערטער פון חז"ל אין יעדער ארט אַלעס קלאָר צו סיסטעמאַטיזירען און קאָאָרדינירען אזוי ווי זיי האָבען עס געטאָהן מיט אַנדערע הלכות פון דער תורה. היינטיגען טאָג האָבען מיר אָבער זוכה געווען בע"ה צו זעהן א ליכ־טיגען שטערן אין דער געעהרטער און ריינער פערזענליכקייט, דער גרויסער רב וועלכער באַזיצט אמת'ע שאַרפקייט און קלאָרקייט, און באַלייכט די אויגען מיט זיין תורה און הייליגער יראה, איינער פון די פרומע און דערהויבענע כהנים וועלכע זיינען צוריקגעצויגען, ניט וועלענדיג אז זיין נאָמען זאָל ערשיינען אין זיין ספר, און וועלכער האָט מיט זיין טיעפען שכל און ברייטען פאַרשטאַנד בעאַרבייט און קלאָר ערקלערט יעדער הלכה אין אַלע איהרע פּרטים און דקדוקים" 1).

---

1) דער צדיק ר' שמחה זיסל זיוו (קעלם), איינער פון די הויפּט תלמידים און נאָכ־פאָלגער פון ר' ישראל סאלאנטער האָט אַמאָל דערצעהלט וועגען די התפעלות וואָס זיין גרויסער רבי האָט געהאַט דערזעהענדיג דעם ספר „חפץ חיים" — פון ליבשאַפט און שמחה האָט ער איהם געקושט. „ס'איז דאָך אַ געפונענער שלחן ערוך!" האָט ער אַ באַגייסטער־טער צו זיינע תלמידים אויסגערופן.

ער איז אויך געקומען קיין נאַווארדאָק צום באַריהמטען גאון ר׳ ברוך מרדכי ליפשיץ נאָך א הסכמה. דער לעצטער האָט גראַד דעם מחבר פון בעפאַר ניט געקענט. ווען ער האָט איבערגעקוקט דעם כתב יד איז ער זעהר געריהרט געוואָרען, דערזעהענדיג פאַר זיך א קליין שטעטעלדיגען יונגענמאַן, קאַנטיג א גרויסער למדן און ירא שמים און אויך אַן אויסערגעוויינליכער עניו וועלכער האָט זיך גענומען שאַפען אַזאַ מאָדנע ווערק.

ר׳ ברוך מרדכי האָט אָבער געוואָלט אויספּרובירען דעם מחבר, צי עס איז „תוכו כברו״ צי ער אליין איז פערזענליך טאַקע אַזאַ מצוין ווי זיין ספר. ער האָט דאַריבער באַשטימט איינינגע פון זיינע פרושים מקורבים אַז זיי זאָלען פאַרברייגגען מיט׳ן מחבר אין לערנען און אויך מילי דעלמא, כלומר׳שט וועגען פרומקייט, און אינצווישען אריינשלעפען נעמען פון אַזעלכע פערזאָנען וועמענס מעשים ווערען באַטראַכט אַלס שעדליך צום אידענטום.

איינער פון אָט די שפּיאָנען איז געווען דער שפּעטערדיגער מיכאַילאָווער רב הרב קמחי ז״ל, וועמען דער נאַווארדאָקער גדול האָט אויסגעקליבען אויסצופּרובירען די צדקות פונ׳ם מחבר, כדי ער זאָל מיט זיין שאַרפקייט און קלוגקייט פאַרברייגגענדיג מיט׳ן יונגענמאַן ארויסקריגען פון איהם עפּעס א לשון הרע׳לע אדער רכילות׳ל.

לויט ווי הרב אליהו קמחי גיט איבער, פלעגט זיין פאָטער ז״ל, מיט גרויס התפּעלות דערצעהלען אז ער האָט דאַמאָלס פאַרבראַכט מיט׳ן מחבר ביי זעקס שטונדען צייט און האָט כסדר, ווי ווייט ער האָט געקענט, אויסגעמידען צו שמועסען אין לערנען, נאָר מעהרסטענס גערעדט וועגען פאַרשידענע אידישע פּראָבלעמען, און בעת מעשה, אָנגעווענדעט זעהר פיעל מיה און ענערגיע כדי ארויסצוקריגען פון אורח כאָטש איין וואָרט לשון הרע, אָבער אָהן ערפאָלג. ער האָט נעביך געמוזט קומען צום רב און צוגעבען אַז דאָס מאָל האָט איהם קיינע חכמות ניט געהאָלפען און אז אלע זיינע באַמיהונגען זיינען געווען ארויסגעוואָרפען, ווייל דער מחבר האָט זיך קונציק ארויסגעדרעהט, ניט לאָזענדיג פאַלען אפילו א שטויבעלע פון לשון הרע.

דער נאַווארדאָקער רב האָט איהם נאָכדעם טאַקע מיט שמחה געגעבען זיין הסכמה אין וועלכער ער רופט דעם מחבר אָן מיט רעכט „נאה דורש ונאה מקיים״, ד. ה., דאָס וואָס ער דרשן׳ט פאַר אַנדערע איז ער פערזענליך אַם שעהנסטען מקיים. און אַז „הכל יפה עשה בעטו״.

ער האָט אויך באַקומען א זעהר שאַרפע הסכמה אויפ׳ן ספר „חפץ חיים״ פון גאון וצדיק ר׳ ישראל סאלאנטער וועלכעס ער האָט אָבער קיינמאָל ניט פאַרעפנטליכט. פילייכט צוליעב די גרויסע שבחים וועלכע ס׳האָט ענטהאַל־טען. פאר איהם איז געגוג געווען אז ר׳ ישראל האָט מסכים געווען אז ער מעג ארויסגעבען אזא ספר — מעהר האָט ער ניט געוואָלט.

יב.

אַן ערלויבעניש פון צענזור

ניט לייכט פלעגט אָנקומען אַן אָרימען מחבר אַרויסצוגעבן זיין ווערק. ניט איין גיהנום איז איהם אויסגעקומען דורכצומאַכען איידער ער האָט זוכה געווען צו זעהן זיין אידעאַל פאַרווירקליכט. צו ליידען נויט און הונגער איז א געוועהנליכע ערשיינונג אין דעם לעבען פון א אידישען מחבר. דעם רמב״ם איז ניט דער איינציגער אין דער אידישער היסטאָריע, וועלכער האָט געשריבען מאַנכע פון זיינע ווערק אונטער אונערטרעגליכע עקאָנאָמישע און פיזישע באַדינגונגען. ווי ער אַליין דערצעהלט: „איך האָב געשריבען פילע פון מיינע פירושים און הלכות אויפ׳ן וועג פון מיינע וואַנדערונגען אויף דער יבשה, אדער ווען מיין שיף האָט זיך געשליידערט אויף די שטורמישע כוואַליעס פון ים״. אומצעהליגע מחברים פאַר איהם און נאָך איהם האָבען, אין א קלענערער אָדער גרעסערער מאָס, עהנליכעס דורכגעמאַכט.

זאָגאַר דאָס אנטשטעהונג פון דער דרוק האָט ווינציג פאַרלייכטערט די עקאָנאָמישע לאַגע פון מחבר, ווייל דאָס אַרויסגעבען פאַר איינמאַל ספרים אין א גרויסער צאָהל, אַנשטאַט צו שרייבען מיט׳ן האַנט יעדע איינצעלנע קאָפּיע באַזונדער, איז אַלעמאַל געווען פאַרבונדען מיט אַ היבשע הוצאה. ניט יעדער מחבר איז אימשטאַנד געווען זיך צו פאַרשולדיגען און פאַר׳משכנ׳ען זיין לעצטע ביסעל אַרימקייט, כדי צו פאַרווירקליכען זיין לעבענס־אַמביציע. זעהר אָפט פלעגען פאַרמעגליכע קרובים און באַקאַנטע קומען צו הילף. רייכע מעצענאַטען אויף א גרויסען מאַסשטאַב זיינען כמעט אומבאַקאַנט אין דער היסטאָריע פון דער אידיש־רעליגיעזער ליטעראטור.

ווען צו באַקומען הסכמות אויף יעדען ניי־געדרוקטען ספר איז געוואָרען א נויטווענדיגקייט האָבען פילע מחברים, אַרומוואַנדערנדיג זיך צו די באַוואוסטע גאונים אין די פאַרשידענע שטעדט און לענדער, אויסגענוצט די געלעגענהייט און אויפ׳ן וועג גלייכצייטיג זיך געווענדעט צו אידען חובבי תורה ומוקירי רבנן נאָך פרענומעראַנטען (סובסקרייבערס). די לעצטע פלעגען פאַראויס

איינצאָהלען טיילוויז אָדער אין גאַנצען פאַר'ן קומענדיגען ספר. אַלס דאַנק פלעגען די מחברים פארעפענטליכען צום אייביגען אנדענק און ברכה די נעמען פון זייערע שטיצער.

מיט דעם דאָזיגען מיטעל האָבען זיך באנוצט ניט נאָר די נייע מחברים, נאָר זאָגאָר ארויסגעבער פון אַלטע ספרים. עס איז, צום ביישפּיל, א פאַקט, אז ר' מאיר קרשקש, וועלכער האָט אין יאָהר תצ"ה צום ערשטען מאָל אָפּגע־דרוקט אין אַמסטערדאַם דעם ספר „התשב"ץ" פון גאון ר' שמעון בר צמח, וועלכער האָט געלעבט דריי־הונדערט־און־צוואנציג יאָהר פאַר איהם. האָט אנ־געזאַמעלט פון פּרענומעראַנטען א באַדייטענדע סומע מעהר ווי גענוג צו דעקען די הוצאות פון דרוק. דאָס אַלעס האָט ער געשאַפען וואַנדערענדיג נאָך הסכמות צו דעמאָלטדיגע גדולי־הדור פון איטאַליע, דייטשלאַנד, האָלאַנד, פראַנקרייך, אלזשיר און אזוי ווייטער.

אויך אונזער יונגער מחבר איז אויסגעקומען צו ליידען ניט ווינציג נויט און דחקות דורך דער גאַנצער צייט זייט ער האָט זיך גע'עסק'ט מיט זיין ספר „חפץ חיים". קיינע שווערינקייטען האָבען איהם אָבער ניט צוריקגעהאַלטען צו פאַרווירקליכען זיין אָנגעצייכענטען אידעאַל. בכלל, די וועלכע האָבען גע־קענט מעהר אדער ווייניגער דעם חפץ חיים ווייסען מיט וואָסער התלהבות און אויסערגעוועהנליכער זריזות ער פלעגט נעהמען די ליידען פון „יסורים של אהבה". פאַר'ן כבוד שמים איז איהם קיינמאָל קיין זאַך ניט צו שווער געווען. ער פלעגט זאָגען, אז דער אמת'ער איד דאַרף זיין גרייט אויפצוגעבען זיין עולם הזה, און אויב נויטיג זיך אויך אפזאָגען פון זיין חלק עולם הבא, אויב נאָר עס וועט דורכדעם קאָנען פאַרגרעסערט ווערען דער כבוד שמים אויף דער וועלט. דאָס איז דאָך דער הויפּט־תכלית פון דער בריאה. ווי דער פּסוק זאָגט: „כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו" — וואָס מיינט: „יעדער געגענשטאַנד, וואָס איז גערופען געוואָרען אין עקזיסטענץ אין מיין נאָמען און אין מיין עהרע האָב איך עס אַלעס געשאַפען און געמאַכט".

וואָס פאַר א באַטרעף האָבען פאַר'ן יונגען צדיק געקאָנט האָבען זיין צייטוויילינע מאַטעריעלע אָרימקייט, ווען זיין הייליגער מח און מחשבה האָבען געשוועבט אין אַ וועלט פון אייביגקייט; ווען אין זיין וויזיע האָט ער זיך פאָרגעשטעלט א צוקונפט, ווען קדושה און ערנסטקייט וועלען פאַרנעהמען דעם אָרט פון דער געגענוואַרטיגער פּוסטקייט און ווערעמדיגקייט, און ווען קנאה

און שנאה וועלען שוין מעהר ניט פאַרדאַרבען דאָס ערהאַבענסטע אין דער בריאה, נאָר אלעס און אַלע וועלען זיין דורכגעדרונגען מיט ליבע און חסד.

אז אן אומריינע מויל איז דער הויפּט־זייל פון די שעדליכסטע גייסטיגע מיקראָבען — איז ביי איהם קיין צווייפעל ניט געווען. ער איז אויך גלייכ־צייטיג געווען דורך און דורך איבערצייגט, אז א ריינע צונג וואָלט געלייטערט און געהייליגט די געפיהלען און געדאַנקען פון מענשען. ער האָט דעריבער ניט געשפּאָרט קיין מיה און ענערגיע צו פּראָדוצירען אָט דעם אינסטרומענט, וואָס ער האָט געשאַפען כדי מיט זיין הילף מתקן צו זיין די מענשהייט אין גייסטיגען זין — זיין ספר „חפץ חיים״.

ער איז ניט געפאָהרען אין קיין וויטע מקומות, ער האָט ניט געוואַנדערט אין פרעמדע מדינות, נאָר אין די ארומיגע שטעדט און שטעדטלעך האָט ער זיך אָנגעשטרענגט צו שאַפען פּרענומעראַנטען. ווי ער אליין דערצעהלט אין זו״ינעם אַ בריוו געשריבען צו זיין יוגענד חבר ר׳ חיים ליב פון טיקטין, האָט ער געקראָגען מעהר ווי טויזענד פּרענומעראַנטען. קיין געלד האָט ער פאַראויס פון קיינעם ניט געוואָלט נעמען ביז וואַנעט זיי וועלען באַקומען דעם ספר. ווי מען קען זעהן פון די נעהמען, וועלכע ער האָט פאַרעפענטליכט אין דער ערשט־ער אויסגאַבע פון ספר „חפץ חיים״ (געדרוקט אין ווילנא אין יאָהר תרל״ג), האָט ער, כדי צו באַקומען די שטיצע באַזוכט בלויז די פאָלגענדע ליטווישע שטעדט אדער שטעדטלעך: איישישאָק, דרויא, וואשילישאָק, זשעטיל, זעזמער, זאסלע, לידא, נאָווי־אלכסדרסקי, קריסלאווע, מערעץ, אלשאן און קרעווע.

אבער צו באַקומען הסכמות פון גאונים און שאַפען געלד אויף דרוק־הוצאות איז ניט געווען אלעס. כדי צו מעגען דרוקען דעם ספר האָט ער פריהער געמוזט באקומען אן ערלויבעניש פון רוסישען צענזאָר און ניט ווייניג זאָרג האָט דאָס איהם פארשאַפט. עס איז דאָך באוואוסט, ווי פּראָסט און געוויסענלאָז עס זיינען געוועהנליך געווען די צענזורען, ניט באזיצענדיג דאָס עלעמנטאַר־סטע וויסען און פאַרשטענדעניש פאר דאָס טראַדיציאָנעלע אידישקייט און איהר ליטעראַטור. על פּי רוב האָבען זיי זעהר זעלטען פאַרשטאַנען לשון הקודש און דער אינהאַלט פון די אידיש־רעליגיעזע ספרים איז פאָר זיי געווען גענצליך פרעמד.

אלסביישפּיעל קען דינען דער פאַקט, אז אין די יאָהרען 1840־5 איז אין ווילנא געווען א צענזאָר א געוויסער משומד, ראָזען, וועלכער איז געווען א בור גמור. ער האָט בלויז געוואוסט אָפּצוהיטען די דירעקטיווען וואָס מען האָט

איהם צוגעשיקט פון דער העכסטער צענזור־פאַרוואַלטונג. ווען ער האָט איינ־מאָל אין אזא צירקולאַר געלעזען, אַז די ווערטער „מין", „מינים", „גוי", „גוים" באַציהען זיך אויף קריסטען און מוזען דעריבער פאַרביטען ווערען אויף דעם וואָרט „עכו״ם" (געצענדינער), האָט ער, באַגעגענדיג אין א אידישען ספר דעם זאץ „מין במינו לא בטל", עס אויסגעשטראָכען און צוגעשטעלט אנשטאט דעם די ווערטער „עכו״ם בעכו״ם לא בטל", ניט וויסענדיג, אז דער וואָרט „מין" אין דעם דאָזיגען פאַל מיינט גאָר „סאָרט", דאָס הייסט, אז אויב א טריפה׳ער אַרטיקעל מישט זיך אויס צווישען כשר׳ע פון דעם זעלבען סאָרט ווערט דער איסור ניט בטל. דער זעלבער משומד־צענזאר האָט אין א תהלים דערזעהן די ווערטער „מטיט היון, יון מצולה" (תהלים מ׳, ס״ט), האָט ער אָנגענומען, אז דער וואָרט „יון" מיט א צירה אונטער׳ן „ו" איז אקוראַט ווי דער וואָרט „יון" מיט א קמץ אונטער׳ן „ו", און אז עס מיינט דעריבער, וואָס מען רופט אין אידיש א יון, א גוי, א רוסישער פאָניע (זעלנער), האָט ער עס אויסגעמעקט און אנשטאַט דעם געשטעלט ישמעאל (אַ טערק), נישט וויסענ־דיג, אַז עס מיינט גאָר אַ בלאָטע, אַ זומפּ.

צו אזעלכע סאָרט בעאַמטע אין די הענט איז דער שיקזאל פון אידישען ספר איבערגעגעבען געוואָרען, און אָט די רשעות׳דיגע טשינאָווניקעס פלעגען אויפ׳ן געמיינסטען אופן שיקאַנירען די רעליגיעזע מחברים, אויסשטרייכענדיג מאַנ־כע ווערטער און זאָגאַר גאַנצע שטעלען, און צושרייבען אַנדערע, וועלכע פלע־גען איבעראַנדערשען די כונה און צורה פון אינהאַלט. אונזער מחבר האָט אָבער, אזוי ווי אלע פּאַסירונגען, דאָס אויך אָנגענומען פאר ליב. פאַרוואָס זאָל ער עפּעס אַנדערש זיין ווי כביכול אליין, און איז דען זיין ספר בעסער ווי דער ספר הספרים — די תורה?

דערצעהלען דען ניט אונזערע חכמים, אז ווען דער רבונו־של־עולם האָט געוואָלט זיין ספר צו דער וועלט געבען, האָבען די דאמאָלטדיגע גוים געפּאָ־דערט ער זאָל אויסמעקען איין וואָרט אָדער אַן אַנדערען. די ישמעאלים האָבען ניט געקענט פאַרטראָגען דעם „לא תגנוב"; עמון ומואב — דעם „לא תנאף" און אדום — דעם „לא תרצח" — זיי האָבען געוואָלט, אַז ער זאָל אויסשטרייכען דעם „לא" און פאַר זיי לאָזען דעם „תגנוב", „תנאף" און „תרצח".

עהנליך פלעגט ר׳ ישראל מאיר מיט פארדרוס דערמאָנען, אז דער צענזאָר האָט איבערגעפיהרט פילע שטעלען אין זיין ספר. ווען ער האָט, למשל, באַ־

האַנדעלט די דינים פון מסור, האָט איהם דער צענזאָר געצוואונגען צוצושטעלען אז צו מסר'ן איינעם צו דער מאַכט, ווען ער טרעט איבער א רעגירונגס־פאַר־באָט, איז א פליכט פון יעדען פאַטריאָטישען אונטערטאַן, טראָץ דעם וואָס מסר'ן ווערט פאַרדאַמט ביי יעדער ציוויליזירטער געזעלשאַפט אַלס די נידריג־סטע און עקעלהאַפטסטע פאַרדאָרבענקייט. ער איז אויך געצוואונגען געווען צו מאַכען פילע מאָל די אַנמערקונג, אז געוויסע הלכות און דינים זיינען ניט בינדענד היינטיגע צייטען, ווען די אידען לעבען אונטער'ן שוץ פון אזעלכע מלכי־חסד ווי די רוסישע צאַרען און אזוי ווייטער.

ווען ר' ישראל מאיר איז געקומען קיין ווילנא כדי אָפּצודרוקען זיין ער־שטען ספר איז דאַן דאָרט געווען דער צענזאָר יהושע שטיינבערג, א באקאנטער משכיל און א פארפאסער פון השכלה־ספרים און א לעהרער אין דער אָרטיגער רעגירונג'ס ראַבינער שול. ער איז אָבער געווען דורך און דורך דער רוסישער טשינאָווניק פון באַקאַנטען טיפּ מיט זיין כלומר'שטען סופער־פּאַטריאָטיזם, און אַן אַסימילאַטאָרישע אָריענטאַציע.

זייענדיג דער אידים פון אד"ם לעבענזאָהן האָט ער גראד דערקענט אין דעם מחבר דעם אמאָליגען זשעטלער עלוי, ווען זיין שווער און אַנדערע משכילים האָבען זיך באַמיהט, אָהן ערפאָלג, אָריבערצוציהען אין זייער לאַגער. ער איז נתפעל געוואָרען פון דעם מאָדנעם ספר, וואָס דער אַמאָליגער באקאנ־טער ישיבה־בחור האָט פארפאסט. זיין באוואונדערונג איז אָבער געווען געמישט מיט א געפיהל פון ביטול, פון קוקען פון אויבען ארונטער.

געהערט א מעשה! אין דער צייט וואָס ער מיט זיינע חברים לייגען איין וועלטען צו ווירקען אויף דער רוסישער מאַכט צו צווינגען די אידען זיך אָפּ־צוטרייסלען פון זייער טראַדיציאָנעלער אייגענאַרטיגקייט און ארייננזאַפּען אין זיך וואָס מעהר דעם גוי'אישען ארט־לעבען, קומט גאָר א יונגערמאַן פון א קליינער צוריקגעשטאַנענער שטעדטעל און פאָדערט אין אַזעלכע פייערדיגע ווערטער, אז יעדער איד זאָל בלייבען שטאַלץ מיט דער תורה און לערענט, אז דער גרעסטער גליק פון א אידען איז מקיים צו זיין איהרע מצוות, און אז די מויל איז דעם מענשען געגעבען געוואָרען ער זאָל איהר הויפּטזעכליך באַנוצען פאַר תורה. דאָס אַלעס האָט אויסגעקוקט משונה'דיג אין די אויגען פון שטיינ־בערג'ן, דעם קאַזיאָנעם משכיל, וועלכער איז טראָץ זיין מאָדערניזם און קולטור געווען א גייסטיגער פייגלינג און מה־יפית'ניק, ניט פיל בעסער פון די אַנ־דערע צענזאָרען.

פאַרפיהרענדיג מיט אונזער מחבר א געשפּרעך וועגען די עראינערונגען פון אַמאָל האָט שטיינבערג באַמערקט די אָרימע קליידער, וועלכע דער לעצטער האָט געטראָגען און האָט אין מיטען שמועס אַ זאָג געטאָן צו איהם:

„איך זעה, אז איהר זענטווירקליך אויסגעוואַקסען אַ גרויסער תלמיד־חכם, אָבער, דענקט איהר ניט, אַז מיט אַזעלכע וואונדערבאַרע פעהיגקייטען ווי איהר באַזיצט, וואָלט איהר די מענשהייט געקענט ברייגען פיל גרעסערע נוצען ווי דורך אַזעלכע סאָרטען ספרים? פון אַזעלכע עסקים וועט איהר דאָך בלייבען אַן אָרימאַן דאָס גאַנצע לעבען! בעטראַכט נאָר דעם אונטערשייד צווישען איך און מיר, מיינע מלבושים און אייערע, מיין וואוינונג און אייער וואוינונג. איך לעב דאָך אין רחבות און פאַרגעניגען און איהר אין דחקות און אָרימקייט. וואָלט דען פאַר אייך ניט בעסער געווען, ווען איהר וואָלט זיך דעמאָלט געווען צוגעהערט צו אונז?“

„ניין!“ האָט איהם דער חפץ חיים געענטפערט מיט א פעסטער שטימע. „ס'איז בכלל א פראַגע צי אייערע כלומר'שטע פאַרגעניגענס ברייגען אייך באמת צופרידענהייט, און אויב אפילו יאָ, איז דאָך עס בלויז פאר א קליינער ווילע. ס'הייסט דאָך אוועקגעבען חיי־עולם פאר חיי־שעה“. און ער האָט עס איהם אילוסטרירט מיט'ן פאָלגענדען משל:

„היות, ווי צו פאָהרען מיט אַ געוועהנליכער פוהר פון לידא אין מיין שטעטעל, ראַדין, דאַרף דויערען ביי א פיער־פינף שעה, האָט איינמאָל פּאסירט, ווען איך בין געשטאַנען אין גאס אין לידא און אויסגעקוקט מיין בעל־עגלה, איז גראָד אָנגעפאָהרען אַ שעהנע פּריצ'שע קאַרעטע, געשפּאַנט מיט פערד ווי לייבען. ווען דער שמייסער האָט מיך באַמערקט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיר א פרעג געטאָן צי איך דאַרף ניט אקאָרשט פאָהרען קיין ראַדין. פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב זיך דערפרעהט מיט אַזאַ געלעגענהייט צו קענען פאָהרען אין א באַקוועמער ווייכער קאַרעטע און ניט דאַרפען זיך שלעפּען אויף אַ האַרטען טרייסעלדיגען וואָגען. אויסער דעם האָב איך געטראַכט, קאָן איך דאָך מאַכען די נסיעה אין א דריטעל צייט. א קלייניגקייט, אַזעלכע סוסים און אַזאַ קאַרעטע!

„זיצענדיג אזוי ברחבה'דיג אויפ'ן ווייכען געזעס האָב איך איינגעדרעמעלט. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָב איך, זיך איינקוקענדיג אין מיין זייגער, געזעהן דאָס איך פאָהר שוין מעהר ווי זעקס שטונדען און געפין זיך

נאָך גאָר ווייט פון ראַדין. האָב איך אָפּגעשטעלט דעם אָנטרייבער און איהם א פאַרוואונדערטער געפרעגט פאַרוואָס די רייזע דויערט אזוי פיל צייט.

„ווי איבערראשט בין איך געוואָרען צו הערען, אז ער איז ניט געפאָהרען דירעקט פון לידא קיין ראַדין, נאר אז ער איז אויפ׳ן וועג אראָפּגעפאָרען אין א זייטיגער שטעדטעל און האָט זיך פון דאָרט צוריקגעקעהרט קיין לידאָ און נאָכדעם ערשט געפאָהרען קיין ראַדין.

„אויב אזוי, האָט איך אויסגערופען, טאָ צו וואָס האָב איך אין גאַנצען געדאַרפט מאַכען מיין רייזע אין אַ באַקוועמער קאַרעטע. וואָלט דאָך שוין פיל בעסער געווען פאַר מיר צו האָבען געפאָהרען אין א געוועהנליכער פוהר, וואָלט איך דאַמאָלט זיך ניט געדאַרפט שלעפען אויף זייטיגע וועגען און קומען נאָכ־אַמאָל צום זעלבען אָרט און נאָכדעם ווידער אָנפאַנגען מיין רייזע?

„דאָס זעלבע״, האָט דער חפץ חיים אויסגעפיהרט, „כדי די נשמה זאָל דערגרייכען איהר מאָס פאָלקאָמענהייט אויף דער וועלט מוז זי דורכמאַכען אַ לאַנגע רייזע ביז זי קומט צוריק צו איהר הימלישער היים, צום מקור החיים. מאַנכעס מאָל פאַסירט, אַז דער יעניגער, וואָס ערקונדיגט זיך ניט פריהער, באַנוצט זיך מיט אויבערפלעכליך־צוציהענדע מיטלען, כדי צו קאָנען דורכמאַכען די רייזע אין צייטווייליגע פארגעניגענס און באַקוועמליכקייטען, פאַרגעסענדיג, אז דאָס פאַרפּלאָנטערט און פאַרדרעהט דעם מענשען אויף זיין וועג צום תכלית, און אז דאָס קאָן אויך פאַראורזאַכען ער זאָל דאַרפען אויף דאָס ניי אראָפּקומען אויפ׳ן זעלבען אָרט און אָנפאַנגען נאָכאַמאָל זיין נסיעה . . . איך בין דעריבער צופרידען צו מאַכען מיין לעבענס־רייזע אין א פּראָסטען וואָגען, פאַרנעהמענדיג אַ האַרטען און אומבאַקוועמען פּלאַץ, ווען איך פיהל, אז איך ווער געפיהרט אויפ׳ן ריכטיגען וועג צו מיין ציל...״

דעם חפץ חיים איז פילע מאָל אויסגעקומען צו זיין ביי שטיינבערג׳ן צוליב זיינע ספרים. איינמאָל, אין מיטען פון א שמועס, האָט זיך ביים חפץ חיים ארויסגערעדט די פראַזע, „גוים, להבדיל״. דער דאָזיגער אויסדרוק האָט שטיינבערג׳ן דעם קאַזיאָנעם משכיל, זעהר אויפגערעגט.

„ניטאָ קיין להבדיל, אלע מענשען זיינען גלייך!״ האָט ער אַן אויפגעערעגטער באַמערקט.

„וואָס בין איך שולדיג, אז ס׳איז א בפירוש׳ער פסוק אין דער תורה: „ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי״ (ויקרא כ׳), איך האָב איך מבדיל געווען

פון די אומות איהר זאָלט זיין צו מיר, איך האָב דעם פסוק ניט געשריבען!...״
האָט דער חפץ חיים בנעימות׳דיג, אזוי ווי זיין טבע איז געווען, געענטפערט.

„דאָס באציהט זיך בלויז אויף די אַמאָליגע גוים, וועלכע זיינען געווען געצענדינער, אָבער ניט אויף די גוים פון היינט, וועלכע אַנערקענען אלע דעם אמת׳ען גאָט!״ האָט שטיינבערג זיך צעשריען.

מיט א רוהיגען שמייכעל אויף זיין פנים האָט איהם ר׳ ישראל מאיר גע־ענטפערט ווידער מיט א פסוק פון דער תורה, וועלכער זאָגט: „והייתם לי סגולה מכל העמים, כי לי כל הארץ״ (שמות י״ט), און איהר וועט זיין צו מיר באַליבט פון אַלע פעלקער, זאָגאַר דאַן ווען די גאַנצע וועלט וועט זיין צו מיר. „כ׳לעבען, עס איז מעהר ניט ווי יושר״, האָט דער חפץ חיים צוגעגעבען. „אי־דען האָבען דאָך פאָרט זייערע לעבענס און פארמעגענס אוועקגעגעבען פאַר זייער אמונה, זיי האָבען אָנגעהאַלטען די תורה, ווען די גוים האָבן אפילו ניט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף איהר און האָבען נאָך געפייניגט און פארפאָלגט איהרע לערנער.

„געה גיב זיי, די רשעים, צו פארשטעהן די ריכטיגע באדייטונג פון „להבדיל״, אם אין דעה, הבדלה מנין? זאָגען די חז״ל (ירושלמי, ברכות), אז עס פעהלט זיי „דעה״, וויסען און פארשטעהן די תורה, טאָ ווי אזוי קענען זיי באגרייפען דעם „להבדיל״? פלעגט ער זאָגען.

די ערשטע ערלויבעניש פון צענזאָר צו דרוקען זיין ספר איז איהם ארויס־געגעבען געוואָרען דעם 5־טען יאַנואַר, 1873, אין ווילנא.

יג.

דאס שטעדטעל ראדין

כדי צו פארשטעהן געגוי און זיך קאָנען שאפען א קלאָהרען בילד פון א גרויסען מענשען איז נויטיג צו שטודירען די סביבה, אין וועלכער ער איז געוואַקסען און ערצויגען געוואָרען. עס איז שטענדיג וויכטיג צו וויסען די איינצעלהייטען וועגען זיין היים און שטאָדט, וועגען דעם קלימאַט און דער אַט־מאָספערע אונטער וועלכע ער האָט זיך אנטוויקעלט און אויך וועגען די מענשען און שכנים מיט וועלכע ער פלעגט קומען אין באַריהרונג און בכלל וועגען אלעס וואָס האָט מעגליך געהאָט אַן איינפלוס אויף זיין לעבען.

די אַנערקענונג און פּאָפּולאַריטעט פון אַ וויכטיגער פּערזאָן איז אויך טיילווייז אָפּהענגיג פון דעם אָרט וואו ער האָט געשאַפען און געווירקט. פילע גדולים, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט אויף זייער געביט, בלייבען אָפט מאָל אומבאַקאַנט פאַר דער גרויסער עפענטליכקייט צוליב דער אומגינסטיג־קייט פון זייער אומגעגענד. זייער באַריהמטקייט געהט אָפט ניט ווייטער ווי אויסערהאַלב אַ קליינעם קרייז. דער חפץ חיים האָט אַמאָל, דערמאָנענדיג א געוויסען גדול פון אַ באַקאַנטער שטעדטעל, באַמערקט: „גרויסע גאונים וואַל־גערען זיך אין קליינע שטעדטלעך!״

עס איז, צום ביישפּיל, קיין צווייפעל ניט, אז די שטאָדט קאָוונע מיט איהרע שעהנע טראַדיציעס פון גרויסע רבנים, ווי ר׳ ליבעלע שפירא א. א. וו., און אויך דורות פון חשוב׳ע בעלי־בתים לומדים, איז טיילווייז פאראנטוואָרט־ליך פאר דער וועלט־באַריהמטקייט פון איהר גרויסען גאון, ר׳ יצחק אלחנן, זצ״ל. די אלטע שטאָדט בריסק מיט איהרע אידישע געלערענטע און חכמים, מיט איהר לאַנגער קייט פון פופציג רבנים, צווישען וועלכע ס׳זיינען געווען אזעלכע גדולים ווי ר׳ שלמה לוריא (מהרש״ל), ר׳ יואל סירקש (ב״ח), מהרי״מ פאדובה, ר׳ יהושע ליב דיסקין און ר׳ יוסף בער, האָט זיכער מיטגעהאָלפען דעם גאון פון לעצטען דור, ר׳ חיים סאלאווייטשיק, צו ווערען אזוי פּאָפּולער און באוואוסט צווישען גאַנצען פאָלק. לאדז, די גרויסע אינדוסטריעלע שטאָדט,

האָט געוויס פיל בייגעשטייערט צו דער באַוואוסטקייט און גרויסקייט פון איהר גרויסען רב, הגאון ר׳ אלי׳ חיים מייזעל, זצ״ל. אויך דאס וואָס ר׳ מאיר שמחה הכהן האָט אין זיין צייט פארנומען דעם כסא־הרבנות, אויף וועלכען ס׳איז געזעסען זיין באַריהמטער פאָרגענגער, ר׳ ראובן דינאַבורגער, און אנ־דערע גדולים, האָט בלי שום ספק געהאָלפען איהם גרויס צו מאַכען אין דער גאַנצער וועלט אַלס דער גאון פון דור. דאָס איז אמת ניט נאָר וועגען די גייס־טיגע פיהרער פון פאָריגען דור, נאָר אויך אין אַלע דורות.

די השפעה איז אבער געגענזייטיג. דער גרויסער מענש העלפט באריהמט מאַכען זיין שטאָדט אזוי ווי די שטאָדט איהם. אָפטמאָל איז עס א פאַקט, אז די שטאָדט וואָלט לגמרי געבליבען אומבאַוואוסט, ווען ניט איהר באַ־ריהמטער זוהן, וועלכער, א דאנק זיין וויכטיגע פערזענליכקייט, מאַכט זי באַקאַנט אין דער גרויסער וועלט. וועגען דובנער מגיד, למשל, פלעגט מען זאָגען, אַז ער איז געווען א „חכם המכיר את מקומו״, ד. ה. ער האָט באקאנט געמאַכט זיין שטאָדט, דובנא, אין דער וועלט, וועלכע וואָלט אָהן איהם פאַר־בליבען אומבאַוואוסט.

ווען מיר באטראַכטען די היסטאָריע פון חפץ חיים, זיין לעבען און שאַפען פון זיין פריהסטער יוגענט אָן, איז ממש צו באַוואונדערען זיין כסדר׳דיגען שטייגען און אידעאַלע אַנטוויקלונג טראָץ די אומגינסטיגקייט פון זיין סביבה און די אומפּאַסיגקייט פון זיין אומגעבונג. אזוי ווי א שעהנער פראַכטפולער און פרוכטבאַרער בוים אין א מדבר האָט דער חפץ חיים געבליהט אין דאָס פראָסטע און פאַרלאָזענע שטעדטעל ראַדין.

מען דערצעהלט, אז ביי דער אספת הרבנים אין ראָוונע, וועלכע איז פאָר־געקומען י״א סיון, תרפ״ה, זיינען אַנוועזענד געווען פילע הונדערטע רבנים פון נאָהענט און ווייט. זיי זיינען דעמאָלט געקומען הויפּטזעכליך צוליב דער גרויסער צוציהונגס־קראַפט — דער אַלטער חפץ חיים. דער לעצטער איז שוין דאַן געוועהן זעהר שוואַך. מען האָט איהם אוועקגעזעצט אויבענאַן. יעדער איי־נער האָט זיך געשטופּט צו געבען שלום־עליכם דעם גרויסען רבי׳ן. דעם חפץ חיים׳ס אַן אייניקעל האָט פאָרגעשטעלט פאַר איהם יעדען רב באַזונדער „דאָס איז דער רב פון דער שטאָדט און דער, דער רב פון יענער שטעדטעל, און אַזוי ווייטער. דער חפץ חיים האָט מיט אַ ליכטיגען שמייכלענדיגען פּנים יעדען איינעם געדריקט די האַנט און געשעפּטשעט א ברכה בעת מעשה. ווען ס׳איז געקומען צום לעצטען און זיין אייניקעל האָט איהם פאָרגעשטעלט, אַז

דאָס איז דער באַוואוסטער רב פון יענער שטעדטעל, האָט דער חפץ חיים, אָנ־נעהמענדיג דעם לעצטענ׳ס האַנט, זיך אַוועקגעשטעלט און אויפהויבענדיג זיינע אויגען צום הימעל האָט ער געזאָגט: „אונזערע חכמים לערנען אונז, אַז די הימלישע רעגירונג פיהרט זיך אַזוי ווי אַ רעגירונג אויף דער ערד. אַ קעניג, א בשר ודם, האָט זיינע גרויסע באַאַמטע אין די גרויסע שטעדט און אין די קליינע שטעדלאַך האַלט ער אַן איינפאַכען פאַרשטעהער, למשל, אַ גובער־נאַטאָר אין אַ גרויסער גובערניע, אַ ספּראַווניק אין אַ גרויסער שטאָדט, אַ פּריסטאַוו — אין אַ קלענערער שטאָדט און אַן אוראַדניק אָדער פּראָסטען סטראַזשניק (פּאָליסמאַן) אין א קליינער שטעדטעל, אָבער דו, רבונו של עולם, מיט דיין תורה, זעה, ס׳א גרויסע און וויכטיגע באַאַמטע דו האָסט, אַ זעלכע שעהנע אידען, לומדים גדולים און צדיקים אין אַ זעלכע קליינע שטעדלאַך, אַלע זיינען דאָך דיינע פאַרשטעהער, דיינע באַי־כח, און די פון דיין תורה, ס׳א כבוד שמים!"

ווען מען פלעגט קומען דאָס ערשטע מאָל אין ראַדין און געזעהן פאַר זיך אַ קליין פּרימיטיווע און פאַרוואָרפענע שטעדטעל, איהרע הייזקעס מיט שטרוי־ענע דעכער און ליימענע פּאָדלאָגעס, איהרע טיף־בלאָטיגע געסלעך, איהרע עטליכע הונדערט אידישע פאַמיליעס, די גרעסטע טייל פון וועלכע ס׳זיינען פּראָסט און פאַרגרעבט, און איהר נאַקעטע לאַנדשאַפט, וואָס פאַרמאָגט אַנ־שטאָט שעהנע בערג, טאָלען, ביימער און טייכען — בלאָטעס און זומפּען ארום — און דאָרטען איז אויסגעוואַקסען און זיך אנטוויקעלט אַזאַ גייסטי־גער ריז און הימלישע פערזענליכקייט, אַזאַ גרויסע ישיבה מיט הונדערטע תלמידי חכמים — האָט זיך געגלוסט אויסשרייען: נאָר דו, רבונו־של־עולם, קאָנסט זיך פאַרגינען אַזאַ גרויסען לוקסוס, אין אַזאַ נישטיג שטעדטעל צו לאָזען דיין תורה זאָל ווערען רעפּרעזענטירט דורך איינעם פון די גרעסטע וואָס דיין פאָלק ישראל פאַרמאָגט!...

פאַרוואָס ראַדין האָט אַזוי פיל בלאָטעס?

אַ גאַנץ יאָהר פלעגען די בני הישיבה זיין פאַרנומען אין זייער לערנען, דערפאַר, אַז עס פלעגט קומען אַ יום־טוב איז זייער פרעהליכקייט געווען אין לשער. די בעסטע געלעגענהייט פאַר שמחה איז געווען דער יום־טוב פורים. דאַן פלעגען די תלמידים פון דער ישיבה אויסקלייבען אלס „פורים־ראש־ישיבה" אַ בחור מיט אַ שאַרפען קאָפּ און אַ געשליפענעם צונג וועמענס הומאר און וויצען זאָלען קאָנען אלעמען מאַכען צום לאַכען און צו פאַרגעסען אין

זייערע וואָכעדיגע דאגות. דער „פּורים־רבי" פלעגט גלייך פאַרנעהמען דעם אויבענאָן און זיך פראָקלאַמירען אלס דער „מאָדערנער בן־עזאי אין די גאַסען פון ראַדין", וועלכער איז גרייט צו ענטפערען אויף קשיות און פראַגעס — זעלבסטפאַרשטענדליך, אַלעס אויף א פּורים׳דיגען אופן.

פון אַזאַ „פּורים־ראש־הישיבה" האָט א תלמיד איינמאָל געפרעגט אָט די ברענענדיגע פראַגע: „פון וואַנען נעהמען זיך אזוי פיל בלאָטעס אין אַזאַ קליין שטעדטעל?"

דער בחור האָט מעשה גאון א רייב געטאָהן דעם שטערן און געזאָגט צו זיין תלמיד „א גרויסע זאך האָסטו געפרעגט מיין קינד! דו ביזט אבער מזל׳דיג צו האָבען א גרויסען רבי׳ן, ער זאָל דיר קענען פארענטפערען אזא הארבע קשיא. און ער האָט אָנגעפאַנגען זיין פורים פלפול און האָט פאַר־ענדיגט מיט דער ערקלעהרונג: „די חז"ל זאָגען אז דער אויבערשטער האָט געוויזען אדם הראשון׳ען אלע דורות מיט זייערע חכמים און גרויסע לייט. ווען אדם הראשון האָט דערזעהן ראַדין און האָט דערהערט אז דא וועט אויפ־וואַקסען דער חפץ חיים, האָט ער א שפּיי געטאָהן, פו! אזא גרויסער גאון און צדיק אין אזא קלייניגקע שטעדטעלע!" פון דעם שפּיי איז געוואָרען אזא גרויסע בלאָטע. אַלע האָבען געלאַכט . . . אָבער דער פרעגער האָט זיך ניט פארלוירען און האָט זיך גענומען אָפּפרעגען דעם רבי׳ן. „אויב דאָס זאָל זיין די סבה, וואָלט דאָך אין ראַדין באדאַרפט זיין גאָר גרויסע וואַ־סערען און אפשר גאָר אַ ים, אַ קלייניגקייט אדם הראשון׳ס אַ שפּיי! ער איז דאך, לויט׳ן תלמוד, געווען גרויס פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער!"

„אויף דעם האָט שוין דער זכות פון חפץ חיים געהאָלפען, אַז עס זאָל מעהר ווי בלאָטעס ניט זיין", איז געווען דער בליץ־שנעלער ענטפער פון פורים רבי׳ן און אלע האָבען ווידער געלאַכט....

דאָס שטעדטעל ראַדין ליגט געאָגראַפיש צווישען גראָדנע און ווילנע און איז אפגעשניטען דורך א שטח פון 21 רוסישע וויאָרסט פון א באהן פאַר־בינדונג. אין א נאַסען וועטער פלעגט אַמאָל געדויערען דער וועג צו פאָרען פון דער באהן סטאַנציע באסטון נאָך ראַדין 8 שטונדען. דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות האָט נאָך אין יאָהר 1915 געטראָפען אַלטע לייט, וועלכע האָבען נאָך קיינמאָל אויף זייער לעבען קיין באהן ניט געהאַט אָנגעזעהן. זיי פלעגען אָבער וויסען צו דערצעהלען מעשיות פון הונדערטע שטעדט און

שטעדטלעך פון גאַר דער וועלט, א דאנק זייער שטענדיגען קאָנטאַקט מיט די פּיעלע ישיבה בחורים, וועלכע זיינען געקומען פון אַלע עקען וועלט.

עס איז זיך לייכט פאַרצושטעלען די פּרימיטיוויטעט און צוריקגעשטאַנענקייט פון דעם שטעדטעל מיט 70 יאָהר צוריק ווען דער חפץ חיים איז נאָך א יונגערמאַן געווען. אָבער אזוי ווי דער גרויסער פּראָפעסאָר וועלכער זונדערט זיך אָפּ פון צייט צו צייט אין זיין קליינעם לאַבאָראַטאָריום כדי דורך פּראָבעס און אונערמידליכע עקספּערימענטען אויסצוגעפינען רפואות און מיטלען פאַר דער ליידענדער מענשהייט, אזוי איז דאָס שטעדטעל ראדין געווען פאר׳ן געטליכען חפץ חיים אין זיינע באמיהונגען אויסצוואָרצלען שלעכטס, צו היילען די גייסטיגע וואונדען און צו שטילען די יסורים פון דער מענשהייט. פון איין זייט האָט ער זיך געווידמעט איינצופלאַנצען תורה און מעשים טובים אין די יונגע הערצער פון זיינע ישיבה תלמידים, זיי צו „אימיוניזירען" און פאַרהיטען פון די אַנשטעקענדע נשמה קראַנקהייטען, און פון דער אַנדערער זייט, דער קאָנטראַסט — אויסצוואָרצלען די פּראַסטקייט און די ווילדקייט פון עלטערע...

געווען איז דאָס אין ווינטער פון יאָהר תרנ״א איינע תבואה הענדלער אין ראדין האָבען אויסגעקויפט די תבואה פון די פּויערים אין די אַרומיגע דערפער און עס פאַרקויפט צו די סוחרים אין ווילנע פאַר עקספּאָרט קיין דייטשלאַנד. דאָס האָט פאַראורזאַכט אַ שטייגונג אין דעם פּרייז פון ברויט. איז געוואָרען אַ טומעל אין שטעדטעל. שבת האָט מען מעכב הקריאה געווען אין שוהל. דער אויפגערעגטער עולם האָט געפאָדערט, אַז די תבואה הענדלער זאָלען אויפהערען אַרויסצופיהרען די תבואה פון ראדין. איינער האָט געשריגען העכער פאַר׳ן אַנדערן. באַזונדערס האָט זיך צושריהען אויפ׳ן הויכען קול דער שטענדיגער עזות פנים פון שטעדטעל ה. ד. ש. און איז צוגעלאָפען צו איינעם פון די הענדלער וועלכער איז געשטאַנען אויף מזרח מיט׳ן פּנים צום וואַנט:

„דו הערסט אברהם משה׳קע, איך וועל דיר אַנלערנען! איך וועל דיר אוועקזעצען מיט קייטאַלאַך אויף דיינע הענט! איך ווייס וואָס דו האָסט אָפּגעטהאָן מיט דיין זוהנדעל פאַר ווען דו האָסט געשטעלט אַ מלאך!"

די גאַנצע צייט איז ר׳ ישראל מאיר געשטאַנען רוהיג אויף זיין פּלאַץ און געקוקט אין זיין תנ״ך. ער האָט זיך גאַרניט געמישט אַזוי ווי ער וואָלט געווען צופרידען פון דער גאַנצער זאַך. האַלטענדיג אז זיי זיינען גערעכט. מ׳טאר דאך

ניט קיין „מפקיע השער זיין". אָבער אזוי שנעל ווי ער האָט דערהערט דעם „סטראַשונאַק" פון ה. איז ער ארויף און האָט ארויסגענומען די ספר תורה און געהייסען מ'זאָל לייענען. ס'איז געוואָרען שטיל. קיינער האָט ניט געוואָגט מעיז פנים צו זיין ר' ישראל מאיר'ן.

שבת אבענד האָט ר' ישראל מאיר געשיקט רופען ה. ד. ש. אָבער דער לעצטער האָט זיך אנטזאָגט צו קומען.

האָט ר' ישראל מאיר גאַרנישט גערעדט נאָר אָנגעטהאָן דעם פוטער און אוועק צו ה. אין הויז און מיט איהם איינגע'טענה'ט אז ער זאָל ניט וואַגען צו ווערען חלילה א מסור.

„גלויבט מיר רביז" האָט ה. אויסגעשריגען „ווען איהר זאָגט מיר איך זאָל אַרויפגעהן אויפ'ן דאך און אראָפשפרינגען אויף טויט וואָלט איך עס געטאָהן, אָבער די בקשה אייערע קאָן איך פאַר קיין פאַל ניט דערפיהלען! ניין רבי איך קאָן אייך דאָס ניט פאָלגען!"

עס האָט ניט געהאָלפען די דברי תוכחה און תחנונים, ה. איז געבליבען פאַר'עקשנ'ט אז ער מוז זיין באשלוס אויספיהרען. דער חפץ חיים איז אוועק פון איהם מיט א צובראָכען האַרץ, וויסענדיג, אַז ה. כדי ער זאָל שפּעטער ניט ווערען אָפּגעקיהלט וועט זיך מקדים זיין גאַנץ פריה און אומבאַמערקט פון קיינעם וועט ער פאָהרען גלייך קיין לידע כדי אברהם משה'ן צו מסר'ן.

ר' ישראל מאיר האָט פון גרויס צער שוין א גאַנצע נאַכט ניט געקאָנט שלאָפען. בעפאָר ס'איז נאָך געוואָרען ליכטיג איז ער אוועק אונטערן שטאָדט אויפ'ן וועג וואָס פיהרט קיין לידע.

ווי איבערראַשט איז ה. געוואָרען ווען ער האָט פאַרטאָג פאָהרענדיג אויף זיין וועגעלע פלוצלונג דערזעהן ר' ישראל מאיר'ן. ער איז לכתחילה געוואָרען אזוי ווי פּאַראַליזירט. ר' ישראל מאיר האָט א מאך געטאָהן צו איהם ער זאָל זיך אָפּשטעלען. און האָט אָנגעפאַנגען צו רעדען צו איהם אין א שטרענגען טאָן.

„הער ה. נעכטען האָב איך גערעדט צו דיר מיט גוטען, איצט וואָרען איך דיר אַז דו זאָלסט גלייך צוריקפאָהרען באם לאו זאָלסטו וויסען אַז קיין גוטס וועט דיר פון דעם ניט ארויסקומען!"

ה. האָט זיך געפּאַסט מוטה, א שמיץ געטאָהן דעם פערד און איז אוועק געפאָהרען. ער איז אָפּגעפאָהרען אַ שטיקעל וועג איז פלוצלונג א פחד אויף איהם אָנגעפאַלען. ער האָט שוין ווייטער ניט געקאָנט פאָהרען. ער האָט א ציטער-

דיגער זיך צוריקגעקעהרט. דערגרייכענדיג דעם רבי'ן איז ער אראפּ פון זיין וואגען געפאלען איהם צו די פיס און מיט טרעהרען זיך געבעטען אז ער זאל איהם פארגעבען. „רבי, איך האב חרטה, זייט מיר מוחל, האט ער גע־כליפּעט"...

רעדענדיג וועגען א מסור אדער מלשין פלעגט דער חפץ חיים ציטירען פון תלמוד און מדרשים ווי ער ווערט געגליכען צו אן אפּיקורס און כופר בתורה ותחית המתים. און אז לויט מקובלים איז זיין עונש מגולגל צו ווערן אין א בילענדען הונט (כלב נובח) אין זיין ספר דערצעהלט ער:

ווען דער ווילנער גאון האט אפּגעריכט גלות האט פּאסירט אז פאהרענ־דיג איינמאל אויף א פוהר איז, צוליב דער אונפארזיכטיגקייט פונ'ם בעל עגלה, דער פערד אראפּ פון גלייכען וועג און ארויף אויף א פּריוואטען פעלד. ווען דער אייגענטימער האט דאס באמערקט איז ער מיט כעס צוגעלאפען צום פוהר און האט אין זיין רציחה געוואלט שלאגען דעם גאון. דער לעצטער האט אייגענבליקליך זיך געוואלט פארענטפערן מיט דער טענה, אז עס איז ניט זיין שולד, ווייל ער איז דאך ניט דער בעל עגלה. האט ער זיך אבער תיכף געכאפּט אז עס וואלט געמיינט זיין א מסור און איז פארבליבען שטיל. שפּעטער פלעגט ער מיט צופרידענהייט דערמאנען דעם פאקט, אז איהם איז דאמאלט געלונגען זיך איינצוהאלטען און ליבערשט געוואלט מקבל זיין קלעפּ איידער צו זיין א מסור. עס וואלט דאך קיין זכות ניט געקאנט פאר־מיידען דעם עונש פאר אזא חטא. ניט זיין תורה און ניט זיינע מצוות, ובפרט דער בעל עגלה איז דאן פּטור געווארען מן הדין און אויב אפילו ער וואלט חייב געווען וואלט עס נאר געווען געלד אבער ניט קיין קלעפּ — פיהרט אויס דער חפץ חיים (זעה שמירת הלשון דף ט'; השמטות צום ספר „שם עולם").

אויב מ'וויל קאנען א מענשען, דארף מען בעאבאכטען זיינע האנדלונגען, און זיך צו שאפען א פארשטעלונג פון א גרויסען מענשען, איז אומעגליך, סיידען מ'זעהט איהם אין פארקער מיט קליינע מענשען. באטראכטענדיג די סארט האנדלונגען פון חפץ חיים, קאן מען זיך שאפען א באגריף פון זיין גרויסקייט און די ערהאבענקייט פון זיינע הייליגע אידעאלען.

יד.

די ראדינער בעלי־בתים

דער חפץ חיים האָט זיך געווידמעט צו זיין אויפגאַבע מיט'ן גאַנצען פייער פון זיין נשמה. „זיי זיינען דאָך ניט שולדיג, זיי האָבען דאָך ניט געלערענט, און אָהן תורה איז מען דאָך נאָך ערגער ווי א בלינדער. די תורה איז גוט פאַר אַלעמען, מען דארף אַלעמען לערנען: אַלטע, יונגע, לומדים, פּראָסטע, יעדער איינער קען געפינען חיות אין דער תורה", פלעגט ער זאָגען. ער האָט דארום געגרינדעט פאר די בעלי בתים חברות פון חיי אדם, עין יעקב, משניות, גמרא. ער האָט מיט זיי געלערענט און צו זיי גערעדט אזוי ווי א געטרייער טאַטע. און ער האָט געהאט גרויס ערפאָלג. פיעלע פון זיינע דאַמאָלסדיגע פּראָסטע תלמידים זיינען שפּעטער געוואָרען היבשע לומדים. האָט ער דער־שמעקט ערגעץ א גוטען אינגעלע האָט ער איהם שוין ניט אָפּגעלאָזט. אויב נויטיג פלעגט ער איהם זאָגאַר אוועקשיקען פון דער היים אין אַנדער ישיבה, ווייט פון דער אונגינסטיגער סביבה... און דער חפץ חיים האָט שוין פאר זיין חיונה געזאָרגט.

איינמאָל, ווען דער חפץ חיים איז געזעסען אין בית המדרש און געלערענט איז געקומען צו איהם אַן אָרטיגער שמיד מיט אַ בקשה, מען זאָל זאָגען תהלים פאר זיינס א קראַנקע קינד, און אז דער חפץ חיים זאָל איהם געבען זיין ברכה. דער רבי האָט זיך אָבער אנטזאָגט איהם צו געבען זיין ברכה, כל זמן ער וועט איהם ניט פאראויס באצאָהלען צעהן רובל. דאָס האָט דעם שמיד זעהר איבערראַשט, וויסענדיג אז דער רבי נעהמט ביי קיינעם קיין געלד ניט און אז ער האָט בכלל פיינט מתנות. ניט האָבענדיג קיין אַנדער אויסוועג האָט ער איהם דערלאַנגט דאָס געלט און דער חפץ חיים האָט איהם געגעבען זיין ברכה.

דער זעלבער שמיד האָט געהאַט א זוהן אויף וועמען דער חפץ חיים האָט געווירקט, אז ער זאָל אויך פאַהרען לערנען אין דער פרעמד, אין א ישיבה. אין א וואָך ארום האָט דער פאָטער דערהאַלטען א בריעף פון זיין זוהן, אז ער דאַנקט איהם זעהר פאר די צעהן רובל וואָס ער האָט איהם געשיקט.

קוועטשט דער שמיד מיט די פלייצעס און ווייס ניט וואָס פאַר א צעהן רובל דאָס זיינען. ער האָט דאַכט זיך, זיין זוהן קיינמאָל אזא היבשע סומע ניט געשיקט. ביז וואַנען ער האָט זיך געכאַפּט, אז געוויס האָט ר׳ ישראל מאיר די צעהן רובל וואָס ער האָט ביי איהם גענומען אָפּגעשיקט צו זיין זוהן.

ער האָט אַמאָל מוסר׳נדיג די בעלי בתים, וועלכע האָבען איהם וועגען א געוויסען ענין ניט געפאָלגט, זיי געזאָגט צווישען אנדערעס: „איך האָב ב״ה פאר׳ן שטעדטעל געהאָרעוועט... איך האָב אייך אריינגעבראַכט שעהנע איי־דימס תלמידי חכמים״. די וועלכע האָבען אליין ניט געלערענט האָט ער גע־זוכט זיי צו פארשאַפען אן אנטהייל אין דער תורה ניט נאָר דורך מתחתן זיין זיך מיט די בני תורה, נאָר אויך צו שטיצען אנדערע אז זיי זאָלען קענען זיצען און לערנען.

איינמאָל פרייטאג צו נאַכט ווען א. דער בעל עגלה האָט קומענדיג פון שוהל מיט אַן אומעטיגען ניגון אָנגעפאַנגען זאָגען „שלום עליכם... בואכם לשלום...״ איז אונערוואַרטעט אריין אין הויז ר׳ ישראל מאיר.

ער האָט זיך דערוואוסט אז א. איז צוקריגט מיט זיין ווייב, איז ער געקומען מאַכען שלום... ווען ר׳ ישראל מאיר האָט אַן ערפאָלגרייכער פאַרלאָזען דעם בעל עגלה׳ס הויז האָט דער לעצטער שוין מיט א פרעהליכען ניגון פאַרענדיגט „צאתכם לשלום מלאכי השלום...״

יעדען טאָג ביים דאַוונען פלעגט דער שמש ארומגעהן אין ראדינער בית המדרש מיט צוויי פושקעס: איינע פאַר די הצטרכות׳ן פון שוהל, די אנדערע פאַר דער ישיבה. האָבען די בחורים איינמאָל גע׳טענה׳ט פאַר׳ן חפץ חיים: „מילא אז מען שנאָרעט פאַר אונז אויסערהאלב דעם בית המדרש, זעהען מיר עס ניט, אבער פאַר אונזערע אויגען מאַכען פאַר אונז גראָשענדיגע זאַמלונגען!״

האָט זיי דער רבי גוטמוטהיג און האַרציג געענטפערט: „אידען בעטען אַלע טאָג „ותן חלקנו בתורתך״, זיי זאָלען האָבען א טייל אין דער תורה: אָרימע אידען, פּאַריאָגטע אידען, וועלכע האָבען נעבאַך קיין מעגליכקייט ניט אַליין צו לערנען, ווי אזוי קאָנען זיי האָבען אַ חלק אין דער תורה, אויב מען וועט זיי באַרויבען פון דער געלעגענהייט זיך דאָס צו ערווערבען דורך זייערע אָרימע גראָשענס? ניין, מען טאָר עס ניט טהאָן!״

פאַר די בעלי בתים אין ראדין איז די ישיבה געוואָרען דער הויפּט קוואַל פון פרנסה, דאָס שטעדטעל האָט ניט קיין היימישען מאַרק אזוי ווי אנדערע שטעדטלעך, ערנעהרען זיך דאָרט די אידען ביז׳ן היינטיגען טאָג פון די ישיבה

בחורים. ווען דער חפץ חיים האָט מיסד געווען די ישיבה און יעדען יאָהר זיינען צוגעקומען אלץ מעהר תלמידים, האָבען די אָרטיגע אידען מיט זייער שאַרפען חוש דערשמעקט א שפע פון פרנסה. האָט דער שוסטער אוועקגע־וואָרפען זיין האַמער, דער שמיד — זיין קאָוואַדלע און דער שניידער — זיין נאָ־דעל און זיך אָנגעפאַנגען צו פאָרען ארום די ישיבה בחורים און פון דעם ציהען חיונה. זיינען די בעלי בתים געקומען מיט א טענה צו ר׳ ישראל מאיר׳ן אז צוליעב זיין ישיבה האָבען זיי ניט ווער עס זאָל זיי פאַרריכטען זייערע שיך און פאַרלאַטען זייערע קליידער, נאָר אז זיי מוזען געהן זוכען ערגעץ אונטער׳ן שטאָדט די גוי׳אישקע בעלי מלאכות. האָט ר׳ ישראל מאיר פאררופען די בעלי מלאכות מיט זייערע פרויען און האָט זיי אויפגעוויזען פון דער תורה, אז מען דאַרף ליעבען אַ מלאכה (אהוב את המלאכה). האָבען זיך די פרויען אונטער־גענומען צו העלפען זייערע מענער, ד. ה. אז די פרויען וועלען ארבייטען פאר די ישיבה לייט אום די מענער זאָלען קאָנען צוריקגעהן צו זייערע ווערק־שטאַטען.

ווען די ישיבה האָט זיך מעהר אנטוויקעלט און איז געוואָקסען, אין כמות אזוי גוט ווי אין איכות, האָבען אנדערע געעפענט גרעסערע קראָמען, אויפגע־בויט נייע הייזער און צוגעבויט חדרים אין זייערע אַלטע, געעפענט בעקערייען און אנדערע אונטערנעהמונגען פאַר די באקוועמליכקייט פון די תלמידים פון דער ישיבה. דאַגעגען פריהער פלעגט מען דאַרפען פאָהרען אלץ קויפען אין איישישאָק, וועלכע איז צוועלף רוסישע וויאָרסט פון ראַדין. אפילו קיין פאָסט איז דאַן אין ראַדין ניט געווען. פלעגען די בחורים זיך צוזאַמענגעהמען און אַוועקשיקען אלע מאָל אן אנדערען קיין איישישאָק ער זאָל פאַר זיי איינקויפען די נויטיגע אַרטיקלען.

איינמאָל האָט א בחור מיטגעגעבען דעם אָרטיגען שמש, וועלכער איז גראָד געפאָרען קיין איישישאָק, 3 קאָפּיקעס ער זאָל פאַר איהם קויפען א פאָסט־קאַרטעל. ווען דער שמש איז צוריקגעקומען, האָט דער בחור געמאָנט פון איהם דאָס קאַרטעל, האָט ער דערצעהלט אז ער האָט געקויפט און גלייך נאָכדעם אריינגעוואָרפען אין דעם קעסטעל אין דער פאָסט (לעטער באָקס).

„וואָס הייסט דו האָסט עס אריינגעוואָרפען?״—פרעגט איהם א פארוואונ־דערטער דער פּרוש — „מען האָט דאָך פריהער געדאַרפט אָנשרייבען!״

„געה, דו נאַרישער בחור, פארשטעהסט ניט אז זיי דאַרטען קענען בעסער שרייבען פון דיר?״ — האָט זיך אָנגעבייזערט אויף איהם דער קלוגער שמש...

די אלטע אידען פלעגען דערצעהלען אז ראדין איז זעהר אן אלטע שטאדט. ניט ווייט פון בית עולם פלעגען זיי אנצייגען אויף א גרויסען שטיין וואס זאל האבען געבליבען פון א חרוב געווארענע שוהל. אזוי ווי דער שטייגער איז, ווערען פיעלע לעגענדעס דערצעהלט וועגען אט דעם שטיין. אין זיין יוגענט פלעגט מען אפט טרעפען ר׳ ישראל מאיר׳ן נעבען דעם דאזיגען שטיין פארטיפט אין זיין התבודדות און חשבון הנפש.

ר׳ ישראל מאיר פלעגט אלס יונגערמאן אפט שפאצירען אונטער דער שטאדט צווישען די פעלדער פארטראכטערהייט. די גוים האבען שוין זאגאר געוואוסט, אז ער איז א יונגער אידישער הייליגער. זיי האבען געגלויבט אז זיינע טריט אויף זייערע פעלדער ברייינגען זיי ברכה. האבען זיי דעריבער גע־זוכט כל׳ערליי תחבולות איהם צו מאכען ער זאל געהן אויף זייערע פעלדער. זיי פלעגען בכיוון פארטרייבען דעם חפץ חיים׳ס קוה אויף זייערע גראז און איהר פארנעהמען, און נאכהער פאדערען אז דער אייגענטימער זאל קומען איהר אויסלייזען פון זיי. אלץ כדי דער צדיק זאל דארפען דורכגעהן זייערע פעלדער.

היינט באריהמען זיך די ראדינער „לאנדסלייט״ אז זייער שטעדטעל איז מאדערנע און האט שוין אלע ציוויליזאציאנס־פארבעסערונגען, ווי עלעקטרי־ציטעט, אויטא פארקער און אז מען נעהמט זיך שוין ביסלעכווייז אויסצו־טריקענען די בלאטעס. היינט איז שוין דא א שאסע, וועלכער פארבינדט דאס שטעדטעל מיט דער באהן סטאנציע. דער פראגרעס איז אבער אלץ מעג־ליך געווארען א דאנק די אנוועזענהייט פון די ישיבה בחורים.

באשערט געווען אן אומבאדייטענדע קליינע שטעדטעל באריהמט צו ווע־רען אין דער גאנצער וועלט אלס א גייסטיגער אידישער צענטער, אלץ א דאנק דעם ארטיגען בעל הבית ר׳ ישראל מאיר הכהן — באקאנט אלס דער חפץ חיים.

ווי ריכטיג זיינען די ווערטער פון אונזערע חכמים, אז ניט דער ארט איז מכבד דעם מענשען נאר דער מענש איז מכבד דעם ארט.

דער גרויסער מענש, וועלכער באזיצט א טיפען און שארפען בליק, זעהט שעהנקייט אין יעדען ארט און באוואונדערונג אין יעדען געגענשטאנד. ער דארף ניט אויפהויבען די אויגען צו די הימלישע ספערען צו ווערען אנטציקט פון דעם גרויסען קאסמאס מיט זיינע וואונדערליכע וועלטען, פון די אומגע־הויערע גרויסע זונען און אומצעהליגע שטערען. יעדער זאמד־קערענדעל

עפענט פאַר איהם נייע וועלטען, יעדער ווערימעל איז פאַר איהם א ים פון וואונדער. דאָס וואָס ס׳דאַכט זיך דעם פשוט׳ן מענשען, אז עס איז איינפאַך און נישטיג, ווערט פאַר זיין דורכדרינגענדען אויג אַנטדעקט אלס אַ קוואַל פון פאָעזיע און צויבערליכקייט.

עהנליך האָט דער חפץ חיים געזעהן שעהנקייט אין דער צוריקגעשטאַנענקייט און פרימיטיוויטעט פון דער שטעדטעל ראדין. ער האָט באַוואונדערט די איינפאַכקייט און נאַאיוויטעט פון די אָרטיגע אידען. בכלל, האָט דאָס שטעטעלע אַפּעלירט צו זיין הייליגער פאַנטאַזיע.

עס איז א פאַקט, אז ניט איינמאָל האָבען זיך ביי איהם אידען פון גרויסע שטעדט געבעטען, אז ער זאָל זיך מיט זיין ישיבה אריבערציהען צו זיי, צוזאָגענדיג פינאַנציעל אויפצוהאַלטען אַלע זיינע תלמידים. דער חפץ חיים האָט זיך אָבער אנטזאָגט. ער אליין האָט פאָרגעצויגען צו בלייבען צווישען זיינע ראַדינער פשוט׳ע אידען איידער צו וואוינען למשל אין אַזאַ שטאָדט ווי גראָדנע טראָץ אַלע מאטעריעלע גליקען. וואָס אַנבאלאנגט די ישיבה־בחורים האָט ער באַמערקט, אַז אין אַ גרויסער שטאָדט וואָלטען זיי (אויסער אַלע אַנדערע נסיונות, וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט איהר) באַדאַרפט אויסגעבען זייער אָרימע שטיצע אויף קליידונג און אַנדערע גרויס־שטאָדטישע פאָדערונגען, אַז עס וואָלט זיי גאָרניט געבליבען אויפ׳ן עסען.

ער פלעגט בלויז זעהן ברכה אין דער רוהיגקייט און איינזאַמקייט פון זיין קליין שטעדטעל. ער האָט באַטראַכט אַלס אַ פּאַסיגען אָרט צו דערגרייכען גייסטיגע ערהאבענקייט און אינערליכע צופרידענהייט. אַלס אָרט מסוגל זיך איינצושאַפען תורה און יראת שמים. רעדענדיג פאר די בעלי־בתים אין שטעטעל האָט ער אַמאָל געזאָגט, אז איינע פון די הויפט מעלות פון א קליין שטעטעל איז די שוואַכקייט פון יצר הרע. אין א גרויסער שטאָדט איז דער יצר הרע פאַרטראָטען דורך א גרויסען שטאַב מיט הויכע און פעהיגע בעאַמטע. וואָס די שטאָדט איז קלענער אַלץ קלענער און אומוויכטיגער זיינען זיינע בעאַמטע למשל, אין פעטערבורג וואוינט דער קייזער אליין, אין מאָסקווע — א גענעראַל גובערנאַטאָר, א. א. וו. און אין א קליין שטעדטעל רעגירט דער קייזער דורך אַן אוראַדניק. אזוי איז אויך מיט׳ן יצר הרע, וועלכער רעגירט אין א גרויסע שטאָדט דורך מעהרערע און גרעסערע אַגענטען, און אין א קליין שטעדטעל האָט ער א נישטיגע פאַרטרעטערשאַפט. „זיין א קליינשטעטלדיגער איד, מיינט דעריבער, — האָבען א קליינשטעטעלדיגען יצר הרע״, פלעגט ער אר־

גומענטירען. ער פלעגט שטיצען די דאָזיגע ערקלעהרונג אויף דער דערצעהלונג פון חומש, ווען לוט האָט זיך געבעטען ביי די מלאכים, וועלכע האָבען איבער־געקעהרט סדום, אז זיי זאָלען איהם ערלויבען צו אַנטלויפען אין דער שטעדטעל צוער, ווייל „הלא מצער היא״, לויט רש״י, „והלא עוונותיה מועטין — ופשוטו של מקרא, הלא עיר קטנה היא״ (בראשית י״ט), אלזאָ, ניט ווי רש״י זאָגט פריהער, אז צוליב איהר נייקייט, נאָר צוליב איהר קליינקייט האָט די שטאָדט צוער געהאַט ווינציג זינד אויף איהר רעקאָרד, ווייל די מאַכט פון יצר הרע איז דאָרטען זעהר שוואַך רעפּרעזענטירט געווען.

דעם גרעסטען זכות, וואָס מען האָט געקענט לערנען זאָגאַר אויף די פּראָסטע אידען אין ראַדין איז, אז אין פילע הינזיכטען האָבען זייערע גוטע טהאַטען איבערגעשטיגען זייער געלערזאַמקייט. ד. ה., אז זייערע מעשים זיינען געווען מעהר ווי זייער חכמה (כל שמעשיו מרובה מחכמתו — חכמתו מתקימת). זיי זיינען מעהרסטענס געווען נאאיווע פרומע עהרליכע אידען, וויפיל עס איז נאָר מעגליך געווען פאַר אַן אומוויסענדען צו זיין.

דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות עראינערט זיך אַן אינצידענט, וואָס ער האָט לערנענדיג אין דער ישיבה איינמאָל בייגעוואוינט:

אין ראַדין איז דאָן געווען אַן עלטערער איד, מיכל פאַר וועמען מען פלעגט זאָגען, אז די שעהנסטע און פרימסטע אידען פאַלען, ווייל ערב יום־כפור פלעגען אַלע אידען זיך אַוועקלייגען אויף דער ערד און ער פלעגט זיי שלאָגען מלקות; איינמאָל איז מיכל צוגעקומען מיט אַ „חיי אדם״ צום ראש הישיבה, הגאון ר׳ משה לאַדינסקי, וועלכער איז גראַד געשטאַנען אין בית המדרש און פאַרבראַכט מיט בחורים אין לערנען — און איהם אַ באַגייסטערטער דער־צעהלט, אַז ער דענקט, דאָס איהם איז געלונגען צו אַנטדעקען פון ספר „חיי אדם״ דעם יאָהר ווען משיח וועט קומען. אַ שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף אַלעמענס פּנימ׳ער. מיר האָבען זיך איינגעהאַלטען ניט אויסצושיסען אין אַ געלעכטער, כדי איהם ניט צו פאַרשעהמען. די מעשה איז אַזוי געווען:

דער „חיי אדם״ האָט נאָך זיין הקדמה אַן אינהאַלט פאַרצייכניש פון אלע סמנים (פרקים), וועלכע ווערען באהאנדעלט אין שלחן ערוך אורח חיים ביז׳ן סוף סמן תרצ״ז. אין לשון קודש רופט זיך עס: „לוח המפתחות״. אלזאָ, האָט מיכל אין זיין נייגעריגקייט מגלה צו זיין דעם קץ, געמיינט, אז דאָס איז עפּעס אזא סאָרט לוח מיט סודות׳דיגע רמזים, און די סמנים באדייטען יאָה־רען. טאַ פאַרוואָס ענדיגט זיך עפּעס דעם חיי אדם׳ס לוח מיט׳ן יאָהר תרצ״ז,

מסתמא, האָט מיכל ארגומענטירט, וויל ער אָנווינקען, אז מעהר וועט דער גלות־לוח ניט נויטיג זיין, ווייל סוף פון יאָהר תרצ"ז וועט קומען משיח...

ניט קיין קליינע אויפגאַבע האָט דער יונגער ר' ישראל מאיר אויף זיך גענומען צו לערנען תורה מיט אָט אזעלכע סאָרט אידען.

טו.

זיין אייגענער משולח

דער ספר חפץ חיים״ האָט צוערשט דערזעהן די ליכט פון טאָג אין זומער פון יאָהר תרל״ג. אַבוואהל דער מחבר איז שוין דאַן אַלט געווען 35 יאָהר, איז ער אָבער פאר דער וועלט דאן געבוירען געוואָרען, אין גייסטיגען זין, אויף קיינמאָל ניט צו שטאַרבען. אָט דער ספר האָט איהם פאראייביגט אין דער אידישער היסטאָריע, פאַרשאַפענדיג איהם א פּלאַץ אין דער גאַלעריע צווישען די אונשטערבליכע פון זיין פאָלק — די גרויסע צדיקים און קדושים פון אַלע דורות.

גרויס איז געווען די שמחה פון אָט דעם שטילען און באשיידענעם יונגען מאַן וועלכער האָט ענדליך זוכה געווען צו זעהן די פּרוכט פון זיין לאַנגע אונער־מידליכע ארבייט פול־צייטיג און גרייט פאר׳ן גייסטיגען גענוס פון יעדען רעכט דענקענדען מענשען. מיט דעם האָט זיך אָבער זיין אַרבייט אויף דעם דאָזיגען געביעט ניט פארענדיגט. ער האָט דאָך געשאַפען זיין ווערק עס זאָל דינען אַלס אינסטרומענט צו אינספּירירען און פאַרשעהנערען דאָס לעבען פון עטהי־שען שטאַנדפּונקט, און אוועקשטעלען די באַציהונגען פון מענש צו מענש אויף אַ העכערער מאָראַלע שטופע.

כדי צו דערגרייכען ממשות׳דיגע רעזולטאַטען וואָלט די בעסטע עצה געווען ארויסצושיקען ספּעציעלע שלוחים אין די נאָהענטע און ווייטע שטעדט אום זיי זאָלען דעם ספר וואָס מעהר פארשפּרייטען. איז ער אָבער דאן געווען צו אָרים ער זאָל קענען טראַכטען וועגען אזא פּלאַן. זייענדיג באַשלאָסען מיט זיינע אייגענע כחות צו טהאָן אלעס וואָס ס׳איז נאָר מעגליך, איז ער דאריבער גע־וואָרען זיין אייגענער משולח. כמעט קיינער האָט דאָמאָלסט ניט געוואוסט, אַז ער איז דאָס דער מחבר פון ספר, ווייל צוליב זיין אויסערגעוויינליכער צדקות האָט זיין נאָמען אויפ׳ן שער־בלאַט ניט פיגורירט און אויך ניט אויף די הסכמות פונם ספר. ראשית האָט ער ניט געוואָלט אז מען זאָל וויסען וועגען איהם, צווייטענס האָט ער זיך זעלבסט געהאַלטען זעהר קליין און האָט דאָ־

ריבער געדיינקט אז אויסלאָזענדיג זיין נאָמען וועט דער ספר האָבען מעהר פּרעסטיזש און ווירקונג און עס וועט זיין מעהר דבריו נשמעים. עס איז גראָד געווען א לייכטער ענין פאר איהם זיך צו ערקלעהרען איבעראַל אלס דער משולח פון מחבר.

ער פלעגט, קומענדיג אין א שטאָדט, האַלטען א דרשה אויף דער בימה און ווען מען האָט איהם דערפאַר געוואָלט באצאָהלען, האָט ער זיך אנטזאָגט צו נעהמען געלד. ער האָט אויך ניט ערלויבט מען זאָל שטעלען פאַר איהם א קערה ביים טיהר, ער האָט בלויז פארלאַנגט אז דער עולם זאָל קויפען פון איהם ספרים לויט׳ן באַשטימטען פּרייז. טאָמער האָט ווער איהם געוואָלט מהנה זיין און געבען מעהר, האָט ער זיך אנטזאָגט צו נעהמען, אָנגעבענדיג אלס תירוץ אז דער מחבר האָט מיט איהם אזוי אָפּגעמאַכט און ער טאָר ניט ענדערען דעם צוזאָג. פאַר די יעניגע וועלכע זיינען אליין ניט אימשטאַנד געווען צו לערנען פון ספר, פלעגט ער מעורר זיין און העלפען צו אָרגאַניזירען חברות און איינ־אָרדנען אז א רבי זאָל מיט זיי אלע טאָג לערנען די דינים פון ספר.

ווען ער האָט, זייענדיג אין אן אָרט, זיך דערוואוסט פון אן ארימען אידען וועלכער וואָלט געגאָרט צו האָבען דעם ספר און האָט אָבער איהם ניט געקענט באַהויפּטען צו קויפען, פלעגט ער שוין דערגעהן דעם אַדרעס און פאַר זיין אַוועקפאָהרען דאָרט אריינגעהן כלומרשט מיט א תירוץ צו טהאָן א טרונק וואַסער, און אומבאַמערקטערהייט איבערלאָזען א ספר און אליין תיכף נעלם ווערען.

אז א מחבר זאָל אליין ארומפאָהרען פארקויפען זיין ספר, איז גאָר קיין נייעס ניט. אזוי פלעגען טהאָן פיעלע מחברים און עד היום איז דאָס א טעגליכע ערשיינונג. דער גוטער נאָמען פון א בכבוד׳יגען מחבר איז שטענדיג געגאַנגען פאָראויס און האָט אימער פאר איהם באַזייטיגט אַלע שוועריגקייטען און אונ־אַנגענעהמליכקייטען. פון איין זייט האָט זיין פּערזענליכע פּאָפּולאַריטעט צו־געגעבען ניט ווינציג פּרעסטיזש צו זיין ווערק, און פון דער אנדערער זייט האָט דער ערפאָלגרייכער ספר פארשאַפט עהרע און באַריהמטקייט צום פארפאַסער.

אנדערש איז אָבער געווען אונזער מחבר, וועלכער האָט גראָד אָנגעווענ־דעט אַלע מיטלען כדי צו בלייבען אומבאַקאַנט און האָט זיך ניט געוואָלט אידענטיפיצירען מיט זיין ספר.

פון דער אַנדערער זייט איז זיין ספר געווען א „יחיד במינו״, אייגענאַרטיג אין זיין איינהאַלט צווישען די אונצעהליגע ספרים פאַר די לעצטע הונדערטע

יאָהרען. פיעלע קריטיקער האָבען זיך לכתחילה אפגעשראָקען פאר אזא ספר. ס'איז אונמעגליך צו צוימען די מענשליכע מויל. „הרגל נעשה טבע", געוואוינ־הייט ווערט א צווייטע נאטור — האָבען זיי ארגומענטירט — ס'איז אזא גזירה וואָס אין רוב הצבור יכולים לעמוד בה, א. א. וו. עס האָט גענומען צייט ביז זיי האָבען זיך איבערצייגט, א דאנק די ארגומענטען פון מחבר, און אריינטראַכ־טענדיג אין זיינע ווערטער אינ'ם ספר, אז די הפקרות פון מענשליכען „כח הדבור" איז א רעזולטאַט פון פארנאכלעסיגקייט און גלייכגילטיגקייט וועלכע ציהען זייער הויפט יניקה פון אונוויסענהייט.

זאָגאַר שפעטער ווען ר' ישראל מאיר איז שוין איבעראַל באַריהמט געווען און אידען פלעגען זוכען זיך איינצושאַפען זיינע הייליגע ספרים, האָט פאסירט אז א געוויסער סוחר, א באוואוסטער בן תורה אין ווארשא, האָט איינמאָל פון איהם געקויפט אַלע ספרים אויסער דעם ספר „חפץ חיים". דער מחבר האָט אין פארוואונדערונג געפרעגט דעם קונה הלמאי ער לאָזט אויס דיזען ספר, האָט דער לעצטער איהם געענטפערט: היות ער איז א גרויסער סוחר און קומט אין מסחר אין באַריהרונג מיט פיעלע מענשען, איז איהם זעהר שווער זיך אויס־צוהיטען פון לשון הרע. טאָ וואָס איז די פעולה פאר איהם צו לערנען דעם ספר?

האָט איהם ר' ישראל מאיר געענטפערט: אז אמאָל איז איהם אויסגע־קומען צו רעדען מכח אָט דער פראַגע מיט ר' ישראל סאלאנטער זצ"ל, האָט איהם דער לעצטער געענטפערט „אז אויב עס קען נאר ארויסברייגגען א קרעכץ פון א אידען איז שוין דאָס אליין אָן און פאַר זיך א הויכער ענין", און אויס־פיהרענדיג האָט ער געזאָגט צום סוחר: „קויפט, איך בעט אייך, דעם ספר, און לערענט אין איהם. אפילו אויב איהר וועט חלילה ניט קענען אָפּהיטען, אָבער אַ קרעכץ וועט עס דאָך ארויסברייגגען איז עס שוין ממילא כדאי".

ארומפאָהרענדיג אלס אן אומבאוואוסטער משולח איז איהם ניט איינמאָל אויסגעקומען אויסצושטעהן זלזולים און באַליידיגונגען פון בעלי עגלות, בעלי אכסניות און פון פאַרשידענע עזות פנים'ער וועלכע פעהלען קיינמאָל ניט אויס אין יעדען דור און אין יעדען אָרט. דער חפץ חיים איז אָבער געווען אזוי פיעל איבערגעגעבען אין זיין הייליגע אַרבייט אַז ער איז פון קיין זאך ניט נתפעל געוואָרען.

„א מענש", פלעגט ער אימער זאָגען, „דאַרף זיך אזוי אויסאַרבייטען אַז ער זאָל ניט פיהלען קיין צער ווען מען זידעלט און באַליידיגט איהם", אזוי ווי די חז"ל לערנען אונז: „די מענשען וועלכע פאַרשעהמען ניט דעם יעניגען

וועלכער האָט זיי פאַרשעהמט און הערען באַליידיגונגען און ענטפערען גאָרניט אויף דעם, זייענדיג אזוי דיקטירט פון זייער אינערליכסטען ליעבע־געפיעל צום אויבערשטען און פרעהען זיך אין יסורים, וועלען זיי דערפאַר אזוי שיינען ווי די זון אין איהר שטאַרקייט״. (שבת פ״ח) און ריידענדיג וועגען דעם אין זיין ספר, ציטירט ער די ווערטער פון קדוש ר׳ אליעזר אזקרי, וועלכער זאָגט אין זיין ספר „חרדים״, „ווען איך הער אימיצען מיך באַליידיגען און זידלען און דער עפענטליכקייט, בלייב איך שטיל און שטעל מיך בעת מעשה פאָר ווי א וואָג־שאָל היינגט איבער מיר. אויף איין זייט לייג איך אוועק מיינע זינד און שולדען און אויף דער אַנדערער זייט די בזיונות און באַליידיגונגען. ווען איך זעה אַז מיינע זינד ציהען זעהר פיעל אַראָפּ בלייב איך רוהיג און באַרעכטיג אַלעס. אָט אזוי באַהאַנדעל איך אַלע סאָרטען צער וועלכע ווערען פאַראורזאַכט פון ווערטער אָדער מעשים״. און דער חפץ חיים ברייגגט אין זיין ספר אַלס אילוסטראַציע דעם פאָלגענדען עפּיזאָד:

איינמאָל זיינען דעם ווילנער גאון׳ס באַריהמטע תלמידים, די ברידער ר׳ חיים און ר׳ זלמן פון וואָלאָזשין, זייענדיג אונטערוועגס געקומען צו אן אכסניה וואו דער אייגענטימער האָט משמעות אָנגעהמענדיג זיי פאַר פשוט׳ע אורחים, זעהר שטאַרק זיי געזידעלט און באַליידיגט און האָט זיי ארויסגעטריבען ניט לאָזענדיג זיי איבערנעכטיגען ביי איהם. זיינען זיי דאריבער געצוואונגען געווען זיך צו לאָזען ווייטער אין וועג אריין. האָט דער גאון ר׳ חיים אן איבערראַשטער באַמערקט ווי דער צדיק ר׳ זלמן וויינט. האָט ער איהם געפרעגט:

„וואָס וויינסטו, מיין טהייערער ברודער? ווארום זאָל דיך אַרען אזעלכע נאַרישע באַליידיגונגען? גלויב מיר אז איך האָב זיך גאָר ניט צוגעהערט צו דעם, און מיר האָט עס דאריבער גאָרנישט געאַרט!״

„ניין, ברודער לעבען״, האָט דער צדיק מיט טרעהרען געענטפערט, „ניט צוליעב דעם וואָס דער בעל אכסניה האָט מיך באַליידיגט וויין איך, דאָס ארט מיך גראַדע ניט. איך באַדויער אָבער דעם פאַקט וואָס בעת מעשה ווען ער האָט זיך אויף אונז צושריען, האָב איך טיעף אין מיין האַרצען געפיהלט עפּעס א פאַרדרוס. זעה איך דאָך אז איך האָב נאָך ליידער ניט דערגרייכט די מדרגה פון „הנעלבים ואינם עולבים, ועל דא קא בכינא!״ און דער חפץ חיים פיהרט אויס „גליקליך איז דער מענש ביי וועמען די מדה פון סבלנות איז אזוי אויס־געאַרבייט אז ער קען זיך פאָלשטענדיג באַהערשען און לגמרי גאָר ניט פיהלען

ווען מען פארשעהמט אָדער באַליידיגט איהם. וואויל איז איהם וואָס איז א „מעביר על מדותיו און שווייגט" (זעה שמירת הלשון, שער התבונה פרק ח׳).

איינמאָל איז אונזער „משולח" אויסגעקומען צו פאָהרען אויף איין פוהר צוזאַמען מיט קצבים און פערד־סוחרים וועלכע זיינען געפאָהרען אויף א יאריד. זעלבסטפאַרשטענדליך, אז אויפ׳ן וועג האָבען זיי כסדר גערעדט וועגען אָקסען, קיה, פערד וכדומה. דער חפץ חיים איז זיך געזעסען פארטראַכט אין זיינע ענינים אזוי ווי עס וואָלט איהם גאָר ניט אָנגעגאַנגען זייערע רייד. האָט אבער איינער פון דער קאָמפּאַניע אָנגעפאַנגען צו ריידען וועגען אנדערע סוחרים און פון זיי אָפּצולאַכען. האָט דער חפץ חיים זיך פלוצלינג אזוי ווי אויפגעכאַפּט פון א דרעמעל און האָט גלייך אויף זיין שטייגער רעאַגירט, טענה׳נדיג צו זיי:

„ברידער, ביז איצט האָט איהר פארבראכט די צייט גאַנץ פיין, רעדענדיג מכח פערד, אָקסען און קיה, אלץ וועגען אזעלכע ענינים וועלכע האָבען א שייכות מיט אייער פרנסה. טאָ צו וואָס האָט איהר אויפגעהערט און גאָר אָנגעפאַנגען רעדען וועגען מענשען, אזא שמועס שלעפּט דאָך אריין אין א נעץ פון לשון הרע וועלכעס איז א זעהר גרויסע עבירה?"

די אָנוועזענדע האָבען מיט ביטול באטראכט דעם מאָדנעם אומבאקאנטען אידעל וועלכער וואגט זיי צו מוסר׳ן.

„געהערט א מעשה, ער הייסט גאר ריידען וועגען פערד און בהמות, איידער וועגען מענשען?!" זיי האָבען ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו זיינע בקשות, נאר האָבען פאָרגעזעצט זייער אָנגעפאַנגענעם געשפּרעך.

דער חפץ חיים האָט אָבער ניט געקענט איינזיצען רוהיג און האָט זיך מיט תחנונים ביי זיי געבעטען אז זיי זאָלען אויפהערען דעם שמועס. האָבען אייניגע פון דער קאָמפּאַני איהם מיט חוצפה אָנגעפאַנגען צו באליידיגען מיט כל׳ערליי זלזולים ווי „שנאָרער", „ווער בעט אייך אונז צו זאָגען מוסר?" „עס געפעלט אייך ניט, געהט אראָפּ!"

דער חפץ חיים האָט נאטירליך אַלץ פאַרשוויגען, אזוי ווי ניט איהם מיינט מען גאָר. און האָט נאָך קאָנטיג ארויסגעצייגט א צופרידענהייט פון דעם וואָס טשעפּענדיג זיך כלומר׳שט צו איהם, רעדען זיי דאָך דערווייל ניט קיין לשון הרע אויף אנדערע . . .

אָבער ווען זיי האָבען זיך נאָכהער ווידער געגומען צו זייער פריהערדיגען געשפּרעך, האָט זיך דער חפץ חיים צוגערוקט נעהענטער צום בעל עגלה און

איהם געבעטען אז ער זאָל אזוי גוט זיין און זיך אָפּשטעלען און איהם ארונ־טערלאָזען פון וואָגען. ער וועט ליבערשט בלייבען אין מיטען וועג און ניט פאָרטזעצען זיין רייזע מיט זיי, כל זמן זיי וועלען רעדען וועגען מענשען אנשטאָט פערד און אָקסען...

טז.

מ׳זאָל ניט וויסען פון איהם.

ווי עס איז שוין באַטאַנט געוואָרען איז ער ארומפּאָהרענדיג צו פאַרקויפען דעם ספר איז ער געוועזן זעהר פאָרזיכטיג זיך ניט ארויסצואווייזען אלס דער מחבר. ער האָט אימער געזוכט אויסצומיידען פרסום, און פאָרגעצויגען צו בלייבען אינקאָגניטאָ. קומענדיג אין א שטאָט פלעגט ער אריינגעהן אין א שוהל אדער בית המדרש און זיך דאָרט אַוועקשטעלען אונטער׳ן בימה, אדער נישט ווייט פון דער טיהר צווישען די אָרימע לייט. נישט איינמאָל האָט פאַסירט אז מען האָט איהם אָנגענומען פאר א פשוט׳ען אורח אדער סתם א משולח. ווען ער איז געקומען אין אַ שטאָדט און ער האָט געטראָפען אנדערע משולחים וועלכע זיינען געקומען בעפאָר איהם, פלעגט ער, כדי זיי ניט גורם צו זיין א שאָדען, אליין גלייך אוועקפאָהרען, אדער זיך ניט באווייזען ביז די משולחים האָבען פאַרלאָזען די שטאָדט.

ניט אַלע מאָל איז אָבער אונזער מחבר געלונגען צו בלייבען פאַרשטעלט אונטער א מאַנטעל פון א פשוט׳ען משולח. מען קען דאָך אלעמען ניט נאַרען. די וועלכע האָבען זיך נעהענטער צוגעקוקט צו זיינע הנהגות און האָבען וואָס ווייטער אַלץ מעהר באַמערקט זיין אויסערגעוויינליכע זריזות און פאָרזיכטיג־קייט אין אַלע זיינע מעשים, זיין בניעמות׳דיגען רעדען און איידעלע אויפפיה־רונג האָבען גלייך פארדעכטיגט אז ער איז לויט אלע וואָרשיינליכקייטען מעהר ווי א פשוט׳ער משולח.

דערצעהלט דער זקן הרבנים פון פילאַדעלפיא הרד״א הכהן לעווענטאַל, אַז אין בית המדרש פון זיין געבורט־שטעטעל סייקעשאַק, ווילנער גובער־ניע, איז איין פריהמאָרגען געקומען אַ קליינער אידעל מיט אַ פעקעל ספרים איינגעוויקעלט אין אַ רויטע פאַטשיילע. שטעהענדיג ניט ווייט פון טיהר האָט ער אויף אַ טיש לעבען אָן אַנדער מוכר ספרים אויסגעלייגט זיינע ספרים צו פאַרקויפען. זיין פאָטער ר׳ אברהם הכהן, דער אָרטיגער רב, איז נאָכ׳ן דאַוונען צוגעגאַנגען און, ווי דער שטייגער, זעהענדיג א נייעם ספר

איהם גענומען איבערקוקען. דורכבלעטערנדיג איז ער זעהר שטאַרק באגייס־טערט געוואָרען פון דער ערנסטקייט און קדושה פון דעם סיסטעם און קלאָרקייט וואָס אָטעמט פון יעדען זאַץ. ובפרט ווען ער האָט דערזעהן די הסכמות פון ר׳ מרדכי מעלצער און אַנדערע גאונים וועלכע שרייבען אזוי הויך מכח די גרויס־קייט און פרומקייט פון מחבר, האָט עס איהם נאָך מעהר פאראינטערעסירט און ער האָט שוין דעם ספר פון האַנד ניט ארויסגעלאָזט נאָר האָט איהם גלייך געקויפט.

צווישען מנחה ומעריב האָט דער משולח גע׳דרשן׳ט מיט אזא האַרציגקייט און תמימות מיט אזא ערנסטקייט און נשמה ריהרענדיגקייט אז זיינע ווערטער האָבען ניט געקענט פעהלען אריינצודרינגען אין די הערצער פון די וועלכע האָבען זיך צו איהם צוגעהערט.

ווען דער רב האָט איהם געפרעגט מכח דעם נאָמען פון מחבר, האָט ער זיך אַנטשולדיגט. היות ווי דער מחבר זוכט ניט קיין כבוד פון זיין ווערק און האָט עס געשאַפען בלויז מזכה צו זיין דער וועלט, לכן האָט ער איהם שטרייננג פאַרזאָגט ניט מגלה צו זיין זיין נאָמען.

אויף צו מאָרגענס, ביי שחרית, האָט מען דעם משולח מכבד געווען מיט אַן עליה. האָט דער רב באַמערקט אַז ער איז אַ כהן, דאָס האָט איהם דערמאָנט אז אין די הסכמות דרוקען זיך די גדולים אויס מיט מליצה אז דער מחבר איז א „כהן שדעתו יפה״, א. א. וו. און עס האָט איהם געמאַכט אויפפאַלענד אז דער משולח זוכט צו פאַרדעקען די ווירקליכקייט. ער האָט שוין דאריבער זיך מעהר צוגעקוקט צו זיין אויפפיהרונג. ער האָט שוין פון איהם קיין אויג ניט אַראָפּגענומען נאָר כסדר נאָכגעפאָרשט זיין יעדער באַוועגונג. נאָכדעם ווען אַלע אין שוהל זיינען שוין געהאַט אוועק אהיים, האָט ער דעם מחבר גע־בעטען מיטגעהן מיט איהם און איז אריין אין אַ באַזונדער חדר און ערקלערט אַז ער, אלס דער מרא דאתרא, פאָדערט פון איהם ער זאָל איהם זאָגען דעם אמת צי ער איז ניט דער מחבר פון ספר „חפץ חיים״. דאָ האָט שוין דער כלומר׳שטער משולח קיין ברירה ניט געהאַט, קיין ליגען וועט ער דאָך ניט זאָגען, האָט ער שטאַמלענדיג געענטפערט: „יאָ, אָבער איך האָב איהם אליין ניט געשריבען. אַנדערע האָבען מיר געהאָלפען דערצו, און איך האָב טעמים פאַרוואָס איך וויל נישט מען זאָל וויסען מיין נאָמען אין פאַרבינדונג מיט׳ן ספר. און איך בעט אייך דאָס קיינעם ניט צו דערצעהלען״.

דעם זעלבען טאָג איז דער משולח גלייך אפּגעפאָהרען פון סייקעשאָק.

עהנליכעס פלעגט אויך דערצעהלען הרב ר׳ שלמה זלמן הכהן קוק זצ״ל (דער פאָטער פון הגאון ראַ״י קוק זצללה״ה, הויפט רב פון ארץ ישראל) ווען דער חפץ חיים איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אין זיין שטאָט (גריווע, קורלאַנד) האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אין אָרטיגען בית המדרש אין א ווינקעל מיט א פעקעל ספרים איינגעוויקעלט אין אַ רויטע פאטשיילע. די באַשיידענקייט און תמימות׳דיגע האַלטונג פון דעם אורח האָט צוגעצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט. ער איז צו איהם צוגעגאַנגען און געפרעגט וואסערע ספרים ער האָט צו פאַר־קויפען. אויף וועלכעס דער אורח האָט איהם ערקלעהרט אז ער פאָהרט ארום אלס משולח צו פארקויפען די ספרים פון א געוויסען מחבר, וועלכער וויל נישט מען זאָל וויסען ווער ער איז. ווען ר׳ שלמה זלמן האָט דורכגעבלעטערט די ספרים „חפץ חיים״ און „שמירת הלשון״ איז ער נתפעל געוואָרען פון דעם אינהאַלט און האָט גלייך פארדעכטיגט אז אָט דער אורח, און נישט קיין אנדער־ער, איז דער מחבר. ער האָט איהם דאַריבער אָנגעבאָטען צו העלפען פאַר־קויפען זיינע ספרים. ער איז געגאַנגען מיט איהם איבער׳ן שטאָט צו די בעלי בתים, און זאָ ווייטער. עס האָבען זיך געפונען אייניגע קויפער וועלכע האָבען איהם געוואָלט געבען מעהר ווי פיעל ער האָט געפאָדערט. ער האָט זיך אָבער אנטזאָגט צו נעהמען, האַלטענדיג זיך ביי זיינס אז דער מחבר האָט איהם שטריינג פארזאָגט ניט צו נעהמען מעהר אָדער ווינציגער ווי דער באַשטימטער פרייז. אזעלכע אינצידענטען ווי אויך זיינע געצעהלטע ווערטער און מאָדנע עניוות האָט שוין ביי ר׳ שלמה זלמן׳ען ניט איבערגעלאָזט קיין צווייפעל אז ער האָט צו טאָהן ניט מיט עפעס סתם א משולח, נאָר טאקע מיט׳ן מחבר אליין. ער האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטען פון אויסזאָגען דעם אורח אז ער דערקענט איהם, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָלט איהם פאַרשאַפט גרויס צער...

יז.

אַפריכטען גלות

לערנענדיג דעם ספר „חפץ חיים" מיט זיינע אלע פון לעבען־גענומענע ציורים און אילוסטראַציעס, און באקענענדיג זיך מיט די אלע הינטערוועגע־לעך וועלכע זיינען עלול אראָפּצופיהרען דעם מענשען פון גלייכען וועג און איהם אריינשלעפּען אין א זומפּ פון לשון הרע, רכילות, מחלוקות און שנאת חנם — וואונדערט מען זיך פון וואַנען האָט עס דער מחבר אליין אזוי פיעל גע־וואוסט. ווי אזוי האָט עס אזא קליין־שטעטעלדיגער יונגערמאַן, וועלכער האָט, דוכט זיך, געלעבט א צוריקגעצויגענעם לעבען, געקאָנט פארשטעהן צו שיל־דערען די טיעפסטע מאָראַלישע פרינציפּען דורך משלים וועלכע זיינען גענומען פון דער טאָג־טעגליכער ווירקליכקייט?

דער ענטפער איז, אז איהם האָט אין א גרויסער מאָס ארויסגעהאָלפען זיין גלות אַפריכטען. עס איז א פאַקט, אז ר' ישראל מאיר פלעגט אין זיין יוגענד פון צייט צו צייט נעהמען אויף זיך גלות. ער פלעגט אלס אן אומבע־קאַנטער אָרימער איד קומען אין א שטעטעל, זיך אויפהאַלטען מעהרסטענס אין בית המדרש, בלייבען דאָרט איבער נאַכט כלומרשט צו שלאָפען און פאַרברייג־גען דערהויפּט אין תורה ועבודה. אַפריכטענדיג גלות פלעגט דער חפץ חיים זיך געענוי צוקוקען צום לעבען פון פארשידענע מענשען, באַאבאַכטען זייערע קליינ־ליכקייטען, זייערע רייסערייען און מחלוקות, און דעם אופן ווי אזוי אלערליי רכילות און לשון הרע ווערען פאבריצירט. אַלע זיינע ערפאַהרונגען פלעגט ער גרינדליך שטודירען, באטראכטענדיג און אַנאַליזירענדיג יעדען ענין באַזונדער כדי צו געפינען די פּאַסיגסטע און ווירקזאַמסטע רפואות פאר די גייסטיגע ליידען און קראַנקהייטען פון דער מענשהייט.

זיין ארומפאָהרען אלס אן אומבאוואוסטער משולח כדי צו פארקויפען זיינע ספרים איז געווען בלויז א פאַרטזעצונג פון זיינע ערפאַהרונגען אין דער יוגענד. אונצעהליגע געשיכטעס ווערען דערצעהלט וועגען איהם פון יענע ציי־טען. אינצידענטען און וואונדער מעשיות ווערען איבערגעגעבען וועלכע כא־

ראַקטעריזירען אַם שעהנסטען די אויסערגעוועהנליכע צדקות און חסידות פון א וואונדערבאַרען משולח וועגען וועמען מען איז שפּעטער דערגאַנגען אַז ער איז דער מחבר פון פּראַכטפולען ספר „חפץ חיים".

מען דערצעהלט, אז זייענדיג אין א געוויסער שטעדטעל איז ער איין מאָל ערב שבת געקומען צום אָרטיגען רב כדי צו באַהאַלטען ביי אים זיין געלד אויף איבער שבת. איידער ער האָט ארויסגענומען דאָס געלד האָט ער זיך לכתחילה, אזוי ווי צוריקגעהאַלטען. ער האָט זיך ארומגעקוקט אין חדר און ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער. קענטיג, אז אויסער'ן רב האָט ער אימיצען אנדערש געזוכט. אָבער ניט געפינענדיג קיינעם האָט ער אוועקגעלייגט דעם ביטעל געלד אויפ'ן טיש און זאָגענדיג א גוטען שבת, איז ער אוועק אין שוהל.

זונטאג איז ער זיך געקומען געזעגענען מיט'ן רב. ווי ערשטוינט איז אבער דער לעצטער געוואָרען ווען דער אורח איז זיך אוועקגעגאַנגען ניט פאָדערנדיג זיין געלד צוריק. דער רב האָט געמיינט, אז מסתמא האָט עס דער משולח פאַר־געסען און אַז איידער ער וועט אָבפאָהרען וועט ער נאָך קומען אָפּנעהמען זיין פקדון. האָט ער איהם נאָכגעקוקט דורכ'ן פענסטער און איז איבערראַשט געוואָ־רען באַמערקענדיג אז אזוי שנעל ווי ער איז ארויס פון הויז איז ער געגאַנגען און זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן פוהר און אַז אָט טהוט שוין דער בעל עגלה א ציה מיט די לייצעס און די פוהר פאַנגט זיך שוין אָן צו ריהרען פון אָרט.

ווען דער רב האָט דאָס באַמערקט, איז ער שנעל ארויסגעלאָפען אום נאָכ־צויאָגען די פוהר. ער האָט אַלץ געמיינט אז דער פרעמדער זעהענדיג איהם נאָכלויפען וועט זיך אַליין דערמאָנען אָן זיין געלד. אָבער ווען ער האָט גע־זעהן אַז ניט, האָט ער אָנגעפאַנגען שרייען צום בעל עגלה ער זאָל זיך אָפּשטע־לען. דער בעל עגלה מיינענדיג אַז דער רב וויל מיטפאָהרען, האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט און איז אַנטקעגען געלאָפען דעם רב. וועלכער האָט איהם אָבער געזאָגט, אַז ער דאַרף האָבען נויטיג דעם משולח וואָס פאָהרט מיט איהם. דער רב איז צוגעקומען צום פוהר, אָבער דער פרעמדער מאָהנט נאָך אַלץ ניט פון איהם זיין פקדון. האָט זיך דער רב צו איהם געווענדעט מיט די ווערטער:

„געדיינקט איהר ניט, ר' איד, אז איהר האָט ביי מיר, ערב שבת, געלאָזען געלד?"

„געוויס געדיינק איך!" האָט ער איהם געענטפערט.

„נו, טאָ פאַרוואָס האָט איהר עס פון מיר ניט צוריקגעפאָדערט ביים גע־זעגענען זיך?"

„ווייל ווען איך האָב עס געלאָזען איז שוין געווען שפּעט ערב שבת, און קיין עדות דערביי זיינען ניט געווען, און איהר ווייסט דאָך אז על פּי דין טאָר מען ניט אַנטלייהען, אָדער מפקיד זיין ביי איינעם געלד אָהן עדות, ווייל מען ברייינגט איהם צו א נסיון ער זאָל עס קענען פאַרלייקענען. איז מען דערפאַר עובר אויפ׳ן „לפני עור לא תתן מכשול״, און מען ברייינגט אַ קללה אויף זיך און ספּעציעל א תלמיד חכם, וועלכער איז פארטאָהן אין לערנען, ובפרט פריי־טאָג פאַרנאַכט ווען ער איז אַ טרוד. צוליעב שבת קען ער פאַרגעסען אָן דער גאַנצער זאַך (בבא מציעה ע״ה, ע״ב), האָב איך דאריבער בעת מעשה גע־טראַכט אז איך שיינק עס אייך אוועק אַלס מתנה״.

האָט שוין דער רב דערזעהן אז ער האָט דאָ צו טהאָן ניט מיט קיין איינ־פאַכען משולח.

„אויב אזוי, גיב איך עס אייך אוועק צוריק אלס מתנה!״ האָט ער זיך צום אורח געווענדעט.

„עס טהוט מיט לייד וואָס איך מוז אייך אפּזאָגען, ווייל איך נעהם ניט קיין מתנות פון קיין מענשען. „ושונא מתנות יחיה״, האָט דער משולח באַמערקט.

דער רב האָט אָבער געפונען אַן עצה. ער האָט דעם בייטעל געלד אוועק־געוואָרפען אויפ׳ן גאס און עס מפקיר געווען, און דער אורח האָט נאָכדעם זוכה געווען פון הפקר.

ווען ער האָט געזעהן אַז אין די נאָהענטסטע שטעט האָבען שוין מאַנכע געוואוסט, אַז ער איז עס דער מחבר פון די ספרים „חפץ חיים״ און „שמירת הלשון״ און אַז אַנדערע וועלכע ווייסען איהם ניט צו אידענטיפיצירען מיט זיינע ווערק זיינען באַקאַנט מיט דעם פאַקט אַז עס איז די שאַפונג פון אַ ראַ־דינער אידען, פלעגט ער, פאַהרענדיג אין די ווייטערע שטעדט, זיך גאָר אָנ־געבען אַלס זשעטלער, די שטאָדט וואו ער איז געבוירען געוואָרען, און דאָרט פאַרבראַכט זיינע אינגעלישע יאָהרען.

ווען ער איז געקומען קיין וויטעבסק האָט ער גאָר ניט פאַרדעכטיגט אז אין אַזאַ ווייטע שטאָדט געפינען זיך מענשען וועלכע האָבען געהערט מכח איהם און וועגען זיין ספר. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער אַנדערש. גראד זיינען אין בית המדרש געווען איניגע לומדים וועלכע האָבען שוין געוואוסט אז דער ספר „חפץ חיים״ האָט פאַרפאַסט אַ געוויסער ראדינער תושב, מיט׳ן נאָמען ר׳ ישראל מאיר, אָבוואָהל זיין הנהגה איז ניט געווען ווי פון א געוויינליכען משולח האָבען זיי דאָך לכתחילה גאָרניט פאַרדעכטיגט, ווייל ער האָט דאָך גע־

זאָגט אז ער איז פון זשעטעל. אָבער ווען מען האָט איהם אין א דאָנערשטאג פריה אויפגערופען צו דער תורה, האָבען זיי געהערט אז זיין נאָמען איז ר׳ ישראל מאיר. דאָס איז זיי גלייך אריין אין געדאַנק אז ער איז ניט קיין פשוט׳ער משולח. האָבען זיי איהם נאָכ׳ן דאַוונען געפרעגט צי ער איז ניט אמאָל פון ראדין. אזוי ווי קיין ליגען האָט ער אונטער קיינע אומשטענדען קיינמאָל ניט געזאָגט, האָט זיך זייער השערה גלייך באַשטעטיגט. דאָס האָט פאַראורזאַכט ניט קיין קליינעם רעש איבער׳ן שטאָדט. דער אונגעהויער גרויסער כבוד וואָס אזא פלוצלונגע ענטדעקונג האָט געבראַכט איז איהם געווען דערווידער. ער האָט שוין דאריבער לייגער אין שטאָדט ניט געוואָלט פארבלייבען, נאָר ער איז אוועקגעפאָהרען.

אַלע באַמיהונגען פון מחבר צו באהאלטען זיין נאָמען האָבען לאַנג נישט געקענט אַנהאַלטען. דאָס פאָלק האָט א געזונטען חוש, מען קען זיך אייביג פון פאָלק נישט אויסבעהאַלטען. סוף כל סוף האָט מען זיך דערוואוסט אז אָט דער קליין־שטעטעלדיגער איד איז ניט עפּעס סתם א משולח, נאָר אז ער אליין איז טאַקע דער מחבר פון ספר. דאן האָבען אלע אויף איהם אָנגעצייגט אָז דאָס איז דער חפץ חיים, נעמליך ער מיט זיין ספר זיינען „היינו הך״, דאָס הייסט, אַז זיין פערזאָן איז צוזאַמענגעגאָסען מיט דעם נאָמען און אינהאַלט פון ספר. דיזער נאָמען מיט וועלכען ער איז דאמאלס געקרוינט און באַעהרט געוואָרען איז געוואָרען דער סימבאָל פון אינערליכע ערהאַבענקייט און גייס־טיגע פאָלקאָמענהייט, רעפּרעזענטירענדיג א לעבען פון לויטער קדושה וטהרה.

קומענדיג דאַן איינמאָל קיין ווארשא, איז דער חפץ חיים געגאַנגען באזוכען דעם באַוואוסטען גדול און צדיק ר׳ נפתלי זילבערבערג זצ״ל. דער לעצטער האָט צווישען אַנדערעס דעם אורח געפרעגט וועגען צוועק פון זיין קומען קיין ווארשא. האָט ער איהם געענטפערט אז היות ער איז א מחבר פון עפּעס א ספר׳ל פאָהרט ער ארום עס צו פאַרקויפען. ר׳ נפתלי האָט מעהר זיך ניט פאַראינטערעסירט נאָכצופרעגען. און אזוי ווי ער פלעגט אלעמען מקבל זיין בסבר פנים יפות האָט ער דעם אורח געבעטען זיצען און האָט מיט איהם פארבראַכט אין א שמועס. אָפּרעדענדיג אזוי עטלעכע שטונדען, האָט זיך ר׳ נפתלי געכאַפּט אַז ס׳איז שפּעט און אַז ער האָט זיינע שעורים צו לערנען. האָט ער באַמערקט צום אורח: „צו פאַרברייננגען יעדען טאָג שטונדען אין שמועסען אנשטאָט לערנען קאָן איך ווערען א גרויסער עם הארץ! אויב יאָ רעדען האָט עס באַדאַרפט זיין כאָטש אין לערנען!״

האָט דער אורח מיט אַ באַרוהיגענדען טאָן באַמערקט:

„נו, לערנען איז טאַקע וויכטיג, אָבער אינגאַנצען קיין דברים בטלים האָ־בען מיר דאָך ניט גערעדט און רעדען עטליכע שטונדען כסדר און ניט אויס־רעדען אַ דבר איסור, ווי לשון הרע, רכילות וכדומה איז אויך אַ ענין. אָט דאָס איז דאָך תורה!"

ר' נפתלי איז נתפעל געווארען פון אזעלכע דבורים און האָט א קוק טהוענ־דיג אויף דעם פרעמדען פאַרשטאַנען אַז ער איז ניט קיין פשוט'ער איד אזוי ווי ער האָט פריהער גערעכענט.

„זייט אזוי גוט, וואָס איז דער נאָמען פון דעם ספר'ל וואָס איהר האָט מחבר געווען?" האָט ער איבערגעפרעגט.

„חפץ חיים" איז געווען דער ענטפער.

„אזוי, איהר זייט עס דער חפץ חיים!" האָט זיך ר' נפתלי דערלאַנגט א שטעל אויף מלא קומתו, און מיט אן אויסערגעוועהנליכער חביבות געמישט מיט א יראת הכבוד געפיהל האָט ער זיך אנטשולדיגט פאַר'ן אורח צוליב זיין אומגעדולדיגע באמערקונגען. ער האָט שוין דעם אורח ניט אפגעלאָזט נאָר איהם געבעטען זיין זיין גאַסט. פון דאמאָלט אָן פלעגט ער ביי יעדער מאָל ווען ער האָט געהאַט דאָס גליק זיך צו טרעפען מיט'ן חפץ חיים אויסנוצען יעדער געלעגענהייט וואָס מעהר מיט איהם צו שמועסען.

„צו הערען דעם חפץ חיים שמועסען, דאָס אליין איז שוין דברי תורה", פלעגט ער אימער זאָגען.

עס איז ווירקליך מערקווירדיג אז גראדע דער ספר „חפץ חיים" דורך וועל־כען דער מחבר האָט מיט אלע מיטלען געזוכט צו פאַרבלייבען פאַרבאָרגען און אומבאַקאַנט, האָט איהם גאָר פאַראייביגט אין דער אידישער היסטאָריע. עס האָט איהם, געגען זיין ווילען, געשאַפען אויסערגעוועהנליכע עהרע און רעס־פעקט ביים גאַנצען פאָלק ישראל. ווי ריכטיג זיינען די ווערטער פון אונזערע חכמים „כל הבורח מן הכבוד הכבוד רודף אחריו", דער יעניגער וואָס אנטלויפט פון כבוד, יאָגט איהם דער כבוד נאָך. דער כבוד יאָגט איהם נאָך און טרעפט איהם אין אַזאַ אָרט און אונטער אזעלכע באַדינגונגען און אומשטענדען פון וועלכע ער קען מעהר נישט אַנטלויפען. אָט אזוי איז דער רצון פון דער השגחה.

מען דערצעהלט אז קומענדיג איינמאָל אין קאָוונאָ האָט דער חפץ חיים זיך אוועקגעזעצט אין בית המדרש לערנען. ביי נאַכט ווען איינער פון די אָרימע לייט איז געבליבען נעכטיגען אין שוהל און זיך צוגעלייגט אויף א באַנק שלאָ־

פען, האט דער חפץ חיים געגומען זיין ראק און עס אונטערגערוקט דעם אידען צו קאפענס. דער עולם וואס איז געקומען גאנץ פריה אין שוהל האט דערזעהן אז עפעס א איד, אהן א ראק, זיצט און לערענט, און זיין בגד ליגט צוקאפענס פון אן ארימאן, האט מען שוין פארשטאנען אז דער איד איז ניט אבי ווער, און ער איז געוויס א למד־וואווניק אדער אזוי א גרויסער צדיק. שפעטער האט מען זיך דערוואוסט אז דאס איז דער חפץ חיים.

שילדערט איהם אין זיינע עראינערונגען הרב ר׳ מאיר בערלין, ווען ער האט איהם אין יאהר תרנ״ג דאס ערשטע מאל באגעגענט אין דער ליטווישער „חברה ש״ס״ שוהל אין ווארשא.

„אין איין שעהנעם פריהמארגען. זעהט מען א קליינעם אידען ניט מיט קיין רבנ׳ישע קליידער, נאר מיט א סאמעטענע היטעל וואס עס ווייזט אז קיין פשוט׳ער איד איז דאס אויך ניט, שטעהען אונטער׳ן בימה און דאוונען. דער דאוונען איז לאנגזאם, שעהן און רוהיג און מיט פיעל כוונה. לעבען דעם אידען, דעם אורח, ליגט א פעקעל ספרים. ווער איז דער איד? א מחבר? ווארום שטעהט ער ניט אין מזרח? ווארום זוכט ער ניט צו פארקויפען זיינע ספרים צו די רייכערע בעלי בתים? איז דאס א מוכר ספרים? זעהט ער אבער ניט אויס אזוי. דער אויסזעהן איז פון א זעכציג יאהריגען מענשען אבער פול מיט כח. דער געזיכט איז פריש, די באוועגונגען זיינען ריהרעווודיג, און ווי געלאסען ער איז, אזוי איז די ענערגיע קענטיג. בכלל ליגט אויפ׳ן פנים אן אצילות, ליכ־טיגקייט, און רוהיגקייט. דער סוד איז אויפגעקלעהרט געווארען: דאס איז דער „חפץ חיים״.

כדי בעסער צו פארשטעהן די באדייטונג פון גלות אפריכטען און דעם חפץ חיים׳ס אויפפאסונג וועגען דעם, איז נויטיג צו באקאנען זיך מיט געוויסע עפי־זאדען וועלכע ווארפען א ליכט אויף דיזען ענין.

די ישיבה אין ראדין איז געווארען א צוציהונגס־צענטער פאר אידישע יונגע לייט פון אלע עקען וועלט. ס׳האבען זיך פארזאמעלט אהין תלמידים פון די ווייטסטע ווינקעלעך פון אמאליגען גרויסען רוסלאנד, פון ווייטען און קאל־טען סיביר און פון דער ווארעמער קאווקאז, פון דער שעהנער קרים און פון די ווייטע סטעפעס אין אוקראינע, פון די באלטישע פראווינצען און פון די פאר־ווארפענסטע שטעטלעך אין פוילען, אויך אויסלאנד איז געווען דארט רעפרע־זענטירט, ווי דייטשלאנד, א. א. וו., זאגאר פון ארץ ישראל איז מען געקומען לערנען אין ראדין. אלע האבען זיך, ווי דורך א מאגנעטישער קראפט, געצויגען

אין דעם קליינעם שטעטעל כדי צו שטילען זייער אינערליכען דורשט פון דעם שפרודעלדיג־ריינעם און לעבעדיגען קוואל — דער חפץ חיים און זיין ישיבה.

ריהרענד און איינדרוקספול איז געווען דאָס בילד ווען דער רבי פלעגט ערשיינען אין דער ישיבה. ער פלעגט אומבאַמערקט שנעל אריינלויפען כדי ווי וויט מעגליך פארמיידען אַז די הונדערטע תלמידים וועלכע זיינען געזעסען ביי די שטענדערס פאַרטיפט אין זייערע גמרות, זאָלען זיך פאַר איהם אויפשטעלען. אַזאַ כבוד איז פאַר איהם געווען אונערטרעגליך, און נאָך ערגער — עס וואָלט דאָך גורם געווען צו א ביטול תורה פון א רבים.

ווען ער פלעגט זיך אוועקשטעלען אין ישיבה ריידען, פלעגט יעדער תלמיד זוכען צו זיין וואָס נעהנטער צו איהם. זיי פלעגען זיך טוליען ארום איהם אזוי ווי קינדער צו א געטרייען און ליעבען טאַטען. זיי האָבען בעת מעשה קאָנצענטרירט זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט כדי ניט צו פאַרפעהלען זיינס אַן אויסדרוק, אדער קרעכץ, ווייל יעדער וואָרט זיינער איז געווען א בליץ, א נייער געדאַנק און מאַנכע מאָל עטליכע געדאַנקען מיט אַמאָל, וועלכע יעדער איינער פלעגט באַגרייפען לויט זיינע פערזענליכע פעהיגקייטען. ער פלעגט ריידען מיט א הייליגער ערנסטקייט, מיט פאטערליכע הארציגקייט און ליעבע.

און אָט וואָס ער פלעגט צום ביישפיעל זאָגען:

„איך ווייס אז עס קומט ניט אָן אזוי גרינג דער נסיון צו נעהמען אויף זיך גלות צוליעב דער תורה. גליקליך דארף זיך דאריבער יעדער איינער פיהלען וואָס ער איז דעם נסיון בייגעשטאַנען און איז געקומען אין ישיבה לערנען, אזוי ווי די תורה איז אונז מרמז: „האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו... יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל״ (דברים ל״ג), פועל׳נדיג ביי זיך ניט צו זעהן דעם אייגענעם פאטער און מוטער, ניט צו קענען א ברודער און זיך צו פארפרעמדען פון אייגענע קינדער, האָבען זיי זוכה געווען צו ווערען די געלערנטע און גייסטיגע פיהרער ביים פאָלק ישראל.

„די קרוין פון דער תורה איז דאָך גרייט פאַר אַלעמען. יעדער איינער דערגרייכט זיינע מדרגות לויט דער מאָס פון מסירת נפש וואָס ער איז גרייט ארויסצוציִיגען אין זיינע באמיהונגען זיך איינצושאַפען תורה. אזוי ווי די חז״ל זאָגען, אז די תורה האָט ניט קיין קיום נאָר ביי דעם וואָס איז גרייט צו אָפּפערען זיין לעבען פאר איהר (במי שממית עצמו עליה). די מכילתא זאָגט, אז יתרו האָט געהערט אַז די אידען באַקומען די תורה, איז ער געקומען צו משה רבנו. ער האָט דאַמאָלט שוין מעהר ניט געקענט בלייבען זיצען גלייכגילטיג אין דער

היים אין זיינע פּאַלאַצען און געניסען א לוקסוס־לעבען, נאָר ער האָט אלעס פאַרלאָזען און איז געקומען צו וואנדערען מיט די אידען אין דער מדבר. אברהם אבינו, דערצעהלט די תורה האָט ניט געקענט געניסען פון די געטליכע ברכות ביז ער האָט ניט גענומען אויף זיך קיין גלות. „לך לך", אזוי האָט די השגחה אויך באַשטימט פאר זיינע קינדער וועלכע האָבען אויפ'ן וועג צו קבלת התורה געמוזט דורכגעהן א גלות — מצרים און נאָכהער די מדבר".

אין איינעם פון זיינע שמועסן האָט ער איינמאָל ארויסגעבראַכט א געדאַנק אומגעפעהר אזוי:

דאָס גרויסקייט פון אידישען פאָלק איז צום הערליכסטען ארויסגעבראַכט געוואָרען טראָץ, אדער א דאנק, דעם גלות. ס'איז דאָך א פאַקט, אז די געטליכע נביאים זיינען זעלטען געזעסען רוהיג אויף איין אָרט, זיי האָבען געמוזט וואַנדערען פון אָרט צו אָרט און זיינען אָפטמאָל געצוואונגען געווען זיך צוריקצוציהען אין דער מדבר, אדער זיך באַהאַלטען אין היילען פון די בערג אין ארץ ישראל.

ווען ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען די פארשפרייטונג פון דער „תורה שבעל פה" נאָכ'ן צוריקקעהר פון גלות בבל דורך עזרא'ן, און נאָכהער די תקופת המשנה, אין תלמוד ירושלמי, איז דאָך שוין מעהר דאמאָלט ארץ ישראל ניט געווען דאָס וואָס פריהער. ס'איז דאן געווען א סאָרט גלות אויפ'ן אייגענעם באָדען. דאָ די יונים, דאָ די רומיים א. א. וו. די אונשטערבליכע תנאים און אמוראים זיינען ניט איינמאָל געצוואונגען געווען צו נעהמען אויף זיך גלות און האָבען אָפטמאָל ריזיקירט מיט זייערע לעבענס. רבי עקיבא, רבי חנינא בן תרדיון, רבי יהודה בן בבא, א. א. וו., זיינען די עקזעמפלארס. דער תלמוד בבלי איז דאָך דורכאויס אַ גלות פּראָדוקט. די גרויסע ישיבות פון סורא פומבדיתא און נהרדעא זיינען דאך אין גלות געשאַפען געוואָרען. ר' יצחק אלפסי, דער רמב"ם, דער רא"ש ביז די גרויסע צווישען די אחרונים האָבען דאָך כמעט יעדער איינער מעהר אָדער וויניגער פאַרזוכט גלות. אויפ'ן פסוק „אף חכמתי עמדה לי" דרשנ'ען די חז"ל, „תורה שלמדתי באף עמדה לי", ד. ה. די תורה וועלכע איך האָב געלערענט אין דער אומרוהיגער און שלעכטער צייט איז פאַרבליבען ביי מיר (ילקוט קהלת ב' ט').

נעהמען אויף זיך גלות איז א הויכער ענין. עס לייטערט און רייניגט דעם מענשען. עס מאכט איהם אנערקענען „שפלות עצמו", זיין פערזענליכע נישטיגקייט און די אונענדליכע גרויסקייט פון אויבערשטען. גלות איז מכפר, עס ווישט

אָפּ זינד און איז א כפרה אויף אלעס. ווערט טאַקע געבראַכט אין דער גמרא אז מאַנכע פלעגען נעהמען אויף זיך גלות אום אפצוקומען פאַר געוויסע זינד (זעה ברכות נ"ו ע"ב).

גרויס איז דאריבער געווען דעם חפץ חיים׳ס שמחה ווען ער האָט דער־זעהן אַמעריקאַנער בחורים קומען לערנען אין דער ישיבה. אַזאַ פאַסירונג פלעגט איהם ריהרען טיעף ביז טרעהרען. עפעס אַזוי ווי ער וואָלט אין דאָס ערשיינונג פון אַן אַמעריקאַנעם ישיבה בחור אויפ׳ן באַדען פון די גרויסע ישיבות אין אייראָפּע געזעהן אַ פאָרלויפער פון „קבוץ גליות".

איינמאָל ערב יום כפור, ווען ער האָט צווישען אלע תלמידים ביי זיך אין הויז דערזעהן אייניגע אַמעריקאַנער תלמידים האָט ער אַנגעפאַנגען צו רע־דען אומגעפעהר אַזוי:

„דער תנא רבי נהוראי, וועלכער האָט געוואוינט אין אונזער הייליג היימ־לאַנד, האָט געזאָגט: „הוי גולה למקום תורה", אז כדי זיך איינצושאַפען תורה דאַרף מען זיין גרייט צו נעהמען אויף זיך גלות. אידען זיינען דאָך היינט אין גלות צושפרייט און צוזעעט אין דער גאַנצער וועלט. אמעריקא איז דאך אויך א גלות". און שעפטשענדיג אזוי ווי צו זיך אליין, איז ער איגמיטען שטיל גע־בליבען... אזוי ווי פארטראַכט... און האָט נאָכדעם מיט התלהבות גענומען ווי טענה׳ן:

„זעה, רבונו של עולם! ס׳נעהמט א בחור און פארלאזט זיין היים, זיינע עלטערען און קרובים, און אמעריקא, א לאַנד וואָס פאַרמאָגט אלע פאַרגעני־גענס און באַקוועמליכקייטען. ס׳איז דאָך שוין דאָרטען אויך דאָ ישיבות! איז ער אָבער געקומען אַהער אין א קליין פאַרוואָרפען שטעטעל צו לעבען חיי צער! ס׳איז דאָך א גלות אין א גלות! צוליעב וואָס און צוליעב וועמען? צוליעב דיר און צוליעב דיין תורה! צוליעב דעם אליין דאַרפסטו זיך דאָך שוין מרחם זיין אויף דיין פאָלק ישראל און זיי צונויפזאַמלען פון אַלע גלות׳ן... כ׳לעבען, שוין צייט... שוין צייט!" און האָט אויסגעבראָכען אין א געוויין.

ביי אן אנדער געלעגענהייט ווען מען האָט פאר איהם פארגעשטעלט א ישיבה בחור, וועלכער איז געקומען פון אַמעריקא צו לערנען אין דער ישיבה (הרב ניסן וואקסמאַן, פון לייקוואוד, נ. דזש.) האָט ער באַמערקט אויף זיין שטייגער:

„וואָס ס׳שייך ווייט, פון אמעריקא. אין גאַנצען ביי דריי טויזענד מייל. מען נעהמט א שיף און מען קומט! יא, מען איז אבער געקומען פון ווייט, פון הונדערטע טויזענדע מייל איז דעם מענשענס נשמה אראָפּגעקומען דאָ אויף

דער וועלט. דער „עולם הנשמות״, זאָגען ספרים, איז נאָך העכער ווי דער „עולם המלאכים״. פון „עולם הבריאה״ צום „עולם היצירה״, און פון דאָרט אין „עולם הגלגלים״, און נאָכהער אין „עולם עשיה״ און פון דאָרטען אויף דער ערד, אזש פון אזוי ווייט קומט דעם מענשען׳ס נשמה — אזא לאַנגען גלות אלץ צוליעב דער תורה!

„יא, דער מענש איז דאָך אָבער עלול דאָס אלעס צו פאַרגעסען. אַז מען נעהמט אבער אויף זיך גלות צוליעב דער תורה, דערמאָנט עס...

„דערצעהלט די תורה, אז ווען משה רבנו איז געווען ביי זיין שווער יתרו, וועלכער איז נאָך דאן קיין איד ניט געווען, האָט ער זיין ערשט־געבוירענעם זוהן אַ נאָמען געגעבען גר־שם. פאַרוואָס גלייך דעם ערשטען? דער תירוץ איז, כדי ער זאָל איהם כסדר דערמאָנען זייענדיג אין א פרעמדער סביבה, אין די פּאַלאַצען פון יתרו, אז ער איז א גר, אז ער איז אין גלות, און דערהויפּט אז זיין נשמה איז אין גלות״.

עס פלעגט פאָדערען פון זיינע תלמידים ארויסצוצייגען דאָס גאַנצע לעבען לאָיאַליטעט צו דער ישיבה און איהר אידעאַל. ער פלעגט זאָגען, אז יעדער תלמיד חכם וואָס האָט ווען עס איז געלערענט אין א ישיבה און פארשטעהט איהר חשיבות דאַרף קענען ביי זיך פועל׳ן צו יעדער צייט צו קענען פארלאָזען זיין היים און אַנטלויפען פון דער טומעלדיגער סביבה און מאַטעריעלען לעבען כאָטש פאַר איין מאָנאַט אין יאָהר, צוריק אין דער ישיבה. חודש אלול וואָלט געווען דער געוווּנשטער חודש. „די ישיבות״, האָט ער באַטאָנט, „זיינען דאָך אזוי ווי די אמאָליגע „ערי מקלט״, גלות שטעדט, וועלכע פלעגען באַשיצען דעם יעניגען וועלכער איז ניט ווילענדיג דורכגעפאַלען אין גרעסטען פארברעכען— רציחה, און איז דאָרט אנטלאָפען כדי ניצול צו ווערען פון דער נקמה פון גואל הדם, וועלכער האָט זיך נאָך איהם נאָכגעיאָגט.

„דער סימבאָלישער גואל הדם וועלכער יאָגט זיך אימער נאָכ׳ן מענשען און וויל איהם טויטען, לויט׳ן תלמוד, איז דער יצר הרע. און דער בעסטער מי־טעל ווי אזוי ניצול צו ווערען פון אָט דעם הויפּט שונא, איז די ישיבה. דאָרטען וואו מען לערענט תורה. דאָס איז דער שטאַרקסטער און זיכערסטער פעסטונג צו באַשיצען דעם מענשען געגען יעדער אַטאַקע אין גייסטיגען זין. תורה איז דאָך דער באַלזאַם געגען די פאַרגיפטיגונג פון יצר הרע, באַהויפּטעט די גמרא״.

דאָס אָפּריכטען גלות באַטראַכט דער פרומער איד אלס א מין הכנה צו א העכערען סאָרט לעבען. עס איז אַ באַוואוסטער פאַקט אַז פיעלע פון אַמאָליגע

גדולים האָבען אין זייער יוגענד אָפּגעריכט גלות, ארומוואַנדערנדיג „אינקאָגני־טאָ" אין פרעמדע שטעדט און מדינות. אזוי האָט געטאָהן דער ווילנער גאון, דער שאגת ארי׳, א. א. וו. אזוי האָבען אויך געטהאָן די פיהרענדע חסיד׳ישע גייסטער, ווי ר׳ ישראל בעל שם טוב, דער באַרדיטשעווער, די ברידער ר׳ זושא און ר׳ אלימלך, א. א. וו. זיי האָבען ארומגעוואַנדערט פאַרשטעלטערהייט אזוי ווי אָרימע לייט אין די אידישע ישובים און פלעגען זאגאר נעכטיגען אין הכנסת אורחים צוזאַמען מיט אַלע בעטלערס. ניט אַ קליין ביסעל צרות פלעגען זיי אויסשטעהן אויפ׳ן וועג און ניט איין נסיון האָבען זיי בעדאַרפט דורכמאַכען, אָבער אַלעס האָבען זיי אָנגענומען פאַר ליעב.

עס איז אָבער גלייכצייטיג אויך קלאָר אז וואָס עס זאָלען ניט האָבען גע־ווען די כוונות און הויפּט־מאָטיוען פון זייער גלות אָפּריכטונג — האָט זיי אזא סאָרט באַריהרונג מיט דער וועלט זעהר פיעל גוטעס געטאָהן. דורכמאַכענדיג פאַרשיעדענע סאָרטען ערפאַהרונגען מיט מענשען האָבען זיי א סך געלערנט. עס האָט זיי פיעל געהאָלפען צו קולטיווירען זייערע אייגענע כחות הנפש און צו דערגרייכען גייסטיגע ערהאַבענקייט און פאָלקאָמענהייט, יעדער איינער לויט זיינע פערזענליכע פעהיגקייטען.

יח.

דער „שמירת הלשון" — זיין צווייטער ספר

„חפץ חיים", דער ערשטער ספר וואָס דער חפץ חיים האָט ארויסגעגע־בען האָטווירקליך אָנגעמאַכט א געוואלדיגען רושם אין דער אידישער רעלי־גיעזער וועלט. די פרומע אידען האָבען דעם ספר פון האַנט ניט ארויסגעלאָזט. זיי האָבען איהם מיטגעטראָגען אין זייער טלית־זאַק, האַלטענדיג, אז אויב אַנדערע ספרים זיינען קודש, איז דער ספר קודש קדשים. חברות זיינען געגרינ־דעט געוואָרען צו לערנען דעם ספר אין די בתי מדרשים. די לומד'ישע וועלט איז איבערראַשט געוואָרען צו זעהן אזא זאַנדערבאַרען ספר וועלכער איז א מין שלחן ערוך אויף דיני לשון הרע און רכילות, אהן וועלכער ס'איז כמעט אוממעגליך צו פסק'נען אין די ענינים אַ שאלה הלכה למעשה, סיידען מען באַ־זיצט אויסערגעוועהנליכע חריפות און בקיאות אין תלמוד און אין די ספרי הפוסקים. עס איז גענוג צו דערמאָהנען די אָפּשאַצונג פון אַזאַ גרויסען גאון וצדיק ווי ר' ישראל סאלאנטער: „דער חפץ חיים האָט ליכטיג געמאכט אונ־זערע אויגען אין אַזאַ מקצוע וואָס איז ביז איהם געווען אין גאַנצען סתום". ביי אַן אַנדער געלעגענהייט האָט דער זעלבען גאון רעדענדיג מיט התלהבות וועגען אונזער מחבר באַמערקט: „דער חפץ חיים האָט אויפגעוויזען אז מדות און מוסר איז הלכה".

ווי באוואוסט איז דער ספר „חפץ חיים" דורך און דורך אַ הלכה ספר. דער מחבר באַגרינדעט אלע זיינע באַהויפּטונגען פון הלכה שטאַנדפּונקט. ער קומט צום אויספיהר אז רעדענדיג לשון הרע איז מען אמאָל עובר אויף 14 עשה'ן (פערצעהן פאָזיטיווע מצוות) און 17 לאווין (זיבעצעהן נעגאַטיווע מצוות) אויסער דריי ארור'ס פון דער תורה.

אויפ'ן שער בלאַט פון דער ערשטער אויפלאַגע פון ספר „חפץ חיים", אין יאָהר תרל"ג, פאַרזיכערט דער מחבר: „אויב השי"ת וועט מיר מזכה זיין וועל איך אלס צוגאָב צו דיזען ווערק מחבר זיין נאָך אַ ספר וועלכער וועט

ענטהאַלטען אלע מאמרי חז״ל פון ש״ס, מדרשים, זוהר הקודש א. א. וו., וועל־כע באַציהען זיך אויף די ענינים. ד. ה. ער האָט צוגעזאָגט אין אַ באַזונדער ווערק צו באַהאַנדלען די אלע ענינים פון לשון הרע אין דער ליכט פון דער אגדה. דאָס האָט ער ווירקליך מקיים געווען ווען ער האָט אין יאָר תרל״ו פאַר־עפענטליכט זיין צווייטען ווערק, דעם „שמירת הלשון״, וועלכעס, ווי ער דריקט זיך אויס אויפ׳ן שער בלאַט, איז א „השלמה״, א סופלימענט, אדער ערגענ־צונג צום ספר „חפץ חיים״.

אין זייער הסכמה אויף דיזען ספר שרייבען צווישען אַנדערעס די גרויסע רבנים גאונים פון ווילנא, ר׳ יוסף ב״ר רפאל, ור׳ בצלאל ב״ר ישראל משה הכהן וועלכע ווי ס׳איז שוין איינמאָל באַטאָנט געוואָרען האָבען מעהר ווי אלע אַנדערע שוין דאמאָלט גוט געקאָנט און פאַרשטאַנען דעם באַהאַלטענעם יונ־גען גדול און צדיק:

„מיר דאַרפען באמת זעהר דאַנקבאַר זיין און אויסדריקען אונזערע פיע־לע ברכות צו דעם הרב המאוה״ג, וועלכער איז באוואוסט מיט זיין הייליגע תורה און יראה, און איז פון די כהנים וועלכע זיינען נאָהענט צום אויבער־שטען, וועלכער גיט יעצט ארויס דעם דריטען חלק פון זיין ספר „חפץ חיים״ און האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „שמירת הלשון״. אין דעם מחבר רעדט דער געטליכער גייסט. ער איז דורכגענומען מיט א הייליג פייער און דרינגט אריין אין אַלע מקצעות פון אונזער הייליגע תורה, אין בבלי, ירושלמי און אין די מדרשים פון חז״ל און אין זוהר הקדוש, ארויסברייגענדיג פון אלע ערטער די ענינים וועלכע האָבען אַ שייכות צו דער פאַרזיכטיגקייט פון לשון הרע, לערנענדיג ווי אזוי זיך אויסצוהיטען פון אָט דעם חטא וואָס איז לויט׳ן תלמוד גרעסער ווי די דריי גרויסע עבירות (עבודה זרה, גילוי עריות, ושפיכות דמים). וואויל איז דעם, וואָס וועט זיך אָפּהיטען געענוי ווי דער מחבר פאָדערט עס!... זאָל דער ווילען פון אויבערשטען באַגליקען די אַרבייט פון הרב הכהן הגדול המחבר נ״י...״

דער גאון ר׳ בן־ציון בהרב ר׳ ארי׳ ליב פון חסלאָוויטש שרייבט טייל־וויז אזוי:

„ווער וויס דען ניט אז אזעלכע גוטע, הייליגע, נויטיגע און וויכטיגע ספרים ווי די פון מחבר דאַרפען גאָר קיין הסכמות ניט האָבען, ווייל די ווערק זיינען אליין זייער אייגענע עדות. איך וויל אָבער נאָכקומען דעם ווילען פון מחבר זאָל לעבען, וועמענס מעשים זיינען ריין לשם שמים, און אָהן אַ שום

פניה. ס׳איז מיר זעהר שווער איבערצוטרעטען זיין הויכע דעה. איבער דעם, קום איך דערצעהלען דעם גרויסען אויפטו פון אָט דעם גרויסען מחבר...״

דער נאָמען פון ספר „שמירת הלשון״ איז באַזירט אויף׳ן פסוק: „שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו״ — דער וואָס היט אָפּ זיין מויל און צונג, פאַרהיט פון צרות זיין גייסט (משלי כ״א). ער באַשטעהט פון צוויי טיילען. דער מחבר שילדערט אויף זיין שטייגער דעם גרויסען שכר דאָ אויף דער וועלט און דעם גרויסען תענוג אין דער צוקונפטיגער וועלט פאַר׳ן היטען דעם צונג פון שעדליכע ווערטער, און אין געגענזאַץ די שטראָף פאַר׳ן פאַרנאַכלע־סיגען. ער לייגט פאָר און באַהאַנדעלט גענוי די עצות און תחבולות ווי אַזוי זיך אויסצוהיטען פון שלעכטע רייד, און דער יעניגער וועלכער איז דורכגע־פאַלען, ווי אַזוי זיך אַרויסצוראַטעווען פון דער זינד. אויך די פליכט און פאַרגעניגען פון פאַרהייליגען דעם כח הדבור דורך לערנען תורה און מקיים זיין איהרע מצוות און אַנטוויקלען גוטע מדות ווערט אַרויסגעבראַכט אויף אַן איינדרוקספולען אופן.

דער פּראָפעסער ברייגגט צום ביישפּיעל אַרויס, היות ווי אַפּטמאָל פאַנגט זיך לשון הרע אָן פון א קלייניגקייט: איינער מיינט, אז יענער וויל איהם אָנ־ריהרען אָדער עפּעס שאַדען פאַרשאַפען, דעריבער באַרעדט ער איהם אָדער פאַראורזאַכט איהם צו ליידען א באַליידיגונג, זאָל דער עהרליכער מענש אָפּ־מאַכען ביי זיך אַז, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון שמירת הלשון ווי געהעריג איז רעכט, אז עס זאָל איהם עפּעס קאָסטען דורכ׳ן יאָהר. ווען ער וועט זיך גוט אויסרעכענען, וועט עס גאָר ניט באַטרעפען קיין סך. איז דען ניט יעדער איד גרייט זיך צו לאָזען קאָסטען א באַדייטענדע סומע כדי מקיים צו זיין די מצוה פון תפילין, כדי צו קויפען אַן אתרוג, אָדער צו מאַכען א סוכה, טאָ פאַרוואָס ניט טאָן דאָס זעלבע מיט דיזער מצוה? דורכדעם אַרגומענטירט דער מחבר, וואָלט דאָך דער מענש זיך פאַרהיט פון פיעלע אומגליקען; די זינד פון לשון הרע פאַראורזאַכט דאָך בלויז צרות און אָרימקייט! און דער מחבר דערקלערט עס מיט אַן אילוסטראַציע:

אין א שטעדטעל האָט אַמאָל געלעבט א זעהר קאַרגער מאַן, וועלכער האָט אונטער קיינע אומשטענדען ניט געוואָלט געבען קיין זאַך צו אָרימע, אָדער צו העלפען נויטבאַדערפטיגע. פאַר זיך זעלבסט האָט ער אויך געלעבט זעהר קאַרג און אָרים, פאַרגינענדיג זיך בלויז דאָס סאַמע נויטווענדיגסטע. צו זאַמ־לען געלד איז געווען זיין הויפּט אַמביציע אין לעבען. זייענדיג געלטגייציג,

האָט ער זיך איינמאָל מיישב געווען אָפּצושפּאָרען פון זיין טעגליכען געברויך. ער האָט אָנגעפאַנגען מיט'ן אָפּקאַרגען יעדען טאָג אַ פערטעל פונט ברויט און אַנדערע שפּייז. און וואָס ווייטער האָט ער זיך איינגעוואוינט צו עסען ווינציגער און מעהר צו עקאָנאָמיזירען, ביז וואַנעט ער איז קראַנק געוואָרען. איז ער געגאַנגען צו אַ דאָקטאר. האָט איהם דער לעצטער געזאָגט, אַז ער איז אָפּגעשוואַכט פון אויסהונגערונג און אַז זיין גאַנצער סיסטעם איז רואינירט. כדי געזונט צו ווערען, דאַרף ער זיך קורירען מיט געוויסע רפואות, וועלכע דאַרפען באַטרעפען פיעלע הונדערטער רובעל. ווען דער קמצן האָט דאָס דערהערט, איז ער אַנטלאָפען פון צרות. ער האָט אפילו ניט געקאָנט פועל'ן ביי זיך אויסצוהערען אַזעלכע עצות.

ויהי היום, ווען זיין שוואכקייט האָט זיך וואָס ווייטער אלץ מעהר פאַרגרעסערט און ער האָט שוין קוים געקאָנט ארומגעהען, האָט ער זיך ווי עס איז געשטאַרקט און זיך צוגעשלעפּט צום דאקטאר, בעטענדיג איהם, אַז ער זאָל ראַטעווען זיין לעבען און ער איז איהם גרייט צו באַפרידיגען וויפיעל ער וועט נאָר פון איהם פאָדערען. ווען דער דאָקטאָר האָט אויסגעפונען, אַז ער האָט אין זיין אויסערגעוועהנליכער קאַרגשאַפט זיך אליין אויסגעהונגערט, האָט ער איהם געשטראָפט, זאָגענדיג:

„אוי דו נאַר, זעה וואָס דו האָסט געמאַכט פון זיך? וואָס האָסטו אויפגעטאָן? דו האָסט געוואָלט אָפּשפּאָרען עטליכע דאלאר, האָסטו פארלאָרען דיין געזונד, און יעצט וועסטו דאַרפען אויסגעבען אַ פאַרמעגענס אויף רפואות וועלכע זיינען ניט זיכער דיר צו קאָנען העלפען!"

כך אזוי, פיהרט אויס דער מחבר, ווי נאַריש זיינען די יעניגע מענשען וועלכע ווילענדיג זיך כלומר'שט פארהיטען פון אַ נישטיגען שאָדען ברייגען זיי אויף זיך אַ גייסטיגע אָפּשוואַכונג און פאַראורזאַכען צו זייער פּערזאָן אַן אונקורירבאַרע קראַנקהייט. דער שאָדען איז אונפאַרגלייכליך צו דעם מאָמענטאַלען געווינס....

אין דיזען ספר ווערט גלייכצייטיג באַהאַנדעלט אַנדערע מענשליכע מדות וועלכע לויט דער מיינונג פונ'ם מחבר, האָבען אַ דירעקטע אָדער אונדירעקטע שייכות צו לשון הרע. עס ווערט דאָרט, צום ביישפּיעל, באַהאַנדעלט די שעדליכקייט פון פאַרדינען געלט דורך אונעהרליכע וועגען. אַזעלכע סאָרט פאַרמעגענס האָבען ניט קיין קיום. זיי מוזען פארלאָרען געהן און דאָס רייכטום

האַלט זיך ניט אויף לאַנג ביים מענשען, נאָר ווערט פריהער אָדער שפּעטער פאַרשוואונדען פון דער משפחה. דאָס איז א שטראָף פון דער השגחה.

אידען געהען אין א ציווילען געריכט, זיי שטעלען אָן פעהיגע אַדוואָקאַטען און ווענדען אָן אַלע רמאות׳דיגע מיטלען אבי צו געווינען זייערע געלט משפטים, מיינענדיג אז דאָס איז גערעכטיגקייט. „ניין״, שרייט אויס דער מחבר, „עס איז נאָך אלץ, „גזל גמור״, כל זמן עס שטימט ניט מיט׳ן אמת, לויט די פאַרשריפטען פון דער תורה!

היינטיגע צייטען, דיינקט דער מחבר, לוינט זיך גאָרניט בכלל נאָצויאָגען נאָך עשירות. קיין זאך איז דאָך ניט פערמאַנענט, עס איז דאָך אַלץ צייטווייליג. עס צורייצט בלויז די אַפּעטיטען, און רואינירט די מעגליכקייט פאַר דאָס מענשליכע גליק.

משל למה הדבר דומה, צו א גרויסען און רייכען שר, וועלכער איז איינגעוואוינט געווען צו לעבען אין לוקסוס און אויסערגעוועהנליכע פארגעניגענס. איז ער איינמאָל באַגאַנגען א גרויסען פאַרברעכען. האָט דער קעניג ארויסגעגעבען א שטראָף אז מען זאָל איהם ארויפזעצען אויף א שפּיץ פון א הויכען טורעם און זיצענדיג אזוי הויך זאָל מען איהם לאָזען געניסען די פארשידענע תענוגים צו וועלכע ער האָט זיך צוגעוואוינט אין זיינע גוטע יאָהרען. ער האָט פאַראָרדענט אז מען זאָל פאַר׳ן שר פאַראַנשטאַלטען בעלער און פארשידענע אָרקעסטערס און אַרטיסטען זאָלען שפּילען יעדען טאָג פאַר איהם. אָבער אָט די אַלע פאַרוויילונגען זיינען איהם ניט באקומען, ווייל ער איז דאָך יעדע ווייל געווען אין שרעק טאָמער פאַלט ער אַראָפּ פון זיין הויכקייט אין דער טיפענ יש אונטען...

דער חפץ חיים דערצעהלט פון אן אָרימען אידען וועלכער איז פּלוצלונג באַגליקט געוואָרען געווינענדיג דורך א לאָטעריי צעטעל די גרויסע געווינס. ער האָט געדאַנקט און געלויבט השי״ת פאַר אַזאַ גליק. שפּעטער האָט ער מיט דעם געלט אָנגעפאַנגען צו מאַכען מסחרים, אָבער עס האָט איהם ניט אָפּגעגליקט. זעהענדיג ווי די הצלחה האָט זיך פון איהם אָפּגעטאָן, האָט ער אָנגעפאַנגען צו האָבען תרעומות אויף׳ן רבונו של עולם. ער האָט לגמרי פארגעסען, אז ער איז אַמאָל געווען זעהר אָרים און איז פּלוצלונג אויפגעריכט געוואָרען. ער האָט שוין מעהר קיין דאַנקבאַרקייט צום אויבערשטען ניט געפיהלט.

עס קומט דעריבער אויס אז דער רבונו של עולם האָט שוין מעהר נחת פון דעם אידען, וועלכער האַלט תמיד אין האָפען און אנערקענט מיט דאנקבאַרקייט יעדע זאַך וואס ער קריגט. דאָס איז אגב די כונה פון פסוק: „ואני תמיד איחל והוספתי על כל תהלתיך" (תהלים ע"א) — און איך טהו אימער האָפען, און וואָס ווייטער אלץ מעהר גיב איך צו דיין לויב. ד.ה. אַז דער איד וואָס האָפט און דאַנקט השי"ת פאַר יעדער זאַך וואָס ער גיט איהם, איז א גרויסער חשוב ביים רבונו של עולם.

אין דעם קונטרס „שפת תמים" צום ספר „שמירת הלשון", באַטאָנט דער פאַרפאַסער, אַז ניט אלע זיינען אימשטאַנד צו דינען דעם אויבערשטען מיט דער זעלבער מאָס איבערגעגעבענהייט און אויפ'ן זעלבען אופן. אזוי ווי עס זיינען פאַראַן אָרימע און רייכע, שטאַרקע און שוואַכע מענשען, אזוי אויך אונטערשיידען זיך די מענשען דורך זייערע אינערליכע כחות. די גייסטיגע אייגענשאַפטען פון איינעם זיינען אַנדערש ווי די פון אַנדערען. די תורה זאָגט ניט „ואהבת ה' בכל לב ובכל נפש", נאר „בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך", מיינענדיג, אז דו זאָלסט ליעבען און דינען דעם אויבערשטען „מיט דיין הארץ, מיט דיין נשמה און מיט דיין פארמעגען", ד. ה. יעדער איינער לויט זיינע פערזענליכע פעהיגקייטען, לויט זיינע אייגענע כחות הנפש, ווייל עס קאָן און עס דאַרף ניט זיין איין מאָס פאַר אַלעמען גלייך.

אַבוואָהל דער ספר „שמירת הלשון" איז אַן אָפּהאַנדלונג אין וועלכען אלע פּרינציפּען ווערען באַגרינדעט אויף די יסודות פון דער אגדה אין דער רבני'שער ליטעראַטור, איז אָבער דער מהות אַ פאַרטזעצונג פון דעם ספר „חפץ חיים", וועלכער איז אין גאַנצען הלכה. בכלל איז די אגדה לויט דיזער אויפפאַסונג אַ פאַרברייטערונג און אַ פאַרטיפונג פון דער הלכה.

די גרעניצען צווישען הלכה און אגדה זיינען אין אַלגעמיין ניט קיין באַשטימטע. זעהר אָפט גיסען זיי זיך געמיינשאַפטליך אַזוי צוזאַמען, אַז עס איז שווער צו דערקאָנען וואו איינע ענדיגט זיך און וואו די אַנדערע פאַנגט זיך אָן. עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז זאָגאר דער חומש מיט זיינע תרי"ג מצוות באַשטעהט ניט דורכאויס פון הלכה. די ספורים פון בריאת עולם די ערצעהלונגען וועגען אדם'ן, נח'ן, וועגען דאָס לעבען פון די אבות מיט זייערע קינד'ער, וועגען די פערזאָנען און פעלקער מיט וועלכע זיי זיינען געקומען אין באַריהרונג האָבען דאָך אויבערפלעכליך קיין פאַרבינדונג מיט די דינים פון דער תורה. אין אַ געוויסען הינזיכט איז דאָס עהנליך צו דער צוזאַמענ־

שטעלונג פון תלמוד. אויך די גמרא, פונקט ווי די תורה, פלעגט דער חפץ חיים זאָגען, דאַרף פאַרשטאַנען ווערען לויט פשט, רמז, דרוש, סוד (פרד״ס).

אין סוף פון דער הקדמה צום ספר „חפץ חיים״ מאַכט דער מחבר אויפ־מערקזאַם, אז עס זאָל דעם לעזער קיין וואונדער ניט זיין, אז אַבוואָהל זיין ווערק איז אין גאַנצען מיוסד אויף הלכה, טאָ פאַרוואָס שטיצט ער זיינע באַ־הויפּטונגען אויף אַזעלכע קוואַלען ווי דער ספר „שערי תשובה״ פון רבנו יונה גירונדי, וועלכער באַלאַנגט גאָר צו די ספרי מוסר. זיין ענטפער איז אַז אין דעם ספר האָט גראָד דער רבנו יונה אין די ענינים וועגען לשון הרע זעלטען איבערגעטראָטען, אין זיינע פאָדערונגען די גרעניצען פון הלכה, ד. ה. ער האָט ניט געפאָדערט מעהר ווי דער דין פאַרלאַנגט.

אויסצופאָלגען די הלכה איז דער מינימום וואָס די תורה פאַרלאַנגט פון יעדען אידען, וועהרענד מקיים צו זיין אַ מצוה מעהר ווי דער דין פאָדערט איז אַן עסק פאַר איינצעלנע פערזאָנען אָדער גרופּעס פון יחידי סגולה. מוסר ומדות איז אָפּהענגיק הויפּטזעכליך אויף רגש, אויף דאָס מענשליכע געפיהל, און עס שטיצט זיך אַם מעהרסטען אויף דער אגדה וועלכע דערהויבט דעם מענשען אויף איהרע פאָעטישע פליגלען, הויך איבער דער הלכה מיט איהרע באַשרענקטע פאָדערונגען. יעדער איינער לויט זיינע כחות, לויט די טיפקייט פון זיין באַגריף, לויט די מאָס פון זיין פערזענליכען פארשטאַנד איז מחויב צו ערפיהלען די מצוות פון דער תורה. אקוראַט ווי א טעלעסקאָפּ פאַרגרעסערט פאַר׳ן אויג א שטערען טויזענטער מאָל אַזוי פיעל ווי עס שיינט צו זיין אין דער ווירקליכקייט, אַזוי איז די אגדה אין באַצוג צו דער הלכה. דער בר דעת זעהט די הלכה אין אַ ליכטיגערע צורה ווי דער געוועהנליכער מענש. ביי איהם איז די אגדה דאָס האַרץ, די נשמה פון דער הלכה.

פאַר׳ן חסיד ווערט דאָס טאָן „לפנים משורת הדין״ א דין. מיט׳ן צדיק, זאָגט דער תלמוד, איז דער אויבערשטער מדקדק אויף א האָר (כחוט השערה). דער חפץ חיים פלעגט זעהר אָפט ציטירען די פאָלגענדע ערצעהלונגען פון דער גמרא:

ניט זייענדיג געניג פאָרזיכטיג האָבען טרעגערס צובראָכען א פאָס וויין צו רבה בר חנן. האָט ער פאַר דעם פארכאַפּט פון זיי זייערע קליידער. זיינען זיי געקומען פאר א דין תורה צו רב׳ן. האָט ער, רב, געהייסען רבה בר חנן צוריקקעהרען די קליידער צו די לאַסט־טרעגער. ווען די לעצטע האָבען זיך באַקלאָגט, אז זיי האָבען אַ גאַנצען טאָג זיך אָנגעארבייט אומזיסט, האָט רב

באפוילען רבה׳ן צו באַצאָהלען זיי פאר׳ן טאָג ארבייט. ווען רבה האָט פראָ־טעסטירט אויף אַזאַ פסק, ווייל עס איז ניט אזוי דער דין, האָט איהם רב געענטפערט: פאַר דיר איז אזוי דער דין, ווי דער פסוק הייסט: „למען תלך בדרך טובים ואורחות צדיקים תשמור״ (משלי, ב׳) זאָלסט געהן אין די וועגען פון גוטע און אָפּהיטען די וועגען פון די צדיקים. (בבא מציעה, פ״ג, ע״ב).

רב פלעגט זאָגען, אז צו נעהמען פלייש פון קצב און איהם ניט גלייך באצאָהלען וואלט פאר איהם געהייסען א חלול השם. אַן אַנדערער האָט גע־זאָגט, אַז צו געהן פיער איילען אָהן תורה און תפילין (אַמאָל פלעגען זיי טראָ־גען תפילין א גאַנצען טאָג) וואָלט געמיינט פאראורזאַכען א חלול השם. (ברכות, י״ט, ע״א).

אין דער צייט פון די רוימישע גזירות אויף אידען אין ארץ ישראל, ווען מען האָט פון די עשרה הרוגי מלכות ארויסגעפיהרט צו הרג׳ענען רבן שמעון בן גמליאל מיט רבי ישמעאל׳ן, האָט רבן שמעון געזאָגט צו רבי ישמעאל׳ן: „רבי, מיין הארץ געהט מיר אויס ניט וויסענדיג פארוואָס עס קומט מיר אזא טויט!״ האָט רבי ישמעאל צו איהם געזאָגט: „דערמאָן זיך אקאָרשט, האָסטו ניט אַמאָל געלאָזט ווארטען אויף דיר, ווען מען איז צו דיר געקומען נאָך א דין אדער א שאלה ביז וואַנעט דו וועסט ענדיגען עסען, טרינקען, אָנטאָן די שיך אָדער א מלבוש? און די תורה זאָגט דאָך: „אויב דו וועסט פייניגען א יתום, אדער אַן אלמנה און זיי וועלען שרייען צו מיר, וועל איך הערען און מיין צאָרן וועט ברענען וועל איך דורך דער שווערד דיר לאָזען אומקומען. און פייניגען האָט דאָך ניט קיין שיעור, סיי אביסעל סיי א סך״. האָט זיך רבן שמעון בארוהיגט, אז דער משפט איז אַ גערעכטער. (מכילתא, משפטים).

דער חפץ חיים האָט זיינע ספרים געשריבען פאר׳ן כלל ישראל, ניט פאַר יחידי סגולה. זאָגאַר אין זיינע מוסר ספרים פאָדערט ער פון יעדער אידען בלויז מקיים צו זיין דעם דין. „זיין מוסר ומדות זיינען הלכה״. גאַנץ ריכטיג האָט דער באוואוסטער גאון ר׳ שלמה פאליאטשיק, זצ״ל, רעדענדיג וועגען מוסר־שיטות, אַמאָל באַמערקט צום שרייבער פון די דאזיגע שורות: „דער חפץ חיים איז ניט קיין מוסר׳ניק, אַלץ וואָס ער פאָדערט אין זיינע ספרים איז, אז דער איד זאָל מקיים זיין דעם שלחן ערוך!״

עס איז אינטערעסאַנט, אז אויך אין דיזען ספר געפינט זיך ניט דער נאָמען פון מחבר, ניט אויפ׳ן שער־בלאַט און ניט אין די הסכמות.

האָט פּאַסירט אַז אַ געוויסער שקרן איז אַרומגעפאָהרען און זיך אָנגעגעבען אַלס דער מחבר פון „חפץ חיים״. ווען דער חפץ חיים האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער געהאַט גרויס צער, ווייל ער האָט מורא געהאַט עס זאָל פון דעם קיין מכשול ניט ארויסקומען. ער האָט זיך דאריבער שוין געלאָזט איבעררײדען פון זיינע פריינד, בעקאַנטע רבנים, צו פאַרעפענטליכען זיין נאָמען אויף זיינע שפּעטערדיגע ספרים און אויך איינגעשטימט פון דאַן אָן נישט מעהר זוכען צו באַהאַלטען זיין נאָמען. מען האָט איהם אויך אויפמערקזאַם געמאַכט אַז בלויז דער תלמוד טראָגט נישט אויפ׳ן שער־בלאַט דעם נאָמען פון מחבר, אָבער אלע ספרים נאָכ׳ן תלמוד טראָגען דוקא יאָ די נעמען פון זייערע מחברים (זעה תשובה אין ספר „פנים מאירות״ אין דער הקדמה; אויך אין ספר „שם הגדולים״ חלק א׳ אות ז׳).

הרב ר' יעקב בריט זצ"ל - ווילנע. ביי-
וועמען דער חפץ חיים האט געלערנט

הרב ר' נחום קע שמש (קאפלאן)
הורדנה - זצ"ל

הרב ר' אליהו דוד רבינוביץ תאומים זצ"ל
ירושלים, געוו. רב אין פאנעוועז, ומיר

הרב ר' יוסף סקוביץ זצ"ל
מורה הוראה - ווילנע

הרב ר' שלמה הכהן זצ"ל
מורה הוראה - ווילנע

הרב ר' מאיר יונה ש"ץ זצ"ל
אב"ד - סוויסלאוויץ

הרב ר' יום טוב ליפמאן הכהן זצ"ל
אב"ד - מיר :

הרב ר' אלעזר משה הלוי זצ"ל
הורביץ אב"ד - פינסק :

גדולים אין שייכות מיט'ן חפץ חיים

יט.

זיינע ספרים — זיין ביאָגראַפיע.

כדי צו קענען בעסער פאַרשטעהן די גרויסקייט פון חפץ חיים, און האָבען א מעהר קלאָרען באַגריף וועגען זיין הייליגער און לויטערער פערזענליכקייט איז נויטיג צו לערנען און צו וויסען זיינע ספרים, ווייל יעדער ספר וואָס דער חפץ חיים האָט פארפאַסט איז א פאָטאָגראַפיע פון זיין אינערליכען וועזען, פון זיין טראַכטען און דיינקען, פון זיינע שטרעבונגען און מעשים. עס איז ניט קיין גוזמא צו זאָגען אז זיינע ספרים זיינען געשריבענע קאָפּיעס פון דעם לעבעדיגען און הייליגען חפץ חיים, ווייל דער פארפאסער האָט פאַרקערפערט אויפ'ן שעהנסטען און פאָלקאָמענסטען אופן אַלץ וואָס ער האָט געלערנט אנדערע נאָכצופאָלגען.

עס איז אן אלטער אידישער כלל: „זה ספר תולדות אדם", אז דער ספר איז א רעקאָרד פון מענשען'ס תולדה, א ביאָגראַפיע פון פאַרפאַסערס לעבען, פון זיינע גייסטיגע ערפאַהרונגען און אינטעלעקטועלע איבערלעבענישען, עס איז אן אָפּשפּיגלונג פון זיינע געפיהלען און אַן אינטערפּרעטאַציע פון זיינע וויזיאָנען. וועהרענד ביי די אומות העולם פאַסירט זעהר זעלטען אז די אנערקענונג פון אַ גוטען ספר זאָל זיין אָבהענגיג פון דעם מחבר'ס פּריוואַטען לעבען. ביי זיי ווערט כמעט קיינמאָל ניט באַטראַכט די פערזענליכע אויפפיהרונג פון פאַרפאַסער אַלס מעלה, אָדער חסרון צו זיינע ווערק. איז אָבער די זאַך אין גאַנצען אַנדערש בנוגע דעם אידישען ספר. וועלכער ווערט באַטראַכט אַלס א הייליגער געגענשטאַנד. אזוי איז די טראַדיציאָנעלע באַציהונג ניט נאָר צו אַ ספר תורה נאָר אַפילו צום געדרוקטען ספר (זעה יורה דעה סימן ר"ע רפ"א פחד יצחק אות ס'). ניט נאָר דער אינהאַלט, נאָר די ריינע מחשבה, די הייליגע געפיהלען און הויכע כוונות פון שרייבער גיבען דעם ספר דעם גייסט פון קדושה.

זאָגט דער רמב"ם: די הייליגע ספרים מיט זייערע פירושים און ביאורים זיינען נאָר הייליג אויב א איד האָט זיי געשריבען בקדושה, אָבער אויב אַן

אַפּיקורוס ישראל האָט געשריבען א ספר תורה פאַרברענט מען איהר מיט די אזכרות, ווייל ער גלויבט דאָך ניט אין „קדושת השם" און האָט איהר ניט געשריבען „לשמו", נאָר ער דענקט אז דאָס איז אזוי ווי אַנדערע איינפאַכע זאַכען, און ווייל זיין געדאַנק איז אזוי, דאַריבער ווערט דער שם ניט פאַר־הייליגט און ס'איז א מצוה דעם ספר צו פאַרברענען כדי ניט איבערצולאָזען קיין גדעדכעניס צו די אפּיקורסים און זייערע ווערק (הלכות יסודי התורה פרק ו').

אַבוואָהל אונזער מחבר האָט זיך לכתחילה געשראָקען, אויב מען וועט זיך דערוויסען, אז ער, אַ פּשוט'ער איד איז עס דער ארויסגעבער, וועט דאָס שאדען טאָהן צום פּרעסטיזש פון זיינע ספרים, האָט אָבער די פּראַקטיק גע־וויזען אנדערש, וואָס מעהר די וועלט האָט קענען געלערענט זיין הייליגע פּער־זאָן אַלץ מעהר און מעהר זיינען זיינע ווערק אָנגענומען געוואָרען בכל תפוצות ישראל. עס איז ניט איבערטריבען צו באַהויפּטען אַז ווען ניט דאָס פּראָמינענטקייט פון ר' ישראל מאיר'ן וואָלטען זיינע ספרים, טראָץ זייער וויכטיגקייט, ניט זוכה געווען צו אַזאַ אַלגעמיינער פּאָפּולאַריטעט, צו ווערען פילע מאָל איבערגעדרוקט און פאַרשפּרייט אין הונדערטע טויזענדע עק־זעמפּלאַרען ממש אין דער גאַנצער וועלט.

דער גאון וצדיק ר' אהרן קוידענאָוער זצ"ל האָט, ריידענדיג אמאָל וועגען חפץ חיים, באַמערקט: „וויפיעל יראת שמים ס'איז אין זיין ספר, איז דער מחבר אליין נאָך גרעסער". ניט נאָר בין אדם למקום האָט ער צו זיך קיין גלייכען ניט געלאָזען מיט זיין אויסערגעוויינליכער צדקות, נאָר אויך בין אדם לחבירו איז ער געווען „פאַר עקסעלענץ".

הג' ר' מיכל ראבינאָוויטש פון סטוטשין דערצעהלט, אַז מיט פילע יאָהרען צוריק האָט ער זיך געווענדעט צום חפץ חיים מיט א שאלה וועגען זיינעם א פּערזענליכען ענין וואָס די תשובה אויף דעם וואָלט אפשר געפיהרט אינדי־רעקט צו א חשש פון „אבק לשון הרע", האָט ער איהם געענטפערט: היות ווי שוין זעכציג יאָהר ווי ער היט זיך אָפּ פון לשון הרע, קען ער איהם ליידער אין דעם ענין קיין תשובה ניט געבען.

ווען מיר באטראַכטען וואָס די גמרא זאָגט, אז דאָס רוב מענשען ווערען נכשל אין לשון הרע, און אלע אין „אבק" — שטויב פון לשון הרע, און אז בזמנו זאָגט דער רמב"ם ווערען אלע בעוה"ר נכשל אין לשון הרע, קען מען באַגרייפען דעם חפץ חיים'ס גרויסקייט אין דער מדה וועלכעס איז ממש אין

לשער. ס׳איז מיר ב״ה געלונגען זיך אָפּצוהיטען אַפילו פון אבק לשון הרע, האָט דער חפץ חיים אין זיינע לעצטע יאָהרען איינמאָל באַמערקט צו זיין איי־דים הגאון ר׳ מנחם מענדיל יוסף זאַקס.

עס איז געווען אן אָפּטע פּאַסירונג אז ווען עס פלעגט איהם אויסקומען צו שיקען א בריעף דורך אימיצען, האָט ער געקויפט א מאַרקע פּאַר 7 קאָפּי־קעס און עס צוריסען, כדי ניט צו בע׳גנב׳ענען די רעגירונג.

אין יענע יאָהרען ווען ער פלעגט, אַלס יונגערמאַן, נאָך אליין ארומ־פאָהרען צו פאַרקויפען זיינע ספרים, האָט איינמאָל פּאַסירט אז ער איז אָנגע־קומען אין באסטון (די נאָהענטסטע באהן־סטאַנציע פון ראדין) און האָט שיער ניט פארשפעטיגט דעם באהן. עס איז איהם שוין קיין צייט ניט געבליבען ער זאָל אָפּגעבען די פּעקלעך וואָס ער האָט געפיהרט מיט זיך אויף באַגאַזש. איז צוגעלאָפען א איד צום נאטשאלניק פון דער סטאַנציע ער זאָל דעם צדיק א טובה טהאָן. דער נאטשאלניק האָט דאריבער איהם ערלויבט ארויפצונעהמען דעם באַגאַזש מיט זיך אויפ׳ן פּאַסאַזשיר־וואַגאָן. ווי ערשטוינט איז אָבער דער נאַטשאַלניק געוואָרען דערזעהענדיג אז דער חפץ חיים ריהרט זיך ניט פון אָרט.

„עס טהוט מיר לייד״, האָט דער חפץ חיים גוטמוטיג געזאָגט צום באַהן־בעאַמטען, „וואָס איך בין ניט אימשטאַנד זיך צו באנוצען מיט דיין ערלויבעניש, ווייל דו ביזט דאָך ניט מעהר ווי א בעאַמטער, די באהן בעלאַנגט דאָך צו דער רעגירונג און דו האָסט דאָך ניט דאָס רעכט מיר צו שיינקען די באַגאַזש־קאָסטען!״

האָט דער נאַטשאַלניק קיין אנדער ברירה ניט געהאַט, נאר האָט באפוילען אָפּצוהאַלטען די באהן ביז דער חפץ חיים האָט אַלץ באַזאָרגט.

ווי אינספּירירט מען זאָל זיך ניט פיהלען ווען מען לערנט זיינע ספרים איז דאָס אָבער ניט גלייך צו יענע הייליגע מאָמענטען ווען מען האָט געהאַט די זכיה צו זיין מעהר, אדער ווייניגער נאָהענט צו איהם, צו זעהען און הערען איהם. ער האָט, דוכט זיך, גערעדט פּשוט׳ע ווערטער, זיינען זיי אָבער געווען אזוי טיעף, ערנסט, אזוי שאַרף און קלוג. עס איז געווען א האַרץ צו האַרץ שפּראַך. בלויז צו קוקען אויף איהם און צו זעהן זיין הנהגה איז געווען א קוואַל פון אינספּיראַציע.

דער אידישער אידעאַל פון אן אמת׳ען לעהרער און פאָלקס־ערציהער איז „והיו עיניך רואות את מוריך״ (ישעיה כ׳), דיינע אויגען זאָלען זעהן דיין רבי׳ן; ווייל דורך באַאָבאַכטען זיין לעבען, דורך אָבזערווירען און באַמערקען

זיינע הנהגות און מעשים קען דער תלמיד פיעל מעהר לערנען, בעאיינפלוסט און באגייסטערט ווערען איידער ווי דורך הערען מיט די אויערען זיינע לעק־ציעס. פאר'ן אמת'ן תלמיד חכם איז ניט אין גאַנצען וויכטיג וואָס מען זאָגט, ווי ווער עס זאָגט.

„יעדער איד", פלעגט ער זאָגען, „דאַרף שטרעבען אז ער זאָל זיין א לעבע־דיגע ספר תורה. ד. ה. אַז אויף איהם זאָל רוהען די קדושה פון אַ ספר תורה".

„צו טהאָן מצוות איז געוויס אַ גרויסער ענין, אַ פעולה קדושה, אָבער צו דער תורה איז קיין מצוה ניט גלייך (כל המצוות כלן אינן שוות אפילו לדבר אחד מן התורה) ווייל א מצוה איז אזוי ווי א ליכט און די תורה איז אזוי ווי די זון (כי נר מצוה ותורה אור) די גרעסטע עלעקטרישע לאָמפען זיינען דאָך געגען דער זון גאָרניט ווערטה. ווען א מענש איז מקיים א מצוה קריגט די נשמה אַן עליה פאר'ן טהאָן דעם רצון הבורא. די מצוה דרינגט אָבער ניט אריין אין דעם תוך פון דעם מענשען'ס נשמה. אין דער פנימיות פון זיין מח, פון זיין געדאַנק. די תורה אָבער וואָס איהר ארט איז נאָר אין דעת און שכל ווערט דורכגעוועבט מיט'ן שכל אליין. דורך דעם וואָס דער מח זאפט איין אין זיך די רייד און רעיונות פון דער תורה ווערט זיין גאַנצער מהות פון מענשען געענדערט, ער ווערט דערהויבען און געהייליגט. דאַריבער זאָגען די חז"ל אז ווען א תלמיד חכם שטאַרבט איז עס אַקוראַט ווי א ספר תורה איז פאַרברענט געוואָרען, ווייל אזוי ווי א ספר תורה ענטהאַלט איז זיך די אותיות און ווער־טער פון דער תורה אזוי איז דער תלמיד חכם קולט אין זיך די זעלבע ענינים.

„קריגט ער דאריבער דיזעלבע קדושה וואָס די ספר תורה אליין האָט. מען זעהט דאָך אז דער פאַרמעט וואָס ס'איז געמאַכט געוואָרען פון א פעל פון א בהמה אויף וועלכען די ספר תורה איז געשריבען קריגט א קדושה; היינט א פשיטא שוין דער מח פון א מענשען וואָס זאַפט איין אין זיך די תורה, ווערט דאָך אודאי קדוש. דער כלל אז די תורה איז די עצמיות פון מענשען און דער וואָס לערענט איהר קריגט די זעלבע דערהויבונג ווי די תורה אליין".

אין זיין ספר באריהרט דער חפץ חיים אויך דעם זעלבען ענין באַטאָנענ־דיג אז אזוי ווי דער סופר, בעת ער פאַנגט אָן צו שרייבען א ספר תורה, טראַכט ער אָדער זאָגט צו טהאָן אַלעס לשם קדושה התורה, און דורך זיין געדאַנק ווערען פארהייליגט די ווערטער, פרשיות און אותיות, אזוי דאַרף דער תלמיד חכם בעפאָר ער פאַנגט אָן צו לערנען טראַכטען אָדער זאָגען אז ער געהט אזוי טהאָן כדי צו ערפיהלען דעם פארלאנג פון השי"ת. וועלכער וויל אַז מיר זאָלען

וויסען זיין תורה. אַלעס וועגדעט זיך אין דער געהעריגער כונה. אויך אזוי ווי עס איז דאָ אַן אונטערשייד צווישען דער מאָס הייליגקייט פון א ספר וועל־כער ענטהאַלט די גאַנצע תורה ביז א ספר וועלכער ענטהאַלט בלויז א טייל פון דער תורה, אזוי איז אויך דאָ אַ חילוק צווישען איינעם וואָס באַזיצט דאָס וויסען פון די גאַנצע תורה און איינעם וואָס וויים בלויז א טייל פון איהר.

„אפילו אויב מען זעהט אז דער גרויסער תלמיד חכם טהוט אמאָל עפּעס אַן עולה דאַרף מען איהם פון דעסטוועגען אָפּגעבען כבוד. אזוי ווי די חז״ל זאָגען, אויב דו זעהסט א תלמיד חכם איז באַגאַנגען א פעהלער אין אבענד, זאָלסטו וועגען איהם ניט טראַכטען קיין שלעכטע מיינונג אויף צו מאָרגענס, ווייל ער האָט געוויס תשובה געטאָהן. „אַנדערש״, פלעגט דער חפץ חיים צו־לעגען, „וואָלט ער דאָך קיין תלמיד חכם ניט געקענט אַנגערופען ווערען״.

אין זיין ספר דערצעהלט ער פון גאון מאור הגולה מהר״ח ז״ל, אז אין זיין שטאָט האָט געוואוינט א בעל הבית וועלכער איז געווען קלאָר אין ש״ס, אין מדות איז ער אבער ניט געווען פאָלקאָם. פלעגט זיך פון דעסטוועגען דער גאון פאר איהם אויפשטעלען און איהם אפּגעבען א סך כבוד. דאָס האָט איבערראַשט די תלמידים און זיי האָבען איהם געפרעגט הלמאי ער גיט איהם אזוי פיעל כבוד. האָט ער זיי געענטפערט:

„מיר האָבען ש״ס׳ן פון פארשידענע דרוקערייען. מיר האָבען, צום ביי־שפּיעל, א סדילקאָווער ש״ס און אַן אמסטערדאם געדרוקטען ש״ס. אמת, אז די לעצטע האָבען ניט אזוי פיעל גרייזען און פעהלערען ווי די ערשטע. די סדילקאווער ש״ס איז דאָך אבער פון דעסטוועגען אויך א ש״ס. דאָס זעלבע מיט אונזער למדן. ער האָט דאָך ש״ס אין זיך, אמת אביסעל פארגרייזט אבער דאָך אַ ש״ס״ (שם עולם ח״ב פרק ה׳).

ניט אומזיסט האָבען די חז״ל געזאָגט: „גדולה שמושה יותר מלימודה״ (ברכות ז׳ ע״ב), אַז דאָס באַדיענען דעם רבי׳ן, דאָס זיין נאָהענט צו איהם אויסער די ווענט פון בית המדרש, דאָס בעאָבאַכטען זיין הנהגה ניט אין דער צייט פון לערנען, נאר אין זיין פּריוואַטען לעבען, איז נאָך גרעסער און פיעל מעהר וויכטיג ווי דער עצם לערנען. ווייל דאס אליין גיט די בעסטע געלעגענ־הייט צו שטודירען, און איז דער בעסטער מיטעל צו לערנען. עס מיינט דאָך צו לערנען פון א לעבעדיגען ספר תורה, צו זעהן יעדער הלכה, יעדער מדה ניט אין איהר נאַקעטע טעאָריע זאָנדער אין פּראַקטיק. אזוי האָבען געטהאָן און פאַרשטאַנען די תלמידי חכמים אמאָל און האָבען אויף יעדען שריט און

טריט נאכגעקוקט דעם רבי'ן, ווייל דער לעצטער איז דאך אין יעדער טהאט, אין יעדער באוועגונג זיינע דיקטירט געווארען פון געפיהלען פון קדושה וטהרה.

דער בעסטער תלמיד פון גרעסטען רבי'ן איז געווען יהושע. די תורה זאגט אויף איהם עדות, אז ער האט קיינמאל ניט פאלאזען משה רבנו'ס געצעלט. ווען משה רבנו איז ארויפגעגאנגען אויפ'ן געטליכען בארג צו נעה־מען די תורה, איז יהושע געבליבען ווארטען לעבען בארג אויף איהם פערציג טעג און פערציג נעכט. צוליעב וואס און צוליעב ווען?

כדי ווען משה רבנו וועט אראפקומען זאל ער ניט פארפעהלען צו זיין מיט'ן רבי'ן אט די ווײַלע וואס ס'דארף איהם דויערען צו געהן פון בארג סיני צו דער מחנה פון פאלק.

דערצעהלט דער תלמוד אז דער גרויסער תנא רבי מאיר האט גאר גע־הייסען רבי נהוראי, אדער רבי מיישא, נאר מ'האט גערופען רבי מאיר ווייל ער פלעגט באלייכטען די אויגען פון די חכמים אין הלכה (עירובין י"ג ע"ב). אויב אזוי וואס עפעס ער אליין? אנדערע תנאים פאר איהם און נאך איהם האבען דאך אויך אזעלכעס באוויזען, ווי רבי עקיבא, רבי יוחנן בן זכאי, א. א. וו. הלמאי האט מען זיי ניט אנגערופען מאיר?

דער ענטפער איז, ווייל ר' מאיר איז געווען דער איינציגער תנא וועלכער האט געוואגט צו מאכען אזא ריזיקאלישען שריט לערנענדיג תורה פון אלישע בן אבויה אחר, וועלכער איז ארויס לתרבות רעה אדער איז געווען אן אפיקורוס. עס ווערט דערצעהלט אז לערנענדיג פון אט אזא רבי'ן איז רבי מאיר געווען אזוי ווי איינער וועלכער געפינט א מילגרוים, ווארפט ער אוועק די שאלאכץ און עסט דאס פון אינעווייניג, ד. ה., אז רבי מאיר האט זיך גאר ניט אנגענומען פון דאס שלעכטע אין רבי'ן. האט מען איהם א נאמען געגעבען מאיר צו צייי־גען אז ער איז פערזענליך געבליבען א צדיק און האט באלויכטען די אויגען פון די חכמים אין הלכה. ד. ה., מ'האט קוקענדיג אויף איהם מיט די אויגען בעאבאכטענדיג זיין הנהגה געקענט לערנען יעדע הלכה פון דער לעבעדיגער ווירקליכקייט.

אט אזוי איז געווען דער חפץ חיים אין זיינע דורות. ער האט באלויכטען אלעמענס אויגען מיט זיין הייליגע אויפפיהרונג.

גאנץ ריכטיג האט דער גאון הדור ר' חיים עוזר גראדזענסקי באמערקט: „דער חפץ חיים איז געווען א לעבעדיגער שלחן ערוך".

עס זיינען דאָ פיעלע תלמידי חכמים וועלכע ווייסען די תורה. זעלטען איז אָבער צו געפינען איינעם ביי וועמען עס זאָל אזוי ווי ביים חפץ חיים די תורה ווערען א טייל פון אייגענעם „איך", ער זאָל אזוי פארקערפערען אין דער ווירקליכקייט איהרע פרינציפען און זיין אייגענעם לעבען זאָל זיין א כסדר'דיגע דעמאָנסטראַציע פון איהרע אידעאלען. ביים חפץ חיים איז די תורה געווען ניט ווי אין אַן אוצר אָנגעזאַמעלט, נאָר זיין בלוט, זיינע אדערען, זיין מח, האַרץ און נשמה זיינען געווען דורכגעווייקט מיט תורה. זיין גאַנצע אויפפיהרונג, זיינע אינספיראציעס און דערגרייכונגען, זיינע געדאַנקען און אלע זיינע מעשים האָבען שטענדיג געאָטעמט מיט תורה.

כ.

מיט די גדולים פון פריהערדיגען דור

דער חפץ חיים איז געגען זיין ווילען געווארען וואס ווייטער אלץ מעהר מפורסם.

ארומפאהרענדיג צו פארקויפען זיינע ספרים האט ער אונטערוועגס פאר־בראכט די מעהרסטע צייט אין תורה. ער האט גלייכצייטיג פארטגעזעצט צו שרייבען זיינע שטענדיגע חיבורים, וועלכע ער האט באטראכט אלס נויט־ווענדיג פאר׳ן כלל ישראל.

די פראמינענטסטע גאונים פון יענער צייט האבען משמעות איהם גוט גע־קענט און געוואוסט וועגען זיין גרויסע צדקות און גדלות בתורה. עס איז א פאקט אז נאך אין יאהר תר״ם, ווען ר׳ ישראל מאיר איז קוים עטליכע פערציג יאהר אלט געווען, האט ער צוזאמען מיט די דאמאלסדיגע גדולי הדור, ר׳ ישראל סאלאנטער, ר׳ יצחק אלחנן, ר׳ אלכסנדר משה לפידות (ראסיין) זיך געווענדעט צום פאלק מכח חיזוק התורה; אויפפאדערנדיג זיי צו שטיצען דעם ניי־געגריג־דעטען קאוונער כולל פאר פרושים. אונטער׳ן נאמען „פרושים״ ווערט געמיינט די יונגע לייט וועלכע זונדערען זיך אפ כדי זיך צוווידמענען צום לימוד התורה. דער ספר „עץ פרי״ וועלכער איז צוליעב דיזען צוועק געווארען אפגעדרוקט אין יאהר הרמ״א ענטהאלט, צוזאמען מיט די פייערדיגע מאמרים פון די אויבענ־דערמאנטע גאונים, אויך א מאמר אלס הקדמה פון דעם מחבר פון די ספרים „חפץ חיים״ און „שמירת הלשון״ (זיין נאמען ווערט ניט דערמאנט).

כדי דער לעזער זאל קענען בעססער פארשטעהן וועגען וואס עס האנדעלט זיך, איז נויטיג צו געבען א קורצען היסטארישען איבערבליק איבער דעם גאנ־צען ענין.

אז פארהייראטע יונגע לייט זאלען איבערלאזען זייערע פרויען און היימען און אוועק אין דער פרעמד צו לערנען — איז דוכט זיך קיין נייעס ניט. נאך אין די צייטען פון די תנאים און חכמי התלמוד איז אזא מנהג פראקטיצירט גע־ווארען. אין דער גמרא ווערט דערצעהלט איין מעשה נאך דער אנדערער ווי אזוי

די אַמאָליגע תלמידי חכמים פלעגען איבערלאָזען זייערע פאַמיליעס און אוועק אין א ישיבה לערנען אויף א צייט פון צוועלף יאָהר. היות די עלטער פון אַכטצעהן יאָהר איז ערקלעהרט אין דער משנה אַלס צייט פאַר בחורים חתונה צו האָבען — „בן שמונה עשר לחופה" — זיינען דאריבער, קען זיין, די צוועלף יאָהר צווישען אכטצען און דרייסיג ווען מען איז נאָך ניט געווען קיין מטופל מיט א סך קינדער, אויסגעקליבען געוואָרען אלס פאַסיגסטע צייט זיך צו קענען ווידמענען צום לערנען (זעה מהרש"א כתובות ס"ב). עס איז אלעמען באקאנט די געשיכטע פון רבי עקיבא'ן, וועלכער איז נאָך זיין הייראַטען די טאכטער פון כלבא שבוע'ן אין איינקלאַנג מיט איהר וואונש אוועק לערנען צוויי מאָל צו צוועלף יאָהר און איז נאָכהער צוריקגעקומען באַגלייט פון פיעלע טויזענדער תלמידים. עס פלעגט בכלל זיין א געוויינליכע ערשיינונג פאר די תלמידי חכמים פון בבל צו קומען לערנען קיין ארץ ישראל, און פאַר די ארץ ישראל'דיגע צו געהן לערנען אַנדערשוואו.

עס שיינט, אז צוליעב דעם וואָס מען פלעגט אַמאָל הייראַטען זעהר יונג, איז די גרויסע מאַיאָריטעט פון די תלמידים אין די ישיבות באַשטאַנען פון פארהייראַטע יונגע לייט. שוין דאמאָלס האָבען אונזערע אַלטע חכמים געזוכט צו לעזען דעם פּראָבלעם פון נויטליידענדע פאַמיליעס פון די פרושים. תלמידי חכמים זיינען פאַרזאָגט געוואָרען ניט צו פאַרלאָזען זייערע היימען סאידען זייערע פאמיליעס זיינען באַוואָרענט מיט חיונה (גיטין ע"ב, קידושין כ"ט ע"ב. זעה תוספות).

דער מנהג וואָס איז געשאַפען געוואָרען צו נעהמען יונגע לייט לומדים אלס אידעמס און זיי געבען אַ גרויסען נדן און קעסט מיט אלע הצטרכות'ן האָט זיי זעהר פיעל געהאָלפען אז זיי זאָלען זיך קענען איבערגעבען נאָך דער חתונה אין גאַנצען צום לערנען. די צאָהל פון אָרימע יונגע לייט, צווישען וועלכע עס פלעגט זיך גראד געפינען עלוים און בעלי כשרונות, איז אָבער אימער געווען גענוג גרויס אז עס זאָל פארשאַפען זאָרג צו די לייטענדע גייסטער פון אידישען פאָלק. די אומשטענדען האָבען זיך געענדערט. די ישיבות אין די לעצטע דורות זיינען געווען בלויז פאר בחורים וועלכע זיינען געקומען אהין, ראשית כל, כדי צו ווערען לומדים אין פולען זינן פון וואָרט. זיי האָבען זיך זעהר זעלטען פאר־נומען מיט די רבנ'ישע למודים פון הוראה. דאָס פלעגען זיי איבערלאָזען אויף נאָך דער חתונה. און היות די היים מיט איהרע טרדות איז אָפטמאָל געווען א שטער פאַר די וועלכע האָבען זיך געוואָלט גרינדליך פאַרפאַלקאָמענען אין שטו־

דיום פון הוראה און באהאווענט ווערען אין די ספרי הפוסקים, איז די בעסטע עצה געווען דער אלטער אויסגעפרובירטער מיטעל פון אונזערע חכמים—„הוי גולה למקום תורה"—זיך לאזען אין גלות צוליעב דער תורה, ד. ה. אוועק אין דער פרעמד צו לערנען.

פלעגען זיך טאקע געפינען דא און דארט, אין די בתי מדרשים פון די אידישע שטעדט און שטעדטלעך אין פוילען און ליטא פרעמדע יונגע לייט. באַ־קאנט אלס פרושים וועלכע פלעגען אפזיצען יאהרען על התורה. דערהויפט פלע־גען זיי קומען אין די ערטער וואו עס איז געווען א גרויסער רב כדי פון איהם צו לערנען די ענינים פון הלכה למעשה. די אידישע קהלות פלעגען אט די פרושים באזארגען מעהר אדער ווייניגער מיט אלע נויטיגע הצטרכות'ן פאר זיך. זיי זיינען אבער קיינמאל ניט געגאנגען אזוי ווייט ווי צו זוכען צו באזארגען זייערע פאמיליעס אין דער היים וועלכע פלעגען אפטמאל ממש ליידען הונגער. זעלבסטפארשטענדליך אז אזא צושטאנד האט די פרושים קיין מנוחה ניט גע־געבען. ניט איינמאל זיינען פיעלע פון זיי געצוואונגען געווען איבערצורייסען זייער שטודיום כדי צו זוכען חיונה פאר זייערע פרויען און קליינע קינדער.

עס האט געפעהלט אזא אינסטיטוציע וועלכע זאל ארונטערנעהמען אונ־טער איהר אויפזיכט און געהעריג באזארגען די יונגע לייט מיט גענוג מיטלען אז עס זאל זיי קלעקען אויך פאר זייערע פאמיליעס כדי זיי זאלען אימשטאנד זיין צו לערנען רוהיג. אויך אין גייסטיגען זינן האט זיך געפאדערט א מאסגע־בענדע אויטאריטעט וועלכע זאל שאפען א געוויסען סטאנדארד און סיסטעם פאר אזעלכע יונגע לייט אין זייערע למודים. ווי אויך צו ערמוטיגען די גרויסע בעלי כשרונות כדי צו דערהויבען אמת'ע לומדות אויף א הויכער מדרגה. ובפרט נאכדעם ווי זיי האבען זיך שוין איינגעשאפט אלע וויכטיגע ידיעות, איז נויטיג געווען צו באזארגען מיט פאסיגע רבנות שטעלעס כדי זיי זאלען ניט געצוואונגען זיין נאך אזוי פיעל מיה צו ווערען דארפישע מלמדים אדער זיך צו נעמען צו אנדערע אומפאסיגע באשעפטיגונגען.

כדי צו ערפילען אט דעם חסרון איז אין יאהר תרל"ז אט אזא אינסטי־טוציע טאקע געשאפען געווארען דורך די דאמאלסדיגע גרויסע גאונים ר' ישראל סאלאנטער און ר' יצחק אלחנן — דער קאוונער כולל פאר פרושים.

כדי אריינגענומען צו ווערען אין כולל האט יעדער יונגערמאן באדארפט דורכמאכען א בחינה, ד. ה. רעדען און לערנען א. ז. וו. מיט ר' יצחק אלחנן אדער מיט זיין זוהן, דעם גאון ר' צבי הירש ראבינאוויץ. די יונגע לייט פלעגען

לערנען אין די אָרטיגע פּאַרשידענע קלויזען ווי אין הירשל נאוויאזער'ס, די קצב'ישע, דער גרויסער בית המדרש, א. ז. וו. יעדער יונגערמאַן פלעגט פאַר זיין פּערזענליכע חיונה באקומען א בכוד'יגע שטיצע פון דעם בית המדרש וואו ער האָט געלערענט. און פון דער קאַסע פון כולל האָט מען איהם געגעבען געננוג צו באַזאָרגען זיין פאַמיליע אין דער היים. אזוי איז יעדער יונגערמאַן אויסגעהאַלטען געוואָרען דריי יאָהר צייט. דער כולל איז געשטאַנען אונטער דער גייסטיגער השפעה פון די גאונים וועלכע האָבען איהם מיסד געווען, אָדער אונטער דעם איינפלוס פון זייערע נאָכפאָלגער, ווי ר' הירשל דער זוהן פון ר' יצחק אלחנן, און דער גאון וצדיק ר' איצל פּעטערבורגער, דער גרויסער תלמיד פון ר' ישראל סאלאנטער.

אין מאטעריעלען זין איז געלונגען ר' ישראל סאלאנטער (וועלכער האָט זיך די לעצטע צוויי צעהנדליג יאָהר פון זיין לעבען געפונען מעהרסטענס אין דייטשלאַנד) א דאנק די מיטווירקונג פון צדיק ר' אליעזר יעקב חוואס, צו פאַראינטערעסירען דעם בערלינער מיליאָנער, הערר לאכמאן, וועלכער האָט גלייך באַוויליגט אַ סומע פון צעהן טויזענד רובעל פאַר דיזען הייליגען צוועק. דאָס איז אָבער ניט געווען גענוג, ווייל דער כולל האָט זיך גלייך אין די ערשטע צוויי־דריי יאָהר פון זיין עקזיסטענץ זעהר שטאַרק צוואוואַקסען. מעהר ווי הונדערט יונגע לייט האָבען זיך אונטער זיינע פליגלען געפונען. עס זיינען אויך געשאַפען געוואָרען אָפּטיילונגען אין אַנדערע שטעדט, ווי איישישאָק, ווילנא, שאוול, גראָדנע, א. ז. וו., וועלכע פלעגען באַקומען שטיצע פון דער צענטראַלע אין קאָוונא. די הכנסה פון די משולחים איז ווייט ניט געווען גענוג צו דעקען די גרויסע הוצאות. האָבען זיך דאריבער די גאונים גענומען צו זאַמלען אַ גרויסע סומע מיט אַמאָל וועלכע זאָל בלייבען אַלס שטענדיגער פאָנד.

כדי דאָס צו פאַרווירקליכען, איז בעשלאָסען געוואָרען ארויסצוגעבען דעם אויבענדערמאָנטען ספר „עץ פרי". אין אָט די אַלע פּלענער, האָט זיך לויט אַלע וואַרשיינליכקייטען, אויך באַטייליגט דער פאַרהעלטניסמעסיג יונגערמאַן, דער מחבר פון „חפץ חיים" 1).

1) דער אנאנימער ארויסגעבער פון אָט דעם ספר איז טאַקע געווען דער צדיק ר' אליעזר יעקב חוואס. מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט פלעגט דער חפץ חיים דערמאָנען דעם נאָמען פון אָט דעם באַהאַלטענעם צדיק, וועלכער האָט זעהר פיעל אויפגעטאָהן פאַר תורה און אידישקייט.

אין זיין מאמר אין ספר „עץ פרי" שרייבט דער חפץ חיים אויף זיין שטייגער טיילווייז אזוי: „דאָס עקזיסטענץ פון אַלע באַשעפעניש־ען איז תלוי אין אויבערשטען, וועהרענד דאָס אייביגע חיות פון דער אידישער נשמה איז די תורה... אונשעצבאַר איז די גוטע מתנה וועלכע דער רבונו של עולם האָט אונז געגעבען... דאָס וואָס ווערט אַנגערופען גוט ביים אָרימאַן האָט קיין חשיבות ניט ביים גביר... דאָס וואָס איז חשוב ביים גביר האָט קיין ווערטה ניט ביים מיליאָנער. . . דאָס וואָס ס'איז טייער ביים מיליאָנער האָט קיין חשיבות ניט אין די אויגען פון א גרויסען מלך... אויך אויב א גרויסער מלך גיט אימיצען אַ ביליגע מתנה איז זי פון דעסטוועגען טייער ביים מענשען צוליעב די חשיבות פון געבער... ווען אַ פשוט'ער מענש גיט איינעם אַ קאָסטבאַרע מתנה איז עס ביי איהם ליעב צוליעב איהר ווערטה".

„פאַרשטעהט מען שוין ווי אויב א גרויסער מלך גיט א קאָסטבאַרען געשאַנק איז עס דאָפּעלט ליעב צו אַ מענשען, ער היט עס אָפּ ווי זיין אויג אין קאָפּ. די תורה איז די טייערע הימילשע מתנה וואָס דער מלך מלכי המלכים האָט געשאָנקען צו זיין פאָלק ישראל. זאָגט דאריבער כביכול צו די אידען, זעהט: „כי לקח טוב נתתי לכם", די תורה איז א זעלטענער טהייערער אוצר, פאַר מיר און אין מיינע אויגען, און איך האָב אייך עס געגעבען, זייט־זשע דאַריבער פאַרזיכטיג עס צו האַלטען טהייער — תורתי אל תעזובו! — פאַרלאָזט ניט מיין תורה!"

יעדער איינער איז מחויב מחזיק צו זיין די תורה, אפילו דער יעניגער וואָס לערענט אליין יומם ולילה. אויב ניט איז ער חלילה אין כלל פון „ארור אשר לא יקים".

אינטערעסאַנט איז זיין שילדערונג פון דעם דאמאָלסדיגען מצב, ד. ה., מיט פינף און פופציג יאָהר צוריק.

„בעוונותינו הרבים וואָס זעהען מיר היינטיגע צייטען! די תורה־זיילען טרייסלען זיך, די בתי מדרשים זיינען פאַרלאָזען, די ישיבות ווערען וואָס וויי־טער אַלץ מעהר פאַראָרימט, און די פנים'ער פון די מורי הוראה בישראל זיינען פאַרשוואַרצט. די לומדים זיינען פול מיט צער און די תורה טרויערט און שרייט פון שאַנדע און קיינער וויל זיך ניט באַטראַכטען וואָס וועט זיין שפּעטער. וואו וועלען מיר אין דער צוקונפט נעהמען אונזערע פיהרער אונז צו לערנען און ערקלעהרען די פּרינציפּען פון אידישקייט? לומדים ווערען אלץ וויניגער ווייל עס איז ניטאָ ווער זאָל זיי שטיצען. די געצעלטען פון תורה זיינען פוסט!

עס געפינען זיך בלויז איינציגע יונגע לוט צושפרייט דאָ און דאָרטען. אָבער זיי זיינען אויסגע׳צער׳טע צוליעב דעם וואָס מען קוקט זיך ניט אויף זיי ווי געהעריג ארום. שאַרפע לומדים און אויסגעצייכענטע בעלי כשרונות טהוען פאַרטזעצען זייער שטודיום אונטער אומשטענדען וועלכע זיינען אונערטרעג־ליך. זיי זיינען ניט זיכער אז זיי וועלען ניט זיין געצוואונגען איבערצורייסען אין מיטען זייערע למודים צוליעב די נויט וואָס זייערע פאַמיליעס ליידען.

„בעוונותינו הרבים, זיינען צוליעב געוויסע סבות פארשוואונדען יענע טייערע אידען, די חובבי ומוקירי רבנן וועלכע פלעגען זוכען מיט אלע מיטלען זיך משדך צו זיין מיט תלמידי חכמים, זיי געבען קעסט, און באַזאָרגען מיט אלע נויטיגקייטען ביז זיי זיינען אימשטאַנד געווען זיך צו פארפאָלקאָמענען אין זייער געלעהרזאַמקייט, ווערענדיג קלאָהר אין ש״ס ופוסקים און זיך פאַרבע־רייטען צו ווערען רבנים און גדולים ביי אידען! . . .

„מיר קענען נאָך אָבער הייגט אויך צוריקקעהערען די קרוין צו איהר פרי־הערדיגען שטאַלץ!״

כא.

פראַקטיש אין לערנען

„דאָס לערנען איז גרויס וועלכעס ברייגנט צו פראַקטיק", זאָגט דער תלמוד. צו לערנען הלכה למעשה ניט נאָר לשם טעאָריע, נאָר אָנצוווענדען עס אין דער טאָג טעגליכערווירקליכקייט, איז אימער געווען דער וואונש און הויפּט שטרעבונג פון ר' ישראל מאיר'ן. פאַרפאַסענדיג זיינע ספרים, האָט ער געמיינט, אז זיי זאָלען דינען אַלס וועגווייזער פאר'ן אידען אין זיין פּראַק־טישען לעבען. ער האָט מיט זיינע אויגען געזעהן ווי אידען יחידים און גרוי־פּעס זיצען איבער ספרים און לערנען זיי מיט אן ערנסטע התלהבות. אז אַזאַ סאָרט לערנען האָט אַ ווירקונג איז ביי איהם קיין צווייפעל ניט געווען. ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אז נאָך אַ גרעסערע ווירקונג וואָלט געקענט האָבען, ווען עס וואָלט איהם געלונגען צו רעפּראָדוצירען דאָ און דאָרטען לעבעדיגע „חפץ חיים'ס" (ניט קיין פּאַפּירענע), וועלכע זאָלען מיט זייער הנהגה זיין א מוסטער פאר'ן פאָלק.

דערצעהלט דער עהרווירדיגער זקן הרבנים פון ניו יאָרק, רמ"ז מרגליות, אז אין יאָהר תרל"ז האָט ער באַגעגענט דעם חפץ חיים אין זיין שטעדטעל מערעץ. האָט איהם דער לעצטער פארטרויט: „איך האָב שוין ברוך השם א מנין אידען, וועלכע היטען זיך אָפּ פון לשון הרע".

עהנליכעס האָט ער אָרגאַניזירט אויף זיינע עלטערע יאָהרען. אין חודש אלול פון יאָהר תרפ"ו ביי אן אספה פון רבנים און ראשי ישיבות אין ווילנא האָט דער חפץ חיים געגרינדעט א „חברה שומרים", דער נאָמען איז באזירט אויף די פסוקים „שומר פתחי פיך... שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו". יעדער איינער, וועלכער האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער חברה, האָט זיך באַ־דאַרפט פאַרפליכטען אין וואָרט און אין שריפט שטרענג אפּצוהיטען זיין מויל פון יעדען סאָרט לשון הרע.

אין זיין מאמר אין ספר „עץ פרי", געשריבען אין יאָהר תר"מ, פון וועל־כען מיר האָבען שוין פריהער ציטירט, ערקלעהרט דער חפץ חיים צווישען אַנדערעס אזוי:

אָבוואָהל א איד קען מקיים זיין די מצות עשה צו לערנען תורה, דורך לערנען א וואָסערע ענין פון דער תורה עס זאָל ניט זיין, אפילו קדשים און טהרות, וועמענס הלכות קענען היינט ניט פראַקטיצירט ווערען, דאַרף פונ־דעסטוועגען יעדער איד דער עיקר זעהן צו לערנען אזעלכע למודים, וועלכע ברייגגען צו מעשה, ד. ה. אזעלכע פרינציפען, וועלכע דארפען אַנגעווענדעט ווערען אין די טאָג טעגליכע ערפאַהרונגען. ניט אומזיסט זאָגען די חז"ל, אז פון טאָג זינט דער בית המקדש איז צושטערט געוואָרען האָט כביכול פאַר זיך ניט קיין פאַסיגערען פלאַץ ווי די פיער איילען פון הלכה, און אז דער אויבערש־טער האָט ליעבער די טויערען וואו הלכה ווערט געלערענט (שערים המצוינים בהלכה) ווי די שולען און בתי מדרשים (ברכות ח׳). ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען אין ירושלים, אז דאָרט איז געווען דער „לשכת הגזית", דער אָרט וואו די סנהדרין פלעגען זיצען, פון וואַנעט עס פלעגען ארויסגעהן אינסטרוק־ציעס און פאַראָרדנונגען (הלכה פסוקה) צום גאַנצען פאָלק, און דאָרט מיט זיי פלעגט די שכינה וואוינען. ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, זיי־נען די ד׳ אמות של הלכה, וואָס יעדער תלמיד חכם באַשטימט פאַר זיין לער־נען, פאַרבליבען אַלס וואוין־אָרט פאַר דער שכינה.

די באַמיהונגען פון חפץ חיים צוזאַמען מיט די דאַמאָלסדיגע גדולי הדור ר׳ ישראל סאלאנטער, ר׳ יצחק אלחנן, ר׳ אלכסנדר משה לפידות צו פאַר־שטאַרקען דעם כולל און פאַרזיכערען מאַטעריאַליש זיין עקזיסטענץ, זיינען אויך דיקטירט געוואָרען פון זעלבען מאָטיוו, נעמליך צו פאַרפעסטיגען דעם „עמוד ההוראה" ביי אידען. אין אַנדערע ווערטער, זיי האָבען געזוכט צו שאַ־פען די נויטיגע באַדינגונגען, אז יונגע לייט לומדים זאָלען האָבען די מעג־ליכקייט זיך צו קענען פאַרפאָלקאָמען אלס מורי הוראה, אדער רבנים אום צו פיהרען און לערנען דאָס פאָלק וואָס און ווי אזוי צו טהאָן למעשה.

זיך אליין האָט טאַקע דער חפץ חיים באַטראַכט אלס אומפאַסיג צו ווע־רען א רב. ער האָט זיך ניט איינמאָל ענטזאָגט אָנצונעהמען רבנות שטעלעס פון א גרויסע און קליינע שטעדט. קוים אָבער האָט ער, א דאַנק זיין פקחות׳די־גען חוש דערפיהלט אין א יונגענמאַן, אז ער באַזיצט די קוואליפיקאַציעס און פעהיגקייטען צו זיין א פיהרער ביי אידען, האָט ער שוין ניט גערוהט ביז וואנען סאַ׳יז איהם געלונגען יענעם איבערצוריידען, אז ער זאָל ווערען זיין א רב. דאַגעגען, אויב ער האָט געדענקט, אז איינער איז גאָר מעהר צוגעפאַסט אויף

אַן אַנדער נוצליכען געביט, פלעגט ער ניט פאַרפעהלען צו באַנוצען זיין איינ־פלוס אויף דער אַנדערער זייט.

ניט איינער פון אונזערע פּראָמינענטע פּערזענליכקייטען אין רעליגיעזען אידענטום האָט צו פאַרדאַנקען זיין ערפאָלגרייכע קאַריערע צו דער דירעקטער אָדער אונדירעקטער השפעה פון חפץ חיים. עס וועט זיין גענוג צו דערמאָנען, אַזאַ אַזאַ גרויסע פּערזענליכקייט ווי דער וועלט באַריהמטער גאון, דעם הויפּט רב פון ארץ ישראל, הראַ"י קוק, זצ"ל, פלעגט מיט באַזונדער פאַרגעניגען דער־צעהלען אז א דאַנק דעם חפץ חיים'ס פּערזענליכע השפעה האָט ער צוגעשטימט אַנשטאַט צו זוכען א מסחר זיך צוצוגרייטען אויף רבנות; אלס רעזולטאַט האָט ער אין יאָהר תרמ"ח אָנגענומען זיין ערשטע כסא הרבנות אין זיימל. עס איז אגב אינטערעסאַנט, אז אין זיין ארגומענט מיט'ן חפץ חיים האָט דער דאַמאָלס־דיגער יונגערמאַנטשיק ר' אברהם יצחק הכהן קוק גע'טענה'ט, אז דאָס צוגריי־טען זיך צו רבנות וועט איהם שטערען צו ערפיהלען זיין פריהערדיגען פאַר־לאַנג, וועלכען ער האָט איהם געבעטען, אַז ער אַלס כהן זאָל א דורך טהאָן א געוויסע מקצוע אין די ענינים פון קדשים און עס מבאר זיין להלכה. האָט איהם דער חפץ חיים אויף דעם געענטפערט, אז ער באַפרייט איהם פון זיין צוזאָג, אַבי ער זאָל אויף זיך נעמען צו ווערען אַ רב 1).

איינמאָל האָט אַ תלמיד געפרעגט דעם חפץ חיים: „רבי, איהר אַליין האָט דאָך קיינמאָל קיין רב ניט געוואָלט זיין, טאָ הלמאי פאָדערט איהר עס אזוי שטאַרק אז מיר זאָלען ווערען רבנים?" האָט דער צדיק אויף דעם אזוי גע־ענטפערט: „איך בין שוין היינט אויף דער עלטער, ווען איך וואָלט היינט געווען אזוי יונג ווי איהר וואָלט איך זיכער געזוכט צו ווערען א רב. אויב מען וואָלט מיך אין הימעל געפרעגט, ווי קומסטו ישראל מאיר צו ווערען א רב, דו ביזט דאָך צו דעם ניט ראוי? וואָלט מיין תשובה געווען, אמת איך בין טאַקע ניט ראוי צו זיין קיין רב, בין איך אָבער בכיוון געוואָרען א רב אין א שטאָדט כדי צו פאַרהיטען אַז קיין ערגערער פון מיר זאָל זיך דאָרט ניט אַרויפכאַפּען אויף דעם כסא הרבנות".

---

1) דער חפץ חיים האָט דאַמאָלט זעהר פיל פאַרבראַכט אין לערנען צוזאַמען מיט הרב קוק. זייט דאַן האָט ער איהם זעהר פאַרעהרט און מעריץ געווען. אין אלול פון יאָהר תרפ"ג ווען דער חפץ חיים איז געווען אין וויען ביי דער „כנסיה הגדולה" פון „אגודת ישראל", האָט ער צופעליג דערהערט אַז איינער האָט אין אַ רעדע אנגעגריפען הרב קוק . האָט דער חפץ חיים אויסגערופען מיט צער: „הערענדיג אַזעלכע ווערטער דאַרף מען קריעה רייסען".

עס וועט ניט זיין איבערגעטריבען צו באהויפטען, אז אין א געוויסען זינען האט די כולל אידעע געשאפען א נייע עפאכע אין דער היסטאריע פון תורה לערנען. לויט דער שילדערונג פון חפץ חיים אין׳ם אויבענדערמאהנטען מאמר איז דער מצב ווירקליך געווען טרויעריג. וואס קען זיין ערגער ווי „די אהבת התורה פארשווינדט, די מדרשים פוסטעווען, די עקזיסטירענדע ישיבות פאר־לירען זייער גלאנץ?״ די השכלה מיט איהרע „נהיה ככל הגוים״ טענדענץ ווערט באשולדיגט אלס די אורזאכע פון אזא מצב. אין זייער פארזוך צוצו־שטערען די אידישע אייגענארטיגקייט, אין אפווישען די גרעניצען צווישען גוי און איד האבען די דאמאלסדיגע משכילים קאנצענטרירט זייער הויפט אטא־קע אויף די אידישע טראדיציעס, ווערמענס פעסטונגען זיינען אימער געווען די ישיבות און בתי מדרשים און די רבנים און תלמידי חכמים פון יעדען דור די אנפיהרענדע פארטיידיגער.

ניט אומזיסט האט אמאל דער גרויסער גאון ר׳ דוד פרידמאן פון קארלין געשריבען: דאס וואס ס׳איז ניט געלונגען די ווילדע און פארפלוכטע בעסטיע, די אינקוויזיציע, האט צו אונזער גרויסען וועהטאג דערגרייכט די השכלה מיט איהרע פארפיהרערישע כשוף־רייד. (המודיע תרע״ג נומער 343).

„די זאך איז גאר פשוט צו יעדען פארשטענדליכען מענשען״, זאגט דער חפץ חיים, „אז נאר מיט׳ן כח פון דער תורה און מצוות האבען די אידען געלעבט צווישען פעלקער. זי האט אונז געמאכט אייגענארטיג צווישען די אומות העולם. דערווייטערענדיג זיך פון דער תורה זיינען מיר ניט זיכער גע־גען אסימילאציע ר״ל. מיר זעהען בעוונותינו הרבים, אז אין די ערטער וואו אידען האבען זיך דערווייטערט פון דער תורה, זיינען אין איין יאהר געווען נאהענט צו פופציג פראצענט געמישטע הייראטען... די פרייע, וועלכע באזי־צען אנדערע גוטע מעלות זיינען א גרעסערע געפאהר אידער די, וועלכע האבען בלויז חסרונות. עס איז מעשה שטן, כדי ארייצונארען די נאאיווע און גלויביגע. עס איז דאך א מלחמת היצר וואס יעדער מענש דארף דורכמא־כען. און אין א מלחמה כידוע טהוט מען אמאל דעם שונא אפ א שפיצעל. מען לאזט איהם פארנעהמען א שטיקעל פאזיציע אין געגנער׳ס לאגער, כדי איהם צו קענען ארייננארען און נאכהער ארומנעהמען פון אלע זייטען. אט אזוי טהוט דער יצר הרע מיט׳ן מענשען. כדי צו פארפיהרען די עהרליכע אין זיין לאגער, לאזט ער איניגע פון זיינע אייגענע מענשען זיך אויסצייכענען מיט

עפּעס א גוטע מדה, זיין וואָהלטהעטיג, שטיצען אָרימע, העלפען קראַנקע, זיין א פיערדיגער נאַציאָנאַליסט וכדומה״.

און דער חפץ חיים פלעגט ציטירען פון ווילנער גאון: „עס איז אן אלטער כלל, אז אלע אפיקורסים האָבען גוטע הערצער״.

דער כולל האָט אריינגעבלאָזען א רוח חיים אויף אלע געביטען פון טראַדיציאָנעלער אידישער געלעהרזאַמקייט. עס איז דאָך אַ פעסטגעשטעלטער פּרינציפּ, אז א גרעסערע לעהר אינסטיטוציע איז ניט נאָר נויטווענדיג פאַר די, וועלכע ווינשען צו דערגרייכען העכערע ידיעות נור אויך פאַר די קליינע תלמידים פון די קלענערע אינסטיטוציעס, פאַר וועמען דער הויכער אנשטאלט דינט אַלס קוואַל פון אינספּיראַציע און טרייב־קראַפט. לוידער איז דאס א אמת, אן דעם תלמוד׳ישען פרינציפ „אם אין גדיים אין תיישים״, אויב עס זיינען ניטא קיין יונגע ציגען וועלען ניט זיין קיין אַלטע, פאַרשטעהען אַלע, אָבער אז אויך פאַרקעהרט „אם אין תיישים אין גדיים״, אויב מען ערציהט ניט קיין גרויסע תלמידים וועלען קיין קליינע אויך ניט זיין, פאַרשטעהען עס זעהר ווינציג מענשען.

אמת, די ישיבה איז קיינמאָל ניט געווען אָט דאָס וואָס עס איז א ראבינער סעמינאַריום, וועלכעס איז מעהר אָדער ווייניגער אָ סאָרט ״פעקטאָרי״ צו פּראָדוצירען רבנים. די ישיבה איז פריהער פון אַלעס אַן אינסטיטוציע צו ערציהען לומדים און איידעלע אידען איז פולען זינן פון וואָרט. כל זמן דער בחור האָט אין דער ישיבה געלערנט האָט ער זעהר זעלטען געקלערט וועגען א תכלית. זיך איינצושאַפען לומדות איז געווען זיין אספיראַציע. צו לערנען אויף רבנות איז געווען אויסערן פּראָגראַם פון דער ישיבה. עס איז געוון א פריוואַטע זאַך פאַר יעדען תלמיד. און די גרויסע מאַיאָריטעט האָבען איבערגעלאָזט צו לערנען די ענינים פון הוראה אויף נאָך דער חתונה, דאַן ווען מען וועט דאַרפען קלערען פאַר אַ תכלית.

עס איז דאָך א פאַקט, אז אין אלע גרויסע ליטווישע און פוילישע ישיבות פלעגט מען ברבים אם מעהרסטען לערנען בלויז די צוויי סדרים פון ש״ס, נשים אין נזיקין, ווייל זיי זיינען פּאַסיגער פאַר אינטעלעקטועלע שאַרפקייט און טיפקייט. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען האָט דער חפץ חיים דורכאויס געפאָדערט אז אַלע אין ישיבה זאָלען לערנען די מסכתות וועלכע האָבען א שייכות צו הוראה הלכה למעשה. האָט ער איינגעפיהרט אין זיין ישיבה אין ראדין מען זאָל לערנען ברבים די מסכת חולין וועלכע איז דער יסוד פון יורה דעה אין די

ענינים פון איסור והיתר וואָס יעדער רב מוז זיין קלאָר. 2) ווען אַנדערע האָבען לכתחילה מיט איהם פּרובירט אַרגומענטירען אַז זיי ווילען פריהער ווערען לומדים, האָט דער חפץ חיים זיי גאַנץ פּשוט ערקלעהרט: „ביי אַזעלכע שטור־מיגע צייטען קען קיינער ניט וויסען וואו ער קען חלילה פאַרוואָרפען ווערען. מען ווערט אַמאָל ניט ווילענדיג פאַריאָגט אין אַזעלכע ווייטע ערטער וואו אידען און אידישקייט איז אַ זעלטענהייט, דאַרף דאריבער וויסען יעדער איינער געענוי די דינים פון טריף און כשר פאַר זיך אליין".

די השכלה מיט איהרע מאַטעריאַליסטישע לאָזונגען פאַר תכלית האָט פאַר־ראַליזירט די תורה צענטערן. לומדות איז געוואָרען אויס יחוס. די רייכע האָבען אויפגעהערט צו זוכען דעם תלמיד חכם זיך מיט איהם משדך צו זיין די אָרימע האָבען זייערע איידעמס ניט געקענט אויסהאַלטען נאָך דער חתונה. די יחידי סגולה וועלכע האָבען באַגעהרט פאַרצוזעצען זייער שטודיום, האָבען די מעג־ליכקייט דערצו ניט געהאַט. דאָס האָט ממילא רואינירט די ישיבות ווייל די גרויסע בעלי כשרונות און עלוים האָבען פאַר זיך קיין פּערספּעקטיווע ניט געזעהן. די פרומע אידען האָבען געקרעכצט זעהענדיג ווי אידישקייט ווערט שוואַכער, אָבער די משכילים האָבען יובעלירט פרעהענדיג זיך מיט זייערע נצחונות.

די כולל אידעע האָט דאריבער אויפגעמונטערט די ישיבות פון פּוילען און ליטא, און האָט פאַרשטאַרקט דעם חשק צו לערנען תורה און זיך פאַר־פאָלקאָמענען אין איהרע ידיעות. דער בן תורה האָט, אַרויסגעהענדיג פון דער ישיבה, זיך שוין מעהר ניט דערפיהלט קיין פאַרלוירענער און פאַרלאָזענער.

דערצו האָט אויך געהאָלפען געבען דער השכלה א טויט־קלאַפּ אין דער אידישער גאַס די אַנטיסעמיטישע רעאַקציע וועלכע איז אַנטשטאַנען אין יענע יאָהרען. די שנאה צו אידען האָט זיך געשטאַרקט ניט נאָר אין רוסלאַנד נאָר אויך אין דייטשלאַנד דאָס וויגעלע פון דער השכלה. אַלע פאַנטאַזיעס פון די משכילים זיינען צורונען געוואָרען. זייערע האָפנונגען אויף דער רוסישער רעגירונג אַז צוליעב זייערע השכלה אַקטיוויטעטען וועט זי זיי שענקען גלייכע רעכט האָבען זיך אויסגעלאָזען א פוסטער חלום.

---

2) דאָס איז איהם לייכט ניט אנגעקומען, ווייל ס'האָט געמיינט איינפיהרען אַ נייעס אין דעם סדר הלמודים פון דער ישיבה און זאָגאַר אַזעלכע ענינים זיינען ניט אויסגעשלאָסען פון כלל „עושה חדשות בעל מלחמות", ד. ה. אויב מען וויל אויפטאָהן אַ נייעס מוז מען גרייט זיין אויף מלחמה, אבוואהל אין דיזען פאַל האָט דער חפץ חיים געזיגט דורך אַ רוהיגען שמועס וועלכען ער האָט ספּעציעל געהאַלטען פאַר די בני הישיבה.

טראָץ אָבער די פאַרשטאַרקטע גזירות געגען אידען איז די כולל אידעע געוואַקסען. עס האָבען אויפגעבליהט אַ נעץ פון אַזעלכע אינסטיטוציעס אין פּיעלע ערטער, אומגעפעהר אין יאָהר תרמ״ב, האָט דער קיעווער מיליאָנער בראָדסקי אויף זיין רעכנונג געגרינדעט א כולל פון צעהן יונגע לייט אין וואָלאָזשין. אין ווילנא איז אזא מוסד געשאַפען געוואָרען דורך ר׳ אידעל אפּאַטאָוו. אין גראָדנא דורכ׳ן גביר שערעשעווסקי. אין קעלם האָט דער אָרטיגער נכבד ר׳ שלום זיוו געלאָזען זיין פאַרמעגען פאַר אַזאַ צוועק. אויך אין מינסק און אין נאָווארדאָק האָבען אזעלכע אינסטוטוציעס עקזיסטירט.

אין ראַדין האָט דער חפץ חיים געגרינדעט א כולל פון יונגע לייט, מיט׳ן נאָמען „כולל קדשים״, ווייל יעדער יונגערמאַן איז פאַרפּליכטעט לויט׳ן חפץ חיים׳ס וואונש צו לערנען, אויסער אנדערע למודים, אויך דריי שטונדען יעדען טאָג די ענינים פון קדשים. מעהרערע פּרטים וועגען דעם וועט דער לעזער געפינען אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען. אויף דעם צוועק האָט דער חפץ חיים באַקומען צוואַנציג טויזענד רובעל פון וואַרשעווער גביר ר׳ יעקב ברוידע, און נאָכהער א באַדייטענדע סומע פון ר׳ הערש שיינבערג, פון סטוטשין, לאָמזער גובערניע, און פון נאָך אנדערע.

עס פלעגען זיך אָבער נאָך אַלץ געפינען אזעלכע יונגע לייט וועלכע האָבען פאַרגעצויגען צו לערנען אַליין אין די שטעט אונטער דער השפעה פון די אָרטיגע פּראָמינענטע רבנים. איינער פון אַ זעלכע איז טאָקע געווען דעם חפץ חיים׳ס זוהן, וועלכער איז היינט פון די גדולי הדור.

דריי טעג איז חודש חשון פון יאָהר תר״ם האָט דער חפץ חיים חתונה געמאַכט זיין עלטסטע קינד ר׳ ארי׳ ליב׳ן אין דובזעוויץ, מינסקער גובערניע, מיט אַ טאָכטער פון אָרטיגען נכבד ר׳ אברהם אלי׳. א קורצע צייט נאָך דער חתונה איז ער אויפ׳ן חפץ חיים׳ס עצה געפאָהרען לערנען קיין סיסלאָוויץ, גראָדנער גובערניע, אונטער דער השפעה פון דאמאָלסדיגען רב, דער גרויסער גאון ר׳ מאיר יונה. נאָכדעם איז ער געפאָהרען לערנען קיין דרעצין וואו עס איז געווען רב דער גאון ר׳ יוסף זונדעל. פאָהרענדיג אהיים איז ער דורכגעפאָהרען בריסק און איז אריין צום רב, דעם באריהמטען גאון ר׳ יוסף בער צו רעדען מיט איהם אין לערנען. ער האָט איהם געצייגט אַ קונטרס פון תורה, פאַרענטפערענדיג דעם בית יוסף׳ס אַ השגה אויף אַ מהרי״ק און וועלכען ער האָט פאַרענדיגט מיט די ווערטער אז „ומרן הבית יוסף טעה בזה״. ר׳ יאָשע בער האָט געהאַט פאַרדרוס וואָס א יונגער מאַן וואָגט ארויסצוזייגען אזא

שטאַרקייט. האָט ער איהם פּרובירט אָפּוועגדען, אָבער ר׳ ליב איז געבליבען אייזען שטאַרק. האָט איהם דער גאון נאָכדעם געגעבען א געוואלדיגע סמיכה. נאָכהער איז ר׳ ליב געפאָהרען צו ר׳ ליפּא׳לע מירער. דער גאון ר׳ ליפּא האָט נאכהער זיך געטראָפען מיט ר׳ יוסף זונדעל׳ן האָט ער גערעדט מיט באַגייסטערונג און געזאָגט אז אזא וואונדערבאַרען יונגענמאַן מיט אַזעלכע גרויסע לומדות האָט ער דאָס ערשטע מאָל געזעהן פאַר זיך איהם מסמיך צו זיין 3).

3) ר׳ ליב האָט אַסאַך אַרויסגעהאָלפען זיין גרויסען פאָטער אין זיינע חבורים, ער האָט אַזוי ווי זיין גרויסער פאָטער קיינמאָל ניט געוואָלט זיין קיין רב, ערשט נאָך דער פּטירה פון חפץ חיים האָט ער זיך געלאָזט איבערריידען פון גאון הדור ר׳ חיים גראָדזענסקי און אָנגענומען די רבנות אין זיין געבורטס-שטעטעל ראַדין כדי צו ווערען דער קאָפּ פון דער גרויסער ישיבה וועלכע ווערט איצט געפיהרט פון זיינע פּלימעניקעס הרב ר׳ יהושע לעווינסאָן און הרב ר׳ אליעזר קפּלן, און זיין שוואָגער דעם ראש ישיבה הרב ר׳ מענדעל זאַק און דעם אַלטען ראש ישיבה דער גאון ר׳ משה לאַנדינסקי.

כב.

פאַר אידישע סאָלדאַטען

דאָס איז געווען אומגעפעהר אין יאָהר תר״מ. א ראדינער יונגערמאַן מיט׳ן נאָמען שמש׳ע דעם בעקערס האָט, צוריקקעהרענדיג זיך אהיים פון מי־ליטער דינסט פון א פארוואָרפענע קאווקאַזער שטעטעל, דערצעהלט, אז דעם לעצטען פסח האָבען דאָרט די אידישע סאָלדאַטען ניט געהאַט קיין מצה, ווייל עס איז בנמצא דאָרט ניט געווען קיין ווייץ. דער חפץ חיים איז ערשיטערט געוואָרען פון דער מעשה, אז אידען האָבען געגעסען חמץ פסח, ווייל זיי האָ־בען פשוט ניט געוואוסט, אַז מצה קען אויך געבאַקען ווערען פון אנדערע מינים ווי קאָרן, גערשטען, האָבער און ארקוש, וועלכע זיי האָבען גראד דארטען גע־האַט, לרוב. ער האָט געהאַט פון דעם גרויס פאַרדרוס און עגמת נפש: „אידען זאָלען נכשל ווערען אין אזא האַרבען איסור!... זיי זיינען אָבער דאָך ניט שול־דיג ווייל זיי האָבען דאָך ניט געוואוסט!״ — איז געווען זיין טרייסט און למוד זכות אויף זיי.

ווי א געטרייער גייסטיגער פאָטער, ווענמענס האַרץ פיהלט מיט די ליידען פון זיינע קינדער, ווי וויט זיי זאָלען ניט זיין אוועק פון איהם, האָט דער חפץ חיים ביי זיך באשלאָסען אין דער צוקונפט צו פאַרהיטען, אז אזא פאַל זאָל זיך איבער׳חזר׳ן. ער האָט זיך גלייך גענומען שרייבען א ספר, ספעציעל פאַר סאָלדאטען, וועלכער זאָל אַנטהאַלטען די אַלע דינים און פליכטען, וועלכע די לעצטע זיינען מחויב צו ערפיהלען לויט די אומשטענדען. דער ספר אנטהאַלט אויך א צאָהל וויכטיגע מאמרים, אויפקלערענדיג פאַר זיי די וויכטיגקייט און לעבענס־נויטווענדיגקייט פון די אידישע מאָראַלישע און עטישע פרינציפען, ווענמענס פאַרווירקליכונג אין לעבען זיינען אַ גליק פאַר יעדען מענשען.

די תלמידים פון דער גרויסער און וועלט־באַריהמטער „חפץ חיים״ ישיבה פלעגען זיך נאַטירליך פיהלען זעהר נאָהענט צו זייער גרויסען רבי׳ן. זיי פלעגען זיך באַטראַכטען אזוי ווי קינדער צוגעבונדען צו זייער פאָטער. עס איז אויסגעקומען אזוי ווי דער חפץ חיים וואָלט באַלאַנגט נאָר צו זיי, אז ער

איז זייער גייסטיגער טאַטע אליין, און אז זיי זיינען די גליקליכע קינדער צו זיין „סמוכים על שלחן אביהם״.

ווי ערשטווינט זיינען זיי אָבער געוואָרען צו זעהן זייער גרויסען און ליי־בען פאָטער, פרעהענדיג זיך התלהבות׳דיג ניט מיט זיי, פאַר וועמען ער האָט געווידמעט אזוי פיעל פון זיין לעבען, נאָר גאָר מיט אנדערע, מיט קינדער פון א פרעמדע סביבה, וועמענס צוזאַמענקונפט האָט געשאַפען אן אַטמאָספערע פון יום טוב׳דיגקייט אין הויז. עס איז זיי גאָר בעת מעשה ניט איינגעפאַלען, אַז ביים אמת׳ען טאַטען זיינען אַלע קינדער גלייך, אַלע זיינען ביי איהם ליעב און טייער, און אז זיין שמחה, באַגעגענענדיג זיך מיט די פון דער פרעמד, מי־נערט ניט אויף אַ האָר זיין איבערגעגעבענקייט צו די פון נאָהענט.

עס פלעגט כמעט זיין א יעהרליכע ערשיינונג. דער מיליטערישער גאַר־ניזאָן, וועלכער פלעגט איינקוואַרטירען אין לידא, זאָל אויף זיינע יעהרליכע מאַנעווערס כמעט יעדען זומער דורכגעהן ראַדין און זיך אָפּשטעלען פאַר א שטיקעל צייט ארום שטעטעל. די אידישע סאָלדאַטען פלעגען זיך דאַן אַלע פאַרזאַמלען אין הויז פון חפץ חיים, אדער ווי זייערע גויאישע קאָלעגען, ניט קענענדיג ארויסריידען, פלעגען איהם רופען „כלאָפּעץ חיים״. ביים חפץ חיים אין הויז פלעגט שוין פאַר זיי צוגעגרייט זיין א גרויסער און לאַנגער טיש סערווירט מיט כל׳ערליי שפייז. און דער צדיק האָט מקבל פנים געווען יעדע־רען פון זיינע חשוב׳ע געסט מיט א האַרציגען פאָטערליכען שלום עליכם און פריהער פון אלעס אלעמען געבעטען עסען. און אזוי ווי אברהם אבינו בשעתו געשטאַנען איבער זיי און אַכטונג געגעבען, אַז יעדער איינער זאָל האָבען וואָס צו עסען און זיין צופרידען.

צוקוקענדיג זיך אויף זייערע פנים׳ער האָט מען געקענט פון די נייגעריגע שטריכען לעזען, אז דאָס עסען איז ביי זיי אין דעם פאַל געווען בלויז א טפל און אַז דער עיקר זיינען זיי גאָר געקומען געניסען רוחניות׳דיגע שפייז, אז זיי זיינען געקומען שטילען זייער דורשט פון דעם פרישען און לעבעדיגען קוואַל, וואָס מען רופט חפץ חיים. און דער צדיק טאַקע פלעגט צו זיי רעדען מיט א מאָדנע גלעטענדע שטימע דורכגענומען מיט א פייער פון ליבע צו יעדען איי־נעם פון זיי.

„איהר דאַרפט ניט פאַרגעסען, קינדערלאַך, אַז איהר זייט יחסנים ביים רבונו של עולם, איהר געפינט זיך דאַך אין געפאַנגענשאַפט און ושב ה׳ אלקיך את שבותך, כביכול איז צוזאַמען מיט די געפאַנגענע, שטענדיג נאָהענט צו זיי

און צווישען זיי. „ה״ זאָגען ספרים באדייט רחמים, ווערענד „אלקים״ באַ־ציהט זיך אויף דער מדת הדין. דעם געפאַנגענעם, וועלכער איז אויסגעזעצט צו דער שטרייגקייט פון מדת הדין איז כביכול מיט זיין אונבאַגרעניצטען רחמנות תמיד גרייט צו העלפען און ארויסצוראַטעווען איהם פון אלע דראָהענ־דע געפאַהרען... איהר זייט נעביך כסדר אין געפאַהר. געדענקט, אז אין צייט פון געפאַהר אַנטלויפען ניט די קינדער פון זייער טאַטען, נאָר אדרבה, זיי טוליען זיך צו איהם! ווען איהר זייט מקיים די קלענסטע מצוה, איז דעם איבערשטענס שמחה אונגעהויער גרויס, אונפארגלייכליך מעהר חשוב ווי א מצוה, וועלכע מיר טהוען, זאָגאָר די גרעסטע מצוה. אייערער א קרעכץ אונ־טער׳ן יאָך פון „קושי השעבוד״ פארפעהלט ניט צו ערוועקען די געטליכע רחמנות און איז אזוי ווי דער פאַל איז געווען אין מצרים, עס העלפט מקרב צו זיין די אידישע גאולה... א. ז. וו.״

אַט אַזעלכע סאָרטען געדאַנקען, קומענדיג פון די טיפענישען פון אן אמת פאַטערליכע הארץ, האָבען ניט געקענט פאַרפעהלען צו דערגרייכען זייער ציעל, אינספּירירען צו די צוהערער מיט מוט, שטאַרקייט, בטחון און האָפנונג.

גרויס איז געווען זיין אהבת ישראל בכלל, אבער נאָך גרעסער איז געווען זיין ליבע פאר׳ן פארוואָגעלטען אידישען סאָלדאַט. די לאגע פון אידישען סאָלדאַט מעהר ווי א האַלבען הונדערט יאָהר צוריק איז ווירקליך געווען שרעקליך. זיין עלענדקייט און פאַרוואָרפענקייט איז געווען האַרצרייסענד. פאַריאָגט איז די פרעמדע רוסישע שטעט, ווייט פון אַ אידישען ישוב, געהאַל־טען אַזוי ווי אַ געפאַנגענער אין דער רוסישער קאַזאַרמע און תמיד אין געפאַהר צו ליידען די שווערסטע שטראָף פאַר׳ן קלענסטען פעהלער. פאַר אַ אידען צו לעבען אָהן כשרות, אָהן תפילין, אָהן שבת או זאונטער אַזאַ פאַרגרעבטע סאָל־דאַטסקע סביבה איז שווער געווען זיך צוצוגעוואוינען. טרעהרען פלעגען זיך באווייזען אין די אויגען פון חפץ חיים, ווען עס פלעגט אַמאָל אויסקומען צו דערמאָהנען דעם אַמאָליגען ניקאָליעווסקען סאָלדאַט, אָדער קאַנטאָניסט, וועלכער פלעגט קליינערהייט אוועקגעריסען ווערען פון זיין מוטער׳ס שויס און אוועקגעשלעפּט ווערען דורך דער גרויזאמער און מערדערליכער צאַרסקער מאַכט אין די ווייטע סטעפּעס און קאַלטע דערפער פון סיביר. ביז דער עלטער פון 18 יאָהר פלעגען זיי ערצויגען ווערען אין די דערפער אין די הייזער פון די רוסישע מוזשיקעס, אָדער פויערים. נאָכדעם פלעגען זיי איבערגענומען ווע־

רען פון דער רוסישער קאַזאַרמע און דאַרפען אָפּדינען דעם צאַר 25 יאָהר, ווייניג האָבען געקענט דורכטראָגען אַזאַ שרעקליכען גיהנום און בלייבען אידען.

איינמאָל אין דער טונקעלקייט פון א שבת צו נאַכט פאר מעריב, ווען דער חפץ חיים פלעגט האַלטען א מוסר, אדער תורה־שמועס פאר זיינע ישיבה־תלמידים, איז ער פלוצלונג שטיל געבליבען א ווײלע ווי פארטראכט, נאָכדעם האָט ער מיט א שטימע געשטיקט פון טרעהרען אָנגעפאַנגען ווידער צו רעדען.

„צו אכט יאָהר פלעגט מען איהם שוין צונעהמען אָט דעם קליינעם סאָל־דאטשיק און אוועקרייסען איהם פון זיין אידישע היים און סביבה, און ער פלעגט דאַרפען נעבאך ליידען ביטערע יסורים!... אזוי פלעגט נעבאַך ארומ־שפּאַצירען דאָס קליינע פּאַסטוכעל, פּאַשענדיג גענז ביי די פּויערים ביז 18 יאָהר!...”

און אזוי ווי ער וואָלט זיך מיט זיינע אויגען געווענדעט צום הימעל האָט ער פאָרגעזעצט:

„דיין נאָמען, רבונו של עולם, האָט קיינער ניט דערמאָנט אין דעם פרעמ־דען לאַנד, נאָר דאָס קליינע אינגעלע האָט געזאָגט „שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד”, וואָס ער האָט זיך עס אויסגעלערנט אין זיינע קינדער יאָהרען!....”

— און דער חפץ חיים האָט ווידער געשוויגען און געוויינט...

די תורה דערצעהלט, פלעגט ער, רעדענדיג וועגען אונערטרעגליכען „קושי השעבוד” אומגעפעהר אזוי זאָגען, אז משה רבנו, וועלכער האָט גע־וואוינט ביי יתרו׳ן זיין שווער, איז צו איהם געקומען און האָט געזאָגט: „איך וויל געהן און זיך צוריקקעהרען צו מיינע ברידער אין מצרים צו זעהן צי מיי־נע ברידער לעבען”. ער האָט ניט געזאָגט, אז ער וויל זיך ערקונדיגען וואָס זיי מאַכען אין געזונד, אָדער אויסצוגעפינען וועגען זייער מצב, נאָר „ואראה העודם חיים — איך וויל זעהן צי זיי לעבען נאָך!” משמעות, אז ער האָט זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלען, אז עס איז מעגליך, אז זיי זאָלען גאָר קענען לע־בען אונטער אזא שרעקליכען יאָך. עס ווייזט אויס, אז בדרך טבע איז זיך גארניט פאָרצושטעלען געווען, אז זיי זאָלען קענען עקזיסטירען...

איינער האָט ביי איהם אַמאָל אזוי געפרעגט: „פסח צום סדר זאָגט דער בעל הגדה, אז מען דאַרף עסען מרור. כדי זיך צו ערא̇ינערען דאָס ביטערקייט פון שקלאַפעריי, וועלכע אונזערע עלטערען האָבען געליטען אין מצרים. אויב אזוי, טאָ פאַרוואָס קען מען יוצא זיין מיט סאלאטע (לעטוס) אלס מרור,

לויט ווי דער משנה רעכענט אויס (פסחים ל"ט) איז עס דער ערשטער פון די פינף מינים מיט וועלכע מען קען יוצא זיין אלס מרור. סאַלאַטע איז דאָך ניט ביטער?"

האָט דער חפץ חיים אויף דעם אזוי געענטפערט: „די גמרא זאָגט, אז די מצריים אין זייער גרויזאַמע רשעות האָבען מיט אַלע מיטלען געזוכט צו פאַר־נודיען די אידען אין יעדען סאָרט אַרבייט, וואָס זיי האָבען זיי געצוואונגען צו טהאָן. „את כל עבודתם אשר עבדו בהם בפרך, שהיו מחליפים עבודת אנשים לנשים, ועבודת נשים לאנשים". ד. ה. כדי צו באַשווערען די אידען מעהר אין זייער ארבייט, פלעגען די מצריים פאַרבייטען, און געבען פרויען־אר־בייט צו מענער, און מענער־ארבייט צו פרויען. יעדערער ווייס, אז אפילו אַ לייכטע ארבייט, אויב מען צווינגט עס ארויף אויף'ן אונפאַסיגען פּערזאָן, פיהלט זיך עס, אזוי ווי אַ שווערע לאַסט, פּונקט ווי עס וואָלט געווען די שווערסטע ארבייט. עס מאַכט דעם מענשען נודנע".

כדי זיך צו עראינערען אין דער ביטערקייט פון אַזאַ סאָרט עבודה קשה קען מען יוצא זיין, באַנוצענדיג זיך אלס מרור מיט סאַלאַטע, וועלכעס איז ניט זיס און ניט ביטער, נאָר מאַכט דעם מענשען צו פיהלען נודנע אין מויל.

אין דעם קושי השעבוד, וואָס אידען האָבען געהאַט אויסצושטעהן אין רוסלאַנד, פלעגט דער חפץ חיים זעהן אַ רעפּראָדוקציע פון גלות מצרים. ווען די רוסישע רעגירונג האָט אין צייט פון קריעג חושד געווען, אז די אידען זיינען שפּיאָנען פאַר'ן שונא, האָט דער חפץ חיים אין די דאָזיגע ליידען גע־זעהן אַ טרייסט, ווייל דער מדרש זאָגט, אַז דאָס וואָס ס'האָט פּאַסירט צווישען יוסף'ן און זיינע ברידער איז אַ רמז אויף די פּאַסירונגען אין סוף פון'ם לעצ־טען גלות. אַלזאָ, אַזוי ווי דאָרטען איז געווען אַ חשד אויף די ברידער „מרגלים אתם", אַז זיי זיינען שפּיאָנען דאַרף דאָך אַזוי אויך געשעהן פאַר ביאת המשיח...

נאָך דער רעוואָלוציע, ווען די באָלשעוויקעס זיינען געקומען אין רוסלאַנד צו דער מאַכט און די אידישע יעווסעקעס האָבען ווי רשעים להכעיס צושפּילט זייערע הענט אין די אידישע שטעטלעך און האָבען געמאַכט דאָס לעבען פאַר'ן היימישען אידען אונערטרעגליך, האָט דער חפץ חיים געהאַט פון דעם גרויס צער און איינמאָל באַמערקט, אַז דער ערגסטער גלות איז צו זיין ביי אייגענע. מצרים איז טאַקע געווען אַ שווערער גלות, אָבער אידען האָבען עס בעזר השם איבערגעטראָגען. אונערטרעגליך וואָלט אָבער געווען פאַר זיי צו ליידען

גלות פון אייגענע. און אזוי ווי אלע זיינע באַהויפּטונגען האָט דער חפץ חיים דאָס אויך באַגרינדעט אויף פסוקים פון דער תורה.

דער אויבערשטער האָט אברהם אבינו׳ן פאַראויסאויסגעזאָגט, אַז זיינע קינ־דער וועלען דאַרפען דורכמאַכען א גלות. ווען יצחק איז געבוירען געוואָרען, האָט זיך, לויט ספרים, אָנגעפאַנגען צו רעכענען דער גלות. נאָך יצחק׳ן האָט זיין זוהן יעקב באדארפט ליידען גלות. צוערשט איז ער געווען צוואַנציג יאָהר ביי לבן׳ען און נאָכדעם האָט ער געמוזט וואנדערען אין מצרים. דאַרף מען דאָך אייגענטליך פארשטעהן צו וואָס האָט די השגחה באדארפט יעקב׳ן צוערשט אויסלייזען פון גלות ביי לבן׳ען און נאָכהער איהם שיקען קיין מצרים. פאַר־וואָס האָט ער איהם דאָרטען ניט געלאָזען זיין און נאָכהער זיינע קינדער ביז די 400 יאָהר וואָלטען פאַראיבער און פון דאָרטען זיי אויסלייזען אנשטאָט שפּעטער פון מצרים?

עס איז דאַריבער געדרונגען, אז צו זיין אין גלות ביי אייגענע וואָלט די געפאַר געווען צו גרויס און פיעל מעהר ריזיקאַליש ווי ביי פרעמדע. וועהרענד פּרעה, ערקלעהרט די הגדה „לא גזר אלא על הזכרים”, האָט נאָר געוואָלט אומ־ברייגען די אינגלאך. „לבן בקש לעקור את הכל”, ביי לבן אין גלות וואָלט פון יעקב׳ן מיט זיינע קינדער מיט דער צייט קיין שריד ופליט ניט געבליבען, ווייל „ארמי אובד אבי!” ער (לבן) האָט געוואָלט אומברייגען אונזער פאָטער און געשטרעבט אלעמען אויסצורייסען. האָט דער אויבערשטער דאַריבער בא־צייטענס ארויסגענומען יעקב׳ן מיט זיין הויז־געזינד פון לבן׳ען און זיי אוועק־געשיקט קיין מצרים, וואו אין א קורצער צייט זיינען זיי פון זיבעציג נפשות געוואַקסען צו א גרויסע און שטאַרקע פאָלק.

עס איז דאַריבער קיין וואונדער ניט וואָס יעקב האָט זיך אזוי פיעל גע־שראָקען פאר עשו׳ן מעהר ווי פאַר אַלע זיינע שונאים. ער איז דאָך געווען מעהר אייגענער צו איהם, ווי ער האָט זיך טאַקע אליין אויסגעדריקט אין זיין תפלה „הצילני נא מיד אחי מיד עשו, כי ירא אנכי אותו פן יבא והכני אם על בנים”, א שונא א ברודער איז פיעל געפעהרליכער ווי א פרעמדער. זיין אכזרות קען איהם פיהרען צו דער׳הרג׳ענען „די מוטער צוזאַמען מיט די קינדער”. פאר׳ן גלות אדום האָט יעקב זעהר מורא געהאַט און האָט אונ־טערגענומען אַ קאַמף מיט׳ן „שרו של עשו” 1).

---

1) ס׳איז אזוי ווי דער אַלטער פאבעל: גאָלד האָט אַמאָל געפרעגט ביי אייזען פאַר־

ערקלעהרען עס דאַריבער די חז״ל, אַז דער אויבערשטער, וויסענדיג ווי וויט עס קענען דערגרייכען די רשעות׳דיגע גזירות פון עשו׳ן און ישמעאל׳ן, האָט ער לכתחילה די אידען בעסער פאַרטריבען צווישען פרעמדע קיין בבל, ווייל דאָרטען וועלען זיי זיין זיכערער. דאַגעגען בעת דעם צווייטען חורבן, ווען אידען זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט, איז דאָן שוין די געפאַהר ניט געווען אַזוי גרויס פאַר די, ווענמען ס׳איז אויסגעקומען פאַר־טריבען צו ווערען אין גלות ביי אדום׳ן אָדער ישמעאל׳ן, ווייל וועהרענדיג פאַרפאָלגט אין איין פּלאַץ, וועלען זיי זיך קענען ראַטעווען אין אַן אַנדער אָרט. אַזוי דערצעהלט טאַקע דער פסוק, אַז יעקב האָט צוטיילט זיינע מענשען אין גרופּעס, קוים וועט עשו׳ן געלינגען צו צושטערען איין טייל, וועלען די איבע־ריגע זיך ראַטעווען. „דער אויבערשטער האָט געטאָהן אַ צדקה מיט די אידען צושפּרייטענדיג זיי צווישען די פעלקער", זאָגט דער תלמוד (פסחים פ״ז).

אין איינעם פון אונזערע שפּעטערדיגע מאמרים וועט דער לעזער זיך איי־בערצייגען, אַז ניט נאָר האָט דעם חפץ חיים׳ס האַרץ געוועהטאָגט איבער דעם גלות פון זיינע אייגענע ברידער, נאָר אַז ער האָט אויך טרעהרען פאַרגאָסען אויפ׳ן אונגעריכטען גלות פון אַנדערע פעלקער.

זיין אויסערגעוויינליכע ליבע פאַר׳ן כלל ישראל, זיין אונבאַגרעניצטע סימפּאַטיע פאַר גע׳רודף׳טע, זיין מיטפיהלען די וועהטאָגען פון אַנדערע און זיין גרייטקייט אַלעמען בייהילפיג צו זיין, ווערט אַמשנעלסטען אויסגעדריקט אין זיין ספר פאַר סאָלדאַטען 1).

וואָס, אַז מ׳קלאַפּט איהם מיט אַ האַמער מאַכט ער אַ רעש, וועהרענד, גאָלד ליידעט געדולדיג די קלעפּ ניט מאַכענדיג קיין רעש. האָט דער אייזען געענטפערט, מיר קלאַפּט דאָך מיין ברודער (אייזערנער האַמער) און אַ קלאַפּ פון אַ ברודער איז דער וועהטאָג אונערטרעגליך. אַבער צו דיר גאָלד איז דאָך דער אייזען פרעמד איז דאָן דער קלאַפּ ניט אַזוי געפעהרליך...

1) אינטערעסאַנט איז אַן אויפרוף פון חפץ חיים פון עש״ק, תשא, תרפ״ג, פאַרעפענט־ליכט אין די אידישע צייטונגען אין פּוילין, אין וועלכען ער באַטאַנט טיילווייז:

„איצט, נאָך די יאָהרען פון דער וועלט מלחמה מיט איהרע ביטערע צרות און גזירות, ווען מיר קערן זיך מעהר אָדער ווייניגער צוריק צו אַ נאָרמאַלען לעבען, איז אונזער פליכט זיך צו זאָרגען פאַר׳ן אידישען סאָלדאַט. מיר דאַרפען וויסען, אמת אַז דער אידישער סאָלדאַט ווערט ניט פאַררעכענט פאַר קיין עבירה דאָס וואָס ער טהוט געצוואונגען דורך דער מאַכט, זאָגאַר חילול שבת. אַבער היות ווי מען נויט איהם ניט צו עסען דוקא נבלה וטרפה, בשר חזיר, גיד הנשה, חלב, אָדער אַנדערע מאכלי טמאים, ליגט דאַריבער אויף אונז אַלעמען די פליכט צו באַזאָרגען אַז ער זאָל האָבען אַ מעגליכקייט צו עסען מאכלי כשר. אויף אונז ליגט דיזע פאַראַנטוואָרטליכקייט, אויב מיר ווילען אַז עס זאָל ניט באַטראַכט ווערען אַקוראַט ווי מיר אַליין וואָלטען געגעסען מאכלות אסורות, צו עפּענען קיכען און שאַפען די שפּייז . . . " („דער יוד", נומער 62, 1923.)

כג.

דער ספר „מחנה ישראל״

אין יאָהר תרמ״א (1881) איז ערשינען דעם חפץ חיים׳ס ספר פאר אידישע סאָלדאטען—דער „מחנה ישראל״. צווישען אלע ספרים וועלכע ר׳ ישראל מאיר האָט פאַרפאַסט, פאַרנעמט דיזער ספר אַן אייגענאַרטיגען פּלאַץ מיט זיין זאַנ־דערבאַרען אינהאַלט און גייסט. אזוי ווי א פּראָפעסאָר וועלכער שלאָגט פאָר און דיסקוטירט עצות און מיטלען אום צו העלפען זיינע שוואַכע פּאַציענטען, וועלכע קענען ניט לעבען אונטער די געוועהנליכע באדינגונגען, — באהאנ־דעלט אונזער מחבר די פארשידענאַרטיגע אומשטענדען אונטער וועלכע דער אידישער סאָלדאַט איז געצוואונגען צו לעבען און לייגט פאָר די מיטלען און עצות ווי אזוי ער קען זיך, לויט׳ן אידישען שטאַנדפונקט, צופּאַסען צו זיי. עס אָטעמט א האַרציגע וואַרימקייט און טיפע סימפּאַטיע פון זיין יעדען וואָרט און אויסדרוק. די באקאנטשאפט פון מחבר אין די אינטימע ווינקלען פון דער רוסישער קאזאַרמע און איהרע פּראָבלעמען פאַר׳ן אידישען סאָלדאַט זיינען ווירקליך צו באַוואונדערען. לעזענדיג די זאָנדערבאַרע אילוסטראַציעס, נסיונות און פאַלען וועלכע ווערען ביי איהם אזוי לעבעדיג געשילדערט, קען מען מיינען אז דער מחבר האָט אַלעס פערזענליך אליין דורכגעלעבט.

דער ספר באַשטעהט פון צוויי טיילען. דער ערשטער חלק אנטהאַלט פער־ציג פּרקים, און דער צווייטער צוועלף. צווישען די ענינים וועלכע ווערען דארט באהאַנדעלט אַלס די עיקרי היהדות לויט׳ן מחבר׳ס אויפפאַסונג, זיינען: תפלה, תפילין, ציצית, נטילת ידים, קריאת שמע, ברכות, שבת, ימים טובים, חמץ ומצה, שעטנז, תורה לערנען, תשובה, צדקה, מאכלות אסרות, בטחון, גאוה, שנאה, כעס, מחלוקת, שלום, שכר ועונש, א. ז. וו. יעדער מצוה, דין און מנהג ווערט גענוי ערקלעהרט. זייערע פליכטען און וויכטיגקייט ווערען קלאָר ארויסגעבראַכט און די מינימאַלע פאָדערונג פון יעדען געזעץ און טראַ־דיציע אין איינקלאַנג מיט די צופעליגע באַדינגונגען ווערט דייטליך באַטאָנט.

ראשית, ערקלעהרט דער מחבר, דאַרף יעדער סאָלדאַט וויסען אַז ער איז אַ איד גלייך מיט אַלע אידען, אַז זיינע פליכטען אין דער אַרמעע באַפרייען

איהם ניט פון זיין אחריות אַלס איד, נאָר אַז ער איז מחויב מקיים צו זיין די תורה און איהרע מצוות לויט די מעגליכקייטען און אומשטענדען פון אָרט און צייט. גרויס איז די מעלה פון איהם, וועלכער טראָגט אַלע שוועריגקייטען היט ער אָפּ אידישקייט. די ערהאבענקייט וואָס איינער דערגרייכט דינענדיג השי״ת ניט קוקענדיג אויף זיינע יסורים, ווערט געמאָלען אין ליכטיגע פאַרבען. עס ווערען גלייכצייטיג אַנאַליזירט די פאַרשידענע סבות וועלכע ווירקען זיך צו פוילען מקיים זיין די תורה. דער אויספיהר איז, וואויל איז איהם וואָס איז ערפאָלגרייך גובר אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען פון יצר הרע. די ליידען אויף דער וועלט פאַרזיכערען אַ גרויסען שכר פאַר יעדער מצוה אין דער צוקונפטיגער וועלט. און דער מחבר אילוסטרירט דיזע באַהויפּטונג מיט אן ערצעהלונג וואָס ער האָט אַמאָל געהערט אין א דרשה פונ׳ם ווילנער שטאָט־מגיד, דער גאון ר׳ וועלוועלע זצ״ל.

אַמאָל איז געווען א איד וועלכער האָט געהאַלטען א פאַכט ביי א פּריץ. דער פּריץ אליין איז גראָד קיין שלעכטער ניט געווען, אָבער ער האָט, אזוי ווי אַלע דאַמאָלסדיגע פּריצים, געלעבט אין אויסלאַנד און געלאָזען זיין גוט אין די הענט פון א פאַרוואַלטער וועלכער איז געווען א שונא ישראל און האָט דעם אידען פאַרשאַפט שרעקליכע צרות. ער האָט איהם געדריקט דורך אַלע מאָל העכערען די אָפּצאָהלונגען און פאַר יעדער קלייניגקייט פלעגט ער לאָזען דעם אידען שמייסען.

ויהי היום, דער פּריץ איז איינמאָל אליין געקומען באַזוכען זיין גוט. האָט ער אויסגעפרעגט יעדען פון זיינע אונטערטאַנען וועגען זייערע פאַרלאַנגען און קלאַגעס. ווען ער איז געקומען צום אידען, האָט דער לעצטער איהם אויס־דערצעהלט זיין ביטער האַרץ אויפ׳ן פאַרוואַלטער. דער פּריץ, וועלכער איז בטבע גראָד געווען א גוטער, איז זעהר אין כעס געוואָרען אויף זיין אויפזעהער. ער האָט איהם פאַררופען צו זיך אויף אַ משפּט. און ווען אין דער אַנוועזענהייט פון אידען איז אַלעס באַשטעטיגט געוואָרען, האָט ער איהם שטראָפירט אז פאַר יעדען שמיץ זאָל ער דעם אידען באַצאָהלען צוואַנציג רובעל. היות ווי זיין פאַר־מעגען האָט באַטראָפען פיער טויזענט רובעל, האָט ער בעדאַרפט דעם אידען בעצאָהלען צוויי טויזענט רובעל פאַר הונדערט שמיץ.

ניט וויסענדיג וואָס האָט פּאַסירט מיט איהר מאַן, איז די ווייב געלאָפען צו זעהן וואו ער איז. האָט זי איהם גראָד געזעהן ארויסגעהן אַן אומעטיגער פון פּריץ׳ס הויז.

„דער רשע האָט דיך שוין ווייטער געשמיסען?" — האָט זי אַ צושראָקענע אויסגעשריען.

דער מאַן האָט זיין פרוי גלייך בארוהיגט אַז דאָס מאָל האָט מען איהם גראָד נישט געשמיסען, נאָר אַז ער באַקומט גאָר לויט׳ן פסק פון פריץ צוויי טויזענד רובעל, אַ העלפט פון פּאַרוואַלטער׳ס פאַרמעגען, אַלס פאַרגיטיגונג פאַר די הונדערט שמיץ.

„אויב אזוי, טאָ פאַרוואָס ביזטו עפּעס אזוי פאַרזאָרגט, דאַרפסטו זיך גאָר פרעהען?"

„איך האָב שוין גאָר פאַרוואָס צו זיין אומעטיג. ווען דער רשע וואָלט דאַמאָלס מיר געגעבען נאָכאַמאָל אזוי פיל שמיץ וואָלט איך דאָך יעצט באַקומען זיין גאַנץ פאַרמעגען".

דער נמשל איז זעלבסטפאַרשטענדליך אז פאַר יסורים אויף דער וועלט איז דער שכר גרויס אויף יענער וועלט.

דערהויפּט זאָגט דער מחבר, דאַרף יעדער איינער זיין פאָרזיכטיג ניט צו פאַרנאַכלעסיגען אַ געלעגענהייט צו טהאָן אַ מצוה. מען טאָר ניט מחמיץ זיין אַ מצוה, אַפילו אויב מען דיינקט אַז אָפּלעגענדיג אַ מצוה אויף שפּעטער וועט מעגליך זיין איהר צו ערפיהלען מיט מעהר הידור, אדער גאָר מקיים זיין א גרעסערע מצוה.

דער לעזער ווערט באַזונדערס אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די הויכע און פּראַכטפולע מאָראַלע און עטהישע פּרינציפּען אין אידענטום. פון איין זייט ווערט געשילדערט די ריינקייט און הייליגקייט פון אידישען לעבען, און פון דער אַנדערער זייט, די שאַנדע און שטראָף פון זנות, תאוה און שיכרות, פון גנבה און גזילה. ער בעט און וואָרענט די אידישע סאָלדאַטען זיך ניט צו פאַרקוקען אויף זייערע גוי׳אישע חברים ביי וועמען אַט די אַלע ענינים זיינען הפקר און ווערען גאָרניט באַטראַכט אַלס זינד.

ס׳איז באַזונדערס אינטערעסאַנט ווי דער צדיק פאַרענטפערט זיך, ציטערנדיג מען זאָל איהם חלילה ניט באַשולדיגען אַז ער מיינט חושד צו זיין אַ אידען אַז ער קען פאַלען אזוי נידריג. חס ושלום! פאַרזיכערט דער מחבר מיט זיין נאַטירליכע תמימות, אַז ער דיינקט גאָרניט אַז אין די אין וועמענס אַדערען עס פליסט דאָס בלוט פון אברהם, יצחק ויעקב וועלען נאָכטהאָן די געמיינע אומווירדיגקייטען אויף וועלכע די רוסישע סאָלדאַטען אין זייער ווילדקייט זיינען חשוד. זיין כונה איז נאָר אויפמערקזאַם צו מאַכען זיינע טייערע ברידער

אַז זיי זאָלען זיך דערוויטערען ווי ווייט מעגליך פון צו קומען אין קאָנטאַקט מיט אַזוינע קאָלעגען וועלכעס קען פיהרען צו נסיונות.

דער מחבר רעקאָמענדירט אַז צו לערנען דעם ספר איז וויכטיג ניט נאָר ווען מען איז אַ סאָלדאַט, נאָר אַז יעדער יונגערמאַן דאַרף איהם לערנען. ווייל זייענדיג אַ איד קען קיינער ניט וויסען וואוהין און צווישען וועמען ער קען אַמאָל ווערען פאַרוואָגעלט. פלעגט זיך טאַקע דער חפץ חיים נוהג זיין אָפט־מאָל צו פּרעזענטירען דעם ספר צו יונגע לייט וועלכע פלעגען קומען צו איהם נאָך אַ ברכה בעפאָר׳ן פּריזיוו. צווישען ישיבה בחורים איז געווען פאַרשפּרייט דאָס גלויבען אַז דער יעניגער וועמען דער חפץ חיים גיט אַלס מתנה דעם ספר „מחנה ישראל" איז אַ סימן אַז ער וועט שוין זיכער זיין אַ סאָלדאַט. זיי האָבען עס מסתמא בעטראַכט „כשגגה היוצא מלפני השליט".

ר׳ מנחם דראַזדאָווסקי, אַ למדן און משכיל, אַ באוואוסטער סוחר פון אַסטראָווע, פּוילען, האָט אַמאָל דעם שרייבער דערצעהלט וועגען זיך דעם פאָלגענדען עפּיזאָד.

מיט צוועהנדליגע יאָהרען צוריק האָט איהם זיין פאָטער געבראַכט אין דער ישיבה קיין ראַדין. ווען זיין פאָטער האָט דערצעהלט דעם חפץ חיים אַז איבער־אַ־יאָהר דאַרף זיין זוהן שטעהן צום פּריזיוו, האָט דער חפץ חיים אויס־געדריקט זיין מיינונג, אַז כדי דער בחור זאָל ניט געשטערט ווערען אין זיין שטודיום, וואָלט זיין עצה געווען אַז ער זאָל איהם אַוועקשיקען לערנען אין אַ ישיבה קיין ארץ ישראל.

דער פאָטער, זייענדיג אַ רייכער איד, האָט אָבער פון דעם ניט געוואָלט הערען. אייניגע מאָל דורכ׳ן יאָהר האָט דער חפץ חיים איבערגע׳חזר׳ט דיזעלבע עצה צום בחור, אָבער ווען מנחם האָט זיך אויפגעשריבען מיט זיין פאָטער, האָט דער לעצטער אויף דעם ניט מסכים געווען.

דער יאָהר איז שנעל דורכגעלאָפען. ווען מנחם איז געקומען נעהמען אבשייד, האָט דער חפץ חיים ווידער דערמאָנט זיין פריהערדיגע מיינונג, און דער בחור האָט איהם אַלץ געזאָגט אַז זיין פאָטער איז געגען דעם.

די גאַנצע צייט האָט זיך מנחם געשראָקען טאָמער וועט איהם דער רבי דעם ספר „מחנה ישראל" אַלס מתנה געבען. ער האָט דאַריבער אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך געהאַט געזעגענט, פאַרלאָזען דאָס הויז. ווי ערשטוינט איז ער אָבער געוואָרען ווען זייענדיג שוין אַרויס פון הויז, האָט ער דערזעהן אונטער איהם דעם חפץ חיים. ער האָט איהם צוריקגערופען און האַלטענדיג אין האַנט



הרב ר׳ חיים עוזר גראדזענסקי

דעם „מחנה ישראל״, עס איהם דערלאַנגט, זאָגענדיג: „אַט נעהמט מיט זיך דעם ספר, ס׳איז גוט זאָלסט איהם דורכלערנען!״

„צו וואָס דאַרף איך דעם ספר, איהר האָט דאָך מיר אליין צוגעוואונשען אַז איך זאָל באַפרייט ווערען? האָט איהם מנחם מיט אַ ציטערענדע שטימע געפרעגט.

„יאָ, אָבער פון דעסטוועגען שאדעט ניט אז איהר זאָלט האָבען מיט זיך דעם ספר, מען קען גאָר ניט וויסען וואו מען מען פאַלט אריין״. און מנחם האָט קיין אנדער ברירה ניט געהאַט. ער האָט דעם ספר געמוזט מיטנעהמען.

„אין איך האָב טאַקע אָפּגעדיענט גאַנצע פיער יאָהר. מיין פאָטער׳ס רייכ־טום און זיינע אַלע באַמיהונגען האָבען מיר גאָר ניט געהאָלפען!״ האָט ר׳ מנחם פאַרענדיגט זיין וואונדערליכע מעשה.

כדי דער לעזער זאָל קענען בעסער פאַרשטעהן דעם חפץ חיים׳ס שטאַנד־פונקט איז כדאי איבערצוגעבען געוויע דעם פאַלגענדען אינצידענט.

ווען דיזער שרייבער וועלכער האָט געהאַט די זכיה צו זיין אַ בן בית ביים חפץ חיים, האָט ענדע תרע״ה, ווען די וועלט־מלחמה איז געווען צופלאַקערט אין איהר רעכטען ברען — גענומען אַבשיעד פון גרויסען ר׳בי׳ן, האָט איהם דער לעצטער, באַגלייטענדיג ארויס פון הויז, ווי אַ פאָטער אַ קינד נאָכגעגאַנ־גען און געזאָגט: „איך האָב אייך ניט צו זאָגען מעהר ווי דער תנא אין אבות האָט אייך שוין אָנגעזאָגט: „כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות״. — דער יעניגער וואָס נעהמט אויף זיך דעם יאָך פון תורה באַפרייט מען איהם פון דעם יאָך פון דער רעגירונג, קענט איהר דאָך פרעגען, אויב אַזוי וואָלט דאָך יעדער ישיבה בחור בעדאַרפט זיין באַפרייט פון מיליטער, טאָ פאַרוואָס זעהט מען גאָר אַז מאַנכע בני תורה דיענען יאָ, ווער אַביעסל, און ווער אין גאַנצען?״.

דער תירוץ איז, אז אלעס ווענדעט זיך ווי ווייט דער „מקבל״ איז געווען. דער ביי וועמען דער „מקבל״ איז א שטאַרקער, איז דער „מעבירין״ אויך א שטאַרקער, און דער ביי וועמען דער „מקבל״ איז אַ שוואַכער, איז דער „מעבירין״ אויך שוואַך. איינס ווענדעט זיך אָן דאָס אַנדערע. אויב מען נעהמט אויף זיך דעם עול התורה בשלימות, מיט׳ן גאַנצען הארצען, איז די באפרייאונג אויך אַ פאָלקאָמענע, אויב ניט, איז זי א טיילווייזע, און מאַנכעס מאָל גאָרניט.

דיזע ווערטער האָבען ווירקליך ניט פארפעהלט זייער ווירקונג.

ווען די דייטשען האבען דאמאלס אקופירט גאנץ פוילען און ליטא זיינען אלע תורה־אנשטאלטען צושטערט געווארען. די אלע גרויסע ישיבות האבען זיך פריהער געהאט איבערגעטראגען קיין רוסלאנד. א דאנק די איבער־נאטירליכע אנשטריינגונגען פון בעוואוסטען ראש ישיבה, דער בארימטער גאון ר׳ יחיאל מרדכי גארדאן, האט די לאמזער ישיבה דאן דערגרייכט איהר העכסטע שטופע פון גרויסקייט, אריינגעהמענדיג די אלע אויסגעצייכענטע תלמידים פון אלע ישיבות וועלכע זיינען פארבליבען אונטער דער דייטשער אקופאציע. די התמדה אין דער ישיבה און דאס שטייגען און לערנען איז דאן געווען אויסערגעוויינליך. אויף פיעלע פון די דאמאלסדיגע תלמידים, צוויי־שען וועלכע ס׳איז געווען דיזער שרייבער, האט דער ראש ישיבה, הרב גאר־דאן, משפיע געווען אז זיי זאלען לערנען זיך צו פארפאלקאמען אין הוראה. ד. ה., צו קענען ווערען רבנים בישראל.

ווען די פאליאקען זיינען געקומען צו דער מאכט, האבען זיי זיך גענומען גלייך צו ארגאניזירען זייער ארמעע. ווען דיזער שרייבער איז געווארען איין־און צוואנציג יאהר אלט און זיך געשטעלט צום פריזיוו, איז ער ערקלערט געווארען אלס מיליטער־פעהיג, אבער גלייכצייטיג באפרייט צוליעב דעם וואס די פויל־שע רעגירונג האט איהם אלס רב אנערקענט. דאס איז דאן געווען דער ערש־טער פאל, און פאר א לאנגע צייט איז אזא באפרייאונג געבליבען די איינציגע אין גאנץ פוילען. דעם חפץ חיים׳ס ברכה איז מקוים געווארען.

כדי אויסצובעסערען די לאגע פון די אידישע סאלדאטען און זיי צו פאר־היטען פון פאראומרייניגען זיך מיט טריפה מאכלים, האט דער חפץ חיים, אין יאהר תרמ״ב פארפאסט א קול־קורא צו די אידען אין גאנץ רוסלאנד, אויפפא־דערנדיג זיי צו גרינדען און צו שטיצען „מאכל כשר״ קיכען פאר די אידישע סאלדאטען.

דער דאמאלסדיגער רוסישער צענזאר האט אבער דיזען אויפרוף איהם ניט ערלויבט צו פארעפענטליכען, מיט דעם תירוץ אז באזונדערע קיכען וועלען נאך מעהר פארפרעמדען דעם אידישען סאלדאט פון „איידעלען״ רוסישען גייסט. דער צדיק אין זיין פייערדיגע ענערגיע האט אבער זיין פלאן ניט אויפגעגעבען. לויט די דאמאלסדיגע רוסישע געזעצען האט ער זיך געגעבען אן עצה. ער איז אוועקגעפארען קיין קעניגסבערג, דייטשלאנד, און האט דארטען זיין קול קורא אפגעדרוקט און נאכהער עס אריבערגעבראכט קיין רוסלאנד.

זיין דאמאָלסדיגער באזוך אין קעניגסבערג (איבער 50 יאָהר צוריק) האָט אויף איהם געלאָזען אן איינדרוק. דיזער שרייבער האָט איהם וועגען דעם אַמאָל געהערט אזוי דערצעהלען:

„קומענדיג אהין בין איך דאָס ערשטע אריין אין א שוהל און דאָרט גע־טראָפען אידען דאַוונען. איך האָב נאָך פונדעסטוועגען דאָרטען געפונען א גמרא צו לערנען אויך. נאַטירליך האָב איך זיך אוועקגעזעצט לערנען. ווי עס ווייזט אויס, האָט מיין טהאָט ארויסגערופען התפעלות ביי די מתפללים, ווייל זיי האָ־בען זיך אַלע אַוועקגעשטעלט און מיך אָנגעקוקט ווי עפּעס א בייז־וואונדער. זיי האָבען אָבער משמעות גלייך באַמערקט אז איך וואונדער זיך אויף זיי נאָך מעהר ווי זיי אויף מיר. ס׳טייטש, וואָס האָבען זיי דערזעהן אויף מיר? א איד זיצט און לערענט! וואָס דען דאַרף א איד טהאָן אויב ניט לערנען? פּיהלענדיג מיין ערשטוינונג האָבען זיי זיך צוגערוקט צו מיר נעהנטער און אָנגעפאַנגען זיך צו פאַרענטפערען.

„ראשית האָבען זיי מיר ערקלעהרט אז איך זאָל זיי חלילה ניט חושד זיין אַז זיי קוקען אויף מיר מיט פאַראַכטונג. זיי האָבען אָפּגעלייקענט דעם קלאַנג, אז זיי באַזיצען אַן איינגעוואָרצעלטע שנאה געגען דעם „אָסט־יודע״. זייער הויפּט התנגדות צום מזרח־איד בעהמט זיך דערפון וואָס פילע פון די אריינ־געוואַנדערטע פּוילישע, אָדער ליטווישע אידען, גיבען זיך לכתחילה אָן אַלס פרומע אידען תלמידי חכמים. זיי קריגען דורכדעם כל מיני התקרבות. ווען זיי שלאָגען זיך צו עפּעס צו און ווערען ערפאָלגרייך ווארפען זיי דאַן אין גאַנצען אַראָפּ פון זיך דאָס אידישקייט. דאַריבער זיינען זיי ניט באַליבט. אָבער אַן אמת פרומען אידען, ובפרט אַ תלמיד־חכם ליבען זיי און האָבען פאַר איהם דעם גרעסטען רעספּעקט״.

דיזער עפּיזאָד האָט פאַרשטאַרקט דעם חפץ חיים׳ס מיינונג וועגען דער שעדליכקייט פון א פרעמדער סביבה פאַר׳ן אידישען גייסט, וועלכעס האָט איהם נאָך מיט א יאָהר בעפאָר באַוואויגען צו פאַרפאַסען זיין ספר „מחנה ישראל״.

כד.

די שטענדיגע זאָרג פאַר זיינע תלמידים

מעהר ווי פאר אלעמען, אויסער זיין נאָהענטע פאַמיליע, האָט זיך דער חפץ חיים שטענדיג געזאָרגט פאר די תלמידים פון זיין ישיבה. זיין ליבע און איבערגעגעבענהייט פאר זייער הצלחה האָט ניט געוואוסט קיין גרעניצען. עס וועט פיליכט זיין ריכטיגער צו באַהויפטען, אז די תלמידים זיינען ביי איהם פאַררעכענט געוואָרען אלס א טייל פון זיין פאמיליע. פאר דער ישיבה איז איהם קיין זאַך ניט שווער געווען צו טאָן. אין שנייען און אין קעלטען, אין רעגענס או אין שטורעמס פלעגט ער געהן און פאָהרען כדי צו פאַרזיכערען איהר קיום און ערפאָלג. ער האָט געהיט די ישיבה אזוי ווי זי וואָלט געווען דאָס שוואַרצאַפּעל פון זיין אויג.

דער אַלטער רב פון ראַדין, ר׳ מרדכי מירוויס ז״ל, פלעגט מיט פארגע־ניגען דערצעהלען אינטערעסאַנטע עפּיזאָדען פון זיין שעהנסטען בעל הבית אין שטעטעל, ר׳ ישראל מאיר, ביי וועמען אין ישיבה ער האָט געלערענט נאָך אין יאָהר תרל״ח (1878). ווען ער איז געקומען דאָרט לערנען האָט ער לכתחילה זיך געשראָקען טאָמער וועט ער דאַרפען הונגערען. איז אָבער איינ־מאָל נאָך מעריב, ר׳ ישראל מאיר צו איהם געקומען און געבעטען אז ער זאָל געהן מיט איהם. ער האָט איהם צוגעפיהרט צו א ווינקעל אין בית המדרש וואו ס׳איז געווען גרייט פאר איהם ברויט און א טעפּעל וואַרימע געקעכטס, וועלכע דער צדיק האָט אליין געבראַכט צו טראָגען אונטער זיין קאַפּאָטע. ער (ר׳ מרדכי) איז געווען גערִיהרט פון דעם און האָט אָנגעפאַנגען צו שטאַמלען ווערטער פון דאַנקבאַרקייט, אָבער דער חפץ חיים האָט א מאַך געטאָן מיט׳ן האַנט און איהם ניט געלאָזט ריידען, נאָר געזאָגט צו איהם: „עסט זייט אזוי גוט; עס וועט דאָך קאַלט ווערען!״ און מיט א גלעטענדע שטימע האָט ער איהם פאַרזיכערט אז ער דאַרף זיך גאָר ניט דאגה׳ן, וויל עסען וועט שוין פאַרזאָרגט ווערען פאר איהם.

דאָס האָט ער אלעס געטאָהן אין דער צייט וואָס ער אליין האָט קיינמאָל ניט געוואָלט נהנה זיין פון קיינעם.

ווען ער האָט אין חודש אלול פון יאָהר תרמ״ב חתונה געמאַכט זיין עלטערע טאָכטער, גיטעל, מיט הרב ר׳ אהרן הכהן (דער מחבר פון די ספרים עבודת הקרבנות א. א. וו.) איז ער אַרויסגעפאָהרען פון זיין שטעטעל און געפּראַוועט די חתונה ביי דער באַהן־סטאַנציע אראַן. ער האָט ניט געוואָלט אַז מען זאָל איהם געבען דרשה געשאַנק פאַר דעם פאָלק. ער האָט דאָך קיינמאָל קיין מתנות ניט געוואָלט נעהמען. און ווען ער פלעגט ארומפאָהרען זאַמלען שטיצע פאר דער ישיבה איז ער שטענדיג געווען נזהר חלילה ניט נהנה צו זיין עפּעס פון דעם.

ווי א געטרייער טאַטע פלעגט ער וואכען איבער זיינע קינדער, אז קיין שום בייז אויג זאָל זיי ניט שאדען אין גייסטיגען אזוי גוט ווי אין פיזישען זינען. ער פלעגט זיי אויפמערקזאַם מאַכען אויף די שעדליכקייט פון די פאַרפיהרערישע ספרי השכלה, וועלכע האָבען זיך דאַן געהאַלטען אין פארשפּרייטען. ספּעציעל פלעגט ער ווארנען קעגען אזעלכע אומפּאסיגע ספרים אין וועלכע ס׳וואַרפען זיך אַמאָל דורך גוטע און ווערטהפולע געדאַנקען. אַזעלכע רעיונות געפינען זיך אָבער צופעליג, אָדער זיינען סתם לשם דעקאָראַציע אריינגענומען געוואָרען פון זייערע פארפאַסערס. „הלמאי געהן צום שקר נאָכ׳ן אמת?״ פלעגט ער טענה׳ן. „פונקט ווי מען דערוויטערט זיך פון געשמאַקסטען מאכל צוליב׳ן פאַרדאַכט טאָמער ענטהאַלט עס דעם קלענסטען טייל גיפט, אזוי דאַרף מען אויך אנטלויפען פון אזעלכע ספרים וועלכע זיינען אַ שעדליכער סם פאַר דער נשמה״.

הרב זלמן ראשגאָלין (איצט רב אין סטעטען איילענד, נ. י.) וועלכער איז געווען א תלמיד אין דער ישיבה אין ראדין צווישען די יאָהרען תרמ״ב־תרמ״ו, דערצעהלט, ווען דער חפץ חיים פלעגט קומען קיין קאלווארייע איז ער איינגעשטאַנען ביי זיינע עלטערען אין הויז. ווען ער האָט איינמאָל אויפ׳ן טיש באַמערקט דעם ספר המ. האָט ער איהם אראָפּגענומען און אַוועקגעלייגט אויף דער ערד.

ווען ער (זלמן) איז אריין אין צימער האָט דער רבי מיט פארוואונדערונג זיך געפרעגט ווי קומט עס צו איהם אזא ספר וועגען וועלכען מ׳זאָגט אז ער איז פול מיט כפירה אין די רייד פון חז״ל. האָט ער א פארשעהמטער געזוכט ווי עס איז זיך צו פאַרענטפערען. ווען ער איז שפּעטער געגאַנגען מיט׳ן רבי׳ן אין גאַס, האָט ער אויפ׳ן וועג איבערגעזאָגט דעם רבי׳ן א הסבר (ערקלערונג)

אויף א שווערער מאמר חז״ל וועלכעס איז איהם גראַד געפעלען געוואָרען. און דער חפץ חיים האָט באַמערקט: יאָ, ס׳איז דאָך טאַקע זעהר גוט!״

רופט זיך אָן דער תלמיד: „דעם מאמר רבי, האָב איך גראַד ארויסגענומען פון אָט יענעם ספר״.

האָט דער חפץ חיים א ליבליכען בליק געטאָן אויף איהם און געזאָגט:

„געזונט זאָלט איהר זייט, זלמן (ער פלעגט אַלעמען אָהן אויסנאַהם איהר׳צען), אמת טאַקע! אָבער ווען איינער וויל שמעקען פּערפיומע, געהט ער אין אַפּטייק און קויפט א פלעשעל ריינע פּערפיומע, ער וועט אָבער זיך ניט אריינלייגען אין בלאָטע כדי צו שמעקען די פּערפיומע וואָס ס׳האָט זיך דאָרט פאַרגאָסען פון א צופעליג צובראָכענע פלעשעל. כך אזוי, אויב צו זוכען תורה דאַרף מען געהן צו ריינע קוואַלען און עס ניט זוכען אין אזעלכע ספרים וועלכע זיינען פול מיט אומריינקייט.״

געהענדיג צו דער ישיבה פון מאַרק אין ראדין מוז מען אראָפּגעהן א באַרג. פלעגט מען ניט איינמאָל אין א ווינטער טאָג, ווען עס איז געווען גליטשיג, טרעפען דעם חפץ חיים זיך פאָרען פערזענליך ביים ארונטערגאַנג כדי צו באַוואָרענען, אז די בחורים זאָלען חלילה ניט גע׳ניזק׳ט ווערען. ״זיי קאָנען נאָך חס ושלום פאַלען, זיי געהען דאָך ס׳רוב פאַרטראַכט אין לערנען און וועלען ניט באַמערקען!״

איינמאָל אין א בלאָטיגען טאָג האָט דער חפץ חיים זיך געבעטען ביי דיזען שרייבער וועלכער איז גראַד פאַרבייגעגאַנגען זיין הויז, ער זאָל איהם העלפען אוועקלייגען א גאַנצע ברעט אויפ׳ן אָרט פון א צובראָכענע איבער׳ן בריקעל נעבען פוס פון באַרג.

ווען מען דאַווענט, פלעגט ער צו די תלמידים זאָגען, זאָל מען ניט זוכען צו האָבען צו הויכע כונות, אָדער מיחד צו זיין יחודים, אָדער זיך צו פאַרטיפען אין הויכע דבקות. דערהויפּט דאַרף מען קאָנצענטרירען אַלע מחשבות און געפיהלען כדי צו פאַרשטעהן און מרגיש זיין די ווערטער וואָס מען רעדט ארויס בשעת תפלה פיהלען און וויסען וואָס מען זאָגט דאָס איז דער עיקר.

בנוגע דעם דרך הלמוד פלעגט דער חפץ חיים דערצעהלען אז ער האָט אַמאָל געפרעגט ר׳ ישראל סאַלאַנטער אויב עס איז גלייכער צו דורכלערנען פיל מאָל דעם זעלביגען ענין, אָדער בעסער לערנען מעהר ענינים ווינציגער מאָל. האָט איהם ר׳ ישראל געענטפערט: „מ׳דאַרף וויסען ווי גרויס דעם אויבערשטענס תורה איז.״ און דער חפץ חיים האָט די תשובה מבאר געווען אויף

זיין שטייגער מיט א משל: ווען איינער לערנט בלויז איין חלק תורה איז ער גלייך צו דעם וואָס האָט זיין גאַנץ פאַרמעגען אויסגעגעבען אויף א טייערע היטעל און זיין גאַנצען גוף האָט ער געלאָזען נאַקעט און באָרוועס. ער פלעגט אויך ציטירען ר׳ ישראל׳ס ערקלערונג אויפ׳ן מאמר חז״ל: „לעולם ילמוד אדם תורה במקום שלבו חפץ״ (ע״ז י״ט ע״א) אויב מ׳קומט צו א ענין וואו דאָס האַרץ האָט עס ניט קיין חשק צו לערנען זאָל מען עס פארלויפיג פארבייגעהן און א צווייטע מאָל ווען עס וועט זיך דערוועקען אין איהם א תשוקה זאָל ער עס לערנען. ער פלעגט באַטאָנען, אַז ידיעת התורה, בקיאות אין ש״ס און פוסקים איז אַ יסוד. „די תורה איז אָרים דאָ און רייך אין אַ צווייטען אָרט.״ ווען מען איז באַהאַוועוונט אין גאַנץ ש״ס מיט רש״י און תוספות ווערט אָפט מאָל אַלץ קלאָר און פאַרשטענדליך. „תורת ה׳ תמימה משיבת נפש״. ווען די געטלי־כע תורה איז ביי דיר גאַנץ, דו ווייסט איר אומעטום, איז זי דאַן אַ דערקוויגונג פאַר דער נשמה. עס אָרט מאַנכעס מאָל דאָ אויף דעם אָרט א קשיא, און אין א צווייטען אָרט איז רעכט, אז עס זאָל האָבען באוואָרענט געוואָרען מיט איין וואָרט אָדער שורה.

מען דאַרף זיך דערהויפט איינשאַפען וואָס מעהר חכמת התורה, ווי דער פסוק זאָגט: „אמור לחכמה אחותי את ומודע לבינה תקרא״ (משלי ז). — חכמה, דאָס ויסען זאָלסטו רופען דיין שוועסטער. אקוראט ווי מיט אַ שוועסטער ביזסטו שטענדיג נאָהענט צוזאַמען, אזוי דאַרפסטו זיין מיט חכמה, דאָס וויסען פון דער תורה. אַלעס דאַרף זיין שגור אויף דיינע ליפען. דאגעגען מיט בינה — פאַרשטענדליכקייט, פלפול (דבר מתוך דבר) זאָלסטו זיך באַגעהן אַזוי ווי מיט אַ פריינד מיט וועמען דו זעהסט זיך פון צייט צו צייט, אָבער ניט יעדער ווילע.

דער חפץ חיים פלעגט אויך זאָגען אז אבוואָהל יעדער תלמיד חכם דאַרף זיין באַהאַוועוונט אומעטום דאַרף ער אָבער גלייכצייטיג אויך זעהן צו ווערען גרינדליך קלאָהר לכל הפחות אין איין מסכתא. ער פלעגט דערמאָנען ר׳ חיים וואלאזשינער׳ס וואָרט „מ׳דאַרף זיין א מלך כאָטש אויף איין מסכתא״ און צו דעם ציטירען פון זוהר „מאן דירית מסכת חדא ירית עלמא חדא״. אזוי זאָגט אויך די גמרא בנוגע מצוות. די גרויסע מענשען פלעגען זוכען באַזונדערס זיך צו פאַרפאַלקאָמען אין איין מצוה (זעה שבת קי״ח ע״ב).

בנוגע הלכה למעשה האָט ער איבערהויפט געהאַלטען מאַסגעבענד די לעהרע פון ווילנער גאון: „טוב לאדם שילמוד מעט ויחזור תמיד ויודע כל

דבר על בריו ממה שילמד ויקבץ הרבה ואינו יודע הדין על בריו" (משלי י"ג כ"ה; ט"ז ח').

אלס אילוסטראַציע פון בקיאות פלעגט ער דערצעהלען, אז ווען דער שאגת אריה איז געווען רב אין וואָלאָזשין, האָט ער ניט פאַרמאָגט קיין איי־גענעם ש"ס און צו לייהען איז אויך ניט געווען קיין לייכטע זאַך, ווייל ווער עס האָט דאמאָלס דאָרט פאַרמאָגט א ש"ס האָט עס אליין געברויכט. היות ווי ביי א געוויסער אלמנה איז געווען א ש"ס, פלעגט דער שאגת אריה קריגען צו לייהען פון איהר איינציגע גמרות, פלעגט ער יעדער גמרא, נאָכדעם ווי ער האָט איהר אויסגעלערענט אויף אויסענווייניג, איהר צוריקקעהרען און נעהמען אן אַנדערע.

זייענדיג אין וואַרשאַ, האָט אַ איד געפרעגט דעם חפץ חיים צי ער איז אַ חסיד, אָדער מתנגד, האָט ער געענטפערט:

„איך בין ניט קיין חסיד און ניט קיין מתנגד. איך שטרעב בלויז צו קאָנען אָפּהיטען דעם שלחן־ערוך. אויפ'ן עולם האמת, זאָגען די חז"ל, ברייגגט מען דעם מענשען פאַר בית־דין של מעלה און מען פרעגט איהם אַזעלכע פראַ־געס, ווי: צי ער האָט געהאט באַשטימטע צייטען צו לערנען תורה און צו ער האָט איהר אָפּגעהיט? צי ער האָט געהאַנדעלט אָדער זיך געפיהרט עהרליך? וכדומה. „קבעת עתים לתורה, נשאת ונתת באמונה". עס שטעהט אבער אין קיין שום אָרט ניט דערמאָנט, אז מען וועט פרעגען דעם מענשען צי ער איז געווען א מתנגד אדער א חסיד. דער עיקר איז צו לערנען, צו וויסען און צו מקיים זיין די תורה".

ווי שוין פריהער דערמאָנט פלעגט ער אויך וואַרנען די תלמידים געגען צופיעל התמדה. ווייל צופיעל לערנען איז אַמאָל א תחבולה פון יצר הרע, כדי דער בחור זאָל קראַנק ווערען און נאָכדעם גאָרנישט לערנען, פלעגט ער מוסר'ן די אויסערגעווייגליכע מתמידים.

א סוחר, א געוועזענער תלמיד פון זיין ישיבה, האָט איינמאָל געקויפט א לאָטעריי צעטעל און איז געקומען קיין ראדין מיט דער כוונה צו בעטען פון חפץ חיים, אַז ער זאָל איהם צוואָונשען צו געווינען די געווינס.

איידער ער איז געגאַנגען זיך זעהן מיט'ן חפץ חיים האָט ער זיין וואונש מגלה געווען צו זיינעם א געוועזענעם חבר, ר' שלום. דער לעצטער האָט איהם געראָטען ניט צו דערמאָנען א וואָרט וועגען דעם לאָטעריי צעטעל, ווייל דער חפץ חיים איז ניט געווען צופרידען ווען מען האָט געזוכט אומנאַטיר־

ליכע וועגען נתעשר צו ווערען, „למה תנסו את ה׳?״ זעלבסטפאַרשטענדליך, אז דער יונגערמאַן האָט שוין וועגען דעם צעטעל גאָר ניט דערמאָנט.

האָט איהם דער רבי צוגעוואונשען, אז השי״ת זאָל איהם מפרנס זיין בכבוד און אז ער זאָל זוכה זיין צו ערציהען זיינע קינדער אלס גוטע אידען. דער יונגערמאַן האָט זיך אָבער ניט געפיהלט צופרידען, איז ער פארבליבען נאָך אַ טאָג. ווען ער איז מאָרגען ווידער אריין צום חפץ חיים, האָט דער לעצ־טער נאָכאַמאָל איבערגע׳חזר׳ט די נעכטיגע ווערטער. דער יונגערמאַן איז אן אומצופרידענער געבליבען שטעהן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ. האָט עס דער רבי גלייך באַמערקט און האָט אָנגעפאַנגען צו ריידען אזוי ווי צו זיך אליין:

„עס זיינען פאַראַן מענשען, וועלכע אַז מען פרעגט זיי, וואס זיי מאַכען, ענטפערען זיי, יאָ, נישקשה, עס וואָלט אָבער ניט שאדען בעסער. פון וואנען ווייסען זיי, אז עס וואָלט זיי ניט שאדען בעסער? עס קאָן גראַדע זיין, אז עס וועט זיי יאָ שאדען... מענשען קומען זיך פרעגען אַן עצה, זיי ווילען אָבער ניט איך זאָל זיי געבען אַן עצה, זיי ווילען איך זאָל מסכים זיין צו דעם וואָס זיי ווילען״. און אזוי רעדענדיג האָט ער זיך אויפגעשטעלט און האָט ארויפ־געלייגט זיין האַנט מיט ליבע אויפ׳ן יונגענמאַנ׳ס אַקסעל און געזאָגט:

„אָט קומט א יונגערמאַן און וויל געווינען דעם גרויסען געווינס, וויל אָבער השי״ת, אז ער זאָל בעסער האָבען גוטע קינדער, וועלכע זיינען דאָך דאָס גרעסטע געווינס פאַר׳ן מענשען. איז דאָך אין אזא פאַל עשירות גאָר א גע־פאַהר״.

דער יונגערמאַן איז ערשטוינט געוואָרען צו הערען ווי דער רבי האָט געלייענט זיינע געדאַנקען און האָט שוין א צופרידענער זיך געזעגענט מיט זיין רבי׳ן.

כה.

ספר „משנה ברורה"

א שמיטה יאָהרען זיינען אריבער נאָכ'ן ערשיינען פון ר' ישראל מאיר'ס ערשטען ספר, „חפץ חיים", און דער זעלבער מחבר האָט שוין געהאַט פאַרפערטיגט א טייל פון זיין ריזען־ווערק אויפ'ן שלחן ערוך „אורח חיים" — זיין ספר „משנה ברורה".

איינע פון די וואונדערבאַרסטע שטריכען פון חפץ חיים'ס גרויסקייט איז זיין קיינמאָל ניט האָבען קיין היסח הדעת פון תורה. זיין געדאַנק איז שטענדיג געווען פאַרנומען מיט העכערע ענינים. יעדער זאך, מיט וועלכער ער האָט זיך באַשעפטיגט, פלעגט ער אַלע מאָל צוערשט אַנאַליזירען פון תורה־שטאַנדפונקט, אַלעס האָט ער באַטראַכט אין דעם ליכט פון איהרע פרינציפען. ביטול־תורה האָט דעריבער געשיינט צו זיין ביי איהם אַן אוממעגליכקייט. בכלל, פלעגט זיין התמדה זיין אויסערגעוויינליך. באַזיצענדיג עלוי'שע כשרונות, אַ קלאָרען, טיפען און שאַרפען קאָפּ, איז זיך לייכט פאַרצושטעלען זיינע אומבאַשטרייטבאַרע קוואַליפיקאַציעס אויפ'ן געביט פון ערשט־קלאַסיגער לומדות.

אין יאָהר תרמ"ב, ווען דער חפץ חיים איז קוים עטליכע און פערציג יאָהר אַלט געווען, דערצעהלט איינער פון זיינע דאמאָלטדיגע תלמידים, הגאון ר' דוד טביל דיינובסקי (הגאב"ד ור"מ פון מאלטיש, היינט רב אין פיאנטניצע, פוילען), אַז ער האָט אייגמאָל צופעליג געהערט פון איהם: „פאַר פילע יאָהרען האָב איך געהאַט בדעה מחבר צו זיין אַ פירוש אויפ'ן תלמוד ירושלמי. לײדער האָבען מיר טרדות מיט אַנדערע ענינים לעת־עתה געשטערט דאָס צו פאַרווירקליכען." די וועלכע האָבען עפּעס געקענט דעם חפץ חיים ווייסען, אז ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט לשם פאַנטאַזיע ווערטער, אדער, חלילה, צוליב פערזענליכער באַריהמעריי. עס איז פשוט נתפעל צו ווערען, אז אלס יונגערמאַן האָט ער שוין געפיהלט בכח זיך אונטערצונעהמען צו שאַפען אַזאַ ריזען־געביידע אויפ'ן ירושלמי. ריכטיג האָט אַמאָל דער גרויסער גאון, ר' חיים בריסקער, באַמערקט: „די וועלט האָט גאַר ניט קיין טיטול פאַר'ן חפץ חיים,

די וועלט האַלט איהם פאַר'ן גרויסען צדיק און ווייס גאַר ניט, אז מעהר ווי אַ צדיק איז ער אַ גאון".

דאַס „זיך פאַרטאָן אין אנדערע ענינים", וועלכע זאָלען דאַן האָבען געווען די סיבה צוזשטערען זיינע אָריגינעלע פלענער, איז, וואַרשיינליך, געווען דאַס שאַפונג פון „משנה ברורה". ער האָט מיט זיינע געניאַלע כשרונות זיך צוערשט געווידמעט צו אַזעלכע שאַפונגען, ווייל פונקט ווי ער איז געווען אַ גאון אין צדקות איז ער אויך געווען אַ צדיק אין גאונות. און לויט זיין שטאַנדפונקט איז דער „משנה ברורה" געווען ניצליכער און וויכטיגער פאַר דער ברייטער אידיש־טראַדיציאָנעלער וועלט.

אַ איד איז לויט אונזערע חכמים מחויב צו לערנען אַלע טאָג אַ הלכה, כדי צו זיין באַקאַנט מיט די דינים און וויסען ווי אַזוי זיך צו פיהרען אין פראַקטישען לעבען. „ווי גליקליך", פלעגט דער חפץ חיים זאָגען, „דאַרף זיך אַ איד פיהלען מיט דעם וואָס אויפשטעהענדיג יעדען פריהמאָרגען האָט ער גרייט אַ פאַרטיגען שלחן ערוך, וועלכער לערענט איהם וואָס צו טאָן און ווי אַזוי זיך צו פיהרען דעם גאַנצען טאָג, וואָס און ווי אַזוי צו עסען, טרינקען, שלאָפען, האַנדלען און אַרבייטען א. אז. וו."

ווי אַזוי קען אָבער דער פּשוט'ער איד, וועלכער איז פאַריאָגט אַ גאַנצען טאָג אין זיין פּרנסה מקיים זיין דעם „השונה הלכות בכל יום"? צו לערנען דעם „קיצור שלחן ערוך" אדער „חיי אדם" איז דאָך ניט גענוג, ווייל אַלעס איז דאָך דאָרטען פאַרקירצט און ווייט פון צופרידענשטעלענד פאַר די וועלכע ווילען זיך באַקענען גענוי מיט יעדער הלכה, פאַרשטעהן דעם טעם און וויסען דעם מקור פון יעדער דין 1).

---

1) הלומד קיצור דינים סוף שישכח הכל — הגר"א, (משלי י"ד ד', כ"ג ה') ; זעה אויך „הקדמת הגאון מהור"י קאַרו (בעל כסף משנה) **בשם תשובת הרא"ש ; כל המורים** הוראות מתוך דברי רבנו משה בן מיימון ואינם בקיאים במשנה ובגמרא לדעת מהיכן הוציא דבריו, טועים להתיר האסור ולאסור המותר, כי כל הקורא בו סביר שהוא מבין בו, אבל אינו כן, שמי שאינו בקי במשנה ובגמרא ואינו מבין דבר לאשורו ולאמתו יכשל בדין ובהוראה".

מ'דערצעהלט, אַז הגאון ר' חיים וואלאזינער האָט זיך אַנטזאָגט צו געבען זיין הסכמה אויף צו דרוקען דעם ספר „חיי אדם" באַטאַנענדיג: „היות ווי דער ספר איז צוגענגליך פאַר אַלעמען קאָן ער פאַראורזאַכען אַן ערנידערונג פון כבוד התורה און איהרע טרעגער, ווייל קוקענדיג אין חיי אדם קאָנען זיך פּשוט'ע אידען איינרעדען, אַז זיי זיינען גאַנצע לומדים און אַז זיי ווייסען שוין זאָגאַר אַליין אַ דין צו פּסקנ'ען אָהן אַ שאלה פון אַ חכם, וועלכעס איז אָבער אומעגליך סאַידען מ'וויים און פאַרשטעהט די מקורים כללים און פּרטים פון יעדער הלכה (זעה „האסיף" תרמ"ח יצחק סובאלסקי)

ס׳געווען מרגלא בפומא פון ר׳ חיים וואָלאָזשינער — די וועלט זאָגט אַז „לערנען פוסקים אָהן גמרא איז אַזוי ווי פיש אָהן פעפער״ — און איך זאָג אַז עס איז אַזוי ווי פעפער אָהן פיש; מ׳קאָן עס אין מויל ניט נעמען.

עס איז דאָך באוואוסט די קריטיק פון ראב״ד און אַנדערע ראשונים געגען רמב״ם הלמאי אין זיין גרויסען ווערק, דעם „יד החזקה״ האָט ער פאַר־פעהלט צו געבען דעם טעם און יסוד פון יעדער הלכה און דעם קוואַל פון וואַנען ער נעהמט זיין יעדע אנטשיידונג. (זעה „השגת הראב״ד״ אויף דער הקדמת הרמב״ם). אַ זאַך וועלכע אינוידאַל די טולשה (דער חבר פון רבינו בן ראובן נסים), ר׳ יוסף קארו און אַנדערע האָבען הונדערטער יאָהרען שפּעטער משלים געווען מיט זייערע חבורים „מגיד משנה״, „כסף משנה״ און „מגדל עוז״. ווען דער זעלבער ר׳ יוסף קארו (דער בית יוסף) האָט זיין שלחן ערוך מחבר געווען האָט ער געמיינט, אַז יעדער למדן זאָל זיך פריער באַקאַנען מיט׳ן קוואַל פון יעדער הלכה, מיט׳ן „טור״ און זיינע מפרשים, וועלכע צייגען דעם מקור און סברא פון יעדען דין. „ווייל״ זאָגט דער חפץ חיים, „ס׳איז פשוט אומ־מעגליך צו פאַרשטעהן גענוי אַ דין כל זמן מען ווייסט ניט געגוי דעם טעם און מאָטיוו, און אויך וויסענדיג די טעמים איז אַמאָל אַן אונטערשייד אין פילע ענינים צווישען לכתחלה און בדיעבד, צווישען דאורייתא און דרבנן, ווען ס׳איז אַ ספק וכדומה. צו לערנען אַלעס און נאָכזוכען יעדען דין מיט זיין מקור ווי עס פאָדערט, איז דאָך ניט יעדערער פעהיג און אימשטאַנד. צו פאַר־שטעהן און וויסען, למשל, געגוי דעם סימן ל״ב וועגען די דינים ווי אזוי די תפילין דאַרפען געמאַכט זיין און די פרשיות געשריבען ווערען, דאַרף דויערען אַמווייניגסטענס עטליכע וואָכען. אויך זייט עס האָבען זיך פאַרמעהרט די מפרשים און באורים מיט די איינצעלנע ספרים, די פילע דעות און שאלות ותשובות, איז נאָך שווערער געוואָרען, זאָגאַר פאַר לומדים, צו לערנען קלאָר טעגליך א „הלכה ברורה״ למעשה. עס האָבען זיך אויך געביטען די צייטען. עס זיינען צוגעקומען אַזעלכע דרינגענדע ענינים, וועלכע פאָדערען א באַלייכ־טונג פון הלכה־שטאַנדפונקט״ (זעה הקדמה צום ספר „משנה ברורה״).

נעמענדיג די דאַזיגע און עהנליכע מאָטיווען אין אַנבעטראַכט האָט דער חפץ חיים נאָך אַלס יונגערמאַן געזוכט צו דערפילען דעם דאַזיגען חסרון אין דער אידיש־רעליגיעזער ליטעראַטור. האָט ער דעריבער אָנגעשריבען לדוגמא איין סימן „משנה ברורה״ און האָט זיך געווענדעט צום באוואוסטען גאון

וצדיק ר׳ חיים ליב סטאַוויסקער, 2) און אויך צו נאָך אַ גדול פון די דאַמאָלסדיגע באַריהמטע בעלי־הוראה, און זיי פאַרגעשלאָגען, אז זיי זאָלען זיך נעהמען צו שאַפען אזא סאָרט ווערק. ווען די גדולים האָבען דערזעהן זיין וואונדערבאַרען מוסטער, האָבען זיי איהם געענטפערט מיט׳ן באַקאַנטען תלמוד׳ישען ווערטעל: „קריינא דאיגרתא איהו להוי פרונקא" (ב"מ פ"ג), דאָס הייסט, אַז זיי זעהען ניט אַיין פאַרוואָס ער אליין זאָל עס ניט שאַפען.

דער חפץ חיים האָט דעריבער קיין אנדער ברירה ניט געהאַט און האָט זיך אַליין גענומען שאַפען זיין קאָלאָסאַלע ווערק. מיט זיין קלאָרען קאָפּ און שאַרפען מח, מיט זיין טיפע און גרינדליכע בקיאות און שכל הישר אַנאַליזירט ער יעדען דין, באַלייכט איהם פון אַלע זייטען און איז זיך מפלפל אין זיין אייגענאַרטיגען וועג ביז ער ברענגט ארויס דעם פסק געגוי און דייטליך. אָפטמאָל איז ער אליין דער מכריע צווישען די פאַרשידענע פוסקים הלכה למעשה.

דער מחבר האָט געזוכט ניט שווערער צו מאַכען פאַר׳ן אידען מיט חומרות. פאַרקערט, ווי ווייט מעגליך, זוכט ער א מקור אין די גרעניצען פון דער הלכה מקיל צו זיין, כדי יעדער איינער זאָל בעסער און לייכטער קענען מקיים זיין דעם שלחן ערוך. מען דאַרף מחמיר זיין, יאָ! אָבער דאָס איז נאָר פאַר זיך אליין, אָבער ניט פאַר יענעם.

אלס ביישפיל קען דינען דער פאָלגענדער פאַקט:

ווי באוואוסט, פלעגען אידען אין פוילען און ליטא, צוליב דער זעלטענ־הייט פון ווייַנטרויבען, זיך באַנוצען מיט ראָזשינקעס־וויין אויף קידוש און הבדלה. זאָגאַר זייער אימפּאָרטירטער טרויבען־וויין פלעגט זיין געשטעלט מיט

---

2) מיט ר׳ חיים ליב סטאַוויסקער (געבוירען י"א טבת תקצ"ו, נפטר געוואָרען כ"ח סיון תרנ"ח) איז דער חפץ חיים געווען אַ ידיד נפש. דער חפץ חיים פלעגט איהם פילע מאָל קומען באַזוכען און פאַרברייינגען מיט איהם אַ סאַך אין לערנען. צוליב ר׳ חיים ליב׳ן איז דער חפץ חיים אַמאָל געקומען פאַר אַ לייַנגערע צייט צו לערנען תורה בפרישות אין סטאַוויסק. געגענזייטיג איז געווען די גייסטיגע השפעה וועלכע זיי האָבען מקבל געווען איינער פון אַנדערען.

ר׳ חיים ארי׳ ליב מישקאָווסקי האָט בזמנו גע׳שם׳ט אַלס איינער פון די יחידי סגולה צווישען די גדולי הדור. ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ באַרימטער בעל הוראה. ער איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכער צדיק. זיין פערזענליכע הנהגה (טראָץ זיין אהבה און חסד מיט אַנדערע) איז געווען זעהר שטרייַנג לויט׳ן שלחן ערוך און האָט אימער מדקדק געווען יוצא זיין אַלע דעות און חומרות. ער האָט אין יאָהר תרנ"ג צוזאַמען מיט הצדיק ר׳ אליעזר שולאָוויץ געגרינדעט די באַרימטע לאָמזער ישיבה.

וואַסער (יין מזוג). לויט'ן פסק פון „משנה ברורה" (סימן רע"ב) קומט אויס, אז כל זמן עס אַנטהאַלט ריינעם ווין עפּעס מעהר ווי א זעקסט־חלק, מעג מען שוין על פי דין מאַכען די ברכה „בורא פּרי הגפן".

ווען דער גאון ר' חיים ליב סטאַוויסקער האָט דערזעהן דעם פּסק, האָט ער גלייך אָנגעשריבען אַ תשובה און עס אָוועקגעשיקט צו אונזער מחבר. (זעה ספר „פּני האריה החי", סימן ל"ח). לויט זיין מיינונג קומט אויס, אז מען דאַרף מחמיר זיין, אַז כל זמן עס איז ניטאָ מעהר ווין ווי וואַסער זאָל מען אויף דעם קיין קידוש ניט מאַכען און זאָגען די ברכה „בורא פּרי הגפן".

האָט זיך דער חפץ חיים ניט געפוילט און איז אַליין אריבערגעפאָהרען קיין סטאַוויסק, כדי צו אַרגומענטירען דעם דין מיט'ן אָרטיגען גדול. ר' חיים ליב האָט זיך אָבער דורכאויס געהאַלטען ביי זיין מיינונג, אז ווען עס קומט מקיים צו זיין א דין דאַרף מען זוכען דעם זיכערען וועג, כדי יוצא צו זיין אַלע דעות. האָט זיך צום סוף דער חפץ חיים אָנגערופען:

„ניט יעדער איד איז אָבער סטאַוויסקער רב, וועלכער נעהמט, ב"ה, 25 רובעל א וואָך שכירות און קאָן באַהויפּטען צו האָבען גוטען ווין פאַר קידוש! וואָס זאָל אָבער טאָן אן אָרימער איד, וועלכער וויל אויך מאַכען קידוש איבער ווין, כדי מקיים צו זיין דעם זכרהו על היין?"

פאַר זיך אַליין אָבער האָט ער קיינמאָל ניט קיין קולות ניט געמאַכט, נאָר פּלעגט מחמיר זיין אין זיין פּערזענליכער הנהגה, כדי יוצא צו זיין דעם קלענסטען חשש אָדער מינדסטען ספק.

עס איז, למשל, א דינא דגמרא, וואָס ווערט באַטאָנט אין שלחן ערוך, אַז פרייטאָג־צו־נאַכט טאָר מען ניט לערנען איינער אַליין פאַר אַ ליכט (שמא יטה), ווייל זייענדיג פאַרטראַכט אין לערנען קען מען זיך אַמאָל פאַרגעסען און אויס־ציהען די האַנט צו פאַרריכטען די ליכט אויב זי וועט ניט ברענען גוט. פיהרט אויס דער „משנה ברורה" (הלכות שבת, סימן רע"ה), אַז פאַר אונזערע ליכט, וועלכע זיינען געמאַכט פון סטארין (פּאַראַפין) מעג מען מקיל זיין און לערנען, ווייל זיי ברענען אַלע מאָל גוט און מען דאַרף זיי ניט פאַרריכטען אזוי ווי די ליכט, וועלכע מ'פלעגט מאַכען אַמאָל אין זייערע דורות.

דערצעהלט דער גאון, ר' אבא יעקב הכהן ברוכוב, זצ"ל (וואַלקאַווישקער רב, נפטר געוואָרען אין ירושלים), ווען ער איז אַלס יונגערמאַן געווען רב אין מייסעגאַלע, ווילנער גובערניע, האָט ער זיך איינמאָל נאָך קבלת שבת דער־וואוסט, אז דער חפץ חיים איז געבליבען אין שטעטעל פאַר שבת. איז ער

פרייטאָג־צו־נאַכט, נאָכ'ן עסען, געגאַנגען איהם וויזיטען אויף זיין אכסניה. האָט ער איהם געפונען איינעם אליין אין זיין חדר זיצענדיג פאַר דער שיין פון אַ ליכט, פאַרבונדען זיינע הענט מיט אַ האַנדטוך און פאַרטיפט איבער אַ גמרא. דער לעזער וועט פאַרשטעהן, אז דער צדיק האָט בכיוון פאַרבונדען זיינע הענט, כדי ניט עובר צו זיין אויף דער אויבענדערמאָנטער גזירה פון די חכמי התלמוד, כאָטש פאַר אַנדערע האָט ער מקיל געווען.

ווי באוואוסט ענטהאַלט דער „אורח חיים" די דינים, וועלכע רעגולירען דאָס טאָג־טעגליכע לעבען פון יעדען אידען. דאגעגען באַשטעהען די אַנדערע דריי טיילען פון שלחן ערוך ווי „חושן משפט", „אבן העזר" און „יורה דעה" פון אַזעלכע דינים, וועלכע ווערען הויפטזעכליך שטודירט פון רבנים און גרעסערע תלמידי חכמים. היות דער חפץ חיים האָט זיין „משנה ברורה" פאַר־פאַסט בלויז אויפ'ן שלחן ערוך „אורח חיים" האָבען פילע לומדים געמאָנט פון איהם, אז ער זאָל פאַרזעצען זיינע שאַפונגען אויך אויף די איבריגע חלקים פון שלחן ערוך. האָט דער חפץ חיים געענטפערט: „אַנדערע דאַרפען עס טאָן, ווי קום איך, איך בין ניט מחויב!" 3)

האַלטענדיג זיך פאַר א פשוט'ען אידען האָט ער בכלל ניט געזוכט צו מאַכען ספרים פאַר לומדים, וועלכע קאָנען דאָך אליין אלעס לערנען פון מקור. ער האָט זיך הויפטזעכליך קאָנצענטרירט צו באַרייכערען דעם גייסטיגען באָדען פון די פשוט'ע אידען. אויסגעלאָזען האָט זיך אָבער אַנדערש.

באַהויפטעט דער גאון הרב א. י. קוק זצ"ל: „ווען דער חפץ חיים האָט איינ־געזעהן, אז טראָצדעם וואָס דער שלחן ערוך איז שוין באארבייט געוואָרען פון די גדולי המפרשים, נויטיגט ער זיך נאָך, אין זיינע גרעסטע טיילען און מעהר־סטע פרטים, אין קלאָרקייט און הכרעה, האָט ער מחבר געווען דעם ספר „משנה ברורה ובאור הלכה". דער דאָזיגער ספר איז זייט דאַן פאַראייביגט

---

3) זיינע תשובות צו די וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו איהם הלמאי ער פאַרזעצט ניט מחבר צו זיין אַ „משנה ברורה" אויף די איבעריגע טיילען פון „שלחן ערוך" זיינען געווען פאַרשיעדען: בנוגע די דינים פון „חושן משפט" איז ניט מעגליך מסדר צו זיין אַ הלכה ברורה באַזירט אויף די דעות פון רוב הפוסקים, ווייל כידוע קאָן דער מוחזק זאָגען „קים לי, כמיעוט פוסקים" לכן איז עס תלוי אין דיין מכריע זיין... בנוגע דעם „שלחן ערוך יורה דעה" און „אבן העזר" האָט ער אַמאָל באַמערקט בדרך הלצה: „טאָ, וואָס וועלען טהאָן די רבנים? איך בין ניט כדאי צו מאַכען די גאַנצע וועלט רבנים!" אויף אן עהנליכע פראַגע האָט ער אין יאהר תרפ"ג צום לאָמזער ראש ישיבה הגאון ר' יחיאל מרדכי גאָרדאָן באַמערקט: „גיט מיר נאָך דרייסיג יאהר לעבען וועל איך עס טהאָן". דער „משנה ברורה" אויפ'ן „אורח חיים" האָט איהם טאַקע כמעט אַזוי פיל יאָה־רען גענומען.

געווארען אלס פונדאמענטאלער „ספר פוסק", וואס הלכה כמותו בכל מקום". („ההד", תשרי, תרצ"ד).

עס איז אינטערעסאנט ווי אזוי די דאמאלסדיגע גאוני הדור אין זייערע הסכמות האבען דעם „משנה ברורה" באטראכט.

דער גרויסער גאון, ר' יצחק אלחנן, ערקלעהרט: „שוין פון לאנג איז דער מחבר באקאנט מיט זיין גוואלדיגער געלעהרזאמקייט און צדקות, וועלכער איז מכוון בלויז מזכה צו זיין דעם רבים".

די גאונים ר' יוסף ור' שלמה הכהן, די רבנים פון ווילנא, באוואונדערען דעם חבור, אין וועלכען עס שטעקט גרויסע און טיפע חכמה. דער גרויסער בעל הוראה, ר' שלמה זנוויל מו"ץ פון ווארשא באוואונדערט דעם חבור, וועלכער באלייכט פילע ענינים פאר די רוב חכמי הזמן און איז א גרויסע תועלת זאגאר צו די גרויסע רבנים. דער גאון ר' בן ציון פון קאלווארי' אין זיין הסכמה, געשריבען אין יאהר תר"מ, דערצעהלט מיט באגייסטערונג, אז ער האט גרינדליך דורכגעשטודירט אלע הלכות אין חבור, ווייל ער האט געהאט די גרויסע זכיה, אז דער מחבר זאל איינשטעהן ביי איהם אלס גאסט. ער ווערט אויסערגעוועהנליך נתפעל פון אזא פראקטפולען ווערק. ווען ער וואלט עס מיט זיינע אייגענע אויגען ניט געזעהן, וואלט ער זיך ניט געגלויבט, ווייל ער האט נאך אזא וואונדערבארען חבור הלכה אויפ'ן שלחן ערוך ניט געזעהן, און שילדערט דעם מחבר אלס לויטערע און הייליגע פערזענליכקייט: „ארי שבחבורה, גבור במלחמתה של תורה, עושה מלאכה במים רבים, וצולל במים אדירים, בקי בש"ס ופוסקים, ומעמיק נפלא ביושר העיון לברר שמעתא אליבא דהלכתא, ומשמיא קא זכו להאי גברא לחבר חבור נפלא כמוהו".

ר' בן ציון פלעגט דערצעהלען אז די גאנצע אכט טעג וואס דער חפץ חיים איז דאמאלט ביי איהם אלס אורח געווען האט ער זיך מיט איהם געאמפערט ניט דערלאזענדיג פאר קיין פאל אז ער (ר' בן ציון) זאל אויף איהם אין דער הסכמה שרייבען הרב הגאון נור בלויז הרב הג'.

עס איז בעזונדערס אינטערעסאנט די גוואלדיגע הסכמה פונ'ם דאמאלטדיגען אלטען גאון, ר' מרדכי קלאצקי, וועלכער דערצעהלט, אגב, אז ער האט עס געהאלפען ווירקען אויפ'ן מחבר, אז ער זאל לאזען זיין נאמען דערמאנט ווערען אויף זיינע ספרים, ווייל אזוי פאדערט דער כבוד התורה און כבוד תלמידי חכמים, ביי וועמען קיין „גילוי" איז קיין פסול ניט.

אן אינצידענט, וועלכער איז צו איהם פערזענליך באקאנט מיט אַלע איינ־צעלהייטען האָט דעם שרייבער פון די דאָזיגע שורות דערצעהלט דער לאָמזער ראש הישיבה, הגאון ר׳ יחיאל מרדכי גארדאן.

ווען דער „משנה ברורה" אויף הלכות שבת איז נאָר וואָס ערשינען האָט אַ גרויסער גדול דאָרט באַמערקט אַ פסק הלכה, געגען וועלכער ער האָט געפונען אַן אָפענע סתירה אין תלמוד ירושלמי. איז ער ספּעציעל געפאָהרען קיין ראדין, כדי פערזענליך אויפמערקזאַם צו מאַכען דעם חפץ חיים וועגען דעם. צוליב פאַרשטענדליכע טעמים האָט דער חפץ חיים לכתחילה אויסגעמידען זיך אריינצולאָזען מיט׳ן גדול אין פלפולים און האָט מיט אַ האַלב מויל געזוכט איהם כלומר׳שט מדחה צו זיין. דאָס האָט איהם נאָך מעהר צוהיצט און ער האָט זיך נאָך מעהר געהאַלטען ביי זיין קשיא. האָט איהם דער חפץ חיים געזאָגט: „ווען איהר זאָגט עס מיר פריהער! איצט איז דאָך שוין אָבער פאַרפאַלען. דער ספר איז דאָך שוין אַן אָפּגעדרוקטער!" ווערט דער גדול נאָך מעהר צוקאָכט: וואָס הייסט ס׳איז שוין אָפּגעדרוקט? דאַרפט איהר פאָהרען קיין וואַרשא, זיך לאָזען קאָסטען געלט און צושטערען די מאַטריצען און אַלעס איבערזעצען פונדאָסניי, כדי מתקן צו זיין אַזאַ גרויסען טעות!"

ווען דער חפץ חיים האָט דערפיהלט, אז דער ענין ווערט שוין ערנסט, האָט ער שוין מעהר ניט געקענט זיך באַהערשען, נאָר רוהיג באַמערקט צום אורח:

„איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, לכתחילה איז טאַקע געשטאַנען אַנדערש, טאַקע אַזוי ווי איהר לערענט פשט אין ירושלמי, נאָכדעם, ווי דער קונטרס איז שוין געווען אָפּגעדרוקט, האָב איך זיך ארומגעזעהן, אז עס איז ניט ריכטיג. בין איך געפאָהרען קיין ווארשא, זיך געלאָזט קאָסטען געלט און צובראָכען דעם דרוק און איבערגעמאַכט אזוי ווי עס איז איצט"...

דאָס דערהערט, איז דער גדול טיף געריהרט געוואָרען און מיט יראת הכבוד זיך געבויגען פאַר׳ן גרויסען פוסק פון דור.

אין אַ בריף, דאַטירט ד׳ בשלח, שנת תרמ"ג, האָט דער מחבר געשריבען צו זיינעם אַ חבר און פריינד, ר׳ חיים ליב הכהן אין טיקטין, טיילוויין אַזוי:

„איך שיק אייך בייגעלייגט א קאָרעקטור פון עטליכע בלעטלעך פון מיינעם א חבור, וועלכען איך האַלט איצט ביים דרוקען אויפ׳ן שלחן ערוך „אורח חיים"... לעת עתה וועט דער חבור געדרוקט ווערען ביז סימן קכ"ח הלכות נשיאת כפים. (איך האָב נאָך פארלויפיג מעהר ניט מסדר געווען.) איך האָב

ב״ה, אויף איהם געקראָגען הסכמות פון די זקני הדור, און, א דאנק דעם חסד פון השי״ת, האָט ער מוצא חן געווען ביי אַלעמען.

„ידידי ר׳ חיים ליב, אויב איהר זייט אימשטאַנד פאר מיר צונויפצוזאַמלען אַביסעל פרענומעראַנטען, וואָלט עס געווען א גרויסע טובה און מצוה. קיין געלט וויל איך ניט איהר זאָלט נעהמען פאראויס ביז השי״ת וועט העלפען און דער ספר וועט אָפּגעדרוקט ווערען (עס וועט, מסתמא, דויערען ביז נאָך שבועות), און איך וועל זיי דעמאָלט שיקען דעם חבור וועלען זיי באצאהלען. אזוי האָב איך אויך געטאָהן מיט׳ן ספר „חפץ חיים״ זאַמלענדיג איבער טויזענד פרענומעראַנטען האָב איך ניט גענומען קיין געלד פאראויס.

„זאָל כת״ר ניט זאָגען, אויב אָהן געלט, טאָ צו וואָס דאַרף איך איצט פרענומעראַנטען, ווען איך וועל קומען מיט׳ן ספר וועט מען איהם זיכער קויפען פון מיר! ניין, מיין טייערער פריינד, איך האָב דאָך קיין צייט ניט אליין ארומ־צופאָהרען אין אלע ערטער. איך האָב אַ סך טרדות פון מיין שטאָט, און צוליעב נאָך טעמים״. . .

אַלזאָ, אין זומער פון יאָהר תרמ״ג איז ערשינען דער ערשטער פון די זעקס חלקים „משנה ברורה״, איז דער מחבר אליין ארומגעפאָהרען פארקויפען דעם חבור, און, ווי זיין מנהג איז געווען, פלעגט ער אויך האַלטען א דרשה.

זייענדיג אין א שטאָט האָט ער איינמאָל באַמערקט א מודעה אויפ׳ן טיר פון אָרטיגען בית המדרש, אז דער מחבר פון די ספרים „חפץ חיים און „משנה ברורה״ אויפ׳ן „אורח חיים״ וועט האַלטען א דרשה. האָט ר׳ ישראל מאיר גלייך אויפ׳ן אָרט ארויסגענומען א בליישטיפט און צוגעשריבען אויף דער מודעה די דאָזיקע ווערטער:

„לעת עתה נאָר איין חלק „משנה ברורה״, ביז סימן קכ״ח, די איבריגע וועלען איה״ש, שפּעטער ערשיינען״.

דאָס האָט ער געוואָלט באַוואָרענען מען זאָל ניט מאַכען קיין טעות, אז ער האָט שוין פארפאסט א חבור אויפ׳ן גאַנצען שלחן ערוך „אורח חיים״ און איהם געבען קרעדיט דערפאר. אזוי ווי דער ירושלמי זאָגט: „דער וואָס איז ניט קלאָר מעהר ווי איין מסכת און די וועלכע ווייסען ניט גיבען איהם אָפּ כבוד אזוי ווי ער וואָלט געווען קלאָר מעהר, איז מחויב צו ערקלעהרען, אז ער ווייס ניט מעהר ווי איינע״, (ירושלמי שביעית פי׳ ה״ג).

הרב ר׳ הירש לעווינסאָן זצ״ל, איידים פון חפץ חיים



הרבנית שרה׳לע, טאָכטער פון חפץ חיים און פרוי פון ר׳ הירש׳ן
„מוטער פון דער ישיבה״

כו.

זיין איידעם ר׳ הירש

ווענען תנא יוסי בן קסמא ווערט דערצעהלט אין פרקי אבות, אז זייענדיג אַמאָל אונטערוועגענס האָט איהם באַגעגענט א רייכער מאַן און איהם פאָרגע־שלאָגען א גרויס פאַרמעגען אויב ער וועט איינשטימען צו געהן מיט איהם וואוינען אין זיין אָרט. האָט איהם רבי יוסי געזאָגט, אַז אויב מען זאָל איהם אַפילו געבען דעם גרעסטען פאַרמעגען אין דער וועלט, וועט ער ניט פאַרלאָזען זיין שטאָדט וואָס איז א מקום תורה מיט א סך חכמים און געלערנטע.

איז דאָך אייגענטליך א פראַגע, האָבענדיג אזוי פיעל געלד האָט דאָך רבי יוסי געקענט אַליין שאַפען אַ גרויסע ישיבה און מאַכען די שטאָדט פאר אַ מקום תורה?

פלעגט אויף דעם דער חפץ חיים ענטפערען אומגעפעהר אזוי: ניט יעדער פלאַץ איז פּאַסיג און מסוגל צו ווערען א מקום תורה און אַז זאָגאַר אזא גרויסער ראש ישיבה ווי דער תנא רבי יוסי האָט ביי זיך ניט געקענט זיין זיכער אז זיינע אָנשטרענגונגען וואָלטען געבראַכט די געווינשטע רעזולטאַטען.

דריי הויפט באַדינגונגען זיינען לויט׳ן חפץ חיים׳ס אויפפאַסונג נויטיג צו קענען שאַפען און אויפהאַלטען א גרויסע ישיבה וועלכע איז א פּאָלקס און תורה צענטער באַזירט אין גאַנצען על טהרת הקודש: 1) אָרט, אָדער סביבה, 2) נויטיגע מאַטעריעלע מיטלען, אזוי ווי עס שטעהט „אם אין קמח אין תורה״; 3) איין אַנערקענטער גדול בתורה און מוסטערהאַפטער בעל מדות אלס עומד בראש.

ווען דער ווילנער גאון האָט בעאויפטראָגט זיין גרעסטען און חשוב׳סטען תלמיד, ר׳ חיים, צו גרינדען זיין באַריהמטע ישיבה אין וואָלאָזשין1) איז דער

1) לויט ווי הגאון ר׳ חיים וואלאזשינער שרייבט אין זיין בריוו אָדער אויפרוף פון יום א׳ עשי״ת תקס״ג איז צו איהם די התעוררות מיסד צו זיין די ישיבה געקומען פון די דאַמאָלסדיגע גדולי הדור „וזה ימים רבים שהאנשים הגדולים ביראת השם אשר בפלך הלז שמו פניהם עלי להיות מהמעוררים לדבר מצוה זו... ולא רציתי לעבור על דברי חברי המפצירים בזה״... די טראַדיציע איז אָבער אַז ער האָט עס געטהאָן אויפ׳ן פאַרלאַנג פון זיין רבי׳ן דעם גאון.

אויסוואהל ניט געווען קיין צופאַל. עס איז געווען אַ נאַטירליכע פאַרזעצונג פון אַן אַלטער טראַדיציע. עס איז דאָך א היסטאָרישער פאַקט אז אין אַלע דורות זיינען אין דער שפּיץ פון די גרויסע ישיבות געשטאַנען די געהעריגע גדולים פון דור.

יעדע ישיבה האָט דורכגעמאַכט א שטופּענווייזע ענטוויקלונג ביז וואַנען זי האָט דערגרייכט א גלאַררייכע פראַמינענץ. ווען דער גרויסער ר׳ חיים האָט דאַמאָלט געגרינדעט זיין ישיבה אין וואָלאָזשין, איז די ערשטע יאָהרען די צאָהל פון די תלמידים געווען קליין. אַלס פאַרמעגליכער סוחר האָט ר׳ חיים פון זיין אייגענער קעשענע זי אויסגעהאַלטען. ערשט ווען די צאָהל האָט זיך פאַרגרעסערט, האָט ער אָנגעפאַנגען צו שיקען משולחים אין די ארומיגע שטעט און ישובים, כדי צו שאַפען די נויטיגע שטיצע.

אין אַן אַנדער לאַגע איז אָבער געווען דער חפץ חיים ווען ער האָט מיט זעקס־און־זעכציג יאָהר שפּעטער געגרינדעט זיין ישיבה אין ראַדין. זייענדיג אליין זעהר ארים, האָט ער געמוזט אָנקומען נאָך שטיצע פאַר זיינע תלמידים צו די אָרטיגע בעלי בתים, וועלכע זיינען געווען קליין אין צאָהל און אָרים אין מאַטעריעלע מיטלען. זעהר שווער איז איהם דאַריבער אָנגעקומען צו בעז־זאָרגען אַלעמען מיט עסען און אַנדערע נויטווענדיגקייטען. אַז דער אָרט איז פּאַסיג פאר א מקום תורה האָט ער איינגעזעהן גלייך פון אָנפאַנג. עס האָבען אָבער געפעהלט די אַנדערע באַדינגונגען. ער אַליין, זייענדיג כסדר פאַרנומען מיט׳ן שרייבען, דרוקען און פאַהרען פאַרקויפען זיינע ספרים, איז טראָץ זיין איבערנאַטירליכע ענערגיע, דאָך ניט אימשטאַנד געווען צו טראָגען אויף זיך די גאַנצע לאַסט פון פאַראַנטוואָרטליכקייט. ניט ווייניגער צער פלעגט עס איהם פאַרשאַפען ווען ער איז צוליעב מאַנגעל פון מאַטעריעלע מיטלען געצוואונגען געווען אוועקצושיקען תלמידים וועלכע זיינען געקומען פון ווייט צו לערנען אין זיין ישיבה. ער פלעגט זיי בעזאָרגען מיט הוצאות און זיי שיקען אין אַנדע־רע שטעדט אַרום וואו זיי וועלען זיין זיכער צו האָבען וואָס צו עסען. וועהרענד אויף זיין שטעטעל האָט ער ניט געקענט אַרויפצווינגען צו שטיצען מעהר ווי־עטליכע צענדליג פּרושים. אָט וואָס דער חפץ חיים אַליין דערציילט אין זיינעם אַ בריעף געשריבען צו זיין יוגענד־פריינד ר׳ חיים לייב פון טיקטין, דאַטירט ד׳ בהעלותך שנת תרמ״ב: „כי עירנו היא בעז״ה מקום תורה והכל רצין אחריה אף שהיא מצער מאד. ונדחקו עליה כך שבה עתה בס״ה לערך 20 פּרושים שים והיה לי מזה צער גדול מאד, כי מי שבא אצלינו רצוני לקרבו לתורה... אך

מה הייתי יכול לעשות כי בא באמצע הקיץ—וע״כ טכסנו עצה וניתן לו מכתב לעיר קטנה סמוכה אליה והיא וואראנאָווע להמחזיק דשם שיראה לקבוע לו ימי ארוחותיו כי שם יש לע״ע מעט פרושים. וגם אני נתתי לו חמשה זהובים על הוצאותיו...״ שפּעטער אין יאָהר תרמ״ה, דערצעהלט ער אין אַן אַנדער בריעף אַז ס׳זיינען אין דער ישיבה דאָ ביי פינף־און־צוואַנציג פּרושים.

קורץ, עס האָט געפּעהלט דער פּאַסיגער פּערזאָן וועלכער זאָל ווידמען זיין ענערגיע און אָפּפערווילינקייט צו מאַכען דעם וואוקס און ענטוויקלונג פון דער ישיבה זיין לעבענס־אידעאַל און זאָל ארבייטען האַנד אין האַנד מיט׳ן חפץ חיים צו באַזאָרגען די תלמידים גייסטיג און מאַטעריעל, מיט קמח און תורה.

אַזאַ ליכטיגען שטערען האָט דער חפץ חיים באַמערקט אין יאָהר תרמ״ג — צווישען זיינע תלמידים — אין דער פּערזאָן פון צוואַנציג יאָהריגען וואָלאָזשינער פּרוש. מיט׳ן נאָמען הירש, וועלכער איז דאַן אָנגעקומען לערנען אין ראַדין.

נאָך זייענדיג אין וואָלאָזשין האָט שוין דער יונגער ר׳ הירש גע׳שם׳ט מיט זיינע עלוי׳שע כשרונות און זעלטענע מדות, זיין גוטסקייט און איידעלקייט איז געווען אויסערגעוויינליך. דערצעהלען זיינע דאַמאָלסדיגע חברים אין ראַדין, אַז שטילערהייד פלעגט דער וואָלאָזשינער אָפטמאָל אָוועקגעבען זיין פּאָרציע עסען און העמדער צו שוואַכע און אָרימע חברים, און אַליין ליידען נויט. דער חפץ חיים האָט גלייך דערקענט וואָס פאַר אַן אוצר פון תורה און יראת שמים דער וואָלאָזשינער פּרוש איז. צווישען אַלע תלמידים האָט ער איהם אויסגעקליבען כדי מיט איהם בחברותא דורך צו טאָהן געוויסע ענינים פון הלכה בעת ער האָט געשריבען זיין ספר „משנה ברורה״. לערנענדיג מיט איהם צוזאַמען איז ער נאָך מעהר נתפעל געוואָרען פון זיינע גאונ׳ישע קוואַליפיקאַציעס און פעהיגקייטען. ער האָט שוין דאריבער זיין אויג פון איהם ניט אראָפּגענומען מיט דער האָפנונג שפּעטער איהם צו נעהמען אַלס מאַן פאַר זיין טאָכטער שרה׳לע.

דערוויסענדיג זיך אַז אין ראַדינער ישיבה געפינט זיך אַזאַ גדול האָט דער אראַנער רב געבעטען ר׳ זכרי׳ מענדל׳ען, דעם רב פון ראַדין, אַז ער זאָל פּאָר־לייגען פאַר׳ן וואָלאָזשינער א שידוך מיט זיין טאָכטער, א בת יחידה, מיט דער פאַרזיכערונג איהם אויך איבערצוגעבען די רבנות פון זיין שטאָט. דאָס איז דאַמאָלס באַטראַכט געוואָרען אלס גרויסער גליק־שידוך. אזוי ווי דער חפץ

חיים איז גראָד דאַן געווען פאַררייזט, האָט זיך ר׳ הירש צוריקגעהאַלטען פון צו געבען א תשובה איידער ער וועט האָבען אַ געלעגענהייט זיך מיישב צו זיין מיט׳ן רבי׳ן.

ווען דער חפץ חיים איז צוריק אהיים געקומען און האָט ניט וויסענדיג פון קיין זאַך פאַר ר׳ הירש׳ן מציע געווען דעם שידוך מיט זיין טאָכטער שרה׳לע, וועלכע איז שוין דאַן געווען באַקאַנט מיט איהרע אויסגעצייכענטע מדות, און איהם פאַרזיכערט אַז ער וועט איהם געבען קעסט און באַזאָרגען אַז עס זאָל איהם גאָר ניט פעהלען.

די חתונה איז פאָרגעקומען אין חודש חשון פון יאָהר תרמ״ה, אויסערן שטעטעל ראַדין, אין דאָרף דובינע, צווישען די שטעט וואראנאווע און דוויעני־שאַק אין ווילנער גובערניע.

דאָס איז באמת געווען א צוגעפּאַסטער זיווג, ווייל שרה׳לע איז ווירקליך אויסגעוואַקסען א צדקנית אויפ׳ן חפץ חיים׳ס דרך. דער שרייבער האָט אַמאָל געהערט א גדול באַמערקען: „זעהענדיג שרה׳לען דאַווענען שמונה עשרה קען מען פאַרשטעהן וואָס ס׳מיינט דאַווענען תפלה בכונה״.

אין דער אנדערער זייט, צוזעהענדיג די עבודת השם פון ר׳ הירש׳ן, האָט מען געהאַט אַ באַגריף וועגען די באַדייטונג פון דינען השי״ת „בכל לבבך ובכל נפשך אפילו נוטל את נפשך״. זיין לערנען און דאַווענען איז געווען מיט אַזאַ ברען ממש עד כלות הנפש.

אָט וואָס דער חפץ חיים אליין דערצעהלט אין זיינעם א כתב יד: „אבוואָהל איך בין געווען פאַרנומען מיט מיינע חבורים, האָב איך דאָך מיין אויג ניט אָבגעווענדעט פון דער ישיבה איהר אויפצוהאַלטען, איר צו פאַר־גרעסערען און אַכטונג געבען אויף איהר אין אַלע הינזיכטען. אזוי האָט זיך עס געפיהרט ביז׳ן יאָהר תרמ״ג ווען דער אויבערשטער האָט מיך באַגליקט צו פערהייראַטען מיין טאָכטער לאיש שהוא גאון בתורה וצדיק במעשים מוהר״ר צבי לעווינסאָן, וועלכער האָט דאַן געלערנט אין אונזער ישיבה. ווען ער איז אָנגעקומען צו מיר אין הויז האָט זיך די ישיבה בעזרת השם מעהר פאַרשטאַרקט, ווייל מיר האָבען זיך צוזאַמען באַמיהט איהר אויפצוהאַל־טען. מיין איידעם, ז״ל האָט זיין לעבען אוועקגעגעבען פאַר׳ן קיום פון דער ישיבה ביז די לעצטע טעג פאַר זיין פטירה אין יאָהר תרפ״א״.

מיט׳ן אָנקומען פון ר׳ הירש׳ן איז די ישיבה שנעל געוואַקסען אין כמות און אין איכות. דער חפץ חיים האָט אין זיינע הענד איבערגעגעבען די פּראַק־

טישע פיהרערשאַפט אין דער ישיבה ווי די ערציהעריש־גייסטיגע אזוי אויך די עקאָנאָמיש ווירטשאַפטלכע. ער האָט פאַר דער ישיבה מקריב געווען זיין גאַנצען וועזען, זיין גוף צוזאַמען מיט זיינע געניאַלע פעהיגקייטען. א היבשע צייט איז ער אַליין געווען דער ראש ישיבה, זאָגענדיג שעורים און חידושי תורה, וועמענס טיפעקייט און שאַרפקייט די בחורים פלעגען בעוואונדערען און באַגייסטערטע פלעגען זיי זיך אַנשטרייגגען משיג צו זיין יעדען וואָרט. זיינע וואַרעמע און האַרציגע דברי מוסר, זיין פלאַם־פייערדיגע עבודת השם האָבען צו זיינע נאָכפאָלגער געבראַכט התלהבות און זיי דערהויבען צו העכערע מדרגות. ער איז געווען דער אינטימסטער און נאָהענטסטער פריינד פון זיין גרויסען שווער. ער האָט איהם פיעל געהאָלפען אין דער פאַרפאַסונג פון זיינע חבורים. אָבער זיין ענערגיע, זיין האַרץ און נשמה האָט ער אַריינגעטהאָן אין דער ישיבה איבער וועלכער ער האָט, ווי אַ געטרייער פאָטער געוואַכט און איהר געפלעגט אין חומר און אין רוח.

עס איז דאריבער קיין וואונדער ניט אז אין זיין שבח והודיה וואָס דער חפץ חיים פלעגט אלע נאָכט געבען דעם רבונו של עולם האָט ער אויך אריינגערעכענט דאָס וואָס ער האָט איהם געשאָנקען ר׳ הירש׳ן צווישען די הויפט חסדים פון השי״ת.

קיינער האָט ווירקליך אזוי גרינדליך ניט פארשטאַנען דעם חפץ חיים ווי ר׳ הירש. ער האָט אין זיין יעדעס וואָרט דערהערט טיפעקייט און גרויסקייט. ער פלעגט דאריבער טאַקע אין זיינע שמועסן מזהיר זיין די בני הישיבה ניט צו פאַרפעהלען דעם חפץ חיים׳ס ווערטער, אויב אפילו מען פיהלט ניט גלייך זייער ערנסטקייט און וויכטיגקייט, קענען זיי אַמאָל האָבען אַ ווערדע אין דער צוקונפט. אַלס אילוסטראַציע פלעגט ער דערצעהלען וואָס אַ בעקאַנטער וואַרשאווער סוחר האָט איהם אַמאָל דערצעהלט.

איינמאָל, קומענדיג קיין פעטערבורג, האָט איהם אין גאַס, אונערוואַרטעט, דערקענט א באריהמטער פראָפעסאָר וועלכער האָט פארנומען א פראָמינענטען אָרט צווישען די רוסישע געלערענטע, טראָץ זיין אידישקייט. ווען דער סוחר האָט אויסגעדריקט זיין איבערראַשונג ווי אזוי ס׳איז איהם, א אידען, געלונגען צו דערגרייכען אַזאַ קאַריערע, האָט ער איהם דערצעהלט אז אין דער ברענענדיגער תקופה פון דער השכלה האָט ער איינמאָל אין ווילנע, אריינקומענדיג אין א שוהל צופעליג געהערט א קליינעם אידעלע רעדען פאַר׳ן עולם צווישען מנחה און מעריב. לכתחילה האָט ער ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט

צו זיינע רייד, אָבער שפּעטער האָט ער זיך צוגעהערט אַלץ מעהר און מעהר צו זיינע ווערטער. ווערענדיג אריינגעצויגען ביי דער השכלה איז ער נאָכהער אַוועקגעפאָהרען שטודירען און אַן אַלעס פאַרגעסען. אין זיין שטודיום איז ער געשטיגען וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער. ווען ער האָט דערגרייכט אַ געוויסע שטופע און איז שוין געווען גאָר נאָהענט צו זיין ענד־ציעל, האָט מען איהם געגעבען צו פאַרשטעהן אז אַלס איד קען ער ניט געהן ווייטער. ער איז דאריבער געשטעלט געוואָרען פאַר'ן נסיון זיך צו שמד'ען. אזוי ווי אי־דישקייט האָט ער שוין לאַנג געהאַט פון זיך אַראָפּגעוואָרפען, איז פאַר איהם געווען א לייכטע זאַך זיך צו לאָזען באַשפריצען מיט טויף־וואַסער כדי צו דער־גרייכען דעם תכלית פון זיין שטרעבונג. פּלוצלונג זיינען אָבער ארויפגעשוואו־מען אויף זיין געדאנק די ווערטער וואָס ער האָט אַמאָל געהערט פון אָט יענעם קליינעם אידעלע אין קלויז אין ווילנע. ווי א איד דאַרף האָבען מסירת נפש און זיך גובר זיין איבער נסיונות וועלכע ווילען איהם פאַרפיהרען אין א זומפּ, א. ז. וו. וואָס מעהר ער האָט זיך אריינגעקלעהרט אין יענע ווערטער אַלץ לעבע־דיגער האָט ער דערפיהלט די ערוואַכונג פון דעם שוין כמעט פאַרלאָשענעם פּונק פון אידישקייט אין איהם. דאָס תמימות'דיגע געשטאַלט פון אָט דעם אי־דען, דער הייליגער פייער פון זיינע אויגען האָט איהם געוועקט און גערופען און איהם ניט געלאָזט אַנטלויפען פון די אידישע רייהען. ער האָט זיך דאַן צוריקגעהאַלטען פון דעם שענדליכען שריט. ס'האָט איהם געדויערט לייגגער און האָט איהם געמאַכט צו אַרבייטען שווערער ביז וואַנען ער האָט זיין גדולה ראָך דערגרייכט. דאָס מאָל אָבער שוין אַלס איד. זייט דאַן האָט ער זיך גענו־מען צוריק אפּצופרישען זיינע זכרונות און זיך צוריקגעקערט צו די אידישע טראַדיציעס. דאָס האָבען אַלץ געמאַכט די ווערטער פון אָט דעם קליינעם אידעלע, וועלכער איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער חפץ חיים.

איינמאָל איז דער חפץ חיים צוזאַמען מיט זיין איידעם ר' הירש, געזעסען אַ לאַנגע צייט פארטיעפט מאַטערנדיג זיך צו פאַרשטעהן א געוויסע שווערע שטעל אין רמב"ם. ווען עס איז זיי ענדליך געלונגען צו דערגעהן די כונה איז דער חפץ חיים געוואָרען מלא שמחה און האָט באַמערקט:

„עס איז נשתומם צו ווערען — דער הייליגער רמב"ם, אַזאַ גרויסער חכם וועמענס ווערטער מען דאַרף זיך אזוי אָנשטריינגען צו פאַרשטעהן, איז געווען אַ מאמין, און די פאַרשטאָפּטע מחות — זיינען אַפּיקורסים, זיי גלויבען ניט!"

די אהבת התורה פון ר' הירש'ן, זיין ליעבע און רעספּעקט פאַר א תלמיד

חכם, האָט ניט געוואוסט פון קיינע גרעניצען. ער האָט ליעב געהאַט די בני הישיבה מעהר ווי א געוועהנליכער פאָטער ליעבט זיינס א קינד.

איינמאָל האָט ר׳ הירש באגלייט אן אורח נכבד פון זיין הויז ביז הינטער דער שטאָט. האָט דער אורח ניט געוואָלט ליידען אז אזא צדיק זאָל זיך מטריח זיין צוליעב איהם, האָט ר׳ הירש מיט זיין גוטמוטיגען שמייכעל באַמערקט:

„עס שטעהט — כבוד חכמים ינחלו (משלי ג׳). די חכמים ירשנ׳ען כבוד. כבוד צו חכמים איז דאריבער ניט קיין מתנה פון וועלכעס מ׳קען זיך לייכט ענטזאָגען, נאָר עס איז פונקט ווי אַ נחלה, אדער ירושה וואָס קומט ממילא און פון וועלכעס מ׳קען זיך ניט ענטזאָגען״.

כז.

אין פאַרגלייך מיט אנדערע

איינע פון די וואונדערבאַרסטע שטריכען פון חפץ חיים'ס לעבען איז זיין מאָראַלע פעסטקייט און דאָס שטאַנדהאַפטיגקייט פון זיינע פרינציפּען. אַ פולשטענדיגע האַרמאָניע צווישען זיינע פאַרשידענע כחות הנפש איז ביי איהם געווען אַ נאַטירליכע ערשיינונג. קיינע אויסערליכע שטורמס, קיינע אַרו־מיגע איבערקעהרענישען האָבען זיין אינערליכען גלייכגעוויכט ניט געקענט צושטערען. זיין לעבען איז געווען אזוי ווי א לאַנגער רוהיג־פליסענדער טייך, וועלכער געהט קיינמאָל ניט ארויס פון זיינע ברעגעס, לויט הגאון ראַ״י קוק זצ״ל „דער חפץ חיים איז געווען דער העכסטער טיפּ פון אַ נאָרמאַלען אידען" (שערי ציון, אלול, תרצ״ד).

דורך א פאַרגלייך מיט אנדערע ווערט דעם חפץ חיים'ס אויסערגעוועהנ־ליכע צדקות נאָך מעהר באַוואונדערט. זיין גרויסקייט איז דאַן נאָך מעהר בולט. מיר דאַרפען גאַר ניט געהן ווייט. זיין אידעם, דער גאון און צדיק ר' הירש לעווינסאָן קען דינען אַלס בעסטע אילוסטראציע.

די הנהגה פון ר' הירש'ן איז געווען דורכגענומען מיט לויטער קדושה וטהרה. זיין פלאַם־פייערדיגע עבודת השם, זיין חסד שבחסד'יגע הארץ זיינען באוואונ־דערט געוואָרען פון די אַלע וועלכע האָבען געהאַט די זכיה איהם צו קענען. טראָץ דעם וואָס ער אליין איז אימער פיזיש געווען א שוואַכער, האָט ער זיך פאַר זיין אייגענע פערזאָן קיינמאָל ניט געקימערט. ער האָט פון די פאַרגעני־גענס פון עולם הזה קיינמאָל ניט נהנה געווען. ער איז אימער געבליבען גלייכגילטיג צו זיינע פערזענליכע יסורים. ער פלעגט אלעס מקבל זיין באהבה. דאָס מערקווירדיגסטע איז אבער וואָס דער זעלבער ר' הירש פלעגט פיהלען די קלענסטע ליידען פון אנדערע; זיינע אויגען פלעגען שטראָמען מיט טרעה־רען, פיהלענדיג יענעמס וועהטאָג. וואָס וואָלט ר' הירש ניט געגעבען אבי צו קאָנען לינדערען יענעמס צרות. קיין קרבן איז ביי איהם ניט געווען צו שווער

צו העלפען א נויטליידענדען. זיין גוטסקייט האָט ממש פון קיין גרעניצען ניט געוואָלט וויסען. איינמאָל אַ שבת פריה ביים דאַווענען אין שוהל איז דער ראַדי־נער רב, ר׳ זכרי׳ מענדל, ניט גוט געוואָרען. קיינע מיטלען האָבען אים ניט גע־קאָנט העלפען. ער איז געשטאָרבען. ר׳ הירש האָט דעם אומגליק גענומען שטאַרק צום האַרצען, ביז וואַנעט דער חפץ חיים האָט איהם אויסגערעדט: „גענוג שוין ר׳ הירש, גענוג! עצבות ברענגט צו ביטול תורה״. האָט ער זיך ערשט דאַן באַרוהיגט.

קוים איז ער אָפּגעשלאָפען עטליכע שטונדען פלעגט זיך ר׳ הירש אויפ־כאַפּען מיט די ווערטער: „אוי ווי אַזוי קאָן איך שלאָפען ווען עס איז דאָ אזא גרויסע תורה צו לערנען!״ ער פלעגט זיך שנעל אָנטהאָן, אַוועק אין דער ישיבה און זיך אַוועקזעצען אין אַ ווינקעל און לערנען ביז׳ן זמן התפלה. נאָכ׳ן דאַווענען, ווען אַלע בני הישיבה זיינען אַוועק עסען פריהשטיק איז ר׳ הירש נאָך געבלי־בען זיצען מיט׳ן טלית און תפילין איבער דער גמרא. ווען די בחורים זיינען שוין געקומען צוריק פון עסען, האָבען זיי נאָך אלץ געפונען ר׳ הירש׳ן פאַר־טיעפט אין לערנען. פלעגט אָפט מאָל דער חפץ חיים אריינקומען אין דער ישיבה און גלייך צולויפען צו ר׳ הירש׳ן מיט אַ ווענדונג: „ר׳ הירש, איהר טאָרט איצט ניט לערנען, איהר האָט דאָך נאָך ניט געגעסען, „ונשמרתם מאד לנפשותיכם!״

ניט איינמאָל פלעגט מען, ווען אריינגעהן צו ר׳ הירש׳ן, געפינען דעם חפץ חיים שטעהן אין פאַרהויז ביי ר׳ הירש׳ן הינטער דער טיהר צו היי־טען אז קיינער זאָל ניט אריינגעהן ווייל ר׳ הירש האָט געהאַלטען אין מיטען עסען. ער האָט דאָך געוואוסט, אז ר׳ הירש וואָלט ניט געבליבען זיצען עסען, וויסענדיג אַז א בן הישיבה וואַרט אויף איהם. „איך בעט אייך, האָט רחמנות לאָזט איהם איצט עסען, ס׳איז דאָך דער גרעסטער חסד וואָס מ׳קאָן מיט ר׳ הירש׳ן טהאָן. איהר האָט קיין פאַראיבעל ניט און קומט שפּעטער!״ איז געווען זיין בקשה.

וויסענדיג וואָס עס קען ווירקען אויף ר׳ הירש׳ן אָמבעסטען פלעגט ער פון איהם מאָנען: „איהר דאַרפט דאָך היטען אייער געזונט, איהר זייט דאָך מחויב עס צו טהאָן צוליעב דער ישיבה, די ישיבה דאַרף האָבען אַ געזונטען מנהל!״

רעדען פלעגט ר׳ הירש זעהר פאַמעליך, אזוי ווי ער וואָלט געצעהלט יעדע זילבע. ער האָט פשוט מורא געהאַט צו רעדען, ער זאָל זיך ניט ארויסכאַפּען מיט אַ פאַרבאָטענעם וואָרט פון לשון הרע, רכילות, וכדומה.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען דער חפץ חיים. אין זיין הנהגה איז גאָר ניט מעגליך געווען אַזעלכע אונרעגעלמיסקייטען ווי ביי ר׳ הירש׳ן. ר׳ הירש איז טאַקע, לויט דער עדות פון חפץ חיים, געווען „אַ גאון בתורה און צדיק במעשים״, דער חפץ חיים איז אָבער געווען א גאון אין זיין צדקות. ער איז געווען אזוי אויסגעאַרבייט אין מדות אז אלעס האָט שוין ביי איהם פונקציאָנירט לויט די רעגלען און פאַרשריפטען פון דער תורה. יעדעס אבר איז ביי איהם פערהייליגט געווען און געאַרבייט סיסטעמאַטיש. ער פלעגט אויסער לערנען און שרייבען זיינע ווערק כסדר פאַרקעהרען מיט מענשען. ער פלעגט אין צייט עסען, שלאָפען און מסחר׳ן מיט זיינע ספרים, ער פלעגט רעדען, שוין גאָר אַ סך רעדען, אָבער זיין מויל איז געווען אזוי איינגעאיבט, אז עס האָט גאָר קיין דבור איסור ניט געקענט ארויסרעדען.

דער פאָלגענדען עפּיזאָד וועט אַלס ציור מאַכען דעם קאָנטראַסט מעהר פאַרשטענדליך צום לעזער:

אין יאָהר תקמ״ז, ווען דער יונגער גאון און צדיק הדור ר׳ שלמה זלמן איז אין עלטער פון 31 יאָהר נפטר געוואָרען אין ווילנא, האָט זיין ברודער, ר׳ חיים וואָלאָזשינער געהערט אז מען זאָגט וועגען איהם אז אויב ער וואָלט געלעבט אזוי לאַנג ווי זיין רבי, דער ווילנער גאון, וואָלט ער אויך געוואָרען אזוי גרויס ווי ער. האָט ר׳ חיים געזאָגט אז אויב ער וואָלט אפילו טויזענט יאָהרען געלעבט וואָלט ער אויך ניט דערגרייכט צו די הויכע מדרגות פון זיין רבי׳ן. און ער האָט באַמערקט „דער אונטערשייד פון מיין ברודער און מיין רבי׳ן איז אזוי: ר׳ זלמן האָט זיך לגמרי אויסגעטאָהן פון דער וועלט און איז געווען אזוי ווי אַ הימלישער ווזען (כמלאך ה׳), וועהרענד דער רבי, אָבוואָהל ער האָט זיך אויפגעפיהרט מענשליך (כדרך בני אדם) זיינען זיינע איינערליכע כחות געווען אזוי אויסגעלייטערט און דערהויבען אז ער האָט פאַרוואַנדעלט זיין חומר אין אַ הימלישען ווזען. אזוי איז דאָך טאַקע געווען די כונת הבריאה אויף דער וועלט אַז מען זאָל זיך פיהרען אַזוי ווי מענשען און צו מאַכען דאָס קערפּערליכע גייסטיג״ (עליות אליהו, כ״ב ע״ב).

אָבוואָהל אונפארגלייכליך אין גרויסקייט קאָנען מיר דעם אונטערשייד צווישען אונזערע העלדען עהנליך כאַראַקטעריזירען. אויך ר׳ הירש האָט קיין חפץ חיים ניט געקענט ווערען און צווישען די צדיקים פון פיעלע דורות איז דעם חפץ חיים׳ס צדקות בולט אלס אן אייגענארטיגע.

כח.

מזכה זיין די גבירים

דער רעליגעזער איד באטראכט די תורה אלס פאלקס אוצר און זיך איינצו־שאפען א חלק אין איהר איז זיין לעבענס אידעאל (ותתן חלקנו בתורתך). א תלמוד׳ישער ווערטעל זאגט: „דעת קנית מה חסרת, דעת חסרת מה קנית?" (תנחומא ויקרא א׳) אויב דו באזיצסט וויסען וואס פעהלט דיר, אויב דיר פעהלט וויסען וואס באזיצסטו? לויט דער אידישער טראדיציע קען זאגאר איינער וואס האט ניט די מעגליכקייט אליין צו לערנען זיך איינשאפען א חלק אין דער תורה דורך העלפען אנדערע צו לערנען.

אבוואהל עס שיינט צו זיין זעהר א לייכטע זאך פאר יעדען גביר צו קריגען א חלק אין דער תורה, דורך העלפען אויפהאלטען ישיבות און אנדערע תורה־אינסטיטוציעס, איז אבער די ווירקליכקייט אנדערש. וואס רייכער איינער איז, אלץ ווייטער שטעהט ער פון דער תורה. זאגאר דער יוצא מן הכלל טוט כמעט קיינמאל ניט אין פראפארציע צו זיינע מיטלען.

פלעגט טאקע דער חפץ חיים פיהלען גרויס רחמנות אויף אזעלכע גבירים וועלכע זיינען נעביך אזוי ארים אין פארשטאנד („אין עני אלא בדעת" נדרים מא. „דוכט זיך קלוגע סוחרים און באנארישען זיך ארויסלאזענדיג גאלדענע עסקים פון זייערע הענדז!" א קליינינקייט פאראייביגט צו זיין צווי־שען די בויער פון גייסטיגען אידענטום! דער חפץ חיים פלעגט טייטשען דעם פסוק: „וגם לא לחכמים לחם, וגם לא לנבונים עושר" (קהלת ט׳) אזוי: אויב מען זעהט אז די תלמידי חכמים האבען ניט קיין ברויט איז עס א פאקט אז די וועלכע באזיצען עשירות זיינען ניט קיין נבונים.

אויף יעניגע גבירים וועלכע פלעגען יא ביישטייערען פאר אידישע גע־לעהרזאמקייט אבער ניט אין איינקלאנג מיט זייערע מעגליכקייטען, פלעגט דער חפץ חיים אויף זיין שטייגער מלמד זכות זיין. ער פלעגט למשל זאגען: „מענ־שען וואונדערען זיך פארוואס אזא חובב תורה ומוקיר רבנן ווי ר׳ שמעון וואלף ראטשילד האט אין זיין צוואה ניט איבערגעלאזט כאטש א מיליאן רובעל פאר ישיבות! מען פארשטעהט אבער ניט אז מן השמים לאזט מען עס בכיון ניט צו. דער רבונו של עולם אין זיין גרויסען חסד וויל דאך אז יעדער איד זאל זיך

איינשאַפן א חלק אין דער תורה. היינט שטעלט זיך פאַר אויב א גביר וועל־כער פאַרשטעהט די טייערקייט פון תורה וואָלט זיין פריי צו טהאָן ווי ער וואָלט באמת בעדאַרפט טהאָן, וואָלט ער דאָך מיט זיין פאַרמעגען אָפּגעקויפט פאַר זיך דעם גאַנצען זכות פון החזקת התורה, טאָ וואָס־זשע וואָלטען דאָן די אָרימע לייט געטאָהן? ווי אזוי וואָלט דער אָרימער וואַסער־טרעגער, דער שוס־טער, דער שניידער, זיך געקאָנט צו עפּעס דערשלאָגען?”

עס איז אגב כדאי צו דערמאָנען ווי אזוי דער פראַנקפורטער ראָטשילד איז געוואָרען איינער פון די שטיצערס פון דער ראדינער ישיבה. געשעהן איז עס אויפ׳ן פאָלגענדען אופן:

ר׳ ישראל מאיר האָט איינמאָל אריינגעשיקט ראָטשילד׳ן זיין ספר „חפץ חיים”. האָט איהם ראָטשילד פאַר דעם געשיקט דריי הונדערט מארק.

ווי באוואוסט, ציהענדיג זיין פרנסה פון די ספרים, פלעגט ער אויסרע־כענען גענוי דעם באַטרעף פון זיין ארבייט ארום זיי. ווי צ. ב., פאַר מגיה זיין, איינפּאַקונג, צוגרייטונג, אוועקשיקען, א. ז. וו., און פאַר דעם געהמען באַ־צאָהלט און ניט מעהר, האָט דער חפץ חיים געהאַט אַ באַשטימטען פּרייז פאַר יעדען ספר. דאריבער נאָכדעם ווי ער האָט אַראָפּגענומען פון דער סומע דעם באַטרעף פון עטליכע צעהנדליג קאָפּיקעס, האָט ער דעם באַלאַנס צוריקגע־שיקט צוזאַמען מיט אַ בריעף מיטטיילענדיג ראָטשילד׳ן אַז היות ער נעמט ניט קיינע מתנות שיקט ער איהם דאָס געלד צוריק. נאָר אויב ער וויל, קען ער די סומע צוריקשיקען אַלס נדבה פאַר דער ישיבה. ראָטשילד איז זעהר איבערראַשט געוואָרען פון אַזאַ סאָרט בריעף. האָט ער צוגעלייגט ביז דריי טויזענד מאַרק און עס געשיקט צום חפץ חיים פאַר זיין ישיבה, און זייט דאַן איז ער געוואָרען איינער פון איהרע שטיצער.

דאָס ערשטע מאָל אין מאָסקווע

ווען די ישיבה איז, א דאנק די אונערמידליכע ארבייט פון איהר מנהל דעם גאון און צדיק ר׳ הירש, פאַרגרעסערט געוואָרען און די צאָהל פון איהרע תלמידים האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען, איז דער חפץ חיים געצוואונגען געווען זיך פערזענליך צו ווענדען נאָך שטיצע אויסערהאַלב ראַדין און איהר סביבה. און געווענדעט האָט ער זיך צו די וועלכע האָבען זיך, לויט ווי זיין מיינונג, אם מעהרסטען געוויטיגט מ׳זאָל זיי מזכה זיין מיט׳ן זכות פון החזקת התורה — די גרויסע אידישע גבירים.

עס קלינגט כאַראַקטעריסטיש חפץ חיים׳דיג אז בעטענדיג נדבות פאַר דער ישיבה, פלעגט ער אימער הויפטזעכליך אונטערשרייכען דעם זכות פאר׳ן נדבן איידער די נויטבאַדערפטיגקייט פון די תלמידים אין זייער צופרידענשטעלונג. ער האָט אַמאָל, ווערענדיג מעורר זיין דעם באוואוסטען גראָדנער גביר ר׳ יוסף ליב שערעשעווסקי, אַז ער זאָלביישטייערען אַ מעהר באַדייטענדע סומע פאַר תורה, צו איהם גוטמוטיג געזאָגט: „ר׳ יוסף, דער אויבערשטער האָט אייך געהאָלפען, דאַרפט איהר וויסען ווי אַזוי זיך אַליין צו העלפען". זיין דרך פלעגט זיין: קיינמאָל דרינגליך ניט צו מאָהנען אָדער פאָדערען אַ נדבה. ער פלעגט נאָר מודיע זיין אַז ער נעהמט די נדבה, און אויב יענער וויל עס טהאָן, האָט ער די מעגליכקייט עס צו טהאָן דורך זיין פאַרמיטלונג. „א נדבה, פלעגט ער זאָגען, דאַרף מען זיך צופיעל ניט בעטען, וועט ער האָבען א זכות וועט ער געבען".

אין דער רוסישער הויפט־שטאָט מאָסקווא האָבען זיך שוין דאן געפונען באוואוסטע אידישע מיליאָנערען וועלכע זיינען באריהמט געווען מיט זייער פילאַנטראָפּיע. ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין מאָסקווא איז דער חפץ חיים געגאַנגען צום באַוואוסטען פילאַנטראָפּ ר׳ רפאל גאָץ, וויסאָצקי׳ס איידעם, און האָט געוואָלט פון איהם באקומען אַ סומע פון דריי הונדערט רובעל פאַר זיין ישיבה, זאָגענדיג דערביי אַז ער האָט אויסגערעכענט אַז איהם פערזענליך קאָסט די נסיעה אַזאַ סומע. (מיינענדיג מסתמא אויסער די הוצאות הדרך, אויך דעם היזק פון זיינע עסקים, וועלכעס ער האָט זיכער אַלעס געגוי אויסגערעכענט), וואָלט דאריבער געווען אַ יושר אַז איהם (גאָץ׳ן) זאָל אויך אַזאַ סומע קאָסטען. ניט קענענדיג איהם פון בעפאָר, האָט מר. גאָץ איהם אַנגעגעומען פאַר אַן איינפאַכען משולח. האָט ער איהם לכתחילה געוואָלט געבען 25 רובעל און נאָכהער 50. אָבער דער חפץ חיים האָט ניט געוואָלט נעמען ווינציגער ווי 300 רובעל. האָט איהם מר. גאָץ געזאָגט, אַז ער איז זעהר פאַרנומען מיט זיינע עסקים און האָט ניט מעהר קיין צייט צו איהם צו רעדען. „ווער וויים, ווער ס׳האָט מעהרער קיין צייט ניט?" האָט דער חפץ חיים באַמערקט און איז אַוועקגעגאַנגען.

זייענדיג איבערראַשט פון דער מאָדנער האַנדלונג פון דעם אומבאַקאַנטען אידען, איז מר. גאָץ אין אוועגד אוועק צום דאַמאָלסדיגען מאָסקווער רב ר׳ אלי׳ ירוחם ווייסבוים און איהם דערצעהלט וועגען דעם אויסטערלישען פאַל אז א משולח פאר ראַדינער ישיבה האָט ביי איהם ניט געוואָלט נעהמען א נדבה פון

50 רובעל, נאָר געוואָלט דוקא 300 רובעל. ווען דער רב האָט איהם דערצעהלט אז אָט דער משולח איז ניט קיין אַנדערער ווי דער חפץ חיים, האָט ער זיך גע־פיהלט זעהר אומבאַקוועם און געהאַט גרויס פארדרוס פון זיין האַנדלונג. איז ער אַוועק צום חפץ חיים אויף זיין אכסניא און איהם, איבערבעטענדיג, דער־לאַנגט 1200 רובעל א נדבה.

דער באוואוסטער מאָסקווער אידישער מיליאָנער אברהם ראָזענצווייג איז אין באַגלייטונג פון גביר ר׳ זעליג פערסיץ געקומען וויזיטען דעם חפץ חיים. מר. ראָזענצווייג האָט אויפ׳ן טיש אַוועקגעלייגט 500 רובעל א נדבה לטובת דער ישיבה. דער חפץ חיים האָט זיך אָבער ניט אומגעקוקט אויף דעם געלד און האָט געהאַלטען אין איין רעדען וועגען שמירת שבת. דער גביר, מיינענדיג, אַז די סומע איז צו קליין האָט צוגעלייגט נאָך פינף הונדערט רובעל. אָבער דער חפץ חיים האָט זיך אַלץ אויף דעם געלד ניט אומגעקוקט. „באַטראַכט איהר, רבי, טויזענד רובעל ניט קיין גענוגענדע נדבה?״ האָט איהם ראָזענצווייג גע־פרעגט.

„טויזענד רובעל איז גענוג און איז זעהר א שעהנע נדבה. אָבער איך, פאַרטרעטענדיג די ישיבה תלמידים, בין דער יששכר (וועלכער האָט עוסק גע־ווען אין תורה) און איהר זייט דער זבולון (וועלכער האָט געהאַנדעלט און אויפגעהאַלטען יששכר׳ן), וויל איך דאָך קענען מיין שותף...״ און דער חפץ חיים האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין. ראָזענצווייג האָט זיך זעהר דער־שראָקען און האָט אַ פאַרציטערטער געפרעגט דעם רבי׳ן פאַרוואָס ער וויינט. אָבער דער חפץ חיים האָט אַ וויינענדיגער אָנגענומען ראָזענצווייג׳ס האַנד און געזאָגט: ווי אַזוי זאָל איך ניט וויינען ווען איך גיב אַ טראַכט אַז אַזאַ גאָל־דענע האַנד וועט ברענען אין גיהנם צוליב חילול שבת!...

ער האָט פון איהם דאָס געלד ניט געוואָלט נעהמען ביז וואַנעט ראָזענ־צווייג האָט איהם מבטיח געווען אַז מהיום והלאה וועט ער זיין אַ שומר שבת. און צו דער ערשטוינונג פון אַלע, האָט ראָזענצווייג פון דאַמאָלסט אָן געשלאָ־סען אַלע זיינע עסקים פאַר שבת.

צו גבירים אין אַנדערע שטעדט

אויך צו גבירים אין אַנדערע שטעט האָט זיך דער חפץ חיים געווענדעט. ווען דער חפץ חיים איז איינמאָל געקומען קיין לאָדז, האָט דער דאָרטיגער ריי־

כער פאַבריקאַנט באַריס עטינגא געהערט אז ער גרייט זיך איהם צו באַזוכען, האָט ער באפוילען אז ער וויל דעם רבי'ן פארשפאָרען די טרחה און ער וועט ליבערשט קומען צו איהם. האָט אויף דעם דער חפץ חיים געענטפערט: „צום נדבן דאַרף מען געהן און ניט וואַרטען ביז ער וועט קומען". באַטאַנענדיג מיט א שמייכעל: „אויב ער וועט קומען צו מיר וועט ער שוין דורך דעם האָבען א העלפט פון זיין נתינה אָפגעצאָהלט". און ער איז צו איהם געגאַנגען און געקראָגען א באדייטענדע סומע פאר דער ישיבה.

דער באַוואוסטער צדיק ר' אליעזר שולאָוויץ (מיסד פון לאָמזער ישיבה) פלעגט דערצעהלען אז איינמאָל האָט ער אין ווארשא באגעגענט דעם גרויסען גביר און סוחר ר' מאיר יואל שווארצשטיין לויפענדיג. האָט ער איהם אָפּגע־שטעלט און געפרעגט וואוהין ער איילט זיך אזוי. האָט איהם שוואַרצשטיין גע־ענטפערט, היות ער האָט געהערט אז דער חפץ חיים איז דאָ אין ווארשא לויפט ער שנעל איהם איבערצוגעבען 500 רובעל אַ נדבה. ר' אליעזר וועלכער איז בטבע אַלס גרויסער בעל מדות געווען זעהר א געלאַסענער, האָט אָבער אַלץ ניט פאַרשטאַנען ווארום ער דאַרף צו דעם לויפען. ביז וואַנעט ר' מאיר יואל האָט איהם פאַרטרויט אַז אייניגע קאָסטאָמער האָבען איהם דעם פריהמאָרגען אָנגעזעצט א באדייטענדע סומע. „אלע כאַפּען — לאָמיך אויך עפּעס כאַפּען!" האָט דער גביר מיט א שמייכעל באַמערקט. אזוי פלעגט שוין דער חפץ חיים האָבען זיינע גבירים וועלכע פלעגען איהם געבען זייער שטיצע פאר תורה. און דער חפץ חיים פלעגט ניט נאָר קריגען געלד פאר זיין אייגענע ישיבה, נאָר אויך פאר אַנדרע. אָפטמאָל פלעגט ער איבערשיקען שטיצע פאַר אַנדערע ישיבות ווי: סלאָבאָדקע, לאָמזע, מיר, קאָוונע, שצוצין, א. א. מעהר ווי אלע האָט ער אָבער געהיט זיין אייגענע ישיבה.

ער האָט ניט ערלויבט קיין אַנדער ישיבה זיך צו רופען מיט'ן נאָמען „חפץ חיים".

אין יאָהר תרמ"ח האָט ר' הירשל'ס ישיבה אין סלאָבאָדקע, ביי קאָוונאָ, אויפגעבויט איהר אייגענעם בנין אויף דער „מתים גאַס" (ווייל די גאַס פיהרט צום בית עולם דאַריבער רופט זי זיך אזוי). האָבען איהר די מנהלים צוליעב דעם א נאָמען געגעבען „חפץ חיים". דאָס האָט פאראורזאכט שאדען צו דער ראדינער ישיבה, ווייל די משולחים וועלכע פלעגען ארומפאָהרען זאַמלען געלד פאַר דער „חפץ חיים" ישיבה אין סלאָבאָדקע, האָט דער עולם געמיינט אז זיי גיבען עס פאר דער ראדינער ישיבה. אויך האָט ר' ישראל מאיר איבערגע־

קלערט אז דאָס טראָגען דעם זעלבען נאָמען ווי זיין ישיבה קאָן מיינען אז ער איז פאַראַנטוואָרטליך דירעקט אָדער אינדירעקט פאַר דער אינסטיטוציע, האָט ער דעריבער ניט געוואָלט טראָגען קיין אחריות פאר אן אנשטאַלט איבער וועלכען ער האָט ניט געהאַט קיין אויפזיכט. ער האָט ניט גערוהט ביז וואַנען דער צדיק ר׳ הירשל לעוויטאַן, און זיין איידעם דער גדול ר׳ אביגדור מאַנקע־וויץ, האָבען איבערגעביטען דעם נאָמען אויף „אור החיים" ישיבה. און צו איהם איבערגעשיקט אַלע געדרוקטע פּאַפּירען צוזאַמען מיט אַלע חותמות.

אַ צוואָה פאַר זיך אַליין

אָפטמאָל פלעגען אידען קומען כדי זיך שואל עצה זיין מיט איהם, ניט נאָר וועגען עסקים וועלכע האָבען אַ שייכות מיט׳ן לעבען אָדער געזונד, נאָר אויך וועגען ענינים וועלכע האָבען צו טאָהן לאחר מאה שנה. פלעגט זיי דער חפץ חיים שטענדיג מזהיר זיין זיך ניט סומך צו זיין אויף קינדער אויף זייער קדיש אָדער משניות למודים. „דאָס בעסטע איז צו לערנען משניות נאָך זיך אַליין, טהאָן אַליין וואָס איינער קאָן, און כל זמן ער איז אימשטאַנד".

זייענדיג איינמאָל אין סלאָנים איז צום חפץ חיים געקומען אַ איד, אַ באַ־קאַנטער נגיד ר׳ יוסף פישער מיט אַ בקשה אַז ער זאָל דורכקוקען זיינע אַ צוואה וואָס ער האָט לעצטענס געשריבען און איהם זאָגען אויף דעם זיין הסכמה. ר׳ יוסף האָט אין זיין אויסגעמאַכטע צוואה צוטיילט זיין פאַרמעגען פון פערציג טויזענד רובעל מזומן אויף פיער חלקים: צעהן טויזענד רובעל פאַר יעדען איינעם פון זיינע דריי קינדער, און צעהן טויזענד רובעל פאַר זיין פרוי. אויך האָט ער אַנדערע געלד און מטלטלים צוטיילט פאַר קרובים. אַלע ספרים פון זיין רייכע ביבליאָטעק האָט ער אָפּגעשריבען פאַר ישיבות.

ווען דער חפץ חיים האָט די צוואה איבערגעלעזען, האָט ער עס צוריק דער־לאַנגט דעם נגיד מיט דער באַמערקונג:

„אדרבא ר׳ יוסף, לעזט עס אליין דורך נאָך אַמאָל און געפינט אויס אייערע געמאַכטע טעותים!"

האָט איהם ר׳ יוסף געפאָלגט. האָט ער אָבער דאָרט קיין שום טעות ניט באַמערקט. האָט ער זיך געווענדעט צום חפץ חיים מיט די ווערטער: „מיר קומט אויס, רבי, אז איך האָב קיין טעות ניט געמאַכט. עס דאַכט זיך מיר, אז אַלץ איז ריכטיג".

האָט דער חפץ חיים צו איהם געזאָגט:

„עס איז מיר ראשית א גרויסער וואונדער אויף אייך, ר׳ יוסף, אז איהר זאָלט איבערלאָזען די גאַנצע געלד פאַר משפחה און אַלע ספרים פאַר בני הישיבה. ס׳האָט טיילוויז בעדאַרפט זיין פאַרקעהרט. לאָזען א חלק געלד פאַר די בני הישיבה און אַביסעל ספרים פאַר די קינדער... די בני הישיבה פעהלט דאָך ניט אזוי קיין ספרים ווי געלד אויף צו עסען! והשנית, זעה איך אז אין אייער צוואה האָט איהר עובר געווען אויפ׳ן פסוק: „ומבשרך אל תתעלם״. „בשרך״ מיינט טאַקע קרובים, אָבער דער נאָהענטסטער קרוב איז דאָך דער מענש צו זיך אַליין. „אדם קרוב אצל עצמו״ וואו־זשע זייט איהר אין דער וועלט? אייך אַליין קומט גאָרניט? איהר, וועלכער האָט זיך מעהר ווי אַלע אַנדערע געמאַטערט אויף אייער פאַרמעגען, האָט זיך דאָך זעלבסט בעדאַרפט פאַררעכענען אַזוי גוט ווי אַ קינד! זאָל זיך אייך דאַכטען אַז איהר האָט פיער קינדער! נעהמט פאַר זיך אַ חלק און צוטיילט עס אויף צוויי טיילען. איין חלק אויף תורה און דעם אַנדערען אויף חסד, צו העלפען אָרימע, קראַנקע און נויטבאַדערפטיגע. ובפרט דער חלק אויף תורה האָט אין זיך אַ פיעלפאַכיגע מצוה, וויל אין דעם ווערט דאָך איינגעשלאָסען אויך חסד, העלפענדיג אָרימע תלמידי חכמים מיט עסען און קליידונג א. ז. וו., און דערצו ערמעגלכען זיי צו לערנען.״

דער נגיד האָט גלייך אויף דעם איינגעשטימט און האָט צוגעזאָגט די צוואה איבערצושרייבען און צוצוטיילען זיין פאַרמעגען אויף פינף טיילען אַנשטאָט פיער.

אָבער דער חפץ חיים האָט צו איהם ווידער געזאָגט:

„מיין עצה צו אייך, ר׳ יוסף, איז אָבער אויך אז אייער חלק פון אַכט טויזענד רובעל זאָלט איהר ביי אייער לעבען עס אליין איבערגעבען צו די נוי־טיגע מוסדות און ניט וואַרטען אויף לאחר מאה שנה, אַז מען זאָל עס דאַרפען מאָהנען פון אייערע קינדער. מיר ווייסען דאָך על פי רוב באשטרייטען קינ־דער אַזאַ מין צוואה. זיי שטעלען אָן א גוטען אַדוואָקאַט, וועלכער זוכענדיג די צוואה צו פסלנ׳ן, פראָדוצירט פאַלשע באווייזע צום געריכט אז דער פאָטער איז בעת מעשה געווען ניט ביים פולען זינען, אדער גאָר משוגע, און אז די צוואה איז דאריבער ניט גילטיג.

שטעלט זיך פאַר, אז מען וועט אויפ׳ן עולם האמת דורכלייענען אייער

צואה צוזאַמען מיט די פֿאַבריצירטע עדות פֿון אדוואָקאַט, וועט אויסקומען אז ניט איהר ר׳ יוסף פישער, אַ קלוגער און בר דעת, און דער בעל צואה, נאָר גאָר עפּעס אַ יוסף משוגענער.... אַנדערש וועט עס אָבער זיין אויב איהר וועט עס איבערגעבען פֿאַר די הייליגע אינסטיטוציעס מיט אייערע אייגענע הענד אַליין. ר׳ יוסף! פֿאַרלאָזט זיך ניט אויף קיינעם!״

כט.

דער „אהבת חסד"

זייט דער ערשיינונג פון דעם ערשטען חלק „משנה ברורה" אין יאָהר תרמ"ג האָט דער חפץ חיים פון צייט צו צייט ארויסגעגעבען די איבעריגע טיילען ביז'ן יאָהר תרס"ז, ווען עס איז ענדליך ערשינען דער זעקסטער חלק. דאָס האָט אזוי לאַנג געדויערט, ווייל דער מחבר איז גלייכצייטיג אויך געווען פאַרנומען מיט'ן פאַרפאַסען אַנדערע וויכטיגע ספרים, כדי אויפצוקלערען און באלייכטען די פארשיידענע פראָבלעמען פון דאָס טראַדיציאָנעלע אידענ־טום.

אין יאָהר תרמ"ה איז ערשינען זיין ספר „אהבת חסד", וועלכער באַ־שטעהט פון צוויי חלקים: דער ערשטער חלק באַהאַנדעלט די פרינציפּען פון חסד פון דעם ריינעם הלכה שטאַנדפונקט, און דער צווייטער חלק ענטהאַלט א מאָראַלישע און עטישע אָפּהאַנדלונג וועגען די ענינים פון חסד, ווי צדקה, הכנסת אורחים, הכנסת כלה, ביקור חולים, הלוית המת, באַציהונגען צווישען אַרבייטער און אַרבייט־געבער, עהרליכקייט אין מסחר'ן, א. אז. וו. דער מחבר באַהויפּטעט צווישען אַנדערעס, אַז די גאַנצע תורה איז באַגרינדעט אויף גמילות חסדים. „עולם חסד יבנה" — די וועלט איז געבויט אויף דער מדה פון חסד. חסד איז דער יסוד פון דער גאַנצער בריאה. עס איז דער רוקען־ביין פון דער געזעלשאפטליכער אָרדנונג. די ווערטער: „בורא נפשות רבות וחסרונן להחיות נפש כל חי" ווערט ביי איהם אזוי ערקלערט. דער אויבערשטער האָט באַשאַפען מענשען מיט זייערע פעהיגקייטען. יעדער איינער באַזיצט זיינע חסרונות, אַ יחיד אזוי ווי אַ פאָלק. אָט די חסרונות זיינען גלייכצייטיג אָבער אויך מעלות, דערמיט וואָס זיי מאַכען איין מענשען אָפּהייננגיק אָן דעם צווייטען. עס מאַכט אונמעגליך פאַר איינעם צו לעבען אָפּגעזונדערט, יעדער איינער איז ממלא דעם חסרון פון אַנדערען. נמצא, אַז אַ דאַנק וואָס דער רבונו של עולם האָט געשאַפען יעדען מענשען מיט זיינע באַגרעניצונגען העלפט

עס „להחיות נפש כל חי" — אַז מענשען זאָלען לעבען געזעלשאַפטליך אין האַרמאָניע און ניט זיין אָפּגעזונדערט, ווייל איינעמ'ס חיות איז תלוי אָן אַנדערען, ווייל דאָס וואָס פעהלט איינעם איז משלים דער אַנדערער!

דער לעבענס אידעאַל פון חפץ חיים איז תמיד געווען ניט נאָר צו דער־נעהענטערען די הערצער פון זיינע ברידער צום רבונו של עולם, נאָר אויך מקרב צו זיין איין אידען צום אַנדערען. די מצוות „שבין אדם לחבירו" זיינען ביי איהם געווען אזוי וויכטיג און נויטיג ווי די „מצוות שבין אדם למקום". עס איז אזוי ווי א מענש וועלכער האַלט זיך אויף צוויי פיס, וועלכער פוס עס זאָל איהם ניט פעהלען, איז ער אַלץ אַ קאַליקע.

דער באַוואוסטער זשורנאַליסט אפרים קאפלאַן דערצעהלט, אַז זייענדיג אין ראדין האָט ער געפרעגט ביים חפץ חיים וואָס מען דאַרף אָפּהיטען כדי צו זיין אַ גוטער איד. דער חפץ חיים האָט איהם געענטפערט: „אַ איד דאַרף מקיים זיין אַלע דינים פון שלחן ערוך".

„אויב אזוי, רבי", האָט איהם ה' קאפלאַן ניט אָפּגעלאָזט, „שליסט איהר דאָך אויס נייינציג פּראָצענט אידען פון דעם?"

האָט איהם דער חפץ חיים גוטמוטיג ערקלערט: „ווען איהר געהט אריין אין אַ מאָנאָפּאָל און פאַרלאַנגט הונדערט פּראָצענט ריינע משקה, וועט מען עס אייך געבען. אויב עס איז צו שטאַרק פאַר אייך, צומישט איהר עס אליין, אָבער צום פאַרקויפער האָט עס ניט. ער גיט אייך הונדערט פּראָצענטיגע ריינע שפּי־ריטוס. אין דעם פאַל איז אויך אזוי. איהר האָט דאָך מיר געפרעגט ווער עס איז א פאָלקאָמענער איד, א הונדערט פּראָצענטיגער, האָב איך אייך אויף דעם געענטפערט, אַז מען קאָן עס נאָר דערגרייכען ווען מען איז מקיים דעם גאַנצען שלחן ערוך בכל פרטיו ודקדוקיו, אנדערש איז עס ניט קיין ריינע אידישקייט".

און דער חפץ חיים פלעגט עס נאָך טיפער ערקלערען: עס זיינען פאַראַן 613 מצוות (תרי"ג), 248 עשה'ן — פּאָזיטיווע געבאָטען, קעגען די 248 אברים פון מענשען, און 365 לאו'ן — נעגאַטיווע מצות, קעגען די 365 אדערען פון מענשליכען אָרגאַניזם, וועלכער איז אַ צוזאַמענשטעלונג פון מאַטעריע און גייסט. ד. ה. אז יעדער גליד אין דעם מענשליכען וועזען איז אינערליך גייסטיג. דאָס פיזישע איז בלויז אויסערליך אזוי ווי א לבוש, א קלייד אדער צודעק, אזוי ווי דער פסוק זאָגט: „עור ובשר תלבישני ובעצמות וגידים תשככני" (איוב י'). יעדער מצוה איז צוגעפּאַסט צו איהר געהעריגען טייל, געבענדיג איהם חיות.

דאריבער איז וואס פאר א מצוה עס זאל דעם מענשען ניט פעהלען הייסט ער אלץ א בעל מום . . .

דאס וואס אידען זיינען נאהענט איינער צום אנדערען, דאס וואס איינער פיהלט דעם אנדערענ'ס ליידען און סימפאטיזירט מיט יענעם אין זיינע נויטען זוכענדיג איהם באמת צו העלפען, דאס גופא דערנעהנטערט דעם אידען צום רבונו של עולם. מען קאן זיך לייכט פארשטעלען דעם תענוג וואס עס פאר־שאפט א טאטען צו זעהן ווי זיינע קינדער ליבען זיך און זיינען איבערגעגע־בען איינער צום אנדערען.

אין דער ישיבה אין ראדין עקזיסטירט א חברה „גמילות חסדים” וועלכע ווערט אויפגעהאלטען ביי און פאר די תלמידים. האט זיך דער חפץ חיים איין מאל געווענדעט צו איינעם פון די וואוילע תלמידים, א גרויסען מתמיד, און איהם געבעטען אז ער זאל אנגעהמען צו ווערען דער גבאי פון דער גמ”ח.

האט איהם דער בחור געענטפערט, אז ער וויל ליבערשט זיצען און לער־נען און האט דאריבער ניט קיין צייט זיך אפצוגעבען מיט'ן גמילות חסד. האט איהם דער רבי דערמאנט די ערצעהלונג פון תלמוד, אז רבא מיט אביי'ן האבען ביידע געשטאמט פון עלי הכהן'ס משפחה, אויף וועלכער עס איז נגזר געווארען אז איהרע מיטגלידער זאלען שטארבען יונג, „וכל מרבית ביתך ימותו אנשים” (שמואל א' ב'). רבא, וועלכער האט עוסק גע־ווען אין תורה האט געלעבט פערציג יאהר, וועהרענד אביי, וועלכער האט עוסק געווען אין ביידע זאכען, תורה און גמילות חסדים, האט געלעבט זעכ־ציג יאהר (ראש השנה י”ח, ע”א).

„אויב אזוי, קענט איהר דאך שוין עוסק זיין אין גמילות חסדים און איהר וועט שוין ממילא האבען גענוג צייט”! — האט דער חפץ חיים געענטפערט.

אין זיינע ערשטע ווערק האט זיך דער חפץ חיים הויפטזעכליך קאנצענ־טרירט אויף די פליכטען בין אדם לחבירו — ניט צו פאראורזאכען יענעם א שאדען נאר פראקטיצירען חסד איינער מיט'ן אנדערען.

אין ספר „אהבת חסד” וואונדערט זיך דער מחבר וואס מענשען זוכענדיג סגולות און עצות צו האבען קינדער פארשווענדען געלד אויף אנדערע זאכען. וועלכע זיינען ניט אזוי ווירקזאם ווי די סגולה פון אונזערע חכמים, וועלכע עצה'ן מען זאל טהאן חסד, העלפענדיג די נויטבאדערפטיגע אין אלע הינזיכ־טען מיט אייגענע מיטלען אדער זאמלענדיג פון אנדערע. אלס אילוסטראציע

דערצעהלט דער חפץ חיים א מערקווירדיגע פּאַסירונג וואָס ער האָט אַליין מיט זיינע אויגען בעאָבאַכטעט:

איינער וואָס האָט געהאַט קינדער און זיי זיינען געשטאָרבען, איז איינמאָל געקומען צו אַ חכם און געבעטען ער זאָל איהם געבען אַן עצה און סגולה, אַז די קינדער זאָלען זיך ביי איהם האַלטען. האָט ער איהם געענטפערט, אַז ער ווייסט ניט פון קיינע סגולות, נאָר זיין עצה איז אזוי ווי אין שטאָדט פעהלט אַ גמילות חסד, זאָל ער זיך נעמען אַזאַ אינסטיטוציע צו גרינדען און אין דעם כסדר עוסק זיין, און האָפען אַז בזכות פון דעם חסד וואָס ער וועט אויף דעם אופן טאָהן מיט אַנדערע וועט השם יתברך טאָהן מיט איהם חסד, ער זאָל זוכה זיין צו האָבען קינדער, וועלכע וועלען זיך ביי איהם האַלטען — „זרעא של קיימא".

דער איד האָט געפאָלגט דעם תלמיד חכם און געגרינדעט אַ שטענדיגען גמילות חסדים. צווישען די תקנות איז אויך געווען אַ פּונקט, אַז איינמאָל אין דריי יאָהר, אין דער וואָך בעת מען לייענט די סדרה פון „אם כסף תלוה" (משפטים) זאָלען זיך אַלע מיטגלידער פון אַנשטאַלט פאַרזאַמלען און מאַכען אַ סעודה לשם חזוק המצוה.

צום סוף פון די ערשטע דריי יאָהר איז ביי איהם געבוירען געוואָרען אַ זוהן. און אַלס סימן אַז עס איז געווען בזכות פון דער מצוה, איז דער טאָג פון ברית גראָד אויסגעפאַלען אין דעם זעלבען טאָג אויף וועלכען זיי האָבען נאָך מיט אַ צייט פריהער באַשטימט זייער פאַרזאַמלונג. ער האָט אין פאַרלויף פון פיעלע יאָהרען זיך באַשעפטיגט מיט דער מצוה און פאַר דער צייט געבוירען פיעלע קינדער.

דער גמילות חסד איז שפּעטער געוואָרען פיעל פאַרגרעסערט. האָט ער, זייענדיג פאַרנומען מיט זיינע עסקים, געבעטען דעם תלמיד חכם ער זאָל איהם ערלויבען זיך אָפּצוזאָגען פון זיין גבאות לטובת אַן אַנדערען. גלייכ־צייטיג האָט ער גע'טענה'ט, אַז דער עולם איז מתרעם אויף איהם פאַרוואָס ער איז אַ גבאי אַזאַ לאַנגע צייט. דער חכם האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט צושטימען צו דעם, זאָגענדיג אַז קיינער וועט דעם גמ"ח ניט קאָנען אזוי גוט פיהרען ווי ער און אַז ער זאָל ניט פאַרגעסען דעם חסד וואָס דער רבונו של עולם האָט געטהאָן מיט איהם. ער האָט אָבער אַלץ געהאַלטען אין איין דערקוטשען דעם חכם, אַז ער זאָל מסכים זיין צו זיין רעזיגנאַציע. און עס איז געשעהן אַז אַן אַנדערער וואָס איז געלאָפען קעגען איהם אין אַ

קלפי איז ערוועהלט געוואָרען צום אַמט, האָט ער זיך אַ צופרידענער צוריקגע־צויגען. דאָס האָט פּאַסירט אַנהויב אָווענט. גלייך אויף מאָרגענס איז ער געקומען צו לויפען צום חכם און איהם וויינענדיג דערצעהלט, אַז אין מיטען דער נאַכט האָט ביי איהם אַ שרעקליכער אומגליק פּאַסירט, זיינס אַ קליין קינד איז דערשטיקט געוואָרען.

אויפ׳ן חכם׳ס עצה האָט ער זיך ווידער אריינגעוואָרפען אין דער מצוה און פון דאמאלט אָן עס שוין שטענדיג אָנגעהאַלטען.

דער מחבר פיהרט אויס, אַז בזכות החסד האָט ער געבוירען קינדער און אזוי גיך ווי די מדת החסד האָט זיך פון איהם אָפּגעטהאָן האָט זיך איבער איהם געשטאַרקט די מדת הדין.

דער נאָמען פונ׳ם חכם ווערט אין ספר ניט דערמאָנט און לייענענדיג מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז עס האָט פּאַסירט מיט אַ זייטיגען מענשען. אָבער דער אמת איז, אַז די געשיכטע איז געשעהן אין ראדין און אַז דער חכם איז געווען קיין אַנדערער נאָר טאַקע דער חפץ חיים אליין.

אזוי האָט אַמאָל דעם שרייבער פון די שורות איבערגעגעבען ר׳ יוסף ארזשאכאווסקי פון פינסק, וועלכער איז גראָד געווען דאַמאָלט אַ תלמיד אין דער ראדינער ישיבה און דאָס זעלבע ווערט אויך באַשטעטיגט פון אַנדערע אַנוועזענדע, ווי הרב י. מ. ראַבינאָוויץ פון שצוצין, א. א. וו.

ל.

זיין זוהן, ר׳ אברהם ז״ל

פון זיין ערשטען זיווג האָט דער חפץ חיים געהאַט פיער קינדער, צוויי זיהן און צוויי טעכטער. ר׳ אברהם האָט געהייסען דער אינגערער זוהן. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תרכ״ט. ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען האָט מען שוין דערקענט זיינע פענאָמענאַלע עלוי׳שע כשרונות. גדולים האָבען באַוואונדערט די טיפע הבנה און פלינקייט פון זיין תפיסה, דאָס שאַרפקייט און טיפקייט פון זיין לאָגיק. זיין זכרון און געדאַנקען־קאָנצעטראַציע זיינען געווען פלאים׳דיג. זיין דרך אין לערנען איז געווען אזוי ווי דער פון די ראשונים. זיין געניאַליטעט האָט מען דערהויפּט ארויסגעזעהן ווען ער פלעגט זיך מעמיק זיין אין אַ שווערע סוגיא פון ש״ס, און מיט אויסגעוועהנליכע ברייטקייט און דורכדרינגליכקייט קלאָר מאַכען דעם גייסט און אינהאַלט פון יעדען ענין.

ווען דער חפץ חיים האָט אין יאָהר תרמ״א ארויסגעגעבען זיין ספר „מחנה ישראל״ איז נאָך זיין זוהן אברהם קיין צוועלף יאָהר ניט אלט געווען, און דאָך ברענגט שוין דאָרט דער חפץ חיים אַ טיעף לומד׳ישע הערה פון איהם באַזירענדיג אויף דעם יסוד אַ געוויסע הלכה למעשה (פרק ל״ג). ווען ער איז זעכצעהן־זיבעצעהן יאָהר אַלט געווען נאָכדעם ווי ער האָט אין יאָהר תרמ״ד געלערענט אין דער ישיבה אין סלאבאדקע, איז ער אוועק קיין וואָלאָ־זשין צו לערנען אין דער דאָרטיגער ישיבה. דער גאון ר׳ הירש ליב האָט זיך מיט איהם זעהר פיעל משתעשע געווען. אין דער קורצער צייט וואָס ר׳ אברהם האָט דאָרט געלערענט האָט ר׳ הירש ליב ממש זיין אויג פון איהם ניט אַראָפּגענומען. ר׳ אברהם האָט אמאָל אליין דערצעהלט, אז ר׳ הירש ליב האָט אים געהאַט גע׳מוסר׳ט ווען ער האָט איינמאָל בעת קידוש לבנה באַ־מערקט אז ער איז ניט געשטאַנען גלייך אויפ׳ן אָרט אזוי ווי דער שלחן ערוך פאָדערט עס („ומישר רגליו ומברך מעומד״ — אורח חיים, סימן תכ״ו). ער האָט איהם אויסגערעדט: „דעם חפץ חיים׳ס זוהן דאַרף זיין פרימער!״

אין זומער פון יאָהר תרמ״ו איז אויסגעבראָכען די שריפה אין וואָלאָזשין, וועלכע האָט צושטערט די גאַנצע שטאָט און אויך די ישיבה. די גאַנצע צייט פון פייער האָט אברהם, אַזוי ווי אַלע תלמידים פון דער ישיבה, געאַרבייט זעהר שווער טראָגענדיג כסדר וואַסער צו העלפען לעשען די שריפה. דער ווינט איז אָבער געווען שטאַרקער פון זיי און אלעס איז אָפּגעברענט געוואָרען. ניט האָ־בענדיג וואו צו זיין, איז גלייך נאָכדעם אברהם מיט א גרופע בחורים אוועק צו פוס צו דער נאָהענטסטער שטאָט באקשט (פיער רוסישע מייל פון וואלאזשין). זייענדיג דורכגעשוויצט און אויסגעמאַטערט, האָט ער זיך צוגעקיהלט און איז קראַנק געוואָרען, זיינע לונגען זיינען אָנגעגריפען געוואָרען. ער האָט זיך צוריקגעקערט אהיים. אלע באמיהונגען פון זיינע עלטערען איהם צו ראַטע־ווען האָבען ניט געהאָלפען. ער איז געוואָרען וואָס וויטער אַלץ שוואַכער. טראָץ אַלע וואָרנונגען פון די דאָקטורים אַז ער טאָר ניט לערנען האָט ער זיך פון תורה בשום אופן ניט געקענט אָוועקרייסען. פיהלענדיג ווי די כחות פארלאָ־זען איהם, האָט ער זיך ניט איין מאָהל צעוויינט: „איך בין דאָך אַזוי יונג און האָב אַזוי ווינציג געלערענט!״ אָבער ווען דיליידען האָבען איהם אָפּגעלאָזט פלעגט ער זיין מונטער און פרעהליך. ניט איין מאָל האָט ער אויסגערעדט מאַנכע חברים אין דער ישיבה, וועלכע פלעגען לערנען מיט אן אומעטיגען ניגון, אַז די תורה דאַרף מען לערנען מיט שמחה און די אַטמאָספערע דאַרף ניט זיין קיין עצבות׳דיגע, ווייל „פקודי ה׳ ישרים משמחי לב.״

ער האָט פיעל געהאָלפען זיין גרויסען פאָטער אין זיינע חיבורים, ווי דער חפץ חיים אַליין דערצעהלט עס:

„והיה גדול בתורה ובמעלות עד להפליא ועזרני הרבה והרבה בסידור החיבור הזה. גם הרבה מחידושי תורה „בזבח תודה״ הם שלו, והיה עמקן נפלא ובעל סברא ישרא, וגם בשניו האחרונות שנחלשו כחותיו, כי היה חלוש גדול כמה שנים — לא יצא למוש מתוך אהלה של תורה, ועמל הרבה על סידור ההלכות שבחיבור הזה״ (הקדמה צום ספר „לקוטי הלכות״, ח״א). אויך אין „ביאור הלכה״ (משנה ברורה, ח״ג, סימן של״ג), נאָכדעם ווי דער חפץ חיים ציטירט אַ שטיק וואונדערבאַרע תורה, פאַרענדיגט ער: „דאָס אַלעס האָב איך קאָפּירט פון אַ מאַנוסקריפּט פון מיין זוהן המנוח הגדול ובעל מדות טובות כמוה״ר אברהם זללה״ה, שנפטר בעוונותינו הרבים בן כ״ג שנה, כ׳ כסלו, תרנ״ב״. ער איז, אַלזאָ, אַלט געווען 23 יאָהר ווען ער איז נפטר געוואָרען.

בעת זיין פטירה איז גראד דער חפץ חיים אין ראדין ניט געווען. ער איז געווען אין ווארשא צוליב זיינע ספרים. ער איז איינגעשטאנען ביי זיינעם א ידיד, הרב ר׳ איטשע גראדזענסקי. דעם שבת בעפאר, האט ער זיך אין דער פריה אנטשולדיגט פאר די בני בית, היות ער פיהלט זיך ניט גוט קען ער ליידער מיט זיי דאס מאל ניט עסען צוזאמען, נאר ער וויל בעסער בלייבען ביי זיך אין חדר א גאנצען טאג. האט ר׳ איטשע, אליין וועלענדיג משמש זיין דעם ליבען און טייערען אורח, איהם אריינגעטראגען עסען. זעהענדיג אז ער איז מעהר ניט טועם ווי אבי יוצא צו זיין, האט ער איהם געפרעגט די אורזא־כע, האט דער חפץ חיים איהם פארטרויט, אז ווען ניט שבת וואלט ער דעם טאג געפאסט א תענית חלום, ווייל פרייטאג־צו־נאכט האט ער געהאט א חלום אז א ספר תורה איז איהם ארויסגעפאלען פון זיין האנט.

נאר שבת האט דער חפץ חיים ערהאלטען א טעלעגראמע אז ער זאל תיכף קומען אהיים. ער איז גלייך געפאהרען. אנגעקומען איז ער בייטאג. ווען ער איז אראפ פון דער פוהר האט ער באמערקט דעם עולם שוין געהענדיג צוריק פון בית עולם. אלע זיינען געווען פארוויינט און צובראכען. דער חפץ חיים אליין איז גלייך א רוהיגער אריין צו זיך אין הויז און זיך אוועקגעזעצט שבעה. קיין טרער האט מען אויף זיין פנים ניט געזעהן, און ניט געהערט פון איהם קיין זיפץ. ״די וועלט״, האט ער געזאגט, ״האט פארלוירען א גרויסען גאון. זייענדיג קוים זעכצעהן יאהר האט ער שוין געזאגט תורה כאחד הגדולים״! און האט אויסגעפיהרט: „ה׳ נתן וה׳ לקח יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם — יעצט ווייס איך אז איך בין א איד!״ האט ער פארענדיגט, און האט דערביי דערצעהלט די מעשה וואס ווערט איבערגעגעבען אין ספר „תולדות אדם״ (פרק ט״ז): אין דער צייט פון דער אינקוויזיציע אין שפאניע, אין יאהר רנ״ב, האבען די בלוטדורשטיגע רשעים פאר די אויגען פון א מוטער א צדיקת גע־שחט׳ען איהרע צוויי ליבע און טייערע קינדער. די העלדישע פרוי האט דאן מוטיג געווענדעט איהרע אויגען צום הימעל און מיט א געשטארקטער הארץ געשעפטשעט א תפילה: ״רבונו של עולם, אמת איך האב דיך טאקע אייביג געליבט, דאך כל זמן איך האב געהאט מיינע טייערע און ליבע קינדער איז מיין הארץ געווען צוטיילט, עס איז דארט געווען אויך אן ארט פאר ליבע צו זיי; איצט אבער, אז מיינע קינדער זיינען שוין מעהר ניטא, איז שוין אין מיין הארץ איינגאנצען א נעסט פאר מיין ברענענדיגער אהבה צו דיר... יעצט

וועל איך באמת קאנען מקיים זיין דעם „ואהבת את ה׳ בכל לבבך ובכל נפשך״ — דיך צו ליבען מיט׳ן גאנצען הארצען.״

און דער חפץ חיים האט דעמאלט מיט התלהבות אויסגערופען: ״רבונו של עולם, די ליבע וואס איך האב ביז יעצט געפיהלט פאר מיין קינד, גיב איך דיר אוועק!״

עס איז אינטערעסאנט א טרייסט־בריעף וואס דער חפץ חיים האט „צום גדליהו״ פון יאהר תרנ״ג, געשיקט צו זיין פריינד און יוגענד־חבר, ר׳ חיים ליב הכהן פון טיקטין, ווען דער לעצטער האט פארלוירען זיינעם א מצוינ־דיגען זוהן, א גדול בתורה און א גרויסער בעל מדות, וועלכער איז גראד גע־ווען א תלמיד פון זיין ישיבה. ער שרייבט איהם טיילווייז ווי פאלגט:

״אהובי ידיד נפשי, איך בין אויפגעטרייסעלט געווארען, דערהערענדיג פון דער פטירה פון אייער טייערען זוהן... איך פיהל אייער צער וואס איז אומגעהויער גרויס. אבער לויט ווי מיר ווייסען פון אונזער הייליגער תורה זיינען די יסורים פון פאלק ישראל אזוי ווי א פאטער שטראפט א קינד... ס׳איז דאך ידוע פון ספרים אז די ליבע פון השם יתברך צום מענשען איז מעהר ווי דער מענש ליבט זיך זעלבסט. און דאס וואס דער מענש לידעט איז אמאל צוליב׳ן כלל ישראל. דער צדיק קומט אפ צוליב די זינד פון דור... דער שכר פון אזעלכע לידען איז געוויס זעהר גרויס און דער תיקון זעהר פיעל... דאריבער איז ניט פאר אונז זיך צו זארגען צופיעל איבער אזעלכע ענינים.

״מיין ליבער און טייערער פריינד, אויך איך אליין בין לעצטען ווינטער געשלאגען געווארען מיט אזא קלאפ, פארלירענדיג מיין זוהן הבחור אברהם ז״ל, וועלכער איז געווען א גדול בתורה ומעמיק נפלא און עס געפינט זיך גאר כמעט ניט זיין גלייכען אין אונזער דור. ער איז אויך געווען א איש גומל חסד. אבער מיט איין זאך טרייסט איך זיך — מיט דער האפנונג אז ווען איך וועל, לאחר מאה שנה קומען פאר׳ן כסא כבודו יתברך (יענע וועלט) וועל איך זיך ניט דארפען שעהמען מיט איהם. דאס זעלבע זאג איך צו אייך, מיין ידיד נפש, אויך אייער זוהן איז געווען א יקר ונחמד און לאחר מאה שנה וועט איהר זיך אויך ניט דארפען מיט איהם שעהמען . . . ובהדי כבשי דרחמנא למה לן״!

ווען א באקאנטער האט איינמאהל באגעגענט דעם חפץ חיים אין ווארשא, ניט וויסענדיג אז ר׳ אברהם איז שוין ניטא, האט ער איהם געפרעגט וואס ער מאכט, האט איהם דער צדיק א רוהיגער געענטפערט, אז ער איז אוועק אין א ישיבה — מיינענדיג די „ישיבה של מעלה״. דאס איז כאראקטעריסטיש חפץ

חיים׳דיג. די ישיבה של מעלה, וואו מ׳לערנט און מען איז עוסק אין תורה און אַז ביי בית דין של מעלה וועט מען פאַרהערען אין לערנען, איז שטענדיג געווען פאַר איהם אַ לעבעדיגע זאַך.

מען דערצעהלט אַז ווען דער איישישקער דיין, ר׳ אליעזר טורעצער, וועל־כער איז געווען אַ גרויסער למדן און צדיק, איז קראַנק געוואָרען און האָט דערפיהלט, אַז זיין צייט דערנענטערט זיך, האָט ער געבעטען אַז ער וויל זעהן דעם חפץ חיים. ווען דער לעצטער איז געקומען האָט איהם דער קראַנקער געזאָגט היות ער פיהלט, אַז זיין טויט איז שוין נאָהענט און אַז זיי־נע טעג זיינען געצעהלטע, שרעקט ער זיך זעהר פאַר׳ן יום הדין. זייענדיג זיינע רוב יאָהרען אַ דיין אין איישישאק וועט מען דאָך איהם,ביים בית דין של מעלה, געוויס עקזאַמינירען צי ער איז קלאָר אין ״חושן משפט״. האָט ער זיך דעריבער געבעטען מיט תחנונים ביים חפץ חיים, אַז ער זאָל נעמען אַ „חושן משפט״ און איהם פאַרהערען צי ער געדיינקט די מעהרסטע דינים, ווייל ער וויל וויסען בעפאָר׳ן משפט צי ער וויים.

כדי צו באַרוהיגען דעם קראַנקען האָט דער חפץ חיים זיין בקשה ערפילט און האָט ביי זיין בעט פאַרבראַכט עטליכע שטונדען, האַלטענדיג אין האַנט אַ „חושן משפט״ און איהם אויסגעפרעגט פאַרשידענע דינים אויף וועלכע דער דיין האָט געענטפערט אַלעס כהלכה. די גאַנצע צייט האָט זיך דער חפץ חיים קאָנטראָלירט זיינע געפיהלען און סענטימענטען, אָבער ווען ער האָט דעם קראַנקען פאַרלאָזען האָט ער זיך שטארק פאַנאַנדערגעוויינט און ביטער גע־זיפצט, זאָגענדיג מיט אַ טרערען־געשטיקטע שטימע: ״יאָ, ער וויס טאַקע, אָבער וואָס וועט זיין ווען מיין צייט וועט קומען . . . און מ׳וועט מיר אויס־פרעגען... וואָס וועל איך ענטפערען?!״

אויפן קבר פון ר׳ אברהם׳ען, אויפ׳ן ראַדינער בית עולם, שטעהט אַ קליינינקע מצבה אויף וועלכער ס׳זיינען בלויז אויסגעקריצט די ווערטער פון וועלכע דאָס פאָלגענדע איז אַן איבערזעצונג:

״דאָ רוהט הבחור אברהם בר׳ ישראל מאיר הכהן וועלכער איז נפטר גע־וואָרען 23 יאָהר אַלט, צוואַנציג טעג אין כסלו פון יאָהר תרנ״ב.״

אַזאַ הנהגה שטימט מיט׳ן חפץ חיים׳ס לעהרע וועלכע ער באַטאָנט אין זיין ספר „אהבת חסד״ (פרק חמשה עשר) טיילווייז אַזוי:

״באַרישע מענשען פאַרשווענדען געלד אויף שעהנע און קאָסטבאַרע מצבות און זוכען צו באַפוצען דעם קבר מיט בלומען און טהוען עהנליכע אַנ־

דערע זאַכען כדי צו עהרען דעם אנדענקען, פאַראייביגען דעם נאָמען, אָדער צו שאַפען אַ נחת רוח פאַר דער נשמה פון דעם נפטר. זיי ווייסען אָבער ניט אַז דורך דעם פאַרשאַפען זיי גאָר צער דער נשמה און ניט קיין פאַרגעניגען״.

שטעלט זיך פאָר ווען דער פאָטער טרינקט זיך, אָדער איז אַרומגעקומען פון אַ פייער, ערוואַרטעט ער דאָך אַז זיינע קינדער פאַר וועמעס גליק ער האָט זיינע כחות אָוועקגעגעבען זאָלען אָנווענדען פאַסיגע און ווירקזאַמע מיטלען כדי איהם פון אומגליק אַרויסצוראַטעווען. און אַזוי כדי זיך צו ראַטעווען פון יסורי גיהנם און זיך ערווערבען זכיות אויפ׳ן עולם האמת איז נאָר מעגליך דורך תורה, צדקה און גמילות חסדים, און דערהויפט דורך די גוטע מעשים פון די קינדער אין אָנדיינק פון די עלטערען, דאָס קען אָבער פאַר קיין פאַל ניט דער־גרייכט ווערען דורך פאַרשווענדען געלד אויף קאָסטבאַרע שטיינער, אָדער אַנדערע טהייערע מאָנומענטען וועלכע זיינען נוצלאָז פאַר׳ן פאַרשטאָרבענעם.

דער חפץ חיים ראטה דאריבער די קינדער צו שטעלען אָן איינפאַכע מצבה און די איבעריגע געלד אויסגעבען אויף צדקה פאַר׳ן זכות און לזכרון פון דער נשמה...

דער חפץ חיים פלעגט בכלל שטענדיג דונערען געגען לוקסוס וועלכעס פאַרפיהרט דעם מענשען אָוועק פון זיין תכלית. אַנשטאַט צו פאַרנוצען די צייט אויף העכערע ענינים, אויף תורה ומעשים טובים, פאַרשווענדעט מען עס גאָר צו פארדיענען פאַר מותרות, אָפּרייסענדיג אַלע מאָל וואָס מעהר צייט כדי צו באַדעקען די פאַדלאָגעס מיט קאָסטבאַרע טעפיכער, און באַשעהנען די הויז מיט טהייערע שטיקער מעבעל און אַנטיקען, א. ז. וו.

ווען אַ איד זעהט אַ בלאַט פון אַ ספר וואַלגערענדיג זיך אויף דער ערד, בייגט ער זיך איין און אויפהויבענדיג קושט ער עס. און דאָ איז רעכט אַז מען טרעט גאַנצע בלעטער פון דער תורה מיט די פיס און מען פיהלט עס גאָר ניט. ״אוי, ווי נאַריש!״ פלעגט דער חפץ חיים באַדוירען.

ריידענדיג וועגען דעם היינטיגען סאָרט לעבען, האָט אַמאָל דער חפץ חיים מיט אַ שמייכעל באַמערקט:

אַמאָל פלעגט מען זיך נוהג זיין צו באַפוצען דעם קאָפּ. מען פלעגט זוכען זיך איינצושאַפען אַ שעהנעם שטריימעל, אָדער אַ צילינדער־הוט כדי צו באַ־שעהנען דעם קאָפּ.

ס׳איז קיין וואונדער ניט, „חכם עיניו בראשו״, און דער ראש איז דאָך דער מלך על כל האברים. היינט אָבער, איז אריינקומענדיג אין אַ הויז גע־

פינט מען גאלאָשען, אויבער־שיך און פאַרשידענע מאָדעס שיך, און דעם קאָפּ לאָזט מען אין גאַנצען נאַקעט און אומבאַצירט. עפּעס קומט אויס ווי די גאַנ־צע חכמה פון די היינטיגע שטעקט מעהר אין די פיס ווי אין קאָפּ...

געטרייסט האָט זיך דער חפץ חיים אַז זיין באַליעבטער און טהייערער זוהן ר׳ אברהם, האָט אין די דריי־און־צוואנציג יאָהר פון זיין לעבען ניט פאַרשוועגדעט קיין צייט אויף דברים בטלים, נאָר אַז ער האָט אין זיין קורצען לעבען דערגרייכט מעהר וויפיעל אַנדערע באַדייטענדע פערזענליכקייטען דערגרייכען אין זייער לאַנגען לעבען. און מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגען ציטירט ער אין פיעלע ערטער אין זיינע וויכטיגסטע ספרים טיעפע און שאַרפע תורה פון איהם.

לא.

די שטאַרקייט פון זיין אמונה

אַ חסידישער איד אין וואַרשאַ האָט אַמאָל געבעטעטן דעם חפץ חיים׳ס זוהן, הרב ר׳ ליב׳ן, ער זאָל איהם דערצעהלען עפּעס אַ מופת פון זיין באַ־ריהמטען פאָטער, באַטאָנענדיג: ״אַזאַ גרויסער צדיק ווי אייער פאָטער איז, דאַרף דאָך קאָנען באַווייזען נפלאות — צדיק גוזר והקב״ה מקיים — דער צדיק דאַרף נאָר באַפעהלען און כביכול פיהרט אַלץ אויס. מיר חסידים האָ־בען דאַריבער טאַקע צו דערצעהלען אָהן אַ שיעור מופתים פון אונזערע צדיקים!״

האָט איהם ר׳ ליב מיט אַ שמייכעל געענטפערט: ״מיין פאָטער איז אַן אַנדער סאָרט צדיק, ער איז מקיים אַלץ וואָס דער אויבערשטער הייסט, און ניט פאַרקעהרט...״

זיין גלויבען איז געוועזען דורכגענומען מיט׳ן געדאַנק אַז די תורה איז געט־ליך אין איהר אורשפּרונג און נצחיות׳דיג אין איהר פאַרנעהם, זייענדיג אַזוי ווי אַ מעכטיגער מויער געבויט אויף אַ פעלזען־שטאַרקען יסוד פעהיג איבער־צולעבען אַלע שטורם־ווינטען און ערד־ציטערנישען. דאָס האָט, לויט׳ן חפץ חיים׳ס אינטערפּרעטאַציע, דער תלמוד געמיינט מיט די ווערטער: „אני חומה — זו תורה, ושדי כמגדלות — אלו תלמידי חכמים״ (פּסחים פ״ז, ע״א).

קומען די כופרים מיט זייערע צודרעהטע קעפּ און זוכען חסרונות אין דער תורה, זיי שרייען אַז זי איז שוין צו אַלט און אַז איהרע יסודות זיינען שוואַך און וואַקלענדיג. זיי ווילען ניט פאַרשטעהן די אייביגע וויכטיגקייט פון איהר לעהרע, די שטענדיגע פרישקייט און זאַפטיגקייט פון איהרע פּרינציפּען. משל למה הדבר דומה, פלעגט דער חפץ חיים זאָגען:

עס לויפט אַ מענש אין גאַס שרייענדיג געוואַלד אַז מענשען זאָלען זיך ראַטעווען פון א זיכערער געפאַהר, בכן דער גרויסער מויער אין מיטען מאַרק טרייסעלט זיך און האַלט ביים איינפאַלען. ווערען מענשען דערשראָקען און

לויפען אַלאַרמירטע נאָך איהם. איז איינער אַ חכם געשטאַנען פון דערוויטענס און זיך געפרעגט וואָרום לויפען עפּעס די מענשען אַזוי צושראָקען? האָבען איהם אַלע אָנגעקוקט אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ חסר דעה, אָדער אַ טויבער און האָט ניט געהערט די געוואַלד־געשרייען פון דעם יעניגען וועלכער לויפט פאַראויס. דער חכם איז אָבער גאָר ניט נתפעל געוואָרען, נאָר געשריען צו זיי: „שנעל לויפט און ברייננט אַן אויגען דאָקטאָר"! די בלינדע נאָכלויפענ־דע מאַסע האָט איהם אָבער איגנאָרירט, און אַנדערע האָבען געשפּאַסט פון איהם אַזוי ווי ער וואָלט גאָרניט געווען ביים זינען.

"געהערט אַ מעשה, מ'דאַרף אַן אַרכיטעקט, הייסט ער גאָר רופען אַן אויגען ספּעציאַלסיט!"

דער חכם האָט אָבער געמאַכט חוזק פון זיי און געזאָגט:

"שוטים וואָס איהר זייט, איהר גלויבט אין אַזאַ נאַרישקייט אַז דער מויער וואַקעלט זיך און האַלט ביים איינפאַלען! איז דען מעגליך אַז אַזאַ שטאַרקער און פעסט־געבויטער מויער, אויפגעשטעלט דורכ'ן פעהיגסטען אַרכיטעקט, אויף אַזעלכע געזונטע יסודות, זאָל זיך טרייסלען? ביי מיר איז דאריבער קיין צווייפעל ניט אַז זיינע אויגען זיינען קראַנקע און טרייסלען זיך אין זיי־ערע לעכער, דאריבער דאַכט זיך איהם אַז דער מויער וואַרפט זיך. וכן דאַרף מען קודם כל אויסהיילען זיינע אויגען וועט שוין ביי איהם ממילא אַלץ אויס־קומען גוט!"

כך אַזוי, פלעגט דער חפץ חיים אויפיהרען, איז מיט דער תורה. שוטים וועמעס מאַרך איז מסתמא ניט אין ריכטיגען פלאַץ, וועמעס גייסטיגע ראיה איז צוטרייסעלט, דוכט זיך אַז די תורה האַלט ביים פאַלען און אַז איהרע יסודות וואַקלען זיך, ווערענד דער גראַדער אונקאָרופּטירטער שכל דיקטירט גאָר אַנדערש. דער וועלכער מיינט און זוכט ערנסט דעם אמת וועט לייכט אויסגעפינען די אונענדליכע חשיבות און אייביג טייערקייט פון דער תורה פאַר אַלע צייטען און אונטער אַלע אומשטענדען און באַדינגונגען.

גלייכצייטיג פלעגט אָבער דער חפץ חיים אויך וואָרנען זיינע תלמידים אויסצומיידען ווי ווייט מעגליך צו פיהרען ויכוחים מיט אַפּיקורסים. באַטאָ־נענדיג: "ס'איז אַ טעות צו גלויבען אַז מ'וועט זיי מאַכען בעסער, מ'דאַרף זיך גיכער שרעקען אַז זיי זאָלען אונז ניט אַפּשוואַכען — פאַר'ן מאמין זיינען ניטאָ קיין קשיות, און פאַר דעם אַפּיקורוס זיינען ניטאָ קיין תירוצים"!

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָט דער חפץ חיים אַמאָל באַטאָנט די פאַר־

גרעבטקייט און אומוויסענהייט פון היינטיגע אַפּיקורסים. זיי נעמען זיך אַפילו ניט די מיה זיך צו מאַטערען זייער שכל כדי אָפּצולייקענען די תורה, אזוי ווי ס'פלעגען טאָהן די אַמאָליגע וועלכע האָבען זיך געררופען משכילים. אונזערע מאָדערנע אַפּיקורסים זיינען אָהן אַ שום שכל, אָהן קיינע אַרגומענטען און סברות, עובר אויף כל התורה. ער פלעגט טייטשען דעם פסוק: „עת לעשות לה' הפרו תורתך" — עס איז אַ צייט צו טהאָן פאַר השי"ת'ס כבוד ווען מען זעהט די תורה ווערט צושטערט". לויט דער גמרא אין נדרים איז אַן אונטערשייד צווישען לשון הפרה און התרה. התרה (מותר לך) מיינט עוקר צו זיין דורך אַ פתח, אַ טעם, אָדער סברה. ווערענד הפרה, „מופר לך" מיינט גלאַט אַזוי פאַרשטערען אָהן שום טעם סברא אָדער אַרגומענט. דאָס מיינט דער פסוק מיט די ווערטער „הפרו תורתך" ווען מ'זעהט ווי די פּריזי־ניגע עלעמענטען צושטערען די תורה אָהן א שום פאַרוואָס, דאַן איז די פליכט פון יעדער בר־דעת זיך צו וואָלונטירען צום דיענסט פון רבונו של עולם.

„איזהו חכם הרואה את הנולד" — דער איז אַ חכם וועלכער זעהט די צו־קונפט (תמיד ל"ב), וואָלט דאָך אייגענטליך בעדאַרפט געזאָגט ווערען: „דער וואָס וויס אָדער פאַרשטעהט די צוקונפט — ניט דער וואָס זעהט?"

האָט עס דער חפץ חיים אַזוי ערקלעהרט: דער אמת'ער חכם וועמעס אינערליכע זעהונג'ס־קראַפט איז ניט פאַרבלענדעט דורך זעלבסט־זיכטיגקייט און אייגענוציגקייט, זעהט מיט זיינע אויגען פון שכל דעם עתיד קלאָר און דייטליך. ער זעהט און פאַרשטעהט אויף טריט און שריט די וועגען פון דער השגחה, די רעזולטאַטען וועלכע ווערען ענטוויקעלט פון זיינע מעשים, דעם שכר אָדער עונש וואָס זיי ברייגען מיט זיך. מיט זיין בליק קען ער דורכ־דרינגען אַלע ערשיינונגען און פיהלען זייער אינערליכען גייסט. אָט דאָס הייסט זיין אַ חכם!

וואָס גרעסער דער מענש אַרבייט זיך אויס אין גייסטיגען זינן, אַלץ קלאָ־רער און ריינער, העכער און ווייטער, דערגרייכען זיין אינערליכע זעהונג'ס כחות. עס איז ידוע אַז מאַנכע גרויסע מאָלער וועלכע זיינען בעגאָבט מיט אַ טיעפע פאַרשטענדניס און פאַרשטעלונג'ס־קראַפט, זיינען זאָגאַר אומשטאַנד צו מאָלען אַ בילד פון אַ מענשען וועלכען זיי קענען בלויז פון דערוויטענס, פון אַ גענויע ביאָגראַפישע שילדערונג וועגען איהם. אַזוי ווערט טאַקע דער־צעהלט אַז אַ גרויסער קינסטלער האָט איינמאָל געמאָלען אַ בילד פון אַ רוסי־שען קייזער אַבוואָהל ער פערזענליך האָט קיינמאָל ניט געזעהן ניט איהם און

נים זיין בילד, נאָר בלויז דורך באַקאַנען זיך מיט די שילדערונגען וועגען איהם דורך זיינע ביאָגראַפיעס.

עהנליכעס פלעגט דער חפץ חיים זאָגען, קען יעדער תלמיד חכם דער־גרייכען אויב נאָר ער לערנט באמת תורה לשמה ווידמענדיג זיינע טעג און נעכט צו דערגעהן די טיעפקייט פון איהר חכמה, און לעבענדיג דורכאויס אין איינקלאַנג מיט איהרע פאַרשריפטען. די תורה איז דאָך די געטליכע ביאָ־גראַפיע (אנא נפשי כתבית יהבית, שבת ק״ה) ענטהאַלטענדיג אַ גענויע שיל־דערונג פון כביכול'ס וועזען, מדות און דרכים, א. ז. וו.

משה רבנו, דער גרעסטער חכם און מאמין אויף וועמען דער רבונו של עולם זאָגט עדות „כי בכל ביתי נאמן הוא פה אל פה אדבר בו", ער מיט זיינע אונפאַרגלייכליכע השגות און ידיעות האָט זיך ריכטיג פאַרגעשטעלט און גע־נוי באַגריפען צו מאָלען אין זיין געדאַנק אַ בילד פון כביכול אַזוי ווי ער וואָלט מיט זיינע אויגען אויף דעם דעם געקוקט — „ותמונת ה' יביט." אַזוי אויך אַב־וואָהל אויף אַ פיל קלענערען און שוואַכערען אופן האָבען אויך באַוויזען די נביאים ישעיהו, יחזקאל און אַנדערע בעפאָר איהם און נאָך איהם, און צו אַזעל־כע מדרגות איז יעדער בן אדם מעהר, אָדער וויניגער, פעהיג צו דערגרייכען... זעלבסטפאַרשטענדליך אַז דאָס מיינט אַלעס אין גייסטיגען זינן לויט זיינע מדות און מעשים. ווייל „לא ישיגוהו שום משיגי הגוף."

אומפאַרגלייכליך איז דער חפץ חיים געווען אין זיין שטאַרקער אמונה אין אויבערשטען און אין זיין תורה. אַלעס איז ביי איהם אויסגעקומען פשוט, אַפילו די ענינים פון אמונה, אַלעס איז ביי איהם געווען קלאָר און דייטליך. ער האָט בכלל ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אַנדערע פרעגען עפעס קשיות אויפ'ן רבונו של עולם. עס איז דאָך אַלץ אַזוי איינפאַך און פאַרשטענדליך! עס ווערט געזאָגט: „וצדיק באמונותו יחיה", אַז אמונה איז פאַר'ן צדיק אַ לע־בענס־קוואַל. דער חפץ חיים איז אָבער אַליין געווען אַן אונענדליכער פריש־פליסיגער קוואַל פון אמונה. ריכטיג האָט אַמאָל אַ געוויסער גדול באַמערקט: „ביים חפץ חיים האָט מען געקאָנט שעפען אמונה מיט גאַנצע עמערס". ווער עס האָט איהם באַזוכט, פלעגט איהם פאַרלאָזען אַ טיעף באַגייסטערטער, פול מיט אמונה און בטחון. ער פלעגט אַריינבלאָזען אין יעדען אידען אַ נייע נשמה, באזעעלען איהם מיט חיות און שטאַרקייט.

מען דערצעהלט אַז איינמאָל פאָהרענדיג מיט אברהם, דעם ראַדינער בעל עגלה, האָט דער לעצטער גענומען אויסגיסען זיין ביטער האַרץ פאַר'ן חפץ

חיים: „ווייסט איהר רבי, אז דאס שטעדטעל האט זיך צוזאמענגעלייגט מיר צו קויפען אט דעם פערד, נאכדעם ווי יענער פערד איז פלוצלונג אוועק־געפאלען?"

„נו, איצט ברוך השם האט איהר דאך שוין אן אנדער פערד", איז געווען דעם צדיק'ס ענטפער.

„יא, רבי, אבער פארוואס קומט עס מיר, אן ארימען אידען, צו שטראפען מיט אזעלכע ליידען?"

האט איהם דער חפץ חיים בארוהיגט אז דער רבונו של עולם איז אהן א שום צווייפעל גערעכט אין זיין משפט — צדיק ה' בכל דרכיו — און האט איהם ערקלערט אז בעל עגלות האבען זייערע נסיונות און דורכפאלען. זיי ווערען מאנכעס מאל מושוה און פאדערען נאכדעם מעהר, אדער פאהרענדיג אין וועג כאפען זיי אמאל היי פון א פרעמד פעלד, אדער לערנען דעם פערד זיך פאשען אויף פרעמדע גראז („החמרין רובן רשעים" — קידושין פ"ב, ע"א) לכן, האט דער חפץ חיים אויסגעפיהרט, קאן גאנץ מעגליך זיין אז פון הימעל האט מען איהם געשטראפט צוליב דעם...

אבער דער בעל עגלה האט זיך ניט געקאנט בארוהיגען.

„אויב אזוי רבי, איהר זייט דאך ניט קיין בעל עגלה, טא פארוואס האט מען אייך לעצטען ווינטער אויפ'ן וואקזאל אין ווילנא צוגע'גנב'עט אייער פוטער?"

האט דער חפץ חיים א טיפען זיפץ געטאהן און באמערקט:

„איהר מוזט מיינען, ר' אברהם, אז איך בין א צדיק? ניין, איך האב דאך אויך מיינע דורכפאלען! איך בין דאך אין מסחר, איך פארקויף מיינע ספרים. אמאל טרעפט זיך א צוריסענער, אדער א פארמעקטער בלאט, אדער ס'פעהלט גאר א בלאט. אמת, איך בין נזהר יעדען ספר פריהער גוט איבער־צוקוקען, מ'איז דאך אבער מעהר ניט ווי א מענש, מ'קאן זיך ניט אויסהיטען. די קונים שעהמען זיך עס צו מאנען פון מיר, אבער מקפיד זיינען זיי אויף דעם. נו, צוליב דעם האט מען מיך געשטראפט!"

אין יעדער געשעהעניש, קליין אדער גרויס, האט דער חפץ חיים געזעהן די האנד פון דער השגחה. יעדע פאסירונג אדער ערשיינונג איז געווען פאר איהם א מאניפעסטאציע פון דער טיפער חכמה און אומבאגרענעצטער ליבע פון רבונו של עולם. ער איז דאך א „מחיה את כלם", אלעמען גיט ער חיות, פון דאס קלענסטע ווערימעל, ביז'ן גרעסטען ריעז, אלע אטעמען מיט זיין כח.

די גרעסטע חכמים קאָנען אין זייערע לאַבאָראַטאָריעס ניט פּראָדוצירען קיין לעבעדיגען ווערען. זיי קאָנען ניט נאָכמאַכען אַפילו אַ קליין קערענדעל, ווייל ס׳פעהלט זיי דער געטליכער כח אַריינצובלאָזען לעבען אין די קינסטליכע חומר׳ס וועלכע זיי באַשאַפען.

זיינע אילוסטראַציעס זיינען אימער געווען פון לעבען גענומען, צום ביישפּיל:

אָט האָט מען ערפינדען אַזעלכע טעלעסקאָפּען, דורך וועלכע מ׳זעהט וואָס עס טהוט זיך אין דער הויך. מ׳קאָן אויסצעהלען וויפיל שטערן עס זיינען פאַראַן אויפ׳ן הימעל, ווי גרויס עס איז יעדער פּלאַנעט. די זון, די לבנה א. א. וו. היינט, אויב מענשען קאָנען זעהן אויף דער ערד וואָס עס טהוט זיך אויפ׳ן הימעל, טאָ פאַרוואָס קאָנען זיי גלייכצייטיג אויך ניט פאַרשטעהן, אַז דער אויבערשטער, דער כל יכול קאָן געוויס זעהן פון הימעל וואָס עס טהוט זיך אויף דער ערד?...

פאַרוואָס קאָנען מענשען ניט באַנעמען אַזאַ פּשוט׳ע זאַך, אַז דער רבונו של עולם קאָן דערהערען דעם לייכטסטען זינדיגען שמועס און האָבען אַ פאָ־טאָגראַפישען רעקאָרד פון אַלע דעטאַלען און וויסען גענוי די קלענסטע פּאַ־סירונג? אַזוי איז יעדע געשעהניש פאַר׳ן חפץ חיים געווען אַ קוואַל צו שעַ־פּען אמונה.

דערצעהלט הרב ש. מערקל פון קאָוונע, אַז אין יאָהר תרע״ה ווען ער איז געווען אין מאָסקווע האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער חפץ חיים איז דאָרטען געקומען. איז ער איהם געגאַנגען באַזוכען אין האָטעל. דאָרט האָט ער איהם געטראָפען שמועסענדיג מיט אַן אָרטיגען באַוואוסטען מיליאָנער, וועלכער איז אגב געווען איינער פון די הויפּט שטיצער פון זיין ישיבה. זיין איידים, ר׳ הירש לעווינסאָן, (וועלכער האָט איהם דאַן באַגלייט) האָט זיך ענטשולדיגט און איז אַריין אין צווייטען חדר, כדי אויסצושטעלען אַ בויטיגע טעלעגראַמע וועלכע זיי האָבען באַדאַרפט אָפּשיקען, און דער חפץ חיים איז געבליבען ריי־דען מיט׳ן גביר.

האָט איהם דער חפץ חיים (צוליב׳ן חשש פון לשון הרע) תיכף ומיד אָפּ־געשטעלט מיט דער באַמערקונג: „דאָרטען אין צווייטען חדר איז מען מסדר אַ טעלעגראַמע, מען ציילט יעדען וואָרט באַזונדער. ווייסט איהר פאַרוואָס? מ׳וועט נאָכהער פאָדערען צו באַצאָהלען פאַר יעדען וואָרט!...

לב.

פאַר אידען אין אַמעריקאַ

דאָס האָט פּאַסירט מיט'ן חפץ חיים אין זומער פון יאָהר תרנ"ג. געהענדיג איינמאָל צוזאַמען מיט זיין באַריהמטען זוהן הרב ר' ליב, האָט דער לעצטער צו איהם געזאָגט:

„איך דיינק, טאַטע, אַז דו אַליין וועסט נאָך אַמאָל אויך זיין אין אַמעריקאַ. דו ביזט אַזוי ווי ירמיהו הנביא וועלכער האָט נאָכ'ן חורבן געשטורעמט געגען די יעניגע וואָס פאַרלאָזען דאָס לאַנד יהודה און אימיגרירען קיין מצרים. נאָכ־ הער האָט זיך אַזוי געמאַכט אַז ער אליין האָט געמוזט געהן קיין מצרים און האָט דאָרטען זיינע נביאות און תוכחות פאַרגעזאָגט. אויך דו, טאַטע, עצה'סט און מוסר'סט אנדערע ניט צו פאָהרען קיין אַמעריקאַ, קען גראד מעגליך זיין, אַז דו וועסט נאָך אַמאָל דאָרט אַליין געהן!"

האָט איהם דער חפץ חיים אויף דעם גאָרניט געענטפערט, נאָר אויף־צו־ מאָרגענס האָט ער איהם אַריינגערופען און צו איהם געזאָגט:

„דו ווייסט, מיין קינד, אַז צוליעב דיינע ווערטער האָב איך אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפען, קלעהרענדיג כסדר וועגען דיין אַנמערקונג. איך זעה אַז דו ביזט טאַקע גערעכט. מען טאָר ניט לאָזען אידען אויף הפקר. איך אַליין בין אָבער שוואַך אין געזונט און פיהל זיך ניט שוין ביי די כחות צו קענען פּער־ זענליך פאָהרען מעבר לים, האָב איך דאריבער בעשלאָסען צו שרייבען פאַר זיי אַ ספר און איהם שיקען דאָרט, כדי ער זאָל פאַר מיר דאָרט צו זיי ריידען".

אַזוי איז דער ספר „נדחי ישראל" געשאַפען געוואָרען און איז ערשינען אין יאָהר תרנ"ד. דיזער ספר ענטהאַלט אַ קיצור פון די עלעמענטאַרע פּרינ־ ציפּען פון אידישקייט, וועלכע יעדער איד איז מחויב צו וויסען, אויך מאמרים און ערקלעהרונגען באַזירט אויף פסוקים פון תנ"ך, און שטעלונגען פון תלמוד כדי צו ערמוטיגען און שטאַרקען די אידען וואו זיי זאָלען ניט פאַרוואָגעלט ווערען. אין אַ לייכטען פאַרשטענדליכען העברעאיש און אויך אין אַ פאָלקס־

טימליכען אידיש דרינגט דער מחבר אַריין אין יעדער אידישער נשמה. ער רעדט זיך דאָרטען דורך מיט׳ן שאָפּ ארבייטער אזוי ווי ער וואָלט צוזאַמען מיט אים אין שאָפּ געאַרבייט. ער פיהלט די ליידען פון פעדלער און פארשטעהט די נסיונות פון ביזנעסמאַן. ער שילדערט אָבער גלייכצייטיג אויך דעם תענוג פון אַ מצוה, דעם גן עדן פון אמת׳ען אידישען שבת, דאָס פארגעניגען פון אַ ריי־נעם פאַמיליען לעבען, די שעהנקייט און הייליגקייט פון אַ אמת׳ע אידישע היים. פאַר איטליכען האָט ער אַ טרייסט־וואָרט, יעדען איינעם זוכט ער צו מוטיגען און שטאַרקען. לערנענדיג זיין ספר דוכט זיך אַזוי ווי דער מחבר וואָלט אַליין טאַקע געווען אין אַמעריקא און אַלע ערפאַהרונגען אַליין דורכ־געמאַכט.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז כדי צו קענען שאַפען אַ פאַסיגע אידישע היים און צו ענטוויקלען אַן אינטענסיווען אידישען צענטער אין אַ נייע לאַנד פאָדערט פיעל מיה, אַ סך צייט און געניאַלע פיהרענדע כחות. ניט אַלע צייטען און ניט אַלע לענדער און ניט מענשען זיינען צוגלייך מסוגל אויף דעם. דער פראָצעס פון באַזעצען אידען אין די לענדער פון דער אַלטער וועלט איז צו־געגאַנגען גאַנץ אַנדערש ווי דאָס באַזעצען זיי אין די לענדער פון די ניי־ענט־דעקטע קאָנטינענטען. קומענדיג אין אַ נייע וועלט וואו רעליגיאָן איז פאָל־שטענדיג אָפּגעטיילט פון שטאַט, וואו אַלע בירגער זיינען גלייך פאַר׳ן געזעץ און וואו יעדער איינער איז באַרעכטיגט נאָכצופאָלגען די דיקטאַטור פון זיין ריינעם געוויסען און וואו דער קהלה־לעבען פון יעדער דענאָמינאַציע איז גע־בויט אויף פרייוויליגע יסודות אָהן רעגירונגס מאַכט, אָדער סאַנקציעס, איז נאַטירליך אַז אַזעלכע אומשטענדען האָבען געשאַפען זאַנדערבאַרע פראָבלע־מען פון וועלכע די אידישע גלות־היסטאָריע האָט ביז דאַמאָלסט קיין עהנלי־כעס ניט געוואוסט.

ווי בעוואוסט זיינען די ערשטע אידישע וואַנדערער אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס אַם מעהרסטען געווען שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אידען. ווען די האָפנונג פון די אידען אין דייטשלאַנד צו ווערען פאָלשטענדיג עמאַניציפּירט איז צורונען געוואָרען און אַלע פאַרזוכען זיך צוצופאַסען צו דער גוי׳שער סביבה האָט נאָך מעהר פאַרשטאַרקט דעם אידען־האַס, האָט אַ באַדייטענדער טייל פון זיי אויסגעוואַנדערט נאָך די פעראייניגטע שטאַטען וואוהין זיי האָבען מיטגעבראַכט זייער רעפאָרמירטע אידישקייט. זייערע רייכע טעמפּלען ווי „עמנואל״ און „בית אל״ אין ניו יאָרק האָבען זאָגאַר געזוכט אַריבערצו־

ברייננען קיין אַמעריקא די אויסגעשפּראָכענע רעפאָרמער צווישען די דייטשע ראבינער, ווי גייגער, און אַנדערע. די לעצטע האָבען זיך אָבער ענטזאָגט צו קומען, צווייפלענדיג אין זייערע פעהיגקייטען אויפצוטאָהן עפּעס אין אַ פרעמ־דעס לאַנד. האָבען זיי געשיקט זייערע תלמידים וועלכע האָבען געאַרבייט מעשים צו פאַרשפּרייטען זייער איינפלוס איבער אַלעמען און אַלעס.

ווען מזרח אייראָפּעאישע אידען זיינען אריבערגעקומען אין דער נייער וועלט האָבען זיי דאָרט געפונען די אַלט־געזעסענע און וואוילהאבענדע אידען, די אַזוי־גערופענע רעפאָרמירטע דייטשע יאהודים. לכתחילה האָבען זיי זיך געפיהלט עלענד און פרעמד. אָבער דערשפּירענדיג זיך פיזיש און פּאָליטיש אַלס פרייע מענשען האָבען זיי ביסלעכווייז פארגעסען זייער גייסטיגע פאַר־גאַנגענהייט. א תהו ובהו האָט געהערשט אין רעליגיעזען אידישען לעבען.

עס איז דאריבער זעלבסט־פאַרשטענדליך אַז די פרומע אידען האָבען זיך זעהר געשראָקען פאַר'ן קיום היהדות אין די נייע לענדער. צו עמיגרירען פון אַ לעבעדיג־צאַפּעלדיגע אידישקייט אין מזרח אייראָפּא צו אַ קאַלטע און אָפּט־מאָל טויטע סביבה מעבר לים, האָבען זיי בעטראַכט פאַר אַ גרויס געפאַהר. האָט דער חפץ חיים פאַרפאַסט אַ ספּעציעלען קונטרס „נפוצות ישראל" אין וועלכען ער פאָדערט אויף זיינע ברידער צו האָבען בטחון אין השם יתברך און ניט ריזיקירען מיט זייערע קינדער אין אַזעלכע לענדער. „עס איז פּונקט ווי אַ טאָפּ וואָס מען נעהמט צו פון פייער, וואָס לייגער אַוועק אַלץ קעלטער ווערט ער. אמת, מ'זאָגט אַז דער וואָס וויל קען דאָרט אויך בלייבען אַ גוטער איד און אָפּהיטען די תורה און איהרע מצוות. יאָ, דאָס איז טאַקע אמת אַזוי, אָבער די צרה איז וואָס דאָרטען ווילט זיך ניט — די סביבה איז גורם", פלעגט דער חפץ חיים אַרגומענטירען מיט די יעניגע וועלכע האָבען איהם עצות געפרעגט צי זיי זאָלען פאָהרען מעבר לים.

אַן אייגענהענדיגער אידישער בריעף וואָס דער חפץ חיים האָט געשריבען יום ג' פרשה שמיני, אין יאָהר תרנ"ג צו אַ ראדינער אידען אין אַמעריקא, כאַ־ראַקטעריזירט אַם בעסטען זיין פּערזענליכע שטעלונג און השקפה וועגען דעם.

„אל כבוד הרבני מו"ה אהרן ליב נ"י".

„מיר איז אַפילו שווערליך צו שרייבען, נאָר ווייל די שאלה איז זעהר נוי־טיג מוז איך אייך שרייבען ווי עס קומט אויס על פי התורה. אזוי ווי זי שרייבט אַז זייענדיג אין אַמעריקא ווי מען זעהט וועלען די קינדער געוויס קומען מיט דער צייט צו טאָהן מלאכה אום שבת, האָט אייער וייב רעכט וואָס זי וויל

דאַרט ניט בלייבען. זי וויל בעסער פאָהרען אין אַן אָרט וואו מען היט דעם הייליגען שבת, מיר זיינען מחויב צו מאַכען די קינדער פאַר אידען, דען וואָס קען זיין פאַר אַ גליק אַז קינדער געהן ניט אין אידישען וועג. אַ מענש לעבט דאָך ניט אייביג. ווען מען לאָזט קינדער זיין אידען איז זיי גוט און די עלטע־רען איז גוט, און מ׳דאַרף צו השי״ת האָפען אַז ער וועט געבען דעם שטיקעל ברויט אויף דעם אידישען אופן.

„ממני ישראל מאיר הכהן".

ביי אַן אַנדער געלעגענהייט האָט דער חפץ חיים אַמאָל אַזוי באַמערקט: „ווען דער אויבערשטער האָט די אידען אַרויסגענומען פון מצרים, האָט ער זיי געקענט פיהרען דורך צוויי וועגען. איינער איז געווען א גלייכער וועג אין ישוב וואו עס וואָלט זיי קיין עסען און טרינקען ניט געפעהלט. האָט אָבער אין דעם געשטעקט אַ סכנה ווייל זיי וואָלטען געווען נאָהענט צו די מצרים „ושבו מצרימה" און זייענדיג לעבען אַזעלכע שכנים וואָלטען זיי זיך ווידער אָפּגע־לערנט די אומווירדיגע מעשים וועלכע האָבען זיי בעפאָר שוין געהאַט אַריינ־געשלעפּט אין מ״ט שערי טומאה. (הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה). דער אַנדערער וועג איז געווען דורך דער מדבר, אַוועק פון שלעכטער אַטמאָספערע, וואָלט זיי אָבער געפעהלט דאָס שטיקעל ברויט, א דאָך איבער׳ן קאָפּ און אַנדערע נויטוועגדיגקייטען. האָט דער אויבערשטער ליבערשט גע־מאַכט אַ „ויסב", פיהרענדיג זיי אין דער מדבר. איי פרנסה, דאָס קען דאָך דער אויבערשטער געבען אין דער מדבר אויך".

ציטירט דער חפץ חיים אין זיין קונטרס נפוצות ישראל פון רמב״ם, אַז יעדער איד איז מחויב צו זוכען אַ וואוינונג דאָרט, וואו ער דענקט, אַז ער וועט אומגעשטערט קענען אָפּהיטען די אידישע טראַדיציע, אָדער זיין אויס־געזעצט צו ווינציגער נסיונות.

צווישען די דאַמאָלסדיגע אידישע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד, פוילען און ליטא האָבען געפעהלט געהעריגע גענימאַלע כחות כדי צו אָרגאַניזירען דאָס רעליגיעזע אידענטום אין אַמעריקא און גלייך פון אָנפאַנג עס אַוועקשטעלען אויף די דורות־אַלטע טראַדיציאָנאַלע יסודות. די אנערקענטע פיהרער צווי־שען די גדולי הדור האָבען ליידער געלאָזען די וואַנדערער אַזוי ווי שאָף אָהן אַ פאַסטוך. זיי האָבען זיך פשוט געשראָקען פאַר דער נייער וועלט, צווייפ־לענדיג צי עס וואָלט זיי געלונגען עפּעס ממשות׳דיגס אויפצוטאָן.

דער גרויסער גאון און צדיק, ר׳ ישראל סאלאנטער, וועלכער האָט גראד

באַגריפען דעם פולען ערנסט פון דער לאַגע, האָט לכתחילה נאָך פריהער גע־האַט געפּלאַנט צו קומען נאָך אַמעריקא צוזאַמען מיט צעהן פּראָמינענטע רבנים: זיינע ערפאַהרונגען אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך, וואו ער האָט פילע יאָהרען פאַרבראַכט כדי צו אָרגאַניזירען דאָרט די איינגעוואַנדערטע אידען פון רוסלאַנד אין פאַסיגע קהלות, וואָלטען איהם אַ סך געהאָלפען. אָבער ווען ר׳ ישראל האָט זיך דערוואוסט, אַז עס איז אויסגעשלאָסען, אַז די אידיש־רעליגיעזע קהלה פאַראָרדנונגען זאָלען האָבען אַ רעגירונגס קראַפט (הורמנא דמלכא), נאָר אַלע אקטיוויטעטען מוזען זיך שטיצען בלויז אויף פריי־וויליגע ביישטייערונגען און קאָאפּעראַציע, האָט ער דאַן זיין פּלאַן אויפגעגעבען.

אין די יאָהרען ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער שטראָם פון רוסיש־אידישער עמיגראַציע צוליב די פּאָגראָמען, וועלכע האָבען זיך פאַרשפּרייט מיט דער באַשטימונג אויפ׳ן טראָן פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטען, איז שוין דאַן, ליידער, ר׳ ישראל מעהר צווישען די לעבעדיגע ניט געווען (ער איז נפטר געוואָרען כ״ה שבט, תרמ״ג).

אויך דער מלבי״ם, צו וועמען אַ גרופּע פּראָמינענטע אידישע שוהלען אין ניו־יאָרק האָבען זיך דאמאלט נאָך מיט יאָהרען צוריק געהאַט געווענדעט, אַז ער זאָל קומען ווערען זייער גייסטיגער פיהרער, האָט זיך אָנטזאָגט.

האָבען די אידען פון ניו יאָרק, אין יאָהר תרמ״ו, זיך געווענדעט צו די דאַ־מאָלטדיגע גדולי הדור, ווי ר׳ יצחק אלחנן, ר׳ יוסף בער בריסקער, ר׳ אלי׳ חיים מייזעל פון לאדז, ר׳ חיים ברלין, ר׳ הלל ליבשיץ פון סובלאק, ר׳ יעקב יוסף פון ווילנא, ר׳ עזריאל הילדעסהיימער פון בערלין א. אז. וו., אַז זיי זאָ־לען שיקען איינעם פון די גדולים צווישען זיי. ווען דער גורל איז געפאַלען אויף ר׳ צבי הירש ראַבינאָוויץ (דאַמאָלטדיגער מיטאָווער רב, זוהן און שפּע־טער נאָכפאָלגער פון ר׳ יצחק אלחנן אַלס רב אין קאָוונע), האָט ער זיין אָפּזאָג אָזוי מאָטיווירט: „ס׳פיהרט זיך, אַז ס׳איז דאָ אַ שטאָדט, וואו עס וואוינען אי־דען, ביי די אידען איז פאַראַן אַן אָרדנונג, נעמט מען אַ רב איינצוהיטען די אַלטע אָרדנונג. אָבער קומען שאַפען אַ נייע שטאָדט, און נאָכדעם מאַכען אי־דען, און נאָכהער אָנהאַלטען די נייע אָרדנונג ביי די נייע אידען אין דער נייער שטאָדט — דאָס האָט נאָר משה רבנו געקאָנט!״

עס איז אויסגעקליבען געוואָרען דער גאון ר׳ יעקב יוזפא, אַ תלמיד פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, וועלכער איז אין יאָהר תרמ״ה אָנגעקומען אַלס רב

הכולל פון די פאַראייניגטע אָרטאָדאָקסישע קהלות אין ניו יאָרק. ער איז, לײדער, געפאַלען אַ קרבן פון די זעלבטזיכטיגע טהוערס און אייגענגוציגע פיהרער, וועלכע האָבען געזוכט אַלעס צו קאָמערציאַליזירען און פילע פון זיי, האָבען פשוט געזוכט בלויז אייגענע אינטערעסען . . . דער דורכפאַל פון רב הכולל האָט נאָך מעהר אָנגעשראָקען די פיהרענדע פערזענליכקייטען צווישען די פראָמינענטע רבנים אין אייראָפּא, אזוי, אַז זיי האָבען שוין אויפגעגעבען דעם געדאַנק פון פאָהרען קיין אַמעריקא.

דער חפץ חיים, וועלכער איז אימער גרייט געווען צו געהן און צו פאָהרען כדי צו ראַטעווען אַפילו אַ יחיד פון צו ווערען פאַרבלאָנדזשעט פון אידישען וועג, האָט זיך צוליב זיין שוואַכען געזונט־צושטאַנד, לײדער, אויך געמוזט אַנטזאַגען, ווען ס'איז שפּעטער צו איהם ספּעציעל געקומען צו פאָהרען דער באַוואוסטער גאון ר' יעקב דוד סלוצקער (רידב"ז) און געבעטען, אַז ער זאָל מיט איהם צוזאַמען פאָהרען קיין אַמעריקא, כדי דאָרט צו פאַרשטאַרקען אידישקייט.

אין זיין ספר „נדחי ישראל" פיהלט זיך ווי דער צדיק האָט קלאָר פאַרשטאַנען דעם דאַמאָלטדיגען מצב היהדות באמעריקא. די גרויסע שוהלען אין ניו יאָרק האָבען נאָך פאַר'ן רב הכולל אַראָפּגעבראַכט די באַריהמטסטע חזנים פון אייראָפּא, ווי מיכאַילאָווסקי, קופער, מינקאָווסקי און אַנדערע. פנחס מינקאָווסקי האָט פון זיין שוהל שוין דאַן געקראָגען אַ געהאַלט פון פינף טויזענט דאָלאַר אַ יאָהר, בעת איין גרויסען רב האָבען אַלע שוהלען צוזאַמען נישט געקענט, אָדער נישט געוואָלט אויפהאַלטען. דער חפץ חיים מינימיזירט נישט די ווערדע פון חזנים און חזנות. ער ערקלערט בלויז ווי ס'דאַרף זיין על פי דין תורה. ער שרייבט טיילוויז אזוי:

„יעדער שטאָט, וואו עס איז דאָ אַ קיבוץ פון אידען איז מחויב צו נעהמען אַ רב, וועלכער זאָל זיי לערנען, וואָס עס איז ערלויבט און פאַרבאָטען. יעדער איינער איז מחויב זיך צו באַשטייערען פאַר דעם צוועק. אויב אַ געמיינדע דאַרף האָבען אַ רב און אַ חזן און ביידע צוזאַמען קענען זיי נישט אויסהאַלטען, איז דער דין, אַז אויב דער רב איז אַ מובהק, אַ למדן און אַ ירא־שמים, איז ער געוויס בילכער, כאָטש דורכדעם וועט זיי פעהלען די מצות תפלה, וועלכע זיי וועלען נישט קענען מקיים זיין אָהן אַ חזן, זיי וועלען נישט קענען הערען קיין ברכו, קיין קדושה און קיין קדיש, פונדעסטוועגען איז דער רב פריהער, אויב

ער ווייס ווי אזוי צו פסק'ענען אַ דין און לערנען זיין געמיינדע דעם וועג פון תורה.

פון דעם זעהט מען ווי גרויס עס איז עבירה פון די קליינע קהלות אין די וויטע לענדער, וואָס נעהמען ניט קיין רב! מיט אַ שוחט אַליין זיינען זיי ניט יוצא, סיידען, אַז דער שוחט איז צוגלייך אַ גרויסער למדן און אַ מוסמך להוראה פון באַוואוסטע רבנים. (זעה „נדחי ישראל", פרק י"ח).

ליידער האָבען די פיהרענדע גדולים פאַרפעהלט צו רעאַליזירען דאָס וואָס דער גאון הדור ר' חיים וואלאזשינער האָט מיט מעהר ווי הונדערט יאָהר פאָראויסגעזאָגט אַז אַמעריקא וועט ווערען אַ צענטער פון אידענטום און אַז די תורה וועט אין אַמעריקא געפינען איהר אכסניה אַלס לעצטער עטאַפּ פון די עשר גליות וועלכע זי דאַרף דורכמאַכען לויט דער מסורה. האָבענדיג שוין דורכגעגאנגען די לענדער בבל, אפריקא, מצרים, איטאַליע, ספרד, צרפת, אשכנז, פולין און ליטא, איז אַמעריקא באַשערט צו ווערען די לעצטע היים און צענטער פאַר תורה.

דעם שבת אין אמריקא

אין אַ בריף געשריבען צו אגודת הרבנים, דאַטירט ה' מנחם אב תר"צ, אַדרעסירט צום עהרען פרעזידענט הרב רמ"ז מרגליות, שרייבט דער חפץ חיים צווישען אַנדערעס:

„עס פאַרשאַפט מיר גרויס צער די הפקרות פון חלול שבת אין אייער מדינה. צו אונזער גרויסען וועהטאָג איז שוין דאָרט בא אַ גרויסען טהייל פון אונזערע ברידער דער שבת לגמרי געוואָרען הפקר בעוה"ר.

„באמת האָב איך אַמאָל געדענקט, אַז דער רבש"ע האָט עקסטרא פאַר־אורזאַכט אַז אַ סך רבנים ותלמידי חכמים זאָלען אין די לעצטע יאָהרען עמי־גרירען נאָך אַמעריקא, כדי אַז זיי זאָלען צוריקהאַלטען דעם שטראָם פון אַסי־מילאַציע און הפקרות. ליידער, אָבער, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס האָט זעהר ווינציג געהאָלפען צו פאַרבעסערען אידישקייט אויף אַ ממשות'־דיגען אופן. משמעות, אַז די רבנים זיינען נישט מוכיח כראוי דעם המון אחינו בני ישראל, און זיינען זיך נישט געגוג משתדל מתקן צו זיין די קלקולים און צו פאַרצוימען די גרויסע פרצות אין אונזער דת. דאריבער מאַכען די מאַסען פון אונזערע ברידער אַ טעות, דיינקענדיג, די רבנים מיט די תלמידי חכמים זעהען דאָך אַלעס און זיי שטראָפען אונז ניט, מסתמא איז די עבירה

פלונית ופלונית נישט אַזוי האַרב, און אַז מסתמא ווערען די דיני התורה נשתנה לויטן מצב פון דער צייט און לאַנד. ווען זיי וועלען קומען פאַר בית דין של מעלה צו געבען דין וחשבון אויף זייערע מעשים, וועלען זיי דאָך גע־וויס אַראָפּוואַרפען פון זיך די שולד און אַרויפלייגען אַלעס אויף די רבנים און תלמידי חכמים ווייל זיי האָבען ניט געשטערט, וועלען דאָך די לעצטע געוויס ליידען צוליב זייערע זינד. און איך ווייס טאַקע ניט ווי אַזוי זיי ווע־לען זיך קענען גערעכט מאַכען פאַר בית דין של מעלה, ווען די מדת הדין וועט טענה׳ן פאַר׳ן רבונו של עולם פאַר וואָס האָבען די תלמידי חכמים און רבנים נישט געהעריג געשטראָפט דעם המון ישראל אין אַמעריקא?

„עס איז דאָך באַוואוסט וואָס די חז״ל זאָגען (שבת נ״ח) ווען הקב״ה האָט געזאָגט צום מלאך „והתוית תו על מצחות הצדיקים תו של תחי׳ ועל הרשעים תו של מות״, האָט די מדת הדין גע׳טענה׳ט: „מה נשתנה אילו מאילו וכו׳ וכו׳, עיין שם״. האָט די מדת הדין מנצח געווען און די גזירה איז ארויס־געגעבען געוואָרען אויך אויף די צדיקים, אַזוי ווי עס שטעהט „ממקדשי תחלו״ זעהען מיר דעם כח פון דער מדת הדין, אבוואָהל דער רבש״ע איז געשטאַנען לימין הצדיקים און האָט מעיד געווען פאַר די פמליא של מעלה אַז זיי זיינען צדיקים גמורים האָבען זיי פון דעסטוועגען ניט געקענט ביישטעהן די מדת הדין פאַר וואָס זיי האָבען ניט מוכיח געווען צו די מענשען פון זייער דור. כאָטש פאַר׳ן רבש״ע איז געווען גלוי אַז עס וואָלט ניט געהאָלפען, אָבער פאַר זיי איז דאָך נישט געווען גלוי, און די מדת הדין האָט גובר געווען . . .

„לכן, געפין איך פאַר נויטיג מעורר און מזרז צו זיין את רומעכ״ת אלס דער זקן הרבנים פון דער מדינה איז אויף איהם די פליכט מזרז צו זיין אַלע רבנים אַז זיי זאָלען זיך משתדל זיין מיט אַלע כחות מתקן צו זיין די פרצות פון דעם הייליגען שבת, צו זוכען תחבולות מיט עצות דורך רייד און פרעסע כדי אויפצוקלערען אונזערע ברידער די גרויסקייט און הייליגקייט פון שבת, און פאַרקערט וועגען די שטריינגע שטראָף פון אַ מחלל שבת, זיי מזרז זיין תשובה טהאָן בתשובה שלימה, זיי זאָלען חרטה האָבען אויף זייערע מעשים און זיי זאָלען מקבל זיין אויף זיך בקבלה דאָס מעהר ניט צו טהאָן.

„עס איז נויטיג און פאַסיג פאַר כבודו צו פאַררופען אַ ספּעציעלע אסיפה אום זיך צו באַראַטהען ווי אַזוי מתקן צו זיין דעם שרעקליכען קלקול. פאַר

דעם צוועק שיק איך אייך הונדערט קול קורא׳ס וועלכע ערקלעהרען אט די אלע ענינים. איך וועל אייך דאנקבאר זיין אויב איהר וועט מיר לאזען ווי־סען די שריט וועלכע איהר האט געמאכט אין דער אנגעלעגענהייט.

„אין זכות פון שמירת שבת קדש כהלכתו, וועלען מיר זוכה זיין לישועות ונחמות צו אלס וואס הקב״ה האט צוגעזאגט דורך ירמיהו הנביא״.

לג.

אלס אַ כהן

אַ גרויסען איינפלוס און טיעפע ווירקונג אויף דער גייסטיגער ענטוויקלונג און וויכטיגע שאַפונגען פון חפץ חיים, האָט אָהן צווייפעל געהאַט זיין געפיהל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט אַלס כהן. און געווען איז ער אַ כהן מיוחס. ווי ס׳איז שוין באַטאַנט געוואָרען אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל, האָט דער חפץ חיים אַליין אַמאָל דערצעהלט אַז ער האָט איינמאָל געהערט פון זיין פאָטער, אַז ער שטאַמט פון דער משפחה פון גאון וצדיק ר׳ רפאל הכהן האמבורגער, דער מחבר פון די ספרים „דעת קדושים״, מרפא לשון״, „ושב הכהן״, „תורת יקותיאל״, א. ז. וו. 1) לויט אַ טראַדיציע איז דער ווילנער גאון — ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס זיין פאָטער האָט איהם אַלס בכור אויסגעלייזט צו דרייסיג טעג — געפאָהרען זיך אַליין אויסלייזען צו ר׳ רפאל׳ן, ווען ער האָט באַטראַכט אַלס ריכטיגען אָפּשטאַם פון אהרן הכהן. (זעה ספר „עליות אליהו״ צוליב׳ן ספק יחוס פון די כהני הזמן האָט ער זיך אויסגעלייזט פון איניגע כהנים ווי פון ר׳ מאיר הכהן ראפאפארט, וועמעס פאַמיליע האָט געהאָט יחוס־בריעף, א. אז. וו.).

1) ר׳ רפאל בר׳ יקותיאל זיסקינד הכהן (1722־1803) איז געווען פון די גרעסטע גאונים און גייסטיגע פיהרער פון זיין דור. האָט געלערנט אין מינסק ביים אָרטיגען גאון און ר״מ ר׳ ארי׳ בר׳ אשר וועמעס נאכפאָלגער ער איז נאכהער געוואָרען. דער גאון ר׳ חיים וואלאזשינער איז געווען זיינער אַ תלמיד. ר׳ רפאל איז געווען רב ור״מ אין די קהלות: ראקאוו, ווילקאמיר, מינסק, פינסק און פויזען. האָט זיך ענטזאַגט אַנצונעמען אַ כתב רבנות פון בערלין. אין יאהר 1776 איז ער אויפגענומען געוואָרען אַלס רב פון די דריי באַריהמטע קהלות (אהו) אלטונא האַמבורג וואנדזבעק אין יאהר 1799 האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות כדי ווי ער האָט זיך אויסגעשפּראָכען צו קאָנען לעבען די לעצטע יאָהרען מיט מעהר זהירות פון לשון הרע. זיין רעזיגנאַציע איז באַדויערט געוואָרען אין אַ בריוו צו איהם פון קעניג פון דענעמאַרק אונטער וועמעס מאַכט האַמבורג איז דאן געווען. אין דיזען בריוו האָט דער קעניג געהעריג הויך אָפּגעשאַצט דעם גרויסען רב׳ס פאַרדינסטען פאַר זיין פאָלק און דער מענשהייט בכלל.

דערצעהלט דער חפץ חיים, אַז ר׳ רפאל האָט יעדען איינעם מקבל געווען מיט גרויס ליבשאַפט און בסבר פנים יפות. ער האָט פריהער אָבער געבעטען ניט צו רעדען מיט איהם וועגען אַנדערע מענשען.

(זעה „זכור למרים״ זייט 36.)

דער „כהן גדול פון דור״ איז געווען דער טיטול מיט וועלכען די גדולים פלעגען דעם חפץ חיים באצייכענען. מען דערצעהלט אז דער גרויסער גאון ר׳ חיים בריסקער האט אמאל געבעטען א באקאנטען אידען, וועלכער האט איהם געזאגט אז ער פאהרט קיין ראדין: „זייט אזוי גוט, גריסט בשמי דעם חפץ חיים און זאגט איהם למען השם אין מיין נאמען, — ווי דערלעבט מען שוין איהם צו זעהן בארוועס מיט דער העמד איבער די מכנסים און טראגענ־דיג שטיינער אויפ׳ן הארצען (חושן ואפוד)!״ ד. ה. ער האט געהאפט אז אויב דער בית המקדש וואלט אויפגעבויט געווארען אין זיינע יאהרען, וואלט דער חפץ חיים אויסגעקליבען געווארען אלס דער פאסיגסטער צו זיין דער כהן גדול אויף צו טאהן די עבודה. דער חפץ חיים, דאס דערהערענדיג, זאל האבען באמערקט: „הלואי ווי א כהן הדיוט!״

דער חפץ חיים פלעגט שטענדיג טאהן יעדע זאך מיט אויסערגעוועהנליכע זריזות. ניט נאר פלעגט ער לויפען טאהן א דבר מצוה נאר אין אלע זיינע מעשים האט זיך שטענדיג געפיהלט א יוגענדליכע פרישקייט און לעבעדיג־קייט. אלעס האט ער געטאהן שנעל ווי א קינד, מיט דער באמערקונג „כהנים זריזים הם״. מען דארף זיך געוואוינען אין אלעס צו זיין א זריז.

אלס כהן גדול פון דור ווערט ער אונצעהליגע מאל באצייכענט אין די פיעלע הסכמות הגאונים אויף זיינע צאהלרייכע ספרים. עס ווערט באטאנט, אז זאגאר זיין ערשטען חבור „חפץ חיים״ אויף די דינים פון לשון הרע האט ער געשאפען, א דאנק זיין כהונה. ווי באוואוסט, פארזארגט די תורה דעם מצורע זיך צו ווענדען מיט זיין צרעת ניט צו קיין רופא נאר צום כהן (ונגע צרעת כי תהי׳ באדם והובא אל הכהן) וועלכער האט געהאט די אויפגאבע און אויטאריטעט צו ערקלעהרען דעם מצורע ריין, אדער אומריין. „מצורע״, זא־גען די חז״ל, מיינט „מוציא רע״ — דאס מיינט, אז צוליעב רייד — לשון הרע — קומט צרעת אלס שטראף, האט דאריבער די תורה געוואלט אז דער מצורע זאל לערנען די נויטיגע לעקציע וועגען דער שעדליכקייט פונ׳ם מענש־ליכען צונג. זי האט איהם געהייסען געהן צום כהן, וועמען זי האט איבערגע־געבען די קראפט. מיט זיין דבור צו ערקלעהרען דעם מצורע פאר א טמא אדער טהור. דורכדעם האט דער מצורע געהאט אן אנצוהערעניש וועגען די ערנסטקייט פון זיין זינד, און אז דער כח הדבור אויב מען קאנטראלירט איהם ניט ווי געהעריג, קען א מענשען פאראומרייניגען... ווען דער מצורע איז שפעטער אויסגעהיילט געווארען, האט ער אין זיין רייניגונג בעדארפט דורכ־

מאַכען אַ פּראָצעדורע מיט קרבנות, ווידער אַלעס דורך דער פאַרמיטלונג פון כהן.

ובפרט לויט דער באַהויפּטונג פון די חכמי התלמוד איז דער חטא פון לשון הרע מעכב די גאולה. האָט דאריבער דער חפץ חיים אַלס כהן געזוכט צו היילען זיין פאָלק מיט זיינע הייליגע מוסר ספרים. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט'ן פּרינציפּ אַז עס איז פיעל וויכטיגער און מעהר ראַטהזאַם צו זוכען די פאַרהיטונג פון אַ מחלה איידער זי צו היילען. דאריבער האָט ער געשטרעבט אויסצוראָטען לשון הרע וועלכעס פאַראורזאַכט די מחלה צרעת.

דאָס זעלבע איז אויך מיט „חסד". „כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו", די ליפּען פון כהן היטען אָפּ וויסענשאַפט, און תורה ווערט געזוכט פון זיין מויל. „עשות משפט וחסד" צו פּראַקטיצירען גערעכטיגקייט און חסד לויט'ן נביא איז חשוב'ער ווי ברייגנגען קרבנות. טהאָן חסד איז דאַ־ריבער במקום קרבן. אונזער מחבר ציטירט פון „אבות דרבי נתן", אַז איינמאָל שטעהענדיג נאָהענט פון די חורבות פון בית המקדש האָט רבי יהושע אין פאַרצווייפלונג געזאָגט צו רבי יוחנן בן זכאי — וועה צו אונז אַז מיר דאַרפען צוקוקען ווי דער אָרט וואו דורך קרבנות זיינען די אידישע זינד פאַרגעבען געוואָרען, איז חרוב!"

האָט איהם רבי יוחנן אויף דעם געענטפערט: מיין קינד, זיי ניט אַזוי פאַרצווייפעלט, ווייל צו טאָהן חסד איינער מיט'ן צווייטען, איז פונקט אַזוי גוט און ווירקזאַם אַלס כפרה אַזוי ווי קרבנות אַמאָל, „כי חסד חפצתי ולא זבח".

האָט דעם כהן'ס אויפגאַבע באַדאַרפט זיין צו פאַרשטאַרקען וואָס מעהר די מדה פון חסד. זעהענדיג ווי דער גלות ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר אונערטרעגליך, ווי עקאָנאָמיש ווערט דער איד גע'רודפ'ט פון אַלע זייטען, האָט ער געזוכט צו פאַרשטאַרקען די מדה פון חסד צווישען זיין פאָלק, אַזוי ווי דער מדרש דערצעהלט אַז פון גלות מצרים זיינען אידען אויסגעלייזט געוואָרען צוליעב אָט דער מדה וואָס זיי האָבען, טראָץ זייערע צרות און קשוי השעבוד, אויף זיך גענומען צו פאַרשטאַרקען. אַזוי איז געשאַפען געוואָרען זיין ספר „אהבת חסד".

דאָס שאַפען פון זיינע ספרים אויף הלכה, ווי דער „משנה ברורה" א. א. וו., איז אויך ניט ווינציג בעאיינפלוסט געוואָרען פון זיין כהונה, די תורה באַציי־כענט די אויפגאַבע פון כהן צו לערנען די געזעצען צו יעקב'ן און די משפטים צו ישראל (יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל). אַלס מורה און פוסק האָט

טאקע דער חפץ חיים פריהער פון אלעמען געזארגט פאר יעקב׳ן, ד. ה. פאר׳ן פשוט׳ען אידען, און נאכהער פאר ישראל׳ן, פאר׳ן תלמיד חכם. צוערשט האט ער זיינע וויכטיגע ספרים געשאפען פאר׳ן כלל, נאכדעם האט ער זיך גענומען צום שאפען ספרים פאר לומדים, ווי דער „אספת זקנים״, באור אויפ׳ן „תורת כהנים״ און זיין ריעזען ווערק: דער „לקוטי הלכות״ אויף קדשים.

לד.

דער סדר קדשים

עס איז ידוע אַז אין פאַרלויף פון הונדערטע יאָהרען איז דער לימוד אין די ענינים פון קדשים זעהר שטאַרק פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען אין דער לומדי׳שער וועלט. תלמידי חכמים האָבען זיך הויפטזעכליך אָפּגעגעבען מיט די דריי טיילען פון תלמוד, נעמליך: סדר מועד, סדר נשים און סדר נזיקין. בלויז יחידי סגולה אין יעדען דור פלעגען זוכען צו פאַרפאָלקאָמנען זייערע ידיעות אין די מסכתות פון קדשים.

דער חפץ חיים האָט אַמאָל דערצעהלט אַז ער האָט איינמאָל פאַרבראַכט אַ צייט אין לערנען מיט׳ן גאון ר׳ אלעזר משה פון פינסק. ער איז נתפעל געוואָרען פון דעם לעצטענ׳ס שאַרפע און טיפע בקיאות אין קדשים. האָט ער איהם געפרעגט צי ער וויס פון נאָך אימיצען וואָס זאָל זיין אזוי קלאָר אין די ענינים. האָט איהם ר׳ אלעזר משה געענטפערט: ״ר׳ ליפּע מירער (מחבר פון ספר „מלבושי יום טוב״) וויס בעסער קדשים ווי איך אַפילו מיט פאַרמאַכטע אויגען וואָלט ער געקאָנט טהאָן די עבודה אָהן שום טעות״.

עס איז אַ פאַקט אַז זאָגאַר די „ראשונים״, מיט אַכט, ניין הונדערט יאָהר צוריק, האָבען מעהרסטענס זייערע אָפּהאַנדלונגען געשריבען אויף די ענינים וועלכע באַלאַנגען בזמן הזה. „קיין וואונדער ניט״, ערקלערט דער חפץ חיים, „זיי האָבען דאָך ניט געהאַט די אַלע באַקוועמליכקייטען וואָס מיר האָבען. זיי האָבען ניט פאַרמאָגט קיין שלחן ערוך פון וואַנען צו ענטפערען אויף אַלע שאלות וואָס מ׳האָט זיי געפרעגט. פאַר אַלע זייערע באַשלוסען האָבען זיי באַדאַרפט זוכען באַגרינדונגען אין דער גמרא. און דאָס איז דאָך ניט קיין לייכטע זאַך. דער דרוק האָט נאָך דעמאָלט ניט עקזיסטירט און אַלץ האָט באַ־דאַרפט געשריבען און איבערגעשריבען ווערען מיט דער האַנט. איז דעריבער ממש אונמעגליך געוועזן צו בעאַרבייטען געטנוי די הלכה פון יעדער דין און פּרינציפּ. זיי האָבען דאַריבער זייער צייט און מיה געווידמעט צו באַהאַנדלען די יעניגע דינים וועלכע זיינען נוגע צו וויסען פאַר דער אלטעגליכער הנהגה,

הלכה למעשה, אבער ניט אויף קדשים און די ענינים וועלכע זיינען נוהג בזמן שבית המקדש קיים. אזוי האט געטהאן דער פאטער פון די פוסקים, רבנו יצחק אלפסי (1103־1013), פארפאסענדיג מיט בערך 900 יאהר צוריק א חיבור בלויז אויף די פרקים און מסכתות פון תלמוד וועלכע ענינים געהען אן היינ־טיגע צייטען. אין זיינע פיס־טריט האבען נאכגעפאלגט רבנו אשר בן יחיאל דער רא"ש (1328־1250) זיין זוהן רבנו יעקב בעל הטורים (געש. 1340) און רבי יוסף קרא (1575־1488). די לעצטע האבען מחבר געווען דעם שלחן ערוך בלויז אויף די דינים וועלכע האבען א שייכות צו אונזער גלות פעריאדע אליין. (זעה הקדמה צום „לקוטי הלכות").

דער חפץ חיים אבער זייענדיג טיף דורכגעדרונגען מיט א פעסטען און שטארקען גלויבען אין דער נאהענטקייט פון ביאת המשיח, זייענדיג זיכער, אז גאר אין גיכען וועט דער אויבערשטער צוריקעהרען זיין פאלק ישראל אויף זייער הייליג לאנד און אז דער בית המקדש וועט צוריק אויפגעבויט ווערען האט ער זיך אליין און זיין פאלק געוואלט צוגרייטען צו דער גאולה. לויט'ן תלמוד טארען ניט קיין כהנים היינטיגע צייטען טרינקען קיין וויין וועלכעס מאכט שכור, ווייל טאמער קומט פלוצלונג משיח און דער בית המקדש ווערט על פי נס אויפגעבויט וועלען זיי שכור'ע ניט טארען טאן די עבודה. אויך זאגט דער תלמוד, אז אויב איינער נעמט אויף זיך צו ווערען א נזיר „ביום שבן דוד בא", דעם טאג ווען משיח וועט קומען איז איהם גלייך היינט פאר־באטען צו טרינקען וויין, ווייל משיח קאן דאך יעדען טאג קומען. אפילו נאך היינט. אזוי שטארק האבען אונזערע חכמים געגלויבט און געהאפט אויף משיח'ן, און האבען געזוכט זייער גלויבען איינצופלאנצען אינ'ם פאלק.

צוריקקערענדיג פון „גלות בבל" איז דער נביא חגי בעאויפטראגט גע־ווארען צו עקזאמינירען די דאמאלטדיגע כהנים צי זיי וויסען די דינים פון טומאה וטהרה. לויט דער גמרא „אישתביש כהני", האבען טאקע יענע כהנים דאן גוט געוואוסט, און כביכול האט געהאט פארדרוס, (פסחים י"ז ע"א).

נעמענדיג דאס אלעס אין אנבאטראכט האט דעריבער דער חפץ חיים אלס כהן זיך געווידמעט צו דער אויפגאבע פון שאפען ספרים אויף דעם גע־ביט, ועל כלם האט ער געשאפען דעם „לקוטי הלכות" וועגען וועלכען דער גרויסער גאון ר' חיים סאלאוויטשיק האט זיך אויסגעדריקט, אז ווען ער וואלט ניט געוואוסט ווער דער מחבר איז, וואלט ער געמיינט אז עס איז א ווערק פון רב אלפס בשעתו.

דער חפץ חיים האָט מיט אַלע כחות געזוכט צו מאַכען דעם „סדר קדשים" צוגענגליך פאַר לומדים מיט זיינע ספרים, ביאורים און פירושים דורך וועל־כע ער מאַכט לייכט צו פאַרשטעהן די שווערסטע ענינים. זיינע אויספיהרונ־גען און הלכות זיינען געבויט אויף די יסודות פון רמב"ם. דער „לקוטי הלכות" ערגענצט די אַרבייט פון רב אלפס אויף די פאָלגענדע ניינצעהן מסכתות: זבחים, מנחות, פסחים, חגיגה, יומא, תמיד, תמורה, כריתות, בכורות, ערכין, מעילה, נזיר, שבועות, ראש השנה, סנהדרין, מכות, הוריות, סוטה און נדה. און אַ השלמה ללקוטי הלכות הראשונים אויף מסכתות שבת, פסחים, מגילה, יבמות, קידושין, בבא מציעא, חולין.

כדי צו פאַרווירקליכען זיינע פלענער אויף אַ מעהר פּראַקטישען אופן האָט אונזער כהן גדול געגרינדעט אין זיין ישיבה אַ קבוץ פון יונגע לייט וועל־כע האָבען נאָך דער חתונה זיך געוואָלט פאַרבערייטען פאַר רבנות. זיי האָט ער פאַרפליכטעט צו לערנען אַמווייניגסטענס דריי שטונדען אַ טאָג דעם „סדר קדשים" אום צו זיין קלאָר אין די דינים הלכה למעשה. „מ'דאַרף זיין גרייט; מהרה יבנה המקדש!" פלעגט ער אימער זאָגען. אַלעס קאָן דאָך געשעהן, אַזוי אונערוואַרטעט און אַזוי פּלוצלונג אַז עס וועט ניט זיין קיין צייט דאַן צו לערנען. דער עולם וועט וועלען וויסען די דינים בנוגע קרבנות, טומאה וטהרה, תרומה, בכורים, מעשרות, כלאים וכדומה. זיי וועלען דאַן גלייך לויפען צו די תלמידי חכמים, צו די רבנים און מורי הוראה — דאַריבער דאַרפען דאָך די לעצטע זיין מוכן זיי צו קאָנען ענטפערען. ער האָט נאָכהער אויך אָרגאַניזירט און מעורר געווען די כהנים פון גאַר דער וועלט זיי זאָלען זיך אויך נעמען צו די לימודים.

אין זיין שטעדטעל האָט ער ניט איין מאָל צוזאַמענגענומען די אָרטיגע כהנים וועלכע האָבען אַליין ניט געקאָנט לערנען און מיט זיי אין סידור גע־לערנט די פרקים פון „איזהו מקומן".

אינטערעסאַנט איז די התנצלות פון מחבר אין דער צווייטער הקדמה צום ערשטען חלק „לקוטי הלכות", וועלכע פאַנגט זיך אָן אַזוי:

„זאָל מיר קיין מענש ניט חושד זיין אַז מיין כונה איז חס ושלום געווען זיך אָנצוטאָן אין אַ מאַנטעל פון די ראשונים און זיך צו זיי צוצוגלייכען. חלילה וחלילה! ווייל ווי אַזוי קאָן ביי זיך פועל'ן אַן אָרימאַן וועלכער איז געקליידעט אין אַלטע צוריסענע קליידער און ערנעהרט זיך מיט ברעקלאַך, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבען אין די הייזער פון די רייכע צו וועלען געהן

און זיצען צווישען די נאָבעלע לייט און דענקען אַז דורך זיצען צווישען די וועט מען איהם אויך אַריינרעכענען צווישען אדעל? די שמאַטעס מיט וועלכע ער איז אַרומגעבונדען און די טאָרבע וועלכע ער טראָגט וועלען דאָך איהם גלייך פאַרראַטען און דעמאַנסטרירען אַז ער איז אַפילו ניט ווערטה צו זיין אַ טרעטער אונטער זייערע פיס!... דאָס זעלבע איך, וועלכער בין אַזוי ניד־ריג און אָרים אין תורה און מעשים טובים, וואָס פאַרשטעהט ניט אַפילו איין הלכה ווי געהעריג און באַזיץ ניט אַפילו איין מצוה פאַלקאָם, אַזוי ווי מ׳דאַרף, טאָ ווי קאָן מיר גאָר אויפ׳ן געדאַנק קומען אַזאַ זאַך ווי זיך וועלען צוגלייכען צו די ראשונים 1).

די הסכמות הגאונים אויפ׳ן „לקוטי הלכות" שטייגען איבער די אויף די פריהערדיגע ספרים מיט זייער באוואונדערונג און אָפּשאַצונג פון חפץ חיים׳ס גרויסע גאונות און דערגרייכונגען. ווען דער ספר איז ערשינען אין יאָהר תרנ"ט האָט ער געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם צווישען אַלע לומדים און גדולים.

---

1) ער פלעגט אָפט זאָגען: „אין מיין יוגענד בין איך געווען אַ פרומינקער, אבער היינט הלואי זאָל איך זוכה זיין אפצוהיטען די „עשין" מיט די „לאווין" המפורשים . . ."

ל״ה.

זיין באַהאַלטענע גרויסקייט

פאַסירט האָט עס איז יאָהר תרנ״א (1891). דער חפץ חיים איז דאַן מיט זיינע ספרים געקומען צו פאָהרען קיין לובלין. דער אָרטיגער רב איז דאַן געווען דער באַוואוסטער גאון ר׳ הלל ליבשיץ. געוואוסט האָט שוין ר׳ הלל פון פריהער אַז דער חפץ חיים איז אַ גרויסער צדיק, ווי ער האָט עס געזעהן פון זיינע ספרים. ווען ער האָט אָבער דאמאלט דערזעהן דעם „משנה ברורה״, איז ער זעהר נתפעל געוואָרען און האָט באַשלאָסען זיך זעלבסט איבערצוצייגען, צי דער מחבר איז טאַקע אויך אַ גרויסער למדן.

באַדאַרפט האָט איין נאָכמיטאָג פאָרקומען ביי איהם אַ שווערע דין־תורה. האָט ער בכיון מיט אַ שטונדע פריהער איינגעלאַדען צו זיך דעם חפץ חיים אויף טהעע, אין דער אַנוועזענהייט פון די דיינים, זיינען זיהן: דער שפּעטערדיגער קאלישער רב, הגאון ר׳ יחזקאל, ר׳ ליזר, ר׳ יעקב און אויך הרב יהודה ווייל (איינער פון די ראשי־ישיבה אין דער ישיבת רבנו יצחק אלחנן, ניו יאָרק).

ווען דער חפץ חיים האָט דערזעהן אינמיטען זיין טהעע טרינקען אַז אידען זיינען געקומען אויף אַ דין־תורה, האָט ער ענטשולדיגענדיג זיך פאַר די אַנוועזענדע זיך אויפגעהויבען, כדי ארויסצוגעהן אין אַנדערן חדר. „מענשען קומען זיך אויס׳טענה׳ן, איז דאָך ניט כדאי סתם אזוי זיצען און הערען. ס׳קאָן דאָך נאָך אויסגעקומען צו הערען עפּעס אַ לשון הרע...״

ווען דער רב האָט עס באַמערקט, האָט ער זיך צו איהם אַנגערופען: „וואוהין געהט איהר, ר׳ ישראל מאיר? די אידען זיינען געקומען האָבען אַ דין־תורה. איהר מעגט דאָ זיצען!...״ ניט וועלענדיג מעיז צו זיין געגען דעם מרא דאתרא, איז ער פארבליבען זיצען. נאָכדעם ווי די בעלי־דברים האָבען

זיך אויסגע׳טענה׳ט און אַלע באַווייזען זיינען אויסגעהערט געוואָרען, זיינען די בעלי־דינים אַרויס פון צימער, כדי צו וואַרטען אויף דעם פסק.

אין בית־דין שטיבעל זיינען אַלע געזעסען שטיל, געווענדעט זייערע אויגען צום רב, ער זאָל אָנפאַנגען די הלכה, אויסער אונזער גאַסט, וועלכער איז געבליבען זיצען מיט זיינע אויגען אַראָפּגעלאָזט, פּונקט ווי מיט איהם האָט עס גאָרניט געהאַט צו טאָהן. ר׳ הלל האָט אָבער כסדר זיין בליק פון אורח ניט אַראָפּגענומען. דאַן האָט ער פּלוצלונג אַ זאָג געטאָהן צו איהם: „אַלס כהן, ר׳ ישראל מאיר, דאַרפט איהר פריהער אָנפאַנגען. וקדשתו, לכל דבר שבקדושה שיהא פותח ראשון וכו׳...״

דער חפץ חיים האָט ווידער קיין ברירה ניט געהאַט און האָט ניט־ווילענדיג אָנגעפאַנגען, און ווען ער האָט זיך צורעדט האָט ער זיך אָן אַלעמען פאַרגעסען. ער איז צוגעגאַנגען צוערשט צום הויפּט־מקור, צו דער גמרא. נאָכהער צום רמב״ם און זיינע נושאי כלים, צום טור און זיינע מפרשים, צום ש״ע חושן משפט, צום ש״ך מיט׳ן ט״ז און די שפּעטערדיגע אחרונים — אַלעס אויף אויסווענינ, מפלפל זייענדיג זיך ביז וואַנען ער האָט קלאָהר להלכה אַרויסגעבראַכט דעם דין. דער רב און אַלע אָנוועזענדע זיינען געזעסען פאַרגאַפטע און זיינען איבערראַשט געוואָרען אַזוי ווי דער רב האָט שפּעטער מיט התפעלות אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג: „ער איז אַזוי גרויס אין לומדות ווי אין צדקות. ער איז אַ גאון!״ און מיט אַ שמייכעל האָט ר׳ הלל צו זיינע מקורבים באַמערקט: „אָט דאָס הייסט פאַר׳ן חפץ חיים צו ליידען פון דער כהונה״.

ביי אַן אַנדער געלעגענהייט, ווען דעם חפץ חיים איז איינמאָל אויסגעקומען צו זיין אין לובלין אום פּורים, האָט דער רב איהם געשיקט בעטען ער זאָל זיין זיין גאַסט צו דער סעודה. האָט זיך דער חפץ חיים אָפּגעזאָגט מיט דער ענטשולדיגונג: „עס איז ניט אַזוי מיין דרך״. ר׳ הלל האָט אָבער דווקא געוואָלט האָבען די זכיה, אַז ער זאָל זיין גאַסט זיין, האָט ער איהם נאָכאַמאָל געשיקט דורכ׳ן שמש זאָגען: „היות, אַז דאָ אין לובלין איז ער דער מרא דאתרא, באַשטעהט ער דורכאויס, אַז דער חפץ חיים זאָל זיין אורח צו דער סעודה זיין״. ר׳ ישראל מאיר האָט דעמאָלט קיין ברירה נישט געהאַט און געמוזט נאָכגעבען.

דערצעהלט הרב רי״מ טיקאָצינסקי פון ירושלים, אַז אין יאָהר תרס״ג האָט

ער וועגן אַ געוויסען ענין געשריבען צוזאַמען מיט הגאון ר׳ אלי׳ דוד תאומים ראבינאָוויץ זצ״ל, אַ בריוו צום חפץ חיים. ווען הרב טיקאָצינסקי האָט אָנגעפאַנגען זיין שרייבען „כבוד הרב הגאון הצדיק..." האָט ר׳ אלי׳ דוד באַמערקט מיט אַ שמייכעל: „דער חפץ חיים אָדער ער וועט לאַכען אָדער זיך מצער זיין לעזענדיג אַזאַ טיטעל אויף איהם. איך און פילע אַנדערע רבנים האָבען שוין לאַנג אויפגעהערט אויף איהם צו שרייבען, הגאון כדי איהם ניט צו פאַרשאַפען קיין צער.

עס איז פשוט ניט צו פאַרשטעהן ווי אַזוי האָט אַזאַ אינערליך ריזען־גרויסקייט זיך געקאָנט מצמצם זיין אין זיין אויסערליך פיזישע קליינקייט און שוואַכקייט? ווי אַזוי האָט אַזאַ גיגאַנטישע נשמה זיך געקאָנט האַלטען אין אַ כמעט קערפערלאָזען קערפער? עס איז אומבאַגרייפליך, ווי אַזוי אַזאַ קליינטשיקער און דארינקער גוף האָט מיט אַזאַ מאַיעסטעטישער ווירדע גע־טראָגען דעם כתר שם־טוב פונ׳ם גאַנצען פאָלק, פון אַלע קלאַסען אידען?

ער איז, דאַכט זיך, תמיד געווען אַזוי טיעף ערנסט אין זיין דענקען און רעדען. ער האָט טייכען טרעהרען פאַרגאָסען. ער האָט געפיהלט און גע־וועהטאָגט דאָ אויף גלות־השכינה, דאָ אויף די ליידען און שמערצען פון זיין געפלאָגט פאָלק און דאָ באַטראַכטענדיג זיך זעלבסט אַלס זינדיגער, האָט ער אין זיינע תפלות ותחנונים געזיפצט און געקרעכצט. פונדעסטוועגען האָט זיין ליכטיגער און איידעלער פנים אויסגעדריקט גוטמוטיגקייט און ליכטיגקייט, אַ קוואַל פון שמחה, אינערליכע שמחה, שמחת הנפש איז אויף זיין צאַרט גע־זיכט אימער אויסגעגאָסען געווען. זיינע שעהנע ליפען האָבען שטענדיג גע־שמייכעלט. זיינע קלאָהרע און פייערדיגע אויגען האָבען געשטראַהלט מיט יוגענטליכער פרישקייט און מילדקייט. ער איז תמיד וואך געווען, שטענדיג ריהרעוודיג און ענערגיש. מוטה און האָפנונג האָבען איהם קיינמאָל ניט פאַר־לאָזט. זיין שעהנע, ניט געדיכטע, ניט לאַנג געוואַקסענע באָרד האָט מיט איהר זילבער־ווייסקייט אַ באַזונדער פאַטריאַרכאַלישען חן איהם צוגעגעבען.

אַלעס איז איהם אָבער געלונגען צו פאַרדעקען און באַהאַלטען אונטער זיין איינפאַכער הלבשה. ער האָט געטראָגען אַ לאַנגע שוואַרצע קאַפאָטע, אַ שוואַרצע סאמעטענע היטעל און שטיוועל, פונקט ווי פשוט׳ע אידען פון אַלטען דור קליידען זיך אין יענע געגענטען נאָך עד היום הזה.

די יעניגע, וועלכע האָבען איהם פערזענליך ניט געקאָנט אַלס דער חפץ

חיים, וואלטען איהם צוליעב זיין איינפאכער אויסערליכקייט זעלטען אנגע־נומען אלס דעם „חד בדרא", וועמעס פרסום ס'איז געווען אוניווערסאל.

מען דערצעהלט, אז איינמאל פאהרענדיג אויפ'ן באהן, האט איינער א פרומער איד באמערקט אין א ווינקעל פון וואגאן זיצענדיג א קליין געוויקסיג אידעל, האלב פארטראכט און האלב דרעמלענדיג. דער איד האט זיך צו איהם צוגערוקט נעהנטער, און ווי דער שטייגער איז פון אחינו בני ישראל, האט ער אנגעפאנגען זיין באקאנטשאפט מיט'ן געוועהנליכען נוסח:

„שלום עליכם! פון וואנעט איז א איד?"

„פון ווילנער גובערניע".

„אבער פון וואסער שטאדט?"

„פון א קליין שטעדטעלע נאהענט צו לידא", איז ווידער געווען דער ענטפער.

„אבער ווי אזוי רופט מען אייער שטעדטעל?" האט איהם דער איד אין זיין נייגעריגקייט ניט אפגעלאזט.

„א, ראדין. ראדין איז דער נאמען פון מיין שטעדטעל", האט ער באַ־שיידען געענטפערט.

„אזוי, ראדין?!" דא איז דער איד אריין אין עקסטאז. „אזוי, איהר זענט א ראדינער איד! דארטען האט איהר דאך א גרויסען צדיק, דער חפץ חיים זאל געזונט זיין!"

אבער דער ראדינער אידעלע האט אזא באמערקונג ניט געקענט סובל זיין און האט מיט א טאן פון ביטול גלייך געזאגט:

„גאר א צדיק! ווייס איך וואס! ער איז א פשוט'ער איד ווי אלע אידען!"

דאס האט דער אומגעדולדיגער איד שוין מעהר ניט געקאנט פארליידען.

„געהערט א העזה פון א אידען! צו באליידיגען דעם חפץ חיים! פע, א שאנ־דע! אן אלטער איד אזוי ווי איהר זאל זיך ערלויבען מזלזל צו זיין אין כבוד פון איינעם אויף וועמען די גאנצע וועלט איז מסכים, אז ער איז דער צדיק הדור!"

אבער דער אלטיטשקער איז קנאפ־וואס נתפעל געווארען פון אזא מוסר און האט זיך ווייטער געהאלטען עקשנות'דיג ביי זיינס און האט האלב־שטאמלענדיג פראטעסטירט, אזוי ווי צו זיך אליין:

„ניין, ניין! איך ווייס, איך קאן איהם. ער איז ניט קיין צדיק. ער איז אן איינפאכער איד!"

דער קנאַי׳דיגער איד איז נאָך מעהר אויפגערעגט געוואָרען און האָט פאַרשטאַרקט זיין זידלעריי.

אָבער איידער וואָס, איידער ווען, האָט זיך דערווייל די באַהן אָפּגעשטעלט ביי אַ סטאַנציע. בייע פּאַסאַזשירען זיינען אַרויף, וועלכע האָבען גלייך דער־קאַנט דעם חפץ חיים. זיי זיינען גלייך צוגעגאַנגען צו איהם מיט אַ טיפען יראת־הכבוד.

ווען דער איד האָט פלוצלונג אויסגעפונען ווער דער באַליידיגטער איז, האָט ער זיך זעהר דערשראָקען, און האָט מיט צער און טרעהרען אַרויס־געשטאַמעלט:

„רבי, זייט מיר מוחל! איך האָב ניט געוואוסט...״

הויבט דער חפץ חיים מיט זיינע אַקסלען און קאָן ניט פאַרשטעהן, פאַרוואָס עפּעס דאַרף ער מוחל זיין. ער זאָגט, אַז ער האָט איהם באַליידיגט. אָבער ווי אַזוי און מיט וואָס? אַ, יאָ. ער האָט איהם גערופען צדיק. ער איז דאָך ניט שולדיג געווען, ער האָט דאָך ניט געוואוסט! מילא, וואָס אַריבער איז אַריבער! אויף זיין געזיכט האָט מען געקאָנט לייענען די פראַגע:

„ווייסט שוין דער איד לכל הפחות איצט זיין טעות, אַז ער, דער חפץ חיים, איז אַ פשוט׳ער קליינשטעדטעלדיגער איד און ניט קיין צדיק?״

פיעלע עהנליכע אינצידענטען ווערען דערצעהלט, וועלכע כאַראַקטערי־זירען די גרויסקייט פון זיין ענייות און ווי אַזוי ער האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט זיך זעלבסט מבטל צו זיין מיט אַן אמת.

אויף לאַנג צו באַהאַלטען זיין גדלות איז איהם אָבער קיינמאָל ניט גע־לונגען.

עס ווערט, צום ביישפּיעל, אויך דערצעהלט, אַז איינמאָל זיצענדיג אין אַ קרעטשמע, און וואַרטענדיג צו פאָהרען אין אַ נאָהענטער שטעדטעל, זיינען בעלי־עגלות געזעסען און גערעדט צווישען זיך. איינער דערצעהלט:

„מ׳זאָגט אַז דער חפץ חיים אַליין וועט זיין ביי אונז אין שטעדטעל״. באַמערקט אַ צווייטער בעל־עגלה: מ׳זאָגט אַז ער איז גאָר אַ גרויסער צדיק און אַ גאון, און אַז די וועלט האָט ניט אין אונזערע דורות נאָך אַזאַ גרויסען מענשען!״

זייער אויפמערקזאַמקייט איז פלוצלונג געצויגען געוואָרען צו די ווער־טער פון עפּעס אַ פרעמדען אידעלע, וועלכער איז געזעסען נאָהענט צו זיי און וועמען זיי האָבען אָנגענומען אַלס אַ משולח.

„ער איז גאָרניט אַזוי גרויס ווי איהר מאַכט איהם. איך קאָן איהם גראָד... ער איז ניט מעהר ווי אַן אָרענטליכער איד, וואָס זוכט אַפּצוהיטען דעם שלחן־ערוך", האָט ער צו זיי באַמערקט.

ווען די בעלי־עגלות האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי דעם אומבאַקאַנטען אידעל אַ רעכט ביסעל מבזה געווען אויף'ן בעל־עגלה'שען שטייגער, צוליעב דער גרויסער העזה פון דעם פרעמדען מבטל צו זיין דעם חפץ חיים. זיי האָבען שוין זאָגאַר געקלערט אַלס קנס איהם גאָרניט לאָזען פאָהרען מיט זיי. זעהענדיג אָבער ווי דער פרעמדער משולח האָט אויף זייערע באַליידיגונגען גאָרניט געענטפערט, זיינען זיי ווייכער געוואָרען און איהם מיטגענומען אויף איינע פון זייערע פוהרען.

ווען זיי זיינען געקומען אין שטאָדט און האָבען זיך דערוואוסט, אַז אָט דער פרעמדער, וועלכער איז מיט זיי געקומען איז ניט קיין אַנדערער ווי דער חפץ חיים, זיינען זיי זעלבסטפאַרשטענדליך גלייך געקומען צולויפען, כדי איהם מפייס צו זיין און בעטען מחילה.

דער חפץ חיים האָט זיי מיט אַ שמייכעל באַרוהיגט, אַז אויב עס וואָלט געווען פאַר וואָס צו בעטען מחילה, וואָלט ער עס דאָך גאָר באַדאַרפט טהאָן און ניט זיי. ער האָט דאָך מבטל געווען דעם חפץ חיים און ניט זיי...

* * *

אין יאָהר תרס"ט האָבען די מוסדות התורה אין ירושלים דורכגעלעבט אַן אויסערגעוועהליכען שווערען קריזיס. זייער עקזיסטענץ איז געווען באַדראָהט צוליעב די אומערטרעגליכע לאַסט פון חובות. זיי האָבען געהאַט אָנגעבאָרגט זעהר פיעל, ערוואַרטענדיג אויף אַ באַדייטענדיגע הכנסה, וועלכע איז דאַן אָבער געווען קליין און נישטיג. די ישיבה „תורת חיים" האָט זיך צוליעב די שולדען געהאַלטען גאָר ביים פאַרמאַכען. איהר מנהל און מיסד הרב ר' יצחק ווינאַגראַד, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן און צדיק, האָבען די בעלי חובות געסטראַשעט צו אַרעסטירען. דאָס האָט נאָך מעהר גורם געווען אַז די נדבות זאַמלונגען אין די גלות־לענדער זאָלען פּאַראַליזירט ווערען. דער הויפּט־גזבר איבער די גלות־זאַמלונגען איז געווען דער גאון וצדיק ר' חיים סאָלאָווייטשיק אין בריסק. האָט זיך דער בריסקער רב דורכגעשריבען אייניגע מאָל מכח דעם מיט זיין ידיד נאמן דעם חפץ חיים. דער

לעצטער האָט געפונען פאַר נויטיג פערזענליך צוליעב דעם צו פאָהרען צו ר׳ חיים׳ן.

נאָך אַ לאַנגער קאָנפערענץ צווישען זיי ביידע מיט דער באַטייליגונג פון ר׳ יעקב זלמן ליבשיץ און אַנדערע, איז באַשלאָסען געוואָרען ראשית טע־לעגראַפיש צו וואָרנען די בעל חובות אין ירושלים, אַז אויב זיי וועלען וואגען צו אַרעסטירען ר׳ יצחק מתמיד, וועלען זיי ריזיקירען צו פאַרלירען אינגאַנ־צען זייערע חובות. זיי האָבען צוזאַמען אַרויסגעלאָזט אַ קול־קורא צו דער וועלט אַזוי ווי פריהער צו שטיצען דער ישיבה און אַריבערשיקען דאָס געלד אויפ׳ן נאָמען פון בריסקער רב. פון בריסק איז דאָס געלד איבערגעשיקט געוואָרען קיין ירושלים אויפ׳ן אַדרעס פון אַ געוויסען רב פריוואַט מיט דער פאַראָרדנונג, אַז בלויז אַ געוויסער פראָצענט זאָל געהן פאַר די בעלי חובות. דיעזען פסק האָבען זיי מאָטיווירט מיט׳ן פאַקט, וואָס אַלע חובות האָבען זיי דאָך געמאַכט מיט דער אַבזיכט צו פאַרדינען (ניט לשם מצוה גמילת חסד) זיינען זיי דאָך אַריינגעגאַנגען לשם הפסד אַזוי גוט ווי לשם ריוח. והשנית, גיבען דאָך יעצט די מנדבים ניט כדי אָפּצוצאָהלען די חובות פון בעפאָר, נאָר הויפּטזעכליך אַז די תלמידי חכמים זאָלען אין דער געגענוואַרט אויסגעהאַל־טען ווערען. זיי גיבען טאַקע אַלעס אויפ׳ן תנאי פון די גבאים, האָבען אָבער די גבאים ניט קיין מאַנדאַט אויף דעם צו לאָזען די תלמידי חכמים הונגערען און אַלעס אוועקגעבען די בעלי־חובות...

ס׳איז אינטערעסאַנט ווי אַזוי ר׳ חיים האָט מקבל פנים געווען זיין גרוי־סען גאַסט. ר׳ חיים, ווי זיין שטייגער פלעגט זעהר אָפט זיין, פלעגט ער זיצען אַ פאַרטראַכטער אַרויסקוקענדיג דורכ׳ן פענסטער. האָט דער גאון פלוצלונג באַמערקט דעם חפץ חיים קומען. איז ער תיכף אַרויסגעלאָפען איהם מקבל פנים זיין. מיט איהם איז אויך אַרויסגעלאָפען דער בריסקער ראב״ד, דער גדול ר׳ שמחה זעליג.

ביים אַריינגאַנג האָבען זיי זיך אָנגעהויבען צו שפּאַרען, ווער פון די דריי זאָל פריהער אַריינגעהן. ר׳ חיים האָט דורכאויס געפאָדערט, אַז דער גאַסט זאָל אַריינגעהן דער ערשטער. האָט דער חפץ חיים פּראָטעסטירט.

„וואָס הייסט, אויסער אייער גדלות, זייט איהר דאָך דער מרא דאתרא, דאַרפט איהר דאָך אַריינגעהן פריהער! און איהר, ר׳ שמחה זעליג, זייט דאָך דער ראב״ד, דאַרפט איהר דאָך אויך געהן פריהער פון מיר!״

האָט ר׳ חיים באַמערקט, אַז אַלס דער מרא דאתרא וועט ער מאַכען אַ פשורה, אַז מ׳זאָל אַריין לויט׳ן כדר פון כהן, לוי וישראל. דער חפץ חיים איז געוועזן דער כהן; ר׳ חיים — דער לוי און ר׳ שמחה זעליג — דער ישראל. צו אַזאַ פסק פון מרא דאתרא האָט שוין דער חפץ חיים קיין ברירה ניט געהאַט, נאָר זיך געמוזט אונטערגעבען.

לו.

קבלת התורה — „שבועות"

ביים חפץ חיים האָט מען שבועות געפיהלט די יום־טוב׳דיגקייט מעהר ווי אין אַנדערע ימים טובים. קבלת התורה האָט דאָך געבראַכט די וועלט איהר תיקון. די גאַנצע בריאה האָט דאַן דערגרייכט איהר פאָלקאָמענהייט.

ביי איהם איז געווען קלאָר מעהר ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, אַז „אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי", אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפען געוואָרען און עקזיסטירט נאָר בזכות דער תורה. אייגענטליך גלויבען אַלע פרומע אידען אַזוי?... ס׳איז אָבער אַ גרויסער חילוק. ביי זיי איז אָט דער גלויבען ניט איינגעוואָרצעלט אַזוי טיעף אין האַרצען אַזוי ווי ס׳איז געווען ביי איהם. ספקות׳דיגע מחשבות כאַפּען זיך אַמאָל ניט ווילענדיג אַריין אין זייערע געדאַנקען, זעהענדיג ווי אַלע וואַכענדיגע חכמות פאַרנעמען דעם אויבען אָן און די תורה איז עלענד און דערנידעריגט. אָבער ביים חפץ חיים זיינען גאָר אַזעלכע ספקות ניט מעגליך געווען. מיט זיין קלאָרען קאָפּ, טיעפען און שאַרפען מח איז ער פיליכט געווען מעהר דענקער ווי די יעניגע וועלכע האָבען אַזוי גאוה׳דיג די חכמה אין זייער מאָנאָפּאָל געגומען. ועל כולם איז דער חפץ חיים געווען באַפּאַנצערט מיט אמונה און צדקות וועמעס גלייכען מ׳וואָלט באַדאַרפט זוכען אין די גאָר אַלטע צייטען. דעריבער האָבען אויף איהם די צווייפעל פיילען פון די אפיקורסים און סקעפּטיקער קיין שליטה ניט געקאָנט האָבען.

דער חפץ חיים פלעגט שטענדיג באַטאָנען, אַז די תורה איז דער קוואַל פון אמת. לויט זיין אויפפאַסונג דאַרף די תורה ניט זוכען באַשטעטיגונגען אויף איהרע וואַרהייטען פון די וועלטליכע וויסענשאַפטען, פאַרקעהרט, די וויסענשאַפטסלייט דאַרפען זוכען צו באַשטעטיגען זייערע באַהויפּטונגען פון דער תורה. ער איז אַזוי וויט געגאַנגען אין זיין גלויבען, אַז ער האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט:

„פון וואנעט ווייסען מיר, אז מארגען וועט די זון אויפגעהן? ווייל ס׳שטעהט אזוי אין דער תורה — יומם ולילה לא ישבותו.״

עס איז א דבר ידוע אז דער חפץ חיים איז געווען קלאר אין די ספרי קבלה. ער איז געווען ווי אין דער היים אין תורת הנסתר. ער פלעגט אפט־מאל ציטירען גאנצע מאמרים פון דער הייליגער מיסטישער ליטעראטור. דאך האט ער פאר זיינע אנשויאונגען אין אידישקייט זעהר זעלטען געזוכט א שטיץ־פונקט אין די סודות׳דיגע אויסטייטשונגען פון דער תורה. אין די רמזים וועלכע ליגען איינגעוויקעלט אין איהרע אותיות, נקודות און תגים. פאר איהם זיינען געווען די קלארע און דייטליכע פסוקים פון תנ״ך און די אונצעהליגע מאמרי חז״ל אין וועלכע ער איז געווען קלאר אויף אויס־וויניג. אויף זייערע יסודות האט ער געבויט דעם בנין פון זיינע איבערציי־גונגען שטארקער און פעסטער ווי אלע פילאזאפישע און זאגאר מאטעמאַ־טישע בנינים אין דער וועלט פון אלגעמיינער קולטור און ציוויליזאציע.

ער פלעגט אבער שטענדיג אויך באטאנען אז יעדער אות אין דער תורה האט א טיעפע באדייטונג. די תורה איז דער פלאן פון דער וועלט. אזוי ווי אן ארכיטעקט בויט אויף א בנין לויט א פריהער געמאכטען פלאן, אזוי האט אויך דער רבונו של עולם באשאפען די וועלט געביידע לויט א פאראויס צוגע־גרייטען פלאן. „כביכול האט זיך איינגעקוקט אין דער תורה און האט באשא־פען די וועלט (בראשית רבה א׳). אויב מען פארפעהלט עפעס פון דעם פלאן קומט דאן דער בנין ארויס א צעשעדיגטער און אמאל פעהלען אין איהם די וויכטיגסטע פונדאמענטאלע טיילען, אבוואהל אויפ׳ן פאפיר זיינען זיי פאר־צייכענט בלויז דורך קליינע פינטעלאך וועלכע דער איינפאכער מענש בא־מערקט קוים. אזוי אויך יעדער אות פון דער תורה באווייזט אויף א טייל פון דער וועלט. דאריבער אויב ס׳פעהלט אין ספר תורה זאגאר איין אות איז דער ספר פסול. אזוי ווי דער תנא רבי ישמעאל האט אויפמערקזאם גע־מאכט רבי מאיר׳ן וועלכער איז געווען א סופר: דיין פראפעסיאן איז א הייליגע, זיי פארזיכטיג, מיין זוהן, ניט צו פארפעהלען, אדער צוגעבען איין אות, ווייל דורכדעם קאנסטו חרוב מאכען די וועלט (עירובין י״ג ע״א)״.

מיט א באזונדער פארגעניגען פלעגט דער חפץ חיים תמיד ריידען וועגען דער אונשעצבארער ווערדע פון דער תורה. ער פלעגט באדויערען די קליינע צאל מבינים אויף דער תורה. ער פלעגט זיך אבער טרייסטען מיט דעם גע־דאנק אז וואס א זאך איז זעלטענער און טייערער אלץ ווינציגער מבינים

זיינען פאַראַן אויף דעם. און די תורה איז דאָך „יקרה מפנינים", זעלטענער ווי דער שעהנסטער פערל און קאָסטבאַרער ווי דער טייערסטער בריליאַנט.

וועגען דער קליינער צאָהל ישיבה בחורים וואָס געפינען זיך היינט פראָפאָרציאָנעל אין דער וועלט פלעגט ער נעמען אַלס עקזאמפעל זיין אייגענע ישיבה מיט איהרע תלמידים וועלכע לערנען היינט מיט פיעל מעהר מסירת נפש ווי די אַמאָליגע, אויסשטעהענדיג נסיונות און שטערונגען פון די פרייע וועלכע אַרבייטען מעשים זיי אָוועקצורייסען פון דער תורה. „וואָס איז די נפקא מינה, צי איינער האָט אַ גאַנצען קאַמאָד מיט זילבער, צי איינער האָט אין איין קעסטעלע אַ בריליאַנט? ס'איז אלץ איינס. ביים אויבערשטען זיינען דאָס ביסעל בני תורה חשוב אַזוי ווי אַ סך".

עס פלעגט זיין מרגלא בפומיה: „מה אהבתי תורתך, כל היום היא שיחתי", — אַ זאַך וואָס מ'האָט שטאַרק ליב גלייכט מען צו ריידען וועגען דעם כסדר". אויך וואָס מעהר מען רעדט אין תורה אַלץ גרעסער און שטאַרקער ווערט די אהבת ה'. אַזוי ווערט טאַקע ערקלעהרט אין „ספרי": — אייגענטליך ווי אַזוי פאַרזאָגט די תורה „ואהבת את ה', ליבע איז דאָך אַ געפיהל זאַך, אויב ס'פעהלט ביים מענשען אַזאַ רגש קאָן דאָך עס ניט געשאַפען ווערען דורך אַ באַפעהל? דער ענטפער ווערט אָבער געגעבען גלייך אין נעקסטען פסוק — „והיו הדברים האלה על לבבך, ושננתם לבניך ודברת בם", ד. ה. דורך רעדען און לערנען די תורה קומט מען ממילא צו צו אהבת השם, דער געפיהל ווערט דאַן פון זיך זעלבסט ענטוויקלעט (דברים ו').

עס איז קיין וואונדער ניט וואָס זייענדיג ביים חפץ חיים פלעגט מען פייערען דעם יום טוב פון קבלת התורה מיט אַן אונגעהויערע חדוה ושמחה. שבועות, דער מוח און נשמה פון אַלע אידישע ימים טובים, איז באַטראַכט געוואָרען אַלס דער פאַסיגסטער ישיבה יום־טוב (אי לאו האי יומא דקא גרים כמא יוסף איכא בשוקא, פסחים ס"ח).

ערב שבועות פלעגט מען צורוקען אַלע בענק צו די ווענט איינע אויף דער אַנדערער מיט די שטענדערס אויף זיי, און דער צענטער פון דעם גרויסען ישיבה זאַל איז געבליבען ליידיג כדי אַלע זאָלען קאָנען הוליען און טאַנצען אונגעשטערט. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט די פאַרשידענע טענער און קלאַנגען פון נגינה. די נגונים אַזוי ווי זייערע זינגער האָבען דורכגעמאַכט אַ סאָרט קיבוץ גליות. עס האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען גלות שמערץ מיט גאולה שטרעמונגען, משיח בייִנקעניש און בטחון, פאַרצווייפלונג און

האָפנונג, עצבות און שמחה, א. א. וו. דער קאווקאַזער פּרוש מיט זיין אָריענטאַלישע דבקות'דיגקייט, דער אוקראַינער מיט זיין צער און ברייט־האַרציגקייט, דער בעסאַראַביער מיט זיין וואַלכישע געשלענגעלטע הימעל־קלעטערינג, דער רוסישער מיט זיין וואָלגאַ אָפענהאַרציגקייט און עקשנות'דיגע אויסגעהאַלטענקייט, דער דייטשער מיט זיין ערנסט און פּינקטליכקייט, דער פּוילישער מיט זיין חסיד'ישע שמחה און התפשטות הגשמיות, דער חב"ד'ניק מיט זיין פּנימית־שפבנימיות'דיגקייט און עולמות עליונים'דיגען עקסטאַז, דער ליטוואַק מיט זיין אומעט, פּשטות און קאַלטקייט, אַלע קולות האָבען געפונען זייער ריטמישען אויסדרוק אין איין האַרציגע און זיסע האַרמאָניע, וועלכעס האָט אַלעמען טיעף באַגייסטערט און דערהויבען אין אַנדערע וועלטען.

די פרעהליכקייט איז געווען אין לשער. דער חפץ חיים פלעגט פונדער־ווייטענס שטעהן זיך צוהערען און צוקוקען און זיין פּנים פלעגט שטראַהלען פון שמחה. אַלעס און אַלע האָבען געטאַנצט. ס'האָבען געטאַנצט די תלמידים מיט די ראשי הישיבה און האָבען זיך צוזאַמען זעהר שטאַרק משמח געווען — אַלע אויסער'ן חפץ חיים. אויף דער פראַגע פון זיינע מקורבים אפשר וועט ער אויך מיטטאַנצען, האָט דער חפץ חיים געענטפערט: „ניין, ווי קום איך? אויף צו טאַנצען אין דער ישיבה בין איך ניט ראוי"...

איינמאָל אַ יום טוב ווען דער עולם איז געוואָרען שטאַרק בגילופינ'דיג האָבען בחורים אויפגעהויבען די ראשי הישיבה אין דער הויך כמנהג הסטודענטען. קיינער האָט אָבער ניט געוואַגט אַזוי צו טאָהן אויך מיט'ן חפץ חיים אויסער איין בחור, וועלכער האָט איהם אַ כאַפּ געטאָהן און אויפ־געהויבען אין דער הויך. דער צדיק האָט עס אָבער ניט געוואָלט לײדען און האָט שטאַרק מקפיד געווען אויף דעם און האָט זיך כמעט אָנגעבייזערט אויפ'ן בחור. אַ ווײלע שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צום בחור און איבערבעטענדיג איהם האָט ער באַמערקט:

„פאַרשטעהט איהר מיך, אַ מענש דאַרף זיך ניט לאָזען הויבען העכער ווי ער אזי באמת..."

דעם שאַרפזיניגען הומאָר און געבוירענעם טאַלאַנט, וועלכע פיעלע בני הישיבה האָבען פאַרמאָגט, האָט אַ סך צוגעגעבען צו דער פיעל פאַרביגקייט פון דער אייגנאַרטיגער שבועות־פייערונג. עס האָט זיך למשל איינמאָל אָװעקגעשטעלט אויף דער בימה אַ בחור, אַ פייערדיגער רעדנער, באַקאַנט אַלס מענדיל בריסקער און האָט פראָטעסטירט קעגען דעם מנהל הישיבה,

דעם גאון וצדיק, ר' הירש לעווינסאָן, בכן דער לעצטער איז ניט ווייטזיכ־טיג גענוג און אַלס מנהל וואָלט ער זיך אויך באַדאַרפט רעכענען מעהר מיט איכות (קוואַליטעט) ווי מיט כמות (קוואַנטיטעט)... „היות עס געפינען זיך צווי־שען די אַמאָליגע תלמידים פון דער ראדינער ישיבה אַזעלכע באַריהמטע ראשי ישיבה ווי די גאונים ר' איסר זלמן מלצר (סלוצק — היינט אין ירושלים), ר' אלחנן וואסערמאַן (באַראנאָוויץ) ר' אליעזר אידל פינקעל (מיר), ר' יוסף כהנמאן (פאָנעוועז), ר' פסח פרוסקין (קאָברין) א. א. וו. זיי אַלע גיבען ארויס יעדען יאָהר צעהנדליגע תלמידים, און שיקען זיי אין ראדין לערנען. זייערע תלמידים וועלען דאָך שפּעטער אויך אַרויסגעבען תלמידים, און די תלמידים ווייטער תלמידים, „און וואָס מיינט איהר רבי", האָט ער זיך דירעקט געווענ־דעט צו ר' הירש'ן. „איך מענדיל וועל זיין אַ קטלא קניא חלילה, איך וועל אויך שאַפען פאַר אייך תלמידים. נמצא, אַז דאַ טאַנצען ניט קיין הונדערטע. נאָר פיעלע טויזענדער תלמידים, אויב ניט בפועל, בכח געוויס, פרעג איך אייך רבי, פאַר אַזוי פיעל טויזענדער תלמידים איז גענוג דאָס ביסעל משקה און פאַרבייסעכטס ?"

אַלע האָבען געלאַכט און דעם דרשן שטאַרק אַפּלאָדירט. און ר' הירש האָט מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל איהם גלייך געענטפערט:

„גרייט איהר נאָר מענדיל פריהער צו די תלמידים און איך פון מיין זייט וועל זיך שוין סטאַרען צוצוגרייטען די משקה". — און מען האָט ווייטער גע־הוליעט...

דער יאָהרצייט פון גר צדק — גראַף פּאָטאָצקי

איינמאָל דעם צווייטען טאָג שבועות אינמיטען אַ התלבות'דיגען טאַנץ, האָט זיך ר' הירש אָפּגעשטעלט און אָנגעפאַנגען ריידען מכח דעם הייליגען פייער פון ריינער אמונה וואָס האָט זיך אָנגעצונדען אין דאָס האַרץ פון גר צדק וועלכער איז צוליב זיין אידישקייט פאַרברענט געוואָרען פון דער קאָטוי־לישע קירכע אין ווילנא דעם צווייטען טאָג שבועות פון יאָהר תק"ט (1749), און דערצעהלט אַזוי:

די ברוטאַלע אינקוויזיטאָרען שפּאָטענדיג פון זייער קרבן, וועלכער האָט זיך איינגע'עקשנ'ט און ניט געוואָלט ווערען צוריק אַ קריסט טראָץ אַלע סטראַשונקעס האָבען פאַר דער עקזעקוציע געזאָגט צו איהם:

„דאָ אויף דער וועלט זיינען מיר זיך נוקם אָן דיר, מיר ברענען און בראָ־

טען דיך, דערפאַר דאָרטען אויף יענער וועלט וועסטו זיך שוין אָפּרעכענען מיט אונז".

האָט דער גר צדק מיט אַ רוהיגען און ערנסטען שמייכעל, פריי פון כעס און נקמה, געענטפערט זיינע בלוט דורשטיגע פייניגער אַזוי:

„אַלס יונגער בחור פלעג איך אויף מיין פאָטער'ס גוט, ניט האָבענדיג קיין אַנדערע, זיך שפּילען מיט די פויערשע קינדער. איינמאָל אַרבייטענדיג אַ לאַנגע צייט איז מיר געלונגען אויסצואַרבייטען פון ליים שעהנע צורות פון סאָלדאַטען און האָב זיי אין אַ שורה אַלע אויסגעשטעלט אין גאָרטען. זיינען געקומען די פויערשע קינדער און האָבען מיט זייערע שטיוועל אַלעס צוטראָטען און צוברעקעלט אויף שטויב. ווען איך האָב דאָס אויסגעפונען בין איך א פאַרביטערטער אַריינגעלאָפען צו מיין פאָטער און מיט טרערען אין די אויגען דערצעהלט איהם פון מיין כלומר'שטען אומגליק, פאָדערענדיג אַז ער זאָל די צושטערערס שטרענג באַשטראָפען. אָבער מיין פאָטער האָט אנשטאָט דעם, מיר גאָר גע'מוסר'ט. היות איך בין מעהר געלערנט ווי די פויערישע קינדער דאַרף איך ניט פאָדערען קיין שטראָף פאַר זיי. האָב איך זיך געטראַכט יעצט בין איך טאָקע מאַכטלאָז, דערפאַר ווען איך וועל עלטער ווערען וועל איך זיך שוין נוקם זיין אָן די צושטערערס. ווי פאַרשטעהט איהר, ווען איך בין עלטער געוואָרען איז מיר ווען געקומען אויפ'ן געדאַנק צו נעהמען נקמה פון זיי? וואָס האָבען זיי אַלס אומוויסענדע קינדער דאַן געטאָהן צו מיר, זיי האָבען געבראַכען ליימיגע וועזענס, צוטראָטען בלאָטע!!

„דאָס זעלבע", האָט זיך דער גר געווענדעט צו זיינע באַדריקער, „דענקט איהר אַז אויפ'ן עולם האמת ווען איך וועל זעהן אַלעס קלאָר מיט מיין שכל, וועט מער דאמאלט ליגען אין זינען זיך אָפּצורעכענען מיט אייך, ווייל איהר האָט אין אייער אומוויסענהייט געברענט מיין פלייש, געבראָטען מיינע ביינער, וועלכע זיינען ליים און ערד?!...

„אָט דאָס מיינט שטאַרקייט אין אמונה!" — האָט ר' הירש מיט טרערען אויסגעפיהרט.

לז.

מיט-העלפער

(ראש ישיבה, משגיחים און משולחים)

כמעט יעדע גרויסע ישיבה פלעגט מאַטעריעל זיין אָפּהענגיג אויף משולחים ,וועלכע זיינען אַרומגעפאָהרען איבעראַל כדי צו זאַמלען די נויטיגע שטיצע פאַר איהר אויפהאַלטונג . עס פלעגט זעלטען פּאַסירען אַז די פּראָמינענטע פיהרער פון אַ גרויסער ישיבה זאָלען אַליין אַרומפאָהרען צו שאַפען די מאַטעריעלע מיטלען פאַר זייער אינסטיטוציע.

גאַנץ אַנדערש האָט זיך אָבער געפיהרט די ראַדינער ישיבה זינט איהר גרינדונג אין יאָהר תרכ״ט ביז׳ן יאָהר תרפ״א, כל זמן איהר גרויסער מנהל דער גאון וצדיק ר׳ הירש לעווינסאָן האָט געלעבט, און אַזוי לאַנג ווי דער חפץ חיים האָט זיך געפיהלט ביי זיינע כחות. עס איז אַ בעוואוסטער פאַקט, אַז ביז יענער צייט האָט די ישיבה קיינמאָל קיין אויסערליכע משולחים ניט געשיקט (אויסער אין אַמעריקא ווען דער חפץ חיים האָט אין יאָהר תרע״ב געשיקט אַ משולח צו פאַרשפּרייטען זיינע ספרים האָט ער איהם אויך גלייכצייטיג באַפאָלמעכטיגט צו זאַמלען געלד פאַר דער ישיבה). דער חפץ חיים בכבודו ובעצמו איז געווען דער הויפּט משולח פאַר זיין ישיבה. ער פלעגט אין דער באַגלייטונג פון ר׳ הירש׳ן אַליין פאָהרען צו יחידים און זיי פאַראינטערעסירען צו העלפען אויפהאַלטען זיין תורה צענטער.

אין זומער פון יאָהר תר״ס איז דורכ׳ן חפץ חיים אויפגענומען געוואָרען אין ראַדין אַלס ראש ישיבה און איינער פון די מנהלים הגאון ר׳ משה לאַנדינסקי, באַקאַנט אלס ר׳ משה קנישינער (זייענדיג אַן איידים פון קניש׳ין). ר׳ משה איז אויף דיזען אַמט רעקאָמענדירט געוואָרען דורך זיין רבי׳ן דעם באַריהמטען גאון ר׳ נפתלי צבי יהודא ברלין (נצי״ב) פון וואָלאָזשין וואו ר׳ משה האָט געלערנט אַלס יונגערמאַן די אַכט יאָהר צווישען תרנ״ב-תרנ״ט.

ר׳ משה איז אין וואָלאָזשין באַריהמט געווען אַלס אויסערגעוועהנליכער מתמיד, ממש „לא פסק פומיה מגירסא״, ער האָט ווירקליך געלערנט יומם

ולילה. ער איז געווען זעהר באליבט און געשעצט ביים נצי״ב און אַלס גרויסער רב ומחנך האָט דער לעצטער אויף דער בקשה פון חפץ חיים אויסגעקליבען ר׳ משה׳ן אַלס די פּאַסיגע פּערזענליכקייט אַרויסצוהעלפען ר׳ הירש׳ן אין דער הנהלה פון דער ישיבה אין ראַדין.

האָט טאַקע דער חפץ חיים תמיד שטאַרק מעריך געווען ר׳ משה׳ן. ער פלעגט איהם רופען „דער אלמער ספרים״. ר׳ משה׳ס בקיאות אין ש״ס און פוסקים איז וואונדערבאַר. ער באַזיצט אַן אייזערנעם זכרון אַלס וואָס ער האָט ווען עס איז געלערנט איז ביי איהם „כמונח בקופסא״. זיינע חדושי תורה צייכנען זיך שטענדיג אויס מיט זייער גראַדקייט און קלאַרקייט, געבויט אויף געזונדע יסודות און געשטיצט אויף שטאַרקע ראיות און הוכחות פון בבלי, ירושלמי, רמב״ם, גדולי הראשונים והאחרונים.

ר׳ משה באַזיצט אַלע אייגענשאַפטען פון אַן אמת׳ען אידישען חכם. זיין כסדר׳דיגע פאַרטיפונג אין לערנען האָבען איהם ניט דערווייטערט פון דער וועלט. ער פאַרמאָגט אַ טיפע פאַרשטענדעניס פאַר אַלע פּאַסירונגען און איז באַקאַנט מיט די פאַרשידענאַרטיגקייט פון מענשען און זייערע נאַטורען.

האָבען טאַקע אימער די תלמידי הישיבה גרויס פאַרגעניגען צו פאַרברייגען מיט ר׳ משה׳ן ניט נאָר בעאָבאַכטענדיג מיט טיעפע התפעלות ווי זייער גרויסער רבי שווימט ווי אַ ריעז און זוכט זיי מיטצושלעפען מיט איהם דורך דער ברייט און לייגג פון ים התלמוד, נאָר אויך אויסער די „ד׳ אמות של הלכה״, איז ר׳ משה פאַר זיי אַ קוואַל פון פקחות. זיי טוליען זיך צו איהם אַזוי ווי קינדער צו אַ ליבען טאַטען. אין זיין סביבה פיהלען זיי זיך היימיש און נאָהענט. זיין ליכטיגער האַרציגער שמייכעל איז תמיד בכח צו פאַרטרייבען דעם שטאַרקסטען אומעט אַריינבלאָזענדיג אַ רוח חיים אין יעדער איינעם.

ר׳ משה׳ס חלק אין דעם וואוקס און דער ענטוויקלונג פון דער ישיבה איז זעהר באַדייטענד. קיין שריט סיי אין ישיבה ענינים סיי אין כלל זאַכען פלעגט דער חפץ חיים ניט מאַכען אָהן בעפאַר זיך מיישב צו זיין מיט ר׳ משה׳ן. אויף אַלע זיינע וויכטיגע רייזעס פלעגט איהם ר׳ משה אָפטמאָל באַגלייטען. דער חפץ חיים דערמאָנט איהם אין זיינע חבורים מיט דאַנקבאַרקייט, ווייל ר׳ משה׳ס מיטווירקונג אין שווערע און פאַרוויקעלטע ענינים, וועלכע האָבען געפאָדערט „דבוק חברים״ איז באַדייטענד.

ספעציעל פלעגט ר׳ משה באַגלייטען דעם חפץ חיים ווען דער לעצטער פלעגט פאָהרען אין די גרויסע שטעדט צו זוכען הילף פאַר זיין ישיבה.

עס קלינגט כאַראַקטעריסטיש חפץ חיים׳דיג, זיינע אייגענע עסקים מיט זיינע ספרים פון וועלכע ער האָט געצויגען זיין חיונה, האָט ער ביסלעכווייז איבערגעגעבען אין די הענד פון משולחים, און ער אליין איז געוואָרען אַ משולח פאַר זיין ישיבה פון וועלכער ער האָט מאַטעריעליש קיינמאָל ניט נהנה געווען, נאָר פלעגט פון זיינע אייגענע פאַרדינסטען אַראָפּגעבען אַ פּראָצענט פאַר איהר אויפהאַלטונג.

אויסער ר׳ משה׳ן זיינען געווען ראש ישיבה, הגאון ר׳ יצחק מאלצאן (מחבר פון פיעלע ספרים, ווי דעם סדור „אש ישראל", „ספר שביתת שבת", א. א. וו.), וועלכער איז שפּעטער אוועק קיין ירושלים, און ר׳ אליעזר לופּט. אויך פלעגט זאָגען שעורים הגאון ר׳ ברוך אַלעקסאַנטער, וועלכער איז נאָכהער געוואָרען איינער פון די ראשי ישיבה אין סלאָבאָדקע.

די גלאָררייכסטע תקופה פון דער ישיבה׳ס גרויסקייט האָט זיך כידוע אָנגעפאַנגען אין יאָהר תרס"ד מיט דעם אָנקומען אַלס ראש הישיבה פון דעם בּאַריהמטען גאון ר׳ נפתלי צבי טראָפּ זצ"ל. ר׳ נפתלי האָט גע׳שם׳ט אַלס איינער פון די גרעסטע ראשי ישיבה.

און אונטער זיין השפעה האָט זיך די ישיבה פיל פאַכיג פאַרגרעסערט. עס האָט זיך דאריבער געפאָדערט פיל אָנשטרענגונג איהר צו באַזאָרגען מאַטעריעליש מיט אַלע נויטווענדיגקייטען. כמעט אין דער זעלבער צייט איז אויפגענומען געוואָרען אַלס משגיח אָדער מנהל רוחני דער באַריהמטער צדיק און טיעפער דענקער און גדול בתורה, ר׳ ירוחם לובאָוויטש, 1).

---

1) געבאָרען געווארען איז ר׳ ירוחם אין יאָהר תרל"ד אין לובאן (ווייס־רוסלאַנד). אין די יונגע יאָהרען האָט ער געלערענט אין סלאבאדקע און נאָכהער אין קעלם, וואו ער האָט מקבל געווען די מוסר׳דיגע השפעה פון ר׳ שמחה זיסל׳ען און ר׳ הירש ברוידא. שפּעטער, שוין אַלס יונגערמאַן זייענדיג, האָט ער געלערנט אין „כולל קדשים" אין דער ישיבת „חפץ חיים" אין ראדין, וואו ער איז אויך אַ קורצע צייט געווען משגיח, ערוועקענדיג זיך אַ גרויסע השפעה אויף די תלמידים. פון דאָרט איז ער אין יאָהר תר"ע — אויפ׳ן פארשלאג פון ר׳ נטע הירש פינקל ז"ל, באקאנט אלס דער אלטער פון סלאבאדקע — געווארען משגיח אין דער אלטער מירער ישיבה, וועלכע האָט אַ דאַנק זיין אָנקומען פארצייכענט אַ נייער תקופה פון אנטוויקלונג און אויפבליה.

מיט׳ן אויסברוך פון דער מלחמה האָט ער אויסגעוואַנדערט, צוזאַמען מיט דער ישיבה, אין פּאַלטאַווא. אין יאָהר תרע"ה, ווען דער באַדען פאַר ישיבות אין רוסלאַנד איז שוין געווארען געפערליך, איז ר׳ ירוחם אַוועק קיין ליטא, וואו ער האָט איבערגענומען די השגחה אין דער סלאבאדקער ישיבה און נאָכהער אַ קורצע צייט אין פּאַנעוויעז.

די ישיבה איז וואָס ווייטער אַלץ מעהר געוואַקסען אין כמות און אין איכות. עס איז שוין אונמעגליך געווען פאַר אַזאַ גרויסע צאָהל תלמידים ווייטער צו לערנען אינ׳ם אָרטיגען בית המדרש. עס האָט זיך געפאָדערט אַ ספעציעלען בנין פאַר דער ישיבה, וועלכער איז טאַקע געשאַפען געוואָרען אין יענע יאָהרען אויפ׳ן זעלבען אָרט וואו עס שטעהט היינט די נייע ישיבה־געביידע. דאָס אַלעס האָט פאַרפּיעלפאַכט די הצטרכות׳ן פון דער ישיבה. און דער חפץ חיים האָט עס אליין געשאַפען אָהן דער מיטווירקונג פון משולחים, בלויז מיט דער הילף וואָס ער האָט באַקומען פון יחידים.

לכתחילה האָט דעם חפץ חיים אין זיין ספרים־פאַרקויף אַרויסגעהאָלפען זיין עלסטער איידעם הגאון ר׳ אהרן הכהן. ער פלעגט אַרומפאָהרען זיי צו פאַרשפּרייטען. דער חפץ חיים פלעגט איהם שטענדיג בעטען, אַז וואוהין נאָר ער קומט זאָל ער האַלטען דרשות פאַר׳ן עולם.

דאָס ערשטע מאָל איידער ער איז אַרויסגעפאָהרען האָט ער איהם ערמוטיגט מיט אומגעפעהר די פאָלגענדע ווערטער:

„ס׳קען אויך אפשר איינפאַלען צו דיינקען אַז איהר האָרעוועט אומזיסט, אַז קיינער פון אייערע צוהערער וועלען ניט חוזר בתשובה זיין און אַלע וועלען זיין ווי געווען און אַז אַלץ וועט בלייבען ביים אַלטען. וויל איך אייך דאריבער דערמאָנען אַז אין דעם פּרט דאַרפען מיר זיך אָפּלערנער פון די „פּריצים״ וועלכע פאַרשווענדען פיעל געלד און צייט און שפּאָרען זיך ניט קיין מיה אויף יאגד (האָנטינג) און כאַפּען איין וואָלף, איין בער, איין הירש, אָדער איין לייב דאָס איז זייער גרעסטער תענוג.

„כך אַזוי, אויב עס וועט אייך נאָר געלינגען דורך אייערע מוסר דרשות צו כאַפּען איין ר׳ וואָלף, איין ר׳ בער, איין ר׳ הירש, אָדער איין ר׳ לייב, דאַרפט איהר שוין ניט קיין גרעסערען שכר און פאַרגעניגען!״...

ער איז צוריקגעקומען ווען די מירער ישיבה האָט זיך אין יאָהר תרפ״ב, צוריקגעקערט אין דער אַלטער היים — פון דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען די פּרוכטבאַרסטע און ערפאָלגרייכסטע טעטיגקייטס־תקופה פון ר׳ ירוחם׳ען, דערהויבענדיג די ישיבה צו איהר גרעסטע שטופע און קאָנצענטרירענדיג אַרום זיך פיעלע תלמידים, וועלכע זיינען געקומען צו איהם פון נאָהענט און ווייט און אויף וועמען ער האָט אויסגעאיבט אַ געוואַלדיג גרויסע השפּעה, איינפלאַנצענדיג אין זיי די הייליגע קערנדלאַך פון מוסר און יראת שמים. מיט אַן אויסערגעוועהנליכע ענערגיע און מסירת נפש האָט ער פאָרטגעזעצט זיין הייליגען לעבען ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין פּטירה, י״ט סיון, תרצ״ו.

דעם חפץ חיים׳ס אַ משולח האָט פאַר זיך געהאַט די אויפגאַבע צו פאַר־שפרייטען צווישען עולם זיינע אידעען און פרינציפּען וועלכע ער האָט אַרויס־געבראַכט אין זיינע ספרים.

בכלל דאַרף געזאָגט ווערען, אַז דער אידישער היסטאָריקער האָט ביז היינטיגען טאָג ליידער פאַרפעהלט אָפּצושאַצען געהעריג די גרויסע פאַר־דינסטען פון משולח פאַר׳ן אידישען פאָלק. מערקווירדיג איז דער פאַקט, אַז ווען די קאָמיוניקאַציאָנס־מיטלען צווישען די שטעדט און שטעדטלעך זיינען נאָך געווען אין אַ פרימיטיווען צושטאַנד, ווען גאַנצע ישובים פלעגען זיין פאַרוואָרפען און אָפּגעריסען פון דער גרויסער וועלט, פלעגט דער משולח אַריינדרינגען אין דעם וויטסטען אידישען ישוב ברייננגענדיג ליכט, האָפנונג און שטאַרקייט צום גלות־אידען, פאַרבינדענדיג יעדען איינעם מיט׳ן כלל און דעם כלל מיט איהם. ניט אומזיסט פלעגט מען זיך וויצלען אַז אויב עס זאָל אמת זיין, אַז עס איז דאָ ערגעץ אַ טייך „סמבטיון״, אָדער אַז עס געפינען זיך אויפ׳ן כדור הארץ די „עשרת השבטים״ וואָלטען שוין די ישיבה משולחים זיי לאַנג אויסגעפונען...

פאַר אַ משולח פלעגט אויסגעקליבען ווערען אַ איידעלער איד, אַ בן תורה און אַ פעהיגער דרשן. גרויס איז געווען די שמחה ווען אזא סאָרט איד פלעגט זיך באַווייזען אין שטעדטעל. ער פלעגט פעריאָדיש קומען אַלע יאָהר, און אומעטום זיך געפיהלט צימליך היימיש. מ׳פלעגט איהם איבעראל באַגריסען מיט כבוד און איהם געבען „שלום עליכם״ אלס אַן אַלט־באַקאַנטען. אין זיינע דרשות פלעגט ער אין ליכטיגע פאַרבען שילדערען די ישיבה, וועלכע ער האָט רעפּרעזענטירט, דעם פאַרגעניגען פון תורה לערנען און דעם תענוג פון איינשאַפען זיך אַ חלק אין דעם, א. א. וו. אויף דער בקשה פון די בעלי בתים פלעגט ער אָפּטמאָל אין זיין דרשה וועקען דעם עולם וועגען זייערע אייגענע קהל׳שע הצטרכות׳ן. זיינע דרשות האָבען אַלעמען דערוואָרעמט און דער־הויבען און זיי געמאַכט צו פאַרגעסען די טרדות און וואָכעדיגע ליידען. אַ דאַנק די אונצעהליגע משולחים און מגידים איז עמי הארצות צווישען אידען געווען אַ זעלטענהייט. דער ישיבה משולח שילדערענדיג זיין אינסטיטוציע, פלעגט אָנצינדען אַ פייער אין די יונגע הערצער פון דער אידישער יוגענד. בחורים זיינען געפאָהרען אין די ישיבות לערנען. אַרבייטער האָבען געגרינ־דעט זייערע חברות צו לערנען לויט זייערע מעגליכקייטען. אידען פלעגען

נאכזאגען ווערטלעך און בעת דער דרשה זאגאר ארויסהעלפען דעם דרשן מיט א פסוק, אדער מאמר.

עס וועט קיין גוזמא ניט זיין צו באהויפטען, אז די ארץ ישראל משולחים האט מען א סך צו פארדאנקען די פרישקייט פון די חלומות וועגען ציון וירושלים.

אויסקלייבענדיג זיינע משולחים צו פארקויפען זיינע ספרים, האט דער חפץ חיים אויסער אנדערע מעלות אויך געזוכט, אז זיי זאלען זיין גוטע רעדנער, און אלס איינער פון די פונקטען, האט ער זיי פארפליכטעט, אז זיי זאלען דרש׳ען אין יעדער שטאדט, פריי אהן באצאהלט, אלעס אין איינקלאנג מיט זיין גייסט און געדאנקען. פארקויפענדיג זיינע ספרים האבען זיי אויך ניט געטארט נעהמען מעהר ווי דער באשטימטער פרייז.

דעצעהלט הרב ר׳ יוחנן זופוביץ פון טבריה, אז איינמאל איז דעם חפץ חיים׳ס א משולח, קומענדיג אין דער שטאדט וו., איינגעשטאנען עטליכע וואכען אין דער אכסניה פונ׳ם ארטיגען בעל הבית נכבד ר׳ שאול ע״ה. פאר זיין אוועקפאהרען האט מען איהם דערלאנגט א חשבון פאר זיין עסען, טרינקען און שלאפען וועלכעס האט באטראפען שעהנע עטליכע רובעל. דער משולח האט אן איבערראשטער געשטאמעלט אזוי ווי צו זיך אליין: „מילא, מ׳דארף באצאהלען, אבער דאס טרעפט זיך מיר דאס ערשטע מאל אז מ׳זאל פון מיר דעם חפץ חיים׳ס א משולח, בעטען באצאהלט פאר׳ן עסען און שלאפען!״

ווען ר׳ שאול האט דאס דערהערט, האט ער ארויסגעכאפט דעם חשבון און איהם גלייך צוריסען און זיך ענשולדיגט אז „נשים דעתן קלות״, און אז עס פארדריסט איהם אליין אזא זאך. דער משולח איז, זעלבסטפארשטענדליך, אוועק א צופרידענער.

ווען דער חפץ חיים האט אין א צייט ארום זיך דערוואוסט פון דעם אינצידענט, האט ער גלייך געדונגען א פוהר און איז פערזענליך געפאהרען קיין וו. און מיט תחנונים און טרעהרען קוים גע׳פועל׳ט ביי ר׳ שאול׳ן אז ער זאל נעהמען פון איהם דעם באטרעף פון יענעם חשבון. זאגאר נאכדעם האט ער געהאט גרויס צער פון דער פאסירונג...

אין יאהר תרע״ד איז געווען אין דער העברעאישער ווארשאווער צייטונג „הצפירה״, אפגעדרוקט א קארעספאנדענציע פון איינעם, באשולדיגענדיג א בעוואוסטען צדיק (ניט דערמאנענדיג זיין נאמען) וועלכער שיקט משולחים

צווישען אידען, אַז אין דער שטאָדט נאָוויזיבקוב האָט ער דורך איינעם פון זיי פאַראורזאַכט דאָרט אַ מחלוקת.

עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען די אָרטיגע רבנות־שטעלע אויף וועלכער ס'האָט צופעליג אויך קאַנדידאַטירט אַ רב, וועלכער איז פריהער געהאַט גע־ וועזן דעם חפץ חיים'ס אַ משולח אויף צו פאַרקויפען זיינע ספרים. דער געג־ נערישער צד, פון וואנען די קאָרעספּאָנדענציע האָט געשטאַמט, האָט נאַטיר־ ליך חושד געווען אַז דער חפץ חיים האָט געניצט זיין השפעה, דורך אַ בריעף אָדער אַז אַנדער אופן לטובת זיין געוועזענעם משולח.

דער אמת איז אָבער געווען, אַז דער חפץ חיים האָט פון דעם ענין בכלל גאָר ניט געוואוסט, ווייל כידוע פלעגט ער זיך צוריקהאַלטען שטענדיג פון אימיצען צו רעקאָמענדירען, אויב ס'איז נאָר געווען דער ווייטסטער חשש, אַז עס איז דאָ אַ צד שכנגד, אָדער דער קלענסטער ספק אַז עס קען פיהרען צו אַ מחלוקת. דער יונגערמאַן, וויסענדיג דעם חפץ חיים'ס הנהגה, האָט גאָר קיין דרייסטקייט ניט געהאַט פון איהם אַ וואָסערע ס'איז רעקאָמענדאַציע צו בעטען.

דאריבער ווען מען האָט דעם חפץ חיים דערצעהלט פון דער קאָרעספּאָנ־ דענציע אין „הצפירה", האָט ער אַ פאַרוואונדערטער באַמערקט:

„איך פאַרשטעה ניט, דער „הצפירה" איז דאָך אַ איד, טאָ ווי אַזוי דער־ לאָזט ער עס שרייבען אַזעלכע שקרים?"...

דורך זיינע משולחים זיינען זיינע ספרים און אידעאַלען פאַרשפרייט גע־ וואָרען אין די ווייטסטע שטעדט פון אידישען ישוב.

לח.

פקחות און פראַקטישקייט

די גרויסע תמימות פון חפץ חיים איז ניט געווען אַ סאָרט נאאיוויטעט אָדער בטלנות, ווייל ער איז גראַד געווען אַ פקח און געהאַט אַ פאַרשטענדניס פאַר דאָס פראַקטישע אין לעבען. ער פלעגט זאָגען: „ס׳שטעהט תמים תהי עם ה׳ אלקיך״, אַז מ׳דאַרף נאָר זיין אַ תמיד מיט׳ן אויבערשטען, אָבער ניט מיט קיין מענשען. אַ חוץ דעם איז ער אויך געווען אַ טיעפער פסיכאָלאָג און גרינדליכע מענשען־קענער. אָהן דיזע קוואַליפיקאַציעס וואָלט ער ניט גע־קענט שאַפען זיינע וואונדערבאַרע ספרים בעהאַנדלענדיג די הלכות און מדות וועלכע באַריהרען די טאָג־טעגליכע פראָבלעמען פון לעבען, ער וואָלט זאָגאַר ניט אימשטאַנד געווען צו פאַרפאַסען זיין אייביג פונדאַמענטאַלע ווערק דעם ספר „חפץ חיים״ און „שמירת הלשון״ וועלכע ענטהאַלטען אין זיך דעם סע־רום צו באַזייטיגען די גיפטיגע ווירקונג פון „מחלת הלשון״ וועלכעס איז אַ רעזולטאַט פון די צווישען־מענשליכע באַציהונגען וועלכע נאָר דאָס לעבען אַליין קען שאַפען. זיינע ווערטער און עצות האָבען אויסגעדריקט קלאָרען שאַרפזינן צוזאַמען מיט פשטות.

דער באַריהמטער לאָמזער רב, דער גאון ר׳ יהודא לייב גאָרדאָן זצ״ל, האָט אַמאָל דערצעהלט דיזען שרייבער, אַז זייענדיג רב אין אגוסטאוו (סובאל־קער גובערניע), אַן עכט מתנגד׳ישע שטאָדט, האָט מען אין יאָהר תרנ״ה פאַרגעשלאָגען דעם כסא הרבנות פון אסטראווע (לאָמזער גובערניע), וועל־כע איז להפך אַן עכט חסיד׳ישע שטאָדט. זייענדיג אַ ליטוואַק און אַ מתנגד דערצו, האָט ער זיך געשראָקען צו ווערען אַ רב צווישען חסידים.

האָט גראַד פאַסירט אַז דער חפץ חיים איז געקומען קיין אגוסטאוו, איז הרב גאָרדאָן צו איהם געקומען פרעגען אַן עצה. האָט איהם דער חפץ חיים מיט אַ שמייכעל געענטפערט:

„כ׳זעה ניט איין פאַרוואָס איהר זאָלט זיך צוריקהאַלטען פון אָננעהמען די אסטראווער רבנות. און אַז אסטראווע איז אַ שטאָדט פון חסידים, וואָס־זשע איז? חסידים נעהמען אַביסעל בראַנפען! טאַ, מה רעש? נעהמט מען אויך מיט זיי אַביסעל בראַנפען!״

ווען מ׳האָט איהם אַמאָל געפרעגט צי ער איז אַ חסיד, אָדער מתנגד, האָט ער געענטפערט: „איך בין ניט קיין חסיד און ניט קיין מתנגד, איך שטרעב בלויז צו קענען אָפּהיטען דעם שלחן ערוך״.

ס׳פלעגט זיין מרגלא בפומיה: „די וועלט זאָגט, אַז יעדער נאַר איז פאַר זיך קלוג, דער אמת איז אָבער פאַרקערט, יעדער קלוגער איז פאַר זיך נאַריש. און פלעגט אויך באַטאַנען בדרך הלצה: עס שטעהט „ולא תונו איש את עמיתו״, כידוע ווערט יעדער מאָל דער וואָרט „את״ געדרשנ׳ט עפּעס מרבה צו זיין, טאַ וואָס איז אין דעם פאַל דער „את״ מרבה? אַז אַ מענש טאָר זיך אליין ניט נאַרען״.

דער חפץ חיים האָט זיך פאַרשטאַנען אויף אַלע סאָרט ערמומיות, וואָס מענשען קענען נאָר געברויכען. ער פלעגט בליציג־שאַרף, פאָרזיכטיג און ביי־סיג קריטיקירען די ידיעות כוזבות און צושטערענדע פלענער פון די געגנער צו אידישע טראדיציעס.

אין יאָהר תרע״ג האָט זיך דעם באַוואוסטען שריפטשטעלער דוד פרישמאַן פאַרגלוסט צו ווערען אַ פּעדאַגאָג און אַן אויטאָריטעט אויפן׳ן געביט פון אידישען חנוך. האָט ער אַרויסגעגעבען אַ ביכעל מיט׳ן נאָמען „התחלת חומש״ אין וועלכען ער האָט געוואָגט צו מאַכען אַן אָפּעראַציע אויפ׳ן אַלטען חומש, אויסלאָזענדיג און פאַרבייטענדיג ווערטער, פסוקים און גאַנצע שטע־לען. האָט זיך דאמאָלס פיעל געטומעלט אין דער אידישער פּרעסע. די קאָנ־סערוואַטיווע משכילים האָבען איהם ניט געשוינט. ער איז זעהר סאַרקאַס־טיש אָנגעגריפען געוואָרען פון הלל צייטלין, אונטער׳ן קעפּעל „משה רבנו און זיין רעדאַקטאָר דוד פרישמאַן״ („מאָמענט״ ווארשא), אויך פון אנדערע קריטיקער.

ווען מ׳האָט אַן עקזעמפּלאַר פון פרישמאַנ׳ס חומש געבראַכט צום חפץ חיים, האָט ער דורכקוקענדיג עס זיך געוואונדערט ווי אַזוי אַ געוויסענהאַפ־טער פערזאָן האָט זיך ערלויבט אַזאַ גרינגשעצונג און פאַלסיפיקאַציע. ער האָט דעם חבור גלייך נאָכדעם דן געווען לשרפה, און פאַרעפענטליכט אַ מאמר

אינ׳ם „המודיע״ (עש״ק וערב יוהכ״פ תרע״ד) אונטער׳ן קעפּעל „**אוי מה היה לנו!**״ וועלכער לעזט זיך אין אידיש טײלווייז אַזוי:

„וועה צו אונז. צו וואָס מיר האָבען דערלעבט! מען האָט מיר געבראַכט אַ נייעם ביכעל מיט׳ן נאָמען „התחלת חומש״ — דורכקוקענדיג עס בין איך איבערראַשט געוואָרן צו זעהן אַזאַ סאָרט ווערק. דער פאַרפאַסער האָט זיך גע־נומען די העזה אויסצולאָזען וויכטיגע פּסוקים זאָגאָר בנוגע מעשה בראשית. יעדער זאַץ וועלכער לערנט אמונה אין אויבערשטען און שילדערט די גרויס־קייט פון אונזערע אבות, האָט דער מחבר אַרויסגעוואָרפען (דאָ קומט אַ צעטעל פון אַלע אַרויסגעוואָרפענע און איבערגעביטענע פּסוקים) אַזאַ סאָרט ווערק גראָבט אונטער די יסודות פון אונזער דת און הייליגע תורה. ס׳איז דאריבער אַ שרעקליכער פאַרברעכען. מ׳טאָר ניט לערנען. איינקוקענדיג, און זאָגאָר עס האַלטען אין אַ אידיש הויז... מעג דער פערפאַסער אָנפאַלען אָדער מלשין זיין אויף מיר. איך שרעק זיך פאַר דעם ניט אַפּ... אַפילו אויב איך וועל דאַרפען ליידען...

„ווי אַזוי קען מען צוקוקען גלייכגילטיג צו אַזאַ חוצפה׳דיגע פאַרשוועכונג פון אונזער הייליגסטע ירושה, זעהן ווי די תורה ווערט געשענדעט און גע־ריסען?!...

„דער גאַנצער שטאָלץ פון אונזער היסטאָריע זיינען אונזערע אבות, וועל־כע זיינען לויט דער טראַדיציע געוועזען נביאים... און ער מאַכט זיי גאָר פאַר פשוט׳ע בעלי בתים!... מיט דער צייט קען זיך נאָך ענטוויקלען אַ גרעסערע געפאַהר. נעהמענדיג אין אנבעטראַכט אַז אַ גרויסע צאָהל קינדער לערנען היינט בלויז ביז אַכט־ניין יאָהר, וועלען די לעהרער, באַנוצענדיג זיך מיט׳ן ביבעל אלס ספר למוד (אַזוי ווי אמאָל די ערב רב מיט׳ן עגל — אלה אלהיך ישראל) מאַכען זיי צו דיינקען, אַז דאָס איז עס דער אידישער חומש, די תורה פון פאָלק ישראל. דאָס וועט איינגעקריצט ווערען אויף די מחות פון די קינ־דער, איז זיך לייכט פאַרצושטעלען אַז קוים וועלען זיי שפּעטער הערען אַ ציט־טאַטע פון חומש וועלכעס געפינט זיך ניט אין דיזען ביכעל, וועלען זיי זאָגען, אַז עס איז אַן אויסגעטראַכטע הוספה...״

קומענדיג איינמאָל אין דער שטאָדט ב. איז ער געוועזען דער אורח פונ׳ם אָרטיגען רב. די רבי׳צין איז געוועזען איבערגליקליך צו האָבען אַזאַ טייערען גאַסט. זי האָט פון פריהמאָרגען אָן צוגעגרייט אַ בכבוד׳יגע סעודה. זייענדיג פאַרנומען מיט די הכנות האָט זי פאַרגעסען אָנצוזאָגען דער דינסט אַז זי האָט

שוין די זופּ געזאַלצען. די דינסט וועלכע איז געווען פאַרטהאַן האָט זיך מזרז געווען און אויך אַריינגעטהאָן זאַלץ אין דער זופּ.

ביים מאַלצייט האָט מען נאַטירליך דערלאַנגט דעם ערשטען טעלער זופּ דעם גאַסט, האָט זיך דער חפץ חיים געמאַכט ניט וויסענדיג וועגען די געזאַל־צענקייט און האָט אָהן אַ קרים אויסגעטרונקען די זופּ. דאגעגען ווען דער רב האָט פאַרזוכט אַ לעפעל פון זיין טעלער, האָט ער זיך פאַרקרימט און אַוועקגערוקט די זופּ אָן אַ זייט, און האָט אַן איבערראַשטער געקוקט אויף זיין גאַסט, וואונדערנדיג זיך ווי אַזוי דער לעצטער קען עס עסען. האָט דער חפץ חיים אָנגענומען דעם רב ביי זיין האַנד און זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל זיך גאָר ניט וויסענדיג מאַכען נאָר אויסטרינקען די זופּ. „כ״פאַרשטעה, אַז זייענדיג בהול צוליב דער מצוה פון הכנסת אורחים האָט מסתמא די דינסט פאַרגעסען און אַריינגעשאָטען צוויי מאָל זאַלץ. אויב זי וועט דאָס אויסגע־פינען וועט זי זיך מצער זיין און די רבי׳צין וועט אויך האָבען פאַרדרוס, ס׳קען נאָך אַמאָל אויך קומען צו אַן איבעררייד צווישען דער רבי׳צין און איהר. לאָ־מיר זיך דאריבער ניט וויסענדיג מאַכען פון דעם, נאָר אדרבא, זאָגען אַז די זופּ איז געווען געשמאַק״.

ווי ס׳איז שוין פריהער דערמאָנט געוואָרען איז דער חפץ חיים ניט געווען קיין מיסטיקער. ער איז אויך ניט געווען קיין בעל חלומות. ער האָט געלעבט אין פאַלק פאַר׳ן פאָלק און מיט׳ן פאָלק. ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר יעדער אַקטואַליטעט. אַלעס וואָס האָט פּאַסירט אין אידישען לעבען האָט איהם פאַר־אינטערעסירט. ער איז געווען דורך און דורך אַ פּראַקטישער איד און אויסער־געוועהנליך מסודר׳דיג אין אלע זיינע אונטערנעהמונגען און טהעטיגקייטען. פון איבעראַל פלעגען מענשען שטראָמען צו איהם נאָך עצות און ברכות. זיינע קורצע תשובות וועלכע ער האָט ניט ווילענדיג געענטפערט, האָבען כמעט איבער ענטהאַלטען טיפע חכמה און פאַרשטענדניס. דער לעזער וועט פון די פאָלגענדע עפּיזאָדען האָבען די שעהנסטע אילוסטראַציעס.

איינמאָל איז צום חפץ חיים געקומען אַ פאַטער, אַן עלטערער איד, כדי איהם צו פרעגען אַן עצה. היות, מ׳האָט איהם מציע געווען פאַר זיין טאָכטער, אַ דערוואַקסענע מיידעל אַ שידוך מיט אַ געוויסען בחור וועלכער באַזיצט אָבער ניט די אַלע מעלות וועלכע ער האָט די גאַנצע צייט געזוכט, צי זאָל ער טהאָן דעם שידוך, אָדער וואַרטען פאַר אַ שעהנערען חתן?

האָט איהם דער חפץ חיים געענטפערט בזה הלשון:

„אַ איד זוכט צו קריגען אַן אתרוג וואָס זאָל זיין אַ מהודר. ער איז גרייט ס׳זאָל איהם קאָסטען פיעל מעהר געלד אבי ער זאָל קענען קריגען אַ שעהנעם אתרוג אָהן אַ שום פלעק. ווען אָבער איז עס אַלץ גערעדט געוואָרען, אויב ס׳איז נאָך דאָ אַ שטיק צייט בעפאָר יום טוב, דאַן קען זיך פאַרגינען צו קלייבען. אויב אָבער ס׳איז שוין ערב יום טוב, און קיין צייט איז מעהר ניטאָ, נעהמט ער דאַן וואָס עס קומט צו דער האַנט. דאָס זעלבע איז אויך מיט אייך״, — האָט ער אויסגעפיהרט — איהר זייט שוין אָהן הרע אַן עלטערער איד און אייער טאָכטער איז דאָך שוין לאַנג „הגיעה לפרקה״, דאַרפט איהר שוין דאריבער מעהר ניט קלייבען אויב דער שידוך איז נאָר עפּעס ביים וועג״ 1).

אַ פאַרביטערטער איד, אַ מחוסר לחם איז צו איהם געקומען מיט אַ בקשה און איהם דערצעהלט אַז ער פלעגט פריהער ווי־עס־איז פאַרדיענען זיין פרנסה. האָט זיך איהם פאַרגלוסט צו ווערען רייך, האָט ער געקויפט אַ לאָטע־ריי־צעטעל. בעפאָר דער ציהונג האָט ער טאָג און נאַכט געזאָגט תהלים און תפלה געטהאָן, אַז דער אויבערשטער זאָל איהם באַגליקען מיט אַ געווינס. האָט פאַסירט, אַז ער האָט מיט מזל געוואונען צוואַנציג טויזענד רובעל. די סומע האָט זיך אָבער ביי איהם ניט געהאַלטען. ער האָט עס ענדליך אין גאַנ־צען פאַרלוירען אַזוי אַז איצט האָט ער ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבען.

דער חפץ חיים האָט איהם מיט אַ קרעכץ געענטפערט אַז טראָצדעם וואָס ער פערזענליך איז זיך שטאַרק מצער און האָט סימפּאַטיע מיט איהם אין זיין אומגליקליכע לאַגע, קען ער פאַר איהם ליידער גאָרניט טהאָן, ווייל האָט ער איהם ערקלעהרט, אין ספר „חסד לאברהם״ ווערט געבראַכט אויפ׳ן מאמר חז״ל, אַז פאַר׳ן געבורט פון קינד ווערט אין הימעל באַשטימט צי דער מענש זאָל זיין אַן עשיר, אָדער אַן עני, ווערט גלייכצייטיג אויך באַשטימט וויפיעל ער זאָל פאַרדינען יעדע וואָך אויף זיין פרנסה. און ווענדענדיג זיך צו איהם, האָט דער חפץ חיים אויסגעפיהרט: „אַז איהר האָט פאַרדינט אויף חיונה, טאָ וואָס־זשע האָט איהר בעדאַרפט מאַטערען דעם רבונו של עולם מיט אייער לאָטעריי־צעטעל?״

---

1) צו אַ באַיאהרטען תלמיד הישיבה ווען ער האָט איינמאָל אויסגערעדט וואָרום ער טהוט ניט אַ געוויסען שדוך וועלכען מ׳האָט איהם גערעדט, און דער לעצטער האָט האַלב שטאַמלענדיג אין אַ שעמעוודיגער זיך פאַרענטפערט אַז די מדוברת איז ניט אַזאַ יפת תואר, האָט דער חפץ חיים באַמערקט: „איך פאַרשטעה ניט, ס׳איז דען אַן אתרוג וואָס עס מוז זיין אַ הדר מיט אַלע פּיטשעוועס!״

„נו, האָט איהר מיט אייערע טרעהרען און תפלות גע׳פועל׳ט ער זאָל נעה־מען אייערע פארדינסטען פון אַלע צוקינפטיגע יאָהרען און עס אייך מיט איינמאָל אָוועקגעבען, האָט איהר דאָך שוין אייערס אָפּגענומען, טאָ וואָס קען איך שוין פאַר אייך יעצט טהאָן?״

פלעגט טאַקע אימער זיין שיטה אַזוי זיין, אַז מעהר ווי עס איז פאַר איי־נעם באַשטימט געוואָרען פון דער השגחה קען ער ניט ערוואַרטען צו קריגען.

איינמאָל זיינען צוויי ברידער, וואלד־סוחרים, געקומען צום חפץ חיים כדי צו פרעגען אַן עצה אויב זיי זאָלען קויפען נאָך אַ וואַלד אין שכנות מיט דעם וואָס זיי באַזיצען שוין, און פון וועלכען זיי האָבען שוין פארדינט פינף־און־צוואנציג טויזענד רובעל.

אויסערהעהנדיג זייער ענין האָט ער צו זיי געזאָגט: „וואָס הייסט איך זאָל אייך געבען אַן עצה? ווי אַזוי קום איך צו פאַרשטעהען אייערע מסחרים? איך וועל אייך אָבער דערצעהלען אַ מעשה. איינער האָט געהאַט אַ פעסעל וויין, האָט ער אַריינגעזעצט אַ שפונד כדי עס אויסצוצאַפּען, האָט איהם זיין שכן געגעבען אַן עצה אַז ער זאָל אַריינזעצען אַנאַנדער שפונד פון דער אַנדערער זייט וועט דאמאלט געהן אין דער זעלבער צייט מעהר וויין. האָט איהם דער אייגענטימער געענטפערט: וואָס איז מיר די פעולה אַז צאַפּענדיג פון ביידע זייטען וועל איך אַרויסקריגען דיזעלבע וויין שנעלער, אַז מעהר וויפיעל ס׳איז דאָרט פאַראַן וועל איך סיי־ווי־סיי ניט האָבען. דערהויפּט, ברודערקע, גיב מיר אַן עצה ווי אַזוי צו פאַרמעהרען די קוואַנטיטעט פון וויין״... דער נמשל איז זעלבסטפאַרשטענדליך.

כך הוה, די ברידער האָבען טאַקע דעם וואַלד ניט געקויפט. אָפּגעקויפט האָט איהם גאָר אַ פוילישער פריץ. איז גראד געווען אַ שלעכטער רעגענדיגער סעזאָן, האָט ער, ניט קענענדיג די האָלץ אַרויספיהרען פון וואַלד, פאַרלוירען זיין גאַנץ פאַרמעגען און פון צרות בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

צו אַ בעל־עגלה וועלכער האָט איינמאָל פאַר איהם געוויינט מיט ביטערע טרעהרען.

„רבי׳נקע, אין פארלויף פון א קורצער צייט זיינען ביי מיר דריי פערד געפאַלען! רבי, מיינע ברויט געבער!״ האָט ער כליפּענדיג געשעפּטשעט.

האָט דער חפץ חיים מיט אַ טאָן פון רחמנות און האַרציגע סימפּאַטיע איהם איבערגעהאַקט. „חלילה, וואָס רעדט איהר! די פערד זיינען געווען אייערע ברויט־געבער? איהר האָט פאַרגעסען אַז דער רבונו של עולם איז דער זן

ומפרנס לכל..." „נאַרישע מענשען", — האָט דער חפץ חיים אָפּזיפצענדיג גע־רעדט אזוי ווי צו זיך אליין: — „אנשטאט השי"ת, בעטראַכט גאָר דער בעל עגלה דעם פערד אלס זיין שפּייזער, דער סטאָליער די האָלץ (האומרים לעץ אבי אתה), און דער שניידער מיינט אַז זיין מאַשין איז זיין ברויט־געבער... אויב די פערד זיינען ברויט־געבערס איז שוין קיין וואונדער ניט וואָס זיי פּאַלען!"

ווען אַן אַנדער בעל עגלה האָט זיך פאַר איהם באַקלאָגט אויף זיין ביטע־רע פּרנסה, באשר ער האָרעוועט שווער און פאַרדיענט קוים גענוג צו שפּיי־זען זיין פערד. האָט דער חפץ חיים בעת מעשה אַ פאַרטראַכטער זיך אַזוי ווי אויפגעכאַפּט פון אַ דרעמעל, און באַמערקט:

„ווערה, וועה, וויפיעל מענשען מאַטערען זיך נעביך זייער גאַנץ לעבען בלויז צו שפּייזען זייער פערד (דעם גוף)!"

אַזוי פלעגען קומען צום חפץ חיים אַלערליי מענשען, תלמידי חכמים, סוחרים, בעלי מלאכה, אײדעלע און פּראָסטע פון אַלע קלאַסען און שיכטען. פאַר יעדען איינעם האָט ער געהאַט אַ וואָרט פון טרייסט און האָפנונג, אָדער נשמה־ריהרענדע מוסר־ווערטער וועלכע פלעגען ערוועקען אַ הרהור תשובה און אַ געפיהל פון חרטה אויף בעגאַנגענע פעהלערען און האָט געהאָלפען פאַרשטאַרקען דעם בטחון און אמונה פון יעדען איינעם.

לט.

אַ כלל טהוער

ווי ס׳איז שוין ניט איינמאָל באַטאָנט געוואָרען, האָבען דעם חפץ חיים׳ס „ד׳ אמות של הלכה״ זיך ניט באַגרענעצט בלויז מיט׳ן שרייבען און אַרויסגעבען זיינע ספרים, נאָר זיין גאַנץ לעבען, אַלע זיינע שטרעבונגען און דערגרייכונגען, מחשבות און מעשים האָבען אימער געשטראָמט פונ׳ם ״ד׳ אמות של הלכה״־קוואַל. דער חפץ חיים האָט, דוכט זיך, געהאַלטען אין איין שרייבען און ארויסגעבען ספרים. אַרויסצוגעבען די זעקס חלקים „משנה ברורה״ האָט איהם גענומען פון יאָהר תר״מ ביז תרס״ז. אַלע חלקים „לקוטי הלכות״ — פון אָיהר תרנ״ו ביז תרפ״ה, און אינצווישען האָט ער דאָך געמאַכט פילע אַנדערע וויכטיגע ספרים. פונדעסטוועגען האָט איהם ניט געשטערט צו זיין אַ כלל־טוהער און כסדר צו זוכען דעם וואָהלזיין פון זיין פאָלק. וואָס עלטער ער איז געוואָרען אלץ גרעסער איז געוואָרען דאָס פעלד פון זיינע טהעטיגקייטען.

ווען ער איז אַלט געוואָרען זיבעציג יאָהר 1), האָט ער איינגעלאַדען זיינע תלמידים, די באַקאַנטע גאונים הרב ר׳ אלחנן בונם וואַסערמאַן און הרב ר׳ יוסף כהנמאן און האָט אין זייער געגענוואַרט געמאַכט די ברכה „שהחיינו״ 2), און זיי מכבד געווען מיט לעקאַך און בראַנפען. ער האָט פון דעמאָלט אָן באַטראַכט יעדען טאָג לעבען פאַר אַ הימלישע מתנה, וועלכע ווערט איהם געשאַנקען אין זכות פון כלל ישראל. זיין צייט האָט, לויט זיין אויפפאסונג, שוין דעריבער ניט באַלאַנגט צו איהם.

זייענדיג דער גרויסער עניו האָט ער קיינמאָל ניט געזוכט און האָט, ווי ווייט ער האָט געקאָנט, אויסגעמיטען צו שטעהן במקום גדולים. דאָך, ווען

1) וואַרשיינליך י״א שבט, תרס״ח?

2) זעה שו״ת „ברכי יוסף״: „כשמגיע אדם למלאות שבעים שנה לימי חייו יברך שהחיינו, ונראה שיברך בלא שם ומלכות, מאחר שלא כתבו הראשונים; זעה אויך „פתחי תשובה״ יו״ד סימן רי״ז, ס״ק ט״ז.

ער האָט דערפיהלט אַז אַ געוויסע שטעלונג צו אַ אידישע פראַגע איז עלול לפי דעתו צו פאַראורזאַכען אַ קלקול, אָדער ברענגען דעם קלענסטען חלול־השם, האָט ער זיך שוין דעמאָלט ניט אָפּגעשראָקען פאַר קיין זאַך, נאָר האָט זיין מיינונג דרייסט אַרויסגעזאָגט פאַר די גרעסטע גאוני הדור; אַפילו אויב זייערע מיינונגען זיינען אַנדערש געווען, האָט ער שטאָלץ און אָפען אַטאַקירט זייערע ריכטונגען. מען האָט דאַן אין זיינע שטילע און בנעימות׳דיגע ווער־טער געקאָנט דערהערען דאָס ברומען פון אַ לייב ווען ער דערשפירט אַ גע־פאַהר.

מיט אויפמערקזאַמקייט האָט מען זיך צוגעהערט צו זיינע פערלדיגע און האַרציגע רייד. אַלע האָבען געפיהלט אַז דער חפץ חיים האָט קיינמאָל ניט גערעדט סתם אַזוי אין דער וועלט, אָדער לשם אַגיטאַציע פאַר׳ן אמת, נאָר אַז זיינע ווערטער זיינען געווען דער אמת אַליין, דער ריינער און נאַקעטער אמת, ניט באַפּאַרבט און ניט באַפּוצט. מען האָט געשלונגען מיט דורשט זיינע ווערטער אַפילו דאַן, ווען מ׳האָט זיך געפיהלט צו שוואַך און אומווירדיג נאָכצופאָלגען זיינע הויכע אידעאַלען פון קדושה וטהרה.

אויב די שוידערליכע פאָגראָמען און רדיפות פון וועלכע דאָס רוסישע אידענטום האָט געליטען צווישען די יאָהרען תרמ״א און תרס״ו האָבען פון איין זייט פאַראורזאַכט רעוואָלוציאָנערע שטימונגען און די פאַרשפּרייטונג פון ראדיקאַליזם צווישען דער אידישער יוגענט, האָט עס אָבער גלייכצייטיג אויך אויפגעוועקט און אינספּירירט דעם באַוואוסטזיין פון די אָרגאַניזאַציאָנס־פעהיגע קרעפטען צווישען די רעליגיעזע אידען. פאַרזוכען זיינען געמאַכט געוואָרען מעהרערע מאָל צו באַפרייען די אָרטאָדאָקסישע אידען פון דער אומגעבעטענער און זעלבסט־געקרוינטער כלל־טהוער׳שער אפּוטרופסות פון די פרייע עמי־הארצי׳שע עלעמענטען. די גרינדונג פון דער חברה „מחזיקי־הדת״ אומגעפעהר אין יאָהר תרס״א איז געווען איינע פון אַזעלכע פראָבעס. די כוואַליע פון פּאָגראָמען און דער אויסברוך פון דעם רוסיש־יאפּאַנעזישען קריעג האָבען, לײדער, אַלע שעהנע פּלענער דעמאָלט צושטערט. איז אין יאָהר תרס״ז געשאַפען געוואָרען די אגודה „כנסת ישראל״ — אַ דאַנק דער השפעה און מיטווירקונג פון חפץ חיים, צוזאַמען מיט די באַריהמטע גאונים ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, פון בריסק; ר׳ אליעזר גאָרדאָן, פון טעלז; ר׳ איצעל ראבינאָוויטש, פון פּאָנעוועזש; ר׳ אלי׳ חיים מייזעל, פון לאָדז; ר׳ צבי הירש ראבינאָוויץ, פון קאָוונע; ר׳ דוד׳ל פרידמאַן, פון קארלין און (יבדל לחיים)

ר׳ חיים עוזר גראַדזענסקי, פון ווילנא. די אויפגאַבע פון דיזער אָרגאַניזאַציע איז געווען: 1) צו שטעהן אויף דער וואך און עפענטליך פארטיידיגען די אידישע אינטערעסען פּאָליטיש און עקאָנאָמיש; 2) צו פאַרגרעסערען און פאַרשטאַרקערען אידישע ערציהונג, אידישקייט און תורה צווישען פאָלק; 3) צו קריגען גלייכבאַרעכטיגונג פאַר די רוסישע אידען. די פרייע עלע־מענטען האָבען, זעלבסטפאַרשטענדליך, באַקעמפט די ערוואַכענדע אָרטאָ־דאָקסיע אויף טריט און שריט. אין יאָהר תרע״ב האָבען די פארבליבענע כחות זיך פאַראייניגט מיט דער פראַנקפורטער „אגודת ישראל״.

שרייבט דער חפץ חיים אין זיינעם אַ בריוו בנוגע דער ניי־ענטשטאַ־נענער „אגודת ישראל״, דאטירט עש״ק וישב, שנת תרע״ג, „אַז די פרומע אידען זאָלען זיין פאַראייניגט איז פון זעהר אַ גרויסער וויכטיגקייט. אָט איז פאַר אונז ערשינען פאַר אַביסעל צייט די „אגודת כנסת ישראל״ אַזוי ווי אַ ליכטיגער שטראַהל. גרויס איז געוועזן איהר אויפטהו אין דער (אידישער) וועלט. וואָלט די כנסת ישראל געהאַט לאַנגע יאָהרען איז גאָר ניט צו משער זיין די פילע טובות וואָס אַזאַ ארגאַניזאציע וואָלט מיט זיך געבראַכט... ביינאַכט, ווען אין דרויסען איז שטאַרק פינסטער און זעהר שטורעמדיג, איז דאמאלט ריזיקאַליש פאַר אַ יחיד זיך ארויסצולאָזען מיט אַ ליכט אין האַנט איינער אַליין אויפ׳ן וועג!״ („המודיע״).

שילדערט הרב מאיר ברלין אין זיינע זכרונות די „אספת הרבנים״ אין ווילנע אין יאָהר תרס״ט (1909) 3).

„עס איז אין שטאָדט אַ שטיקעל באַוועגונג. אַן אספת הרבנים. די אספה איז אונטער געשלאָסענע טירען. מיט גרויס שוועריגקייטען איז באַשלאָסען געוואָרען אַרויסצוגעבען קאָמוניקאַטען צו דער פרעסע, וועלכע איז דאַן גע־וועזן גוט פאַרטראָטען אין ווילנא. אין די קרייזען אין וועלכע מ׳האָט זיך

3) דיזע אספה איז געעפענט געוואָרען דינסטאג, י״ג אייר, אונטער׳ן פארזיץ פון הרב ר׳ טביל׳ע קאצענלבויגען פון פעטערבורג. ס׳האבען זיך באַטייליגט איבער פערציג רבנים און פאַרשידענע אדמורי״ם פון רוסלאַנד און פוילען. צווישען זיי: דער חפץ חיים, די גאונים ר׳ דוד׳ל פרידמאַן פון קארלין, ר׳ חיים סאלאווייטשיק פון בריסק, ר׳ חיים עוזר גראַדזענסקי פון ווילנע, די רביים פון ליובאַוויטש און גור.

צווישען די פראַגען אויפ׳ן טאגעס ארדנונג זיינען געווען די פאלגענדע זיבען פונקטען: 1) וועגען צענז פאַר רבנים. 2) חנוך הבנים. 3) באַפרייאונג פון די אלגעמיינע שולען די אידישע קינדער פון חלול שבת ויום טוב. 4) גרינדונג פון אַן אלגעמיינע אידישע ארגאניזאציע פאַר חזוק הדת. 5) שבת רוה. 6) די שחיטה פראגע אין פינ־לאַנד. 7) אויסצואַרבייטען אַ פראגראם אין באַהאַנדלען די פראַגען וועלכע וועלען אנגעריהרט ווערען אויף דער פאַרשטעהענדער רבנים פאַרזאַמלונג (ראַווינסקאַ קאמיסיא).

פאַראינטערעסירט מיט אידישע פּראָבלעמען, האָט מען דער פאַרזאַמלונג גע־געבען פיעל אויפמערקזאַמקייט. אַפילו אין אַזאַ שטאָדט ווי ווילנא — ירושלים דליטא — קומען ניט אָפט צוזאַמען אזוי פיעל פּראָמינענטע פיהרער אין דעם אידיש־רעליגיעזען לעבען. רבנים, רביים און אַרום זיי אַ גרויסע צאָהל פון אָנגעהעריגע. די הויפּט־פיגורען דאָרט זיינען די צוויי אנטיפּאָדען: דער שעהנסטער און גרעסטער רעפּרעזענטאַנט פון דער מתנג׳ישער וועלט — רבי חיים סאָלאָווייטשיק, און דער אויסגעשפּראָכענער פיהרער פון דער חסיד׳ישער ריכטונג — דער ליובאוויטשער רבי, ר׳ שלום בער שניאורסאָן. די צוויי זיינען די צענטראַלע פיגורען, און זיי ביידע פיהלען עס און זוכען צווישען זיך דעם וועג ווי די אספה זאָל האָבען אַן ערפאָלג. ביי דער אספה וועלכע דויערט מעהרערע טעג און ווערט פאַרלאַמענטאַריש געפיהרט, אַפילו מיט אַ באַשטימטען טאָג־אָרדנונג, ווערען פאַרהאַנדעלט אויסערליכע פראַ־גען בנוגע דער רעגירונג און פאַרשידענע אינסטאַנצען. עס ווערען אָבער אויך פאַרהאַנדעלט זעהר ערנסטע און אויספיהרליך אינערליכע פּראָבלעמען, ווי רבנות, חדרים, ישיבות וכדומה.

„ביי דעם גרויסען טיש זיצט צווישען אַנדערע אויך אַ קליינער אידעל, רעכט פיעל געבויגען. קענטיג אויף איהם די עלטער, אָבער דאָך פריש און מוטיג. אַלע ווייסען ווער דאָס איז. ער איז ניט קיין רב... אָבער דאָך הערט מען זיך צו צו איהם און ווען ער רעדט אַפילו שטיל, בויגען אַלע צו די אויערען כדי צו קאָנען הערען וואָס ער זאָגט — ער איז דער חפץ חיים...

„אין אַ געוויסער אָוונט־זיצונג רעדט מען וועגען די נויטיגקייט מחזיר עטרה ליושנה זיין, אַז ניט נאָר אין די באַקאַנטע ישיבות זאָל מען לערנען, נאָר אויך אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל זאָל זיין דער חוב פון דעם רב צו לערנען מיט די גרעסערע קינדער גמרא מיט רש״י און תוספות. עס זאָל ווידער זיין אַ צייט ווען יעדער רב איז ניט נאָר אַ מורה הוראה, נאָר אויך אַ תופס ישיבה. אייניגע רבנים וועלכע זיצען ביי דער אספה געפינען אין דעם פּראָבלעם אַ מין פחיתת הכבוד. וואָס הייסט, זיי וועלען ווערען מלמדים מיט קליינע קינדער?!

„דאַן שטעהט אויף דער קליינער אידעלע און עס שיינט ווי ער רעדט ניט מיט דער נידעריגער שטימע, נאָר ווי ער וואָלט ברומען מיט אַ קול, און ער זאָגט: —

„דאָס איז דאָך דאָס שעהנסטע און נויטיגסטע וואָס אַ רב דאַרף טהאָן.



הרב ר' מאיר שמחה הכהן זצ"ל — דווינסק

הרב ר' דוד פרידמאן זצ"ל — קארלין

הרב ר' חיים הלוי סאלאווייטשיק
בריסק

הרב ר' יצחק יעקב ראבינאוויץ זצ"ל
רב און ראש ישיבה — פאנעוויעז

הרב ר' שלום בער שניאורסאן זצ"ל,
ליובאוויטשער רבי

ביי דער אספה אין פעטערבורג

אַ מלמד זיין איז העכער ווי א רב, און עס הייסט אַ גליק פאַר א רב ווען ער קען ווערען אויך אַ מלמד און לערנען תורה, ניט נאָר וואַרטען ביז מ'זאָל קו־מען צו איהם פרעגען אַ שאלה!" —

„די רבנים, איבערהויפּט די וועלכע האָבען פריהער גערעדט דאגעגען, האָבען זיך אומגעקוקט צווישען זיך. עס האָט געקלונגען אַ נייער וואָרט, טראָץ דעם וואָס באמת איז די אידעע זעהר אַלט" (4).

עהנליכע אספות זיינען דאַן במשך צוויי־דריי יאָהר פאָרגעקומען אין גראָדנע, ווארשא און אין אָטוואָצק, אין וועלכע דער חפץ חיים האָט זיך באַ־טייליגט און זיין השפּעה האָט זיך שטאַרק געפיהלט.

---

4) דער גרויסער ר' חיים פלעגט זיך אפטמאָל באַצייכענען און אויך זיך אונטער־שרייבען „מלמד בעהי"ת בוואלאזין" (שו"ת חוט המשולש סי"ה).

מ.

די אספת הרבנים אין פעטערבורג

אין חודש אדר תר״ע (1910) האָט די צאַריסטישע רעגירונג דורכ׳ן פּרעמיער סטאָליפּין פאַררופען אין פעטערבורג אויף אַ קאָנפערענץ פון אידישע קהלות איבער גאַנץ רוסלאנד צו צוויי רעפּרעזענטאנטען פון יעדער גובערניע, כדי אויסצואַרבייטען פּלענער ווי אַזוי צו אָרגאַניזירען די קהלות, צו לייזען דעם רבנות־פּראָבלעם; ד. ה. צי עס זאָל אויף ווייטער עקזיסטירען דער אַמט פון אַ קאַזיאָנעם רב באַזונדער און די באַדינגונגען אויף וועלכע די רעגירונג זאָל אָנערקענען די גייסטיגע רבנים. אויך האָבען באַדאַרפט באַהאַנדעלט ווערען פראַגען וועגען חדרים און ישיבות און אַנדערע וויכטיגע אידישע פּראָבלעמען 1) צווישען די גרויסע רבנים וועלכע האָבען זיך דאָרט באַטייליגט זיינען געווען: ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, ר׳ מאיר שמחה הכהן, פון דווינסק, ר׳ איצעלע פּאָנעוועזשער, ר׳ מלכיאל טענענבוים פון לאָמזע, ר׳ ישכר בעריש גרויבאַרט פון בענדין. דער ליובאַוויטשער רבי, און להבדיל בין חיים למתים, ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי און הרב צירעלסאָן פון קעשענאָוו. דער חפץ חיים איז לכתחילה צו דער אספה ניט געפאָהרען. ער איז אָבער דאָרט געווען פאַרטראָטען דורך זיין ראש־ישיבה, הגאון ר׳ משה לאַנדינסקי, וועלכער איז דאָרט געווען אלס בעאָבאַכטער און ער האָט בכתב איבערגעגעבען זיינע מיינונגען.

ווי באַוואוסט, האָבען זיך אין פאַרלויף פון די לעצטע הונדערטע יאָהרען די בני הישיבה אין מזרח־אייראָפּא געווידמעט כמעט אינגאַנצען צום לימוד התורה. די ישיבות זיינען געווען די איינציגע לעהר־אַנשטאַלטען צו ערציהען רבנים און בעלי־בתים לומדים. וואָרשיינליך צוליב דעם אומזיכערען מצב

---

1) אַזעלכע קאָנפערענצען פלעגען פאַררופען ווערען קיין פעטערבורג פון צייט צו צייט זינט דעם יאָהר תקע״ד ווען אלכסנדר דער ערשטער האָט איינגעלאַדען אידישע פאָרשטעהער כדי זיין רעגירונג זאָל אויסהערען די אידישע פאָדערונגען און פאָרשלאַגען, הויפּטזאַכליך פון אַ רעליגיעזען כאַראקטער, ס׳זיינען פאָרגעקומען סעסיעס פון דער אַזוי גערופענע „ראַווינסקי קאָמיסיעס", אין די יאָהרען תר״ב, תרט״ו, תרל״ט, תרנ״ד.

פון אידען און אידישקייט האָבען זיך די ראשי הישיבה אימער געשראָקען צו ערלויבען וועלטליכע לימודים אין די ישיבות, מורא האָבענדיג טאָמער וועט „יפיפותו של יפת" ארויסשטופען דאָס פראַכטפולע און אידעאַלע פון די „אהלי שם" און די שטיפמוטער השכלה וועט פאַרנעמען דעם אָרט פון דער אמת'ער מוטער — די תורה. ובפרט דורך דעם וואָלטען די ישיבות געשטעלט געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג, אונטער דעם איינפלוס פון איהר ערציהונגס־סיסטעם מיט זיין מאַטעריאַלען יסוד און שטרעבונג. דער יונגערמאַן, וועלכער האָט געגאַרט צו ערוועבען וועלטליכע קענטניש האָט עס דאריבער געטאָן אויף אַ פּריוואַטען אופן, אָבער ניט אין דער צייט וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דער ישיבה, וואו ער האָט הויפּטזעכליך געזוכט שלמות הנפש און זיך איינצושאַפען וואָס מעהר תורה, גאָר ניט טראַכטענדיג וועגען מאַטעריעלע נוצען.

דער טראַגישער דורכפאַל פון די מאָדערנע ראבינער־שולעס אין ווילנא, ווארשא און זשיטאָמיר האָבען נאָך מעהר פאַרשטאַרקט די איבערצייגונג צווישען די גדולי הדור, אַז אמת'ע לומדות און יראת שמים קאָנען זעלטען קולטיווירט ווערען בשותפות מיט וועלטליכער בילדונג אונטער איין דאַך, ובפרט אין צייטען און אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, וואו וועלטליכע בילדונג איז געווען ווי אַ לוקסוס, די פּריווילעגיע פון יחידי סגולה.

זייענדיג איינמאָל אין גראָדנע זיינען פאַר'ן חפץ חיים ערשיענען פאַר־שטעהר פון אַ „חדר מתוקן" באַוועגונג. זיי האָבען איהם געזוכט איבערצו־צייגען מכח די גרויסע חשיבות פון אַזאַ אינסטיטוציע „מה רעש אויב מ'לערנט אַביסעל דקדוק? ס'איז דאָך אַ בפירוש'ער דין, אַז מ'דאַרף מדקדק זיין בעת מ'לייענט קריאת שמע..." — האָבען זיי גע'טענה'ט. האָט דער צדיק מיט אַ שמייכעל זיי געענטפערט:

„יאָ, אמת, דקדוק איז טאַקע וויכטיג. עס שטעהט טאַקע אַזוי — הקורא את שמע צריך לדקדק באותיותיה — לעזענדיג קריאת שמע דאַרף מען זיין פאַרזיכטיג אַרויסצורעדען ריכטיג איהרע אותיות. פונדעסטוועגען ווערט געפסק'נט אַז — קרא ולא דקדק יצא — בדיעבד, אויב מ'האָט געלייענט קריאת־שמע אָהן דקדוק איז מען יוצא. אָבער — דקדק ולא קרא — דקדוק אָהן לייענען קריאת־שמע ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט אַז עס איז גוט"...

דער חפץ חיים (וועלכער האָט זיך מוסר נפש געווען צו בויען און אויפ־האַלטען ישיבות און מרביץ תורה צו זיין) ווען ער האָט מיט זיין שאַרפען חוש

און וויטזיכטיגען בליק דערשפּירט אַ סכנה, האָט ער שוין ניט געוואָלט נאָך פלעגט אַלאַרמירען און וועקען די אמת׳ע אידישע פיהרער צו שטעהן אויף דער וואך. ער פלעגט זיך דאַן פאר קיין זאך ניט שרעקען. ער פלעגט ווערען רעוואָלוציאָנעריש געשטימט און אויב נויטיג געפאָדערט זאָגאָר צו געהן אויף קדוש השם און זיך אַנטקעגען שטעלען די געפּלאַנטע גזירות פון דער רע־גירונג.

דער הויפּט שטרייט־פּונקט אויף דער אספה איז געווען דער רבנות פּראָבלעם, אויב אַ רב זאָל געצוואונגען זיין צו האָבען אויסער סמיכות אויך אַ דיפּלאָם אַז ער באַזיצט אַ געוויסע מאָס רוסישע בילדונג. אַזאַ גזירה וואָלט אונפאַרמיידליך געפיהרט אַריינצובריינגען וועלטליכע בילדונג אין די ישיבות אַזוי ווי די רעגירונג האָט דורך די מסירות און אינטריגעס פון די דאַמאָלס־דיגע משכילים עס געפאָדערט.

די מיינונגען צווישען די פיהרענדע רבנים דעלעגאַטען זיינען אין דער פראַגע געווען פאַרשידען. דער גרויסער וועלט גאון ר׳ מאיר שמחה, גע־שטיצט פון זקן הגאונים, ר׳ דוד פרידמאַן פון קארלין (אין אַ בריוו ווייל ער האָט דאַמאָלט צוליעב זיין טיפע עלטער פערזענליך ניט געקענט קומען), און דעם רבי׳ן ר׳ שמעריל נח שניאורסאָן פון באברויסק, האָט גראָד געפאָ־דערט צו פאַרפליכטען יעדען רב דורכצומאַכען אַ געוויסען צענז. ר׳ מאיר שמחה האָט אין זיינע אַ רעדע וועלכע ער האָט אָנגעפאַנגען מיט אגדה און גע־ענדיגט מיט הלכה אויפגעוויזען, היות עס איז ניטאָ קיין איסור צו לערנען רוסיש, גלויבט ער אַז דאָס וועט ניט ברייגען קיין ביטול תורה און ניט שטערען אין יראת שמים. קעגען דער מיינונג איז אַרויסגעטראָטען ניט קיין קלענערע פּערזענליכקייט ווי דער גאון הדור ר׳ חיים בריסקער, געשטיצט פון ליובאַ־וויטשער רבי׳ן און שריפטליך פון חפץ חיים. ער האָט קנאות׳דיג און מיט עקשנות געקעמפט קעגען אַרויפצווינגען אויף די וועלכע ווילען ווערען רבנים, אַז זיי זאָלען מוזען דורכמאַכען אַ באַדייטענטען בילדונג־צענז.

דערפיהלענדיג זיך צו־שוואַך אַריבערצוציהען אויף זיין זייט די אַנדערע גדולי הרבנים, האָט ר׳ חיים דורכאויס אָנגעשטאַנען אויף ר׳ משה׳ן אַז ער זאָל תיכף פאָהרען אַהיים און ווירקען אויפ׳ן חפץ חיים אַז ער זאָל גלייך אַליין קומען צו דער אספה. אַזוי איז טאַקע געשעהן...

דער חפץ חיים איז, טראָץ זיין פיזישער שוואַכקייט און עלטער, געקומען

און האָט זיך דאָרט פאַרזאַמט אַ וואָך צייט. ער האָט מיט פייערדיגע און האַר־ציגע ווערטער און מיט טרעהרען זיך געבעטען ביי די פאַרזאַמעלטע ניט צו העלפען אונדירעקט צו פאַראורזאַכען נייע גזירות קעגען למוד התורה, וועל־כעס איז שוין אַזוי אויך אָפּגעשוואַכט... זיינע אַרגומענטען האָבען געהאַט אַ פיעל באַדייטענדע ווירקונג.

נאָכדעם ווי ער איז שוין געהאַט געווען דאָרט עטליכע טעג און איז אין זיין אויפגאַבע געווען ערפאָלגרייך, איז ער אין דער באַגלייטונג פון ר׳ משה׳ן געפאָהרען באַזוכען דעם דווינסקער גדול אין זיין האָטעל. ווען דער חפץ חיים האָט אָנגעפאַנגען צו רעדען וועגען צוועק פון זיין קומען, האָט דער גאון ר׳ מאיר שמחה גוטמוטהיג באַמערקט: „זייט זיך ניט מצער די תורה וועט בליי־בען אַ תורה און רבנים וועלען בלייבען רבנים״ און פאַררופענדיג זיך אויפ׳ן בריעף פון ר׳ דוד׳ל קארלינער האָט ער געזאָגט: „איהר דאַרפט זיך ניט אַנט־קעגען שטעלען די מיינונג פון זקן הגאונים. ניט זייענדיג קיין רב און וואוי־נענדיג אין אַ קליין שטעדטעל זייט איהר דאָך ניט באַקאַנט מיט דער גרויסער וועלט און איהרע פאָדערונגען״.

דער חפץ חיים איז אָבער גאָרניט נתפעל געוואָרען און האָט אַ רוהיגער געפרעגט דעם גאון, צי ער פיהרט אויך אָן מיט אַ ישיבה, באַטאָנענדיג, אַז נאָר דער וואָס שטעהט אָבער אין נאָהענטע פאַרבינדונג מיט אַ ישיבה קאָן פיהלען און פאַראויסזעהן די גרויסע געפאַהר וואָס שטעקט אין דעם.

כדי צו פאַרמיידען אַ הייסען ויכוח איז ר׳ מאיר שמחה אַרויסגעגאַנגען פון צימער (אַזוי פלעגט זיין שטייגער זיין צו טהאָן). דער חפץ חיים האָט דאַן, צוזאַמען מיט (יבדל לחיים) ר׳ משה׳ן אַוועקגעגאַנגען, ניט האָבענדיג זיך גע־זעגענט מיט איהם.

אויפ׳ן וועג האָט דער חפץ חיים באַמערקט צו ר׳ משה׳ן:

„איך האָב התפעלות פון ר׳ מאיר שמחה׳ס הויכע מדות זייענדיג אַ כהן איז ער דאָך עלול געווען אַריינצופאַלען אין אַ שטאַרקע הקפדה, איז ער דע־ריבער ארויס פון צימער״.

דעם חפץ חיים האָט אויך שטאַרק הנאה געטהאָן וואָס ער האָט אויך גלייכ־צייטיג פאַרלאָזען דעם צימער. ביידע זיינען דאָך געווען כהנים גדולים...

ווי מען דערצעהלט, האָט דער גאון הדור ר׳ מאיר שמחה, צו אלעמענס איבערראשונג צוגעגעבען דאָן עפענטליך, אַז אָט דער פשוט׳ער קליינער אידעלע... פון אַ קליין שטעטעל איז מרעיש די גרויסע אידישע וועלט זיינע פשוט׳ע ווערטער מעהר ווי די גרעסטע רבנים פון די גרעסטע שטעדט מיט זייער טיעפקייט און שאַרפקייט...

מ.

צו זאָגען מוסר

פאַסירט האָט עס איינמאָל אַ פרייטאָג־צו־נאַכט, אין די לעצטע יאָהרען, ווען צוליעב זיין טיפע עלטער און שוואכקייט איז דער חפץ חיים געצוואונגען געווען צו דאווענען ביי זיך אין דער היים מיט אַ מנין פון בני הישיבה. די קליינע נידעריגע הויז מיט איהר רויה באַקאַלכטע ווענט און איינפאַכע אַלט מאָדישע מעבעל האָבען אויסגעקוקט ווי אַ פּאַלאַץ אַ דאַנק דער פּראַכט און גלאַנץ פון דער שבת מלכתא, וועלכע האָט אָנגעפיהלט יעדער ווינקעלע. די חלות מיט׳ן שניי־ווייסען טישטאכעל, די בלאַסקענדע מעשענע לייכטער מיט די פינקעלדיגע ליכט, די שיינענדע לעפעל, מעסער, גאָפּעל און כלים, אלץ איז איינגעטונקט געווען אין מנוחה. אַן אַטמאָספערע פון קדושה איז אויסגעגאָסען געוואָרען איבער אַלעמען. אויבען־אָן אויף אַ שטוהל איז געזעסען דער הייליגער זקן. געוואַשען, גע׳טובל׳ט, אָן אָפּגעפרישטער, געקליידעט אין זיינע בגדי שבת: אַ שוואַרץ־זיידענע קאַפּאָטע און סאמעטענע היטעל און אַ שנעע ווייסער קאָלנער ארום זיין האַלז. אַ מאָדנער חן איז אויסגעגאָסען געווען אויף זיין שעהנעם צאַרטען פנים, וועלכער טראָגט זיין הויכע עלטער, האָט אויסגעזעהן יונג, פריש און אָהן קנייטשען, באַלויכטען פון צוויי פלאַם־פייערדיגע אויגען און באַצירט מיט אַ זילבער גרויע באָרד, פּראַכטפאָלען שטערן, שעהן געטאָקטע נאָז און שמייכעלדיגע געזיכט־ציגע. אַ שכינה ליכטיגקייט האָט געשטראַלט פון זיין הימלישע צורה.

די אַנוועזענדע תלמידים האָבען אין זייער טיפע באַגייסטערונג דערפיהלט אַ שטאַרקען באַגעהר צו הערען עפּעס אַ דבר תורה פון איהם.

„רבי, זאָגט אונז עפּעס אַ דבר מוסר“, האָט זיך איינער אַרויסגעכאַפּט. זיינען די ליכטיגע אויגען פון צדיק פּלוצלונג אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען און אַן אומעט האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף זיין שעהנעם פנים, און אָפּזיפצענדיג, האָט ער געזאָגט:

„איך זאָל אייך זאָגען מוסר? ווי אַזוי קען איך זאָגען מוסר, אַז איך אַליין בין זינדיג, בין ניט קיין ירא שמים און לערען ניט ווי מ'דאַרף!"

אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען אַלעמענס הערצער פון צדיק'ס תשובה... מעהר האָבען זיי שוין ניט בעדאַרפט. די פשוט'ע ווערטער האָבען גערירט די סטרונעס פון יעדענס נשמה און יעדער איינער האָט דערשפּירט אַ הייסע פליסיגקייט שטראָמען פון זיינע אויגען...

שווער פלעגט אָבער דעם חפץ חיים אָנקומען צו זאָגען אַנדערע מוסר. זיינע רייד פלעגען זעלטען זיין פון אַן אָביעקטיווען כאַראַקטער. ער פלעגט זיך צוערשט זעהר פיעל מתבונן זיין אַריינטראַכטען און אַנאַליזירען זיינע פערזענליכע מחשבות און מעשים, בעפאַר ער האָט גע'פועל'ט ביי זיך צו אַדרעסירען אַנדערע מיט דברי מוסר, און פאָדערען פון זיינע צוהערער מקיים צו זיין די תורה. גערעדט האָט ער כמעט שטענדיג סתם איינשלי־סענדיג זיך זעלבסט אינ'ם כלל פון זיינע צוהערער.

דאָך בשעת די אומשטענדען האָבען עס געפאָדערט, פלעגט ער אויך קע־נען רעדען דירעקטע שטרייַנגע און שאַרפע דבורים.

אין יאָהר תר"ע ווען ס'האָט אין דער ישיבה אויסגעבראָכען אַ מחלוקה געגען אַ געוויסען פערזאָן, האָט דער חפץ חיים, זיך דערוויסענדיג פון דעם, מיט אַ ציטערנדע שטימע זיך געווענדעט צו די תלמידים:

„אונזער ישיבה רופט זיך „חפץ חיים" און די כונה דערפון איז — מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה — דאַריבער, דער יעניגער וועלכער איז מחזיק במחלוקות איז צו אונז ניט שייך. ער איז ניט אונזערער. מחלוקת אין דער ישיבה אויף מיין נאָמען! חס ושלום! זאָל זי בעסער בטל ווערען! און ער האָט דאַביי דערמאָנט די תלמידי רבי עקיבא, אחיתופל'ן און דואג'ן וועלכע זיינען געווען גרויסע לומדים און פונדעסטוועגען זיינען זיי באַשטראָפט געוואָרען פאַר מחזיק זיין אַ שנאת חנם, לשון הרע און מחלוקת... און ער האָט פאַרגעזעצט:

„איך בין ניט נהנה פון דער קופת הישיבה — כי הוא זה — אָנווייזענדיג אויפ'ן שפּיץ נאָגעל פון זיינע פינגער. — איצט איז שוין די ישיבה אַ אַ פאַרטיגע, אָבער ווער האָט איהר מיסד געווען? ווי אַזוי איז זי געוואָרען? איך האָב געוואַנדערט אין מרחקים און אויסגעזוכט תומכים..." ער איז אויף אַ ווײַלע שטיל געבליבען און דאַן צוריק אָנגעפאַנגען. דאָס מאָל אָבער שוין מיט אַ רוהיגען טאָן און מיט אַ גלעטענדע — כרחם אב אל בנים — שטימע:

„איהר זייט געקומען אהער אין דער ישיבה כדי זוכה צו זיין צום כתר תורה. איהר האט פארלאזען אייערע פאמיליעס און קרובים און ליידעט דחקות אבי צו טראגען דעם עול התורה. איהר ווילט דאך פארדינען ביידע וועלטען, די וועלט און יענע וועלט. זעהט אבער וואס דער רמב״ם זאגט אין זיין „יד החזקה״, אז בעלי לשון הרע ומחלוקת האבען ניט קיין עולם הבא. דארפט איהר דאך פון אזעלכע ענינים אנטלויפען ווי פון פייער, אז ניט וועט דאך אייער גאנצע מיה זיין ארויסגעווארפען און אייער תורה וועט דאך גאר קיין ווערטה ניט האבען״.

אזוי האט דער חפץ חיים, ווי א געטרייער פאטער, געפאדערט מיט גוטע און מיט שטריינגע ווערטער, אז די בני הישיבה זאלען געהן אין זיינע דרכים, צו לערנען על מנת לקיים, און זיין פארזיכטיג אין די ענינים פון שמירת הדבור, אהבת חסד, אמונה, בטחון, שלום, אהבת הבריות, למוד התורה און יראת שמים.

„מה יתן לך ומה יוסיף לך לשון רמיה — וואס נאך קאן מען דיר געבען און פאר דיר טהאן, דו פאלשער צונג?!״ „מ׳האט דיר ארומגערינגעלט מיט צוויי טויערען: די צייהנער און די ליפען, כדי ווען נויטיג צו פארמאכען דאס מויל, און האלטען די צונג אין זיינע גרעניצען פון קאנטראל!״ — פלעגט דער חפץ חיים אפטמאל זאגען.

אין א מוסר־שמועס צו די תלמידי הישיבה האט ער אמאל באמערקט: „מ׳דארף געדיינקען, אז דער בחור וועמען זיין פאטער שיקט געלד כדי ער זאל זיצען און לערנען און ער לערענט ניט הייסט עס — גנב משל אביו״

אין יאהר תרמ״ד האט אין ראדין געוואוינט, ביי זיינעם א זוהן אן אלטער איד, פון גראדנע, מיט׳ן נאמען יעקב דער מגיד. ער איז דאן שוין געווען בלינד און האט שוין מעהר ניט געקענט ארומפאהרען איבער דער וועלט און דרשנ׳ען זיינע עטליכע דרשות וועלכע ער האט זיך געהאט אויסגעלערנט. פלעגט יעקב, אן אומעטיגער, אפזיצען גאנצע טעג אין בית המדרש אונטער׳ן אויוועז. פלעגען די ישיבה בחורים האבען הנאה און פארגעניגען צו הערען יעקב׳ן איבערזאגען זיינע א דרשה. דער מגיד פלעגט עס טאקע טהאן מיט א באזונדער געפיהל פון תענוג. ער פלעגט ווערען אן אויפגעלעבטער און עס איבערזאגען אויפ׳ן הויכען קול מיט זיין ניגון. זיינע דרשות און פשטים זיינען על פי רוב געווען לעכערליכע, ווייל ווייט איז יעקב געווען פון לומדות. ער פלעגט ליעב האבען צו דערמאנען א ווארט פון ווילנער גאון און אויפ׳ן זעל־

בען פּסוק, אָדער מאמר, צוגעבען זיין אייגענעם פּשט, אָדער דרש מיט דער באַמערקונג: „דער ווילנער גאון זאָגט אַזוי, און איך זאָג אַנדערש, צוויי קען נען דאָך ניט זאָגען דאָס זעלבע, — אין שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד"...

פלעגען די בחורים האָבען דערפון גרויס הנאה, פיעל זיך אַנלאַכען און אין שפּאַס איהם קאָמפּלימענטירען.

„ר' יעקב, היינט האָט איהר געזאָגט הפלא ופלא..."

דער מגיד פלעגט פון דעם אַנקוועלען און האָבען גרויס פאַרגעניגען, ובפרט ווען זיינע צוהערער פלעגען איהם דערפאַר געבען אַ פּאָר גראָשען זיך צו קויפען אַ קוכען.

זיינען אָבער אויך געווען צווישען די ישיבה בחורים אַזעלכע וועלכע פלעגען אַמאָל ליעב האָבען פון איהם אָפּצולאַכען, מיט דער באַמערקונג:

„ר' יעקב, היינט האָט אייער תורה עפּעס גאָר קיין טעם ניט!"

פלעגט פון דעם דער בלינדער זקן האָבען גרויס צער און אין זיין אויפ רעגונג פלעגט ער זיך נאָכיאָגען נאָך זיי מיט זיין שטעקען.

ווען דער חפץ חיים האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער אין אַ ספּע ציעלען שמועס מכח דעם, אין דער ישיבה, טיילווייז אַזוי געזאָגט:

„ווען מיר הערען דערצעהלען, צום ביישפּיל, אַז דער ווילנער גאון פלעגט פאַסטען משבת לשבת, אַז ער איז זעלטען געשלאָפען, נאָר פלעגט תמיד עוסק זיין אין תורה און עבודה, וואונדערען מיר זיך און קענען ניט פאַרשטעהן, — ס'טייטש, ווי אַזוי איז אַזאַ זאַך מעגליך? באמת וואָלטען מיר זיך גראַד בעדאַרפט וואונדערען ווען די מעשה וואָלט געווען פאַרקעהרט. דער ווילנער גאון, שטעהענדיג מיט אָפענע אויגען פאַר אַזאַ קריסטאַל ריינעם קוועלענדען קוואל (מים חיים) די תורה, זייענדיג דער גרויסער מבין אויף דער ווערדע און אונשעצבאַרע חשיבות פון איהרע אנטיקען וועלכע זיינען טייערער ווי קאָסטבאַרע ברילליאַנטען, און פיהלענדיג דעם תענוג פון יעדען וואָרט — היתכן אַז עס זאָל זיך איהם גאָר דאַן גלוסטען צו עסען אָדער שלאָפען?

„אַז די תורה איז מחיה יעדען איינעם לויט זיינע כחות און פעהיגקייטען קען מען זיך עס איבערצייגען טאַקע פון אַט דעם אַלטען ר' יעקב'ן, אַז אַרימער און צובראָכענער איד, נעביך. ער האָט דאָך קיינמאָל אפילו ניט גע האַט געגוג אָפּצועסען צו דער זאַט. ער האָט זיך אויסגעלערענט עטליכע דרשות און ווען ער זאָגט זיי איבער אויף זיין שטייגער, איז ער זיך ממש

מחיה, ער מיינט דאָך אַז אלע זיינע ווערטער זיינען תורת אמת לכן ציהט ער פון דעם חיונה. אַזוי איז דאָך טאַקע דער כח פון דער תורה. היינט אַז מ׳זאָגט איהם אַז זיינע פשטים און דרשות טויגען ניט, באַרויבט מען איהם דאָך פון אַ שטיק חיות. טאָ ווי אַזוי מעג מען עס טהאָן?״

ניט נאָר פלעגט דער חפץ חיים אויף זיין ספּעציפישען שטייגער מוסר׳ן די תלמידי הישיבה, נאָר אויך די אָרטיגע בעלי בתים פון וועלכע ער האָט זיך גערעכענט אַלס איינעם פון זיי. זיינע ווערטער זיינען אימער געווען כאַראַקטעריסטיש חפץ חיים׳דיג.

איינמאָל אין א יום טוב האָט ה. ש. ניט אָנפרעגענדיג זיך ביי קיינעם, נאָר צוליעב זיינעם אַ קאַפּריז, אַ קלאַפּ געטהאָן און אויסגעשריען אויפ׳ן קול, אַז היינט דאַרף מען קיין פיוט (יוצר) ניט זאָגען. איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל אין שוהל צוליעב דער גרויסער חוצפּה. דער רב האָט פּשוט מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסצוריידען, ווייל דער בעל העזה איז אויסער דעם וואָס ער אליין איז געווען אַ גבור, האָט אויך פאַרמאָגט בנים און געזעלען וועלכע זיינען שטענדיג גרייט געווען איהם אַרויסצוהעלפען.

דער חפץ־חיים, וועלכער האָט דאָרט דעמאָלט אויך געדאַווענט, האָט ניט געקענט פאַרשווייגען אַזאַ עזות׳דיגען אַרויסטריט.

„סטייטש, ווי פועל׳ט מען עס ביי זיך אַזוי מעיז פנים צו זיין געגען על־טערע?״ און צייגענדיג אויף זיין באָרד, האָט ער געזאָגט: „אָט האָב איך דאָך שוין אַ גרויע באָרד, און בין דאָך שוין פיעל עלטער פון איהם, דאַרף ער דאָך אביסעל דרך ארץ האָבען!״

דער פסק, אָדער עונש מן השמים וואָס דער ש. האָט געליטען, דערצעהלען נאָך עד היום די ראַדינער אידען... אויסער דעם טרויעריגען פאַרלוסט אין זיין פאַמיליע, האָט ער נאָך געמוזט קומען בעטען פאַרגעבונג פון חפץ חיים און פון קהל.

אין אַ דרשה שבת שובה צו די ראַדינער אידען, האָט ער אַמאָל צווישען אַנדערעס באַמערקט:

„אויפ׳ן עולם האמת קענען דאָך אַמאָל אַנדערע זאָגען אַז זיי האָבען ניט געטאָהן קיין תשובה, ווייל אין שטעדטעל איז געווען ישראל מאיר און זיי גאָרניט געזאָגט. דעריבער זאָג איך אייך אָן אַז חילול שבת איז פייער, עובר זיין אויף טהרת המשפחה איז כרת, חינוך הבנים והבנות איז דער יסוד פון

אידישקייט. ווען איך וועל קומען פאַר'ן כסא הכבוד וועל איך טענה'ן, אַז איך בין ניט שולדיג. איך פלעג אַלע מאָל מזהיר זיין . . . "

אַריינקומענדיג איין פריהמאָרגען אין אָרטיגען בית המדרש האָט ער דער־זעהן אַ שוידערליך בילד, אַ מענש איז געשטאַנען, די הענד פאַרבונדען אויף הינטען און חברה האָבען איהם געפּאַטשט. דער קרבן איז געווען אַן אומבאַ־קאַנטער דורכגעהער וועמען מ'האָט געכאַפּט ביי דער האַנד אין אַ פּאַרזוך צו באַ'גנב'נען די שוהל.

האָט דער חפץ חיים זיך צושריגען: „לאָזט דעם אידען פריי! — חלילה וחלילה! מ'טאָר אַזוי אַ מענש ניט מעניש זיין. אַפּילו אויב ער וואָלט יאָ באַ'גנב'עט שטעהט אויך ניט אין ערגעץ, אַז מען מעג איהם שלאָגען אָדער מביש זיין! דער עונש פון אַ גנב איז בלויז צו באַצאָהלען כפל, ניט מעהר!"

איינמאָל האָט דער חפץ חיים, זייענדיג אין מרחץ, באַמערקט אַז איינער האָט, אַריינגעהענדיג אין מקוה, איבערגעלאָזען אין באָד זיין שפּעלע מיט'ן בעזימעל. איז געקומען אַן אַנדערער און האָט ניט פרעגענדיג קיינע שאלות עס צוגענומען אַזוי ווי עס וואָלט געווען זיין אייגענעס. צו זאָגען אַז עס איז גנבה, אָדער אַז ער דאַרף עס צוריקקעהרען צו יענעם, וואָלט דאָך עס גע־מיינט אַ דין פאַר ווערכעס אַזאַ מקום איז כידוע ניט פּאַסיג. אין אַ בית המרחץ טאָר מען דאָך ניט מהרהר זיין אין דברי תורה. איז דער חפץ חיים אומבאַ־מערקטערהייט צוגעגאַנגען צו יענעם און האָט איהם שטילערהייט געזאָגט:

„זיך וואַשענדיג אין אַזאַ שפּעלע און מיט אַזאַ בעזימעל געהט מען ארויס פון מרחץ שמוציגער ווי מ'איז אַריין".

אין יאָהר תרנ"ו ווען ר' אייזיק דער שוחט איז געשטאָרבען, האָבען מאַנ־כע בעלי בתים דורכאויס געוואָלט מ'זאָל נעהמען אַ געוויסען שוחט וועלכער איז גלייכצייטיג אויך אַ חזן. זיי האָבען זיך לכחילה ווינציג וואָס געקימערט וואָס זיינע קוואַליפיקאַציעס אַלס שוחט זיינען ניט געווען צופרידענשטעלענד פאַר'ן חפץ חיים. דערהויפּט איז געוועזן ביי זיי די חזנות. זעלבסטפאַר־שטענדליך אַז דער חפץ חיים האָט אויף דעם ניט געקענט מסכים זיין. האָט ער דאַמאָלט פאַררופען אַלע בעלי בתים אין שוהל און זיי געוואָרענט אַז אויב זיי וועלען איהם ניט פאָלגען וועט ער אַוועק פון שטעדטעל קיין גראָדנע וואו מ'האָט איהם דעמאָלט געבעטען ער זאָל זיך אַריבערציהען. מ'האָט איהם זאָגאַר אָנגעבאָטען באַדייטענדע שכירות. דאָס האָט געווירקט. און אָנגעקו־מען איז דעמאָלט אַלס שוחט ר' נח דרעטשינער, וועמען דער חפץ חיים איז

ביי זיין אָנקומען אַרויסגעגאַנגען אויסערען שטעדטעל מקבל פנים צו זיין.

אין ווינטער פון יאָהר תרע״ה, האָבען די שטעדטעלדיגע בחורים און מיידלעך געוואָלט אָרגאַניזירען אַ סאָרט ספּעקטאַקעל מיט טענץ וכדומה. די הכנסה האָט בעדאַרפט געהן צו שטיצען די לעבעדיגע אלמנות ויתומים, וועמעס מענער און פּאַטערס זיינען צוגענומען געוואָרען אין דער מלחמה. דער־וויסענדיג זיך פון דעם באַצייטענס, האָט דער חפץ חיים צו זיך גערופען די אָרגאַניזאַטאָרען און זיי געבעטען אויפצוגעבען זייער געפּלאַנטע אונטערנעה־מונג, וועלכעס איז, לויט זיין מיינונג, אויסער די רעליגיעזע זייט אויך געווען מאָראַליש אַ פאַרברעכען צו מאַכען אַזאַ סאָרט אונטערנעהמונג אין אַ צייט ווען ס׳גיסט זיך אידיש בלוט...

האָבען די אָנפיהרער גע׳טענה׳ט:

„רבי, ס׳איז דאָך אדרבא גאָר אַ מצוה, ווייל דורך דעם ווען מיר דאָך העלפען שפּייזען די אָרימע און עלענדע!״

מיט׳ן חפץ חיים זיינען דאַן געווען זיין איידעם ר׳ הירש לעווינסאָן און דער ראש ישיבה ר׳ נפתלי טראָפּ. האָט זיך דער חפץ חיים דאַן צו דער יונג־וואַרג געווענדעט מיט דער באַמערקונג:

„ר׳ נפתלי איז אַ איד וואָס קען אַ סך לערנען, ר׳ הירש קען אויך גוט לערנען, און איך אַליין קען אויך אַביסעל לערנען. אויב מיר אַלע דריי זאָגען אייך אַז עס איז ניט קיין מצוה קענט איהר זיך אויף אונז אָהן אַ שום ספק פאַרלאָזען״.

ווי בעוואוסט איז דער חפץ חיים שטענדיג געווען גרייט צו אַרבייטען מיט מסירת נפש פאַר דאָס פאַרשטאַרקונג פון יעדען אידישען פּרינציפּ ובפרט ווען ס׳האָט נוגע געווען אַזאַ פונדאַמענטאַלע הייליגע טראַדיציע ווי „טהרת המשפחה״, וועלכעס ווערט ביי רעליגיעזע אידען באַטראַכט אַלס הויפּט יסוד פון אידישע צניעות און פאַמיליע ריינקייט. ער האָט זעהר פיעל געשריבען און גערעדט און אונערמידליך געאַרבייט פאַר׳ן קיום פון אָט דער מצוה. ער פלעגט פאָדערען פון יעדער אידישער קהלה צו בויען סאַניטאַרישע מקואות. ער פלעגט תמיד מזהיר זיין אַז פאַרנאַכלעסיגונג, אָדער גלייכגילטיגקייט אין דיזער הינזיכט פאַראורזאַכט, לויט׳ן אידישען דין אַזאַ פאַמיליע פלעק וועלכען קיין תשובה קען ניט אָפּוואַשען. ניט איינמאָל איז דעם חפץ חיים אויסגעקו־מען צו מאַכען רייזעס, נאָהענטע און ווייטע פאַר דיזען צוועק. ספּעציעל ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז אין זיין סביבה ווערט דיזער יסוד שוואַך, האָט ער

שוין ניט גערוהט ביז וואנען ס'איז געלונגען די תקלה מתקן צו זיין. ער פלעגט זיך פארשטעלען אז אויב ער וועט עס שווייגען וועט מען עס אויפ'ן עולם האמת מאנען פון איהם, און אז די השגחה עליונה האט איהם עקסטרא געשאנקען יאהרען כדי ער זאל זיך אנטקעגענשטעלען די הפקרות.

ווען ער האט ענדע זומער פון יאהר תרע"ב ערהאלטען א בקשה פון ליי־דער רב אז ער זאל מיט זיין השפעה ווירקען עס זאל אין זיין שטאט געשאפען ווערען די נויטיגע פאנדען כדי איבערצובויען די ארטיגע מקוה, האט זיך דער חפץ חיים געוועגדעט צו ר' הירש'ן אז ער זאל מיט איהם מיטפאהרען, דער לעצטער, זייענדיג פארנומען מיט דער ישיבה, האט איהם קיין קלארען ענט־פער גלייך ניט געגעבען. ווען ס'איז געקומען חודש אלול איז דער חפץ חיים אריין צו זיין איידעם און זיך ביי איהם געבעטען:

„ר' הירש, ס'איז שוין באלד די ימים נוראים, און מ'האט ניט מיט וואס צו קומען פאר'ן יום הדין. אט זאלען מיר אקארשט איצטער פאהרען קיין ליי־דע, עפעס טהאן פאר טהרת המשפחה... וועלען מיר כאטש האבען מיט עפעס צו קומען פאר'ן רבונו של עולם אין די הייליגע און פארכטיגע טעג".

מיט איינמאל פאהרען האט אבער דער חפץ חיים זיין צוועק פאלשטענדיג נאך ניט דערגרייכט.

אונערוואַרטעט פאר זיין פאמיליע און מקורבים האט דער חפץ חיים איינמאל א פרייטאג פריה אינמיטען ווינטער פון יאהר תרע"ג, טראץ דעם שטארקען פראסט בעשלאסען צו פאהרען אויף שבת קיין לידע כדי צו פאר־ענדיגען זיין אנגעפאנגענע באוועגונג.

מערקווירדיג איז דער פאקט, אז קוים האט ער ווען־עס־איז ביי זיך בע־שלאסען צו טהאן א מצוה פלעגט ער בשום אופן ניט וועלען אפלייגען אויף שפעטער, נאר איז מיט אלע מיטלען עקשנות'דיג באשטאנען עס אזוי שנעל ווי מעגליך אויסצופיהרען. קיין שוועריגקייט האט איהם ניט אפגעשראקען, קיין זאך האט איהם ניט צוריקגעהאלטען. „מצוה שבא לידך אל תחמיצנה" — א מענש דארף זיך אליין ניט געטרויען, כל זמן מען האט א יכולת דארף מען טהאן, — פלעגט ער זאגען. דאריבער ווען די בני בית האבען זיך דאן ביי איהם געבעטען אז ער זאל צוליעב זיין שוואכקייט די רייזע קיין לידע אפליי־גען אויף א ווארעמערען וועטער, האט ער פון דעם גארניט געוואלט הערען, זאגענדיג:

„מען וועט דאָך מיר פרעגען, (אויפ'ן עולם האמת) פאַרוואָס ביזטו ניט געפאָהרען, טאָ וואָס וועל איך ענטפערען? ס'איז מיר געווען קאַלט. וועט דאָס זיין אַ תירוץ? ניין, איך וועל פאָהרען...!"

דעם חפץ חיים'ס מוסר און דברי תוכחה פלעגען זיין געווענדעט ניט נאָר צו זיינע נאָהענטע, צו די קינדער פון זיין פאָלק, ער פלעגט זיינע שארפע ווערטער אויך רעדען כלפי די רשעים, צווישען די אומות העולם, און פלעגט אויף זיין דרך אַלעס באַזירען אויף פסוקים פון דער תורה. ער פלעגט למשל זאָגען: אַז א אידען איז שלעכט, בעט ער אַ ברכה פון אַ צדיק און איז מתפלל צום רבונו של עולם, אַז ער זאָל איהם העלפען. אַנדערש איז אָבער אַ גוי, אַ רשע, ווען בלק בן צפור, דער מלך פון מואב, האָט זיך געשראָקען פאַר'ן פאָלק ישראל, האָט ער, אַנשטאט צו בעטען בלעם'ן אַז ער זאָל איהם בענשען, גאָר געפאָדערט אַז ער זאָל די אידען שעלטען. ער האָט אין זיין ברייזוויליגקייט ניט געזוכט פאַר זיך אַ ברכה, נאָר פאַר יענעם אַ קללה.

ריידענדיג איינמאָל וועגען די צרות, רדיפות און פאָגראָמען, וועלכע אידען פלעגען אויסשטעהן אונטער דער צאַרישער מאַכט, האָט ער באַמערקט: „מ'שטיינס געזאָגט, ס'א גוטס דער צאַר קען שוין ערוואַרטען פון דער אַרויפ־געצוואונגענער תפלה „הנותן תשועה למלכים" ווען גלייך נאָכדעם זאָגט מען „וינקום נקמת דם עבדיך השפוך"...

אין איינע פון די פאָרכטיגע טעג, האָט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען צום רבונו של עולם און מיט טרעהרען געזאָגט:

„בשעת דער בית המקדש איז געשטאַנען, פלעגען די אידישע זינד פאַר־געבען ווערען דורכ'ן שעיר, וועלכער איז אַוועקגעשיקט געוואָרען אין ארץ גזירה „ונשא השעיר עליו את כל עונותם" (ויקרא ט"ז). רבונו של עולם, אמת טאַקע, זייט דעם חורבן האָבען מיר ניט אין גלות קיין שעיר, וואָס זאָל פאַר אונז מכפר זיין, אָבער אַ ארץ גזרה האָבען מיר דאָך יאָ. מיר לעבען דאָך אין אַ לאַנד וואָס איז פול מיט גזירות געגען אונז! ס'געהט דאָך קיין טאָג ניט פאַר־ביי ס'זאָל ניט ברייגען קיין נייע צרות און פורעניות... טאָ ווי אַזוי קען מען זיין גוטע אידען, דיענען דיר מיט האַרץ און נשמה און אָפהיטען דיין תורה אונטער אַזעלכע ליידען און באַדינגונגען? ניין, רבונו של עולם, די אידען זיינען ניט שולדיג"...

ער פלעגט אילוסטרירען דעם פסוק: „לאסור מלכיהם בזיקים ונכבדיהם בכבלי ברזל, לעשות בהם משפט כתוב", מיט'ן פאָלגענדען משל:

אַ בן מלך האָט איינמאָל פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פאַרוואָרפענעם איינזאַמען ישוב, וואו אַלע פרעמדע פלעגען אויסשטעהן גרויזאַמע רדיפות, האָבען די אָרטיגע איינוואוינער דעם פרינץ אויך שטאַרק פאַרפאָלגט. זיינע טענות אַז ער איז אַ בן מלך האָבען איהם גאַרניט געהאָלפען. ער איז קוים ניצול געוואָרען מיט׳ן לעבען, אַ דאַנק זיינעם אַ בעקאַנטען. וועלכער האָט זיך פאַר איהם איינגעשטעלט און איהם אין געהיים געראַטעוועט.

ווען זיין פאָטער איז געקומען אין יענעם ישוב מיט חילות, כדי צו באַשטראָפען די איינוואוינער, זיינען זיי איהם געפאַלען צו די פיס און געבעטען ער זאָל זיי ניט באַשטראָפען, ווייל ווי אַזוי עס זאָל ניט זיין, איז דאָך זיין זוהן לעבעדיג געבליבען.

האָט זיי דער קעניג געענטפערט: איך וועל בלויז טהאָן צו אייך אַזוי ווי איהר האָט געוואָלט טהאָן מיט מיין קינד.

אַזוי וועט אויך כביכול זאָגען צו די רשעים, די פאַרביסענע שונאי ישראל, ווען די צייט וועט קומען זיי צו באַשטראָפען. אמת טאַקע, זייערע בייזוויליגע כוונות און גזירות רעות געגען דעם פאָלק ישראל, זיינען אַ דאַנק דעם רבונו של עולם ניט פאַרווירקליכט געוואָרען, דאָך, לעשות בהם משפט כתוב, דעם משפט וואָס זיי האָבען אַליין פאַרשריבען אויף אידען וועט ער טהאָן מיט זיי... כ׳לעבען ס׳א פיינער אָרענטליכער און גערעכטער משפט — הדר הוא לכל חסידיו.

אויב עס איז דעם חפץ חיים שווער געווען אַנדערע צו מוסר׳ן איז איהם אָבער זעהר לייכט אָנגעקומען זיך זעלבסט אויסצומוסר׳ן, זאָגאַר אין דער עפענטליכקייט.

כידוע האָט דער חפץ חיים כמעט קיינמאָל ניט פאַרפעהלט תפלה בצבור. האָט פאַסירט, אַז ער האָט איינמאָל אַביסעל זיך פאַרשפעטיגט, איז ער יענעם טאָג נאָכ׳ן דאַוונען אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה און געזאָגט:

„היות עס קאָן זיין אַ חילול השם פון דעם וואָס איך בין היינט ניט געקומען אין צייט לכן בין איך מודיע דעם גאַנצען עולם, אַז די סיבה פון מיין פאַרשפעטידיגען זיך איז געווען ווייל איך האָב גראַד געהאַלטען אין מיט׳ן פון אַ גרויסע שווערע סוגיא" . . . און ער האָט גלייך אויפ׳ן אָרט איבערגעזאָגט די חידושי תורה, וועלכע איז איהם דאַמאָלט נתחדש געוואָרען.

אָבוואָהל ער פלעגט קיינמאָל ניט זאָגען קיין פלפולים האָט ער דאָס מאָל

הרב ר׳ משה לאנדינסקי, ראש ישיבת „חפץ חיים״ — ראדין

משנה געווען זיין דרך בכונה, כדי עס זאָל ניט פאַראורזאַכט ווערען קיין חילול השם.

ער פלעגט זאָגען: יעדער מענש דאַרף זיך קאָנען פאָרשטעלען דריי זאַכען 1) אַז ער האָט מעהר ניט ווי איין טאָג צו לעבען. 2) אַז ער האָט מעהר ניט ווי איין פרק משניות אָדער איין בלאַט גמרא צו לערנען. 3) אַז עס איז מעהר אויף דער וועלט ניטאָ ווי גאָט און ער אליין. דאָס מיינט דער פסוק „והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך". אַ מענש פוילט זיך צו לער־נען תורה צוליב דעם וואָס ער זעהט, אַז עס איז פאַראַן אַזוי פיל צו לערנען, דאָס אַפילו ער זאָל לעבען מתושלח'ס יאָהרען וועט ער ניט אימשטאַנד זיין אַלעס דורכצומאַכען, אָדער ער לייגט אָפּ אויף שפּעטער, אָדער ער לאָזט עס איבער פאַר אַנדערע צו טהאָן און ער אַליין זוכט בעסער זיך צו פאַרנעמען מיט „תענוגי עולם־הזה".

זאָגט דאַריבער די תורה „והיו הדברים האלה", זאָלסט ראשית געדענקען, אַז איצט האָב איך פאַר דיר ניט מעהר ווי די ווערטער, והשנית, „אשר אנכי מצוך", איך פאַרזאָג דיר עס — דיר אליין. וואַרף ניט ארויף דיינע פליכטען אויף אנדערע. דריטענס, „היום", טהאָן זאָלסטו עס היינט. לייג עס ניט אָפּ אויף מאָרגען, ווייל דו ביזט דאָך ניט זיכער אַז דער מאָרגען באַלאַנגט צו דיר.

„היום לעשותם" — מען הערט מענשען זאָגען, אַז די וועלט איז אויך אַ וועלט, באמת אָבער איז נאָר די וועלט אַ וועלט, ווייל נאָר דאָ אויף דער וועלט קאָן מען עפּעס אויפטהאָן — „מחר לקבל שכרם".

מב.

דאַנקבאַר פאַר גוטס

הכרת טובה, דער געפיהל פון דאַנקבאַרקייט צו איינעם וועלכער האָט דיר אַמאָל געטהאָן אַ טובה איז אַן ערהאַבענער עטהישער פּרינציפּ, וועלכער ווערט אויף פאַרשידענע אופנים אילוסטירט און ארויסגעבראַכט אין דער הייליג־אידישער ליטעראטור. זיין אַ משלם רעה תחת טובה ווערט מאָראליש באַטראַכט אַלס פארברעכען. אַ תלמוד׳ישער ווערטעל זאָגט: „וואַרף ניט קיין שטיין אין דעם ברונעם פון וועלכען דו האָסט אַמאָל געטרונקען”. דאריבער, ווערט ערקלעהרט, איז אהרן און ניט משה אויפגעפאָדערט געוואָרען פון דעם אויבערשטען אויסצופיהרען אויף די מצריים די שטראָף פון די ערשטע צוויי פון די עשר מכות: דם און צפרדע, ווייל משה איז קליינערהייט געראטעוועט געוואָרען אין טייך נילוס ווען ער איז דאָרט פון זיין מוטער אַריינגעוואָרפען געוואָרען, וואָלט עס געווען נגד יושר אַז ער זאָל שלאָגען זיינע וואַסערען. אויך איז פנחס און ניט משה אַליין געגאַנגען זיך אָפּצורעכענען פאר זיין פאָלק מיט זייערע שונאים, די מדינים, ווייל ער איז דאָך אַמאָל געווען זייערער אַ שכן, וואוינענדיג אין מדין. „פאַראַכט ניט קיין מצרי”, זאָגט אָן די תורה, „ווייל אַ גר ביזטו געווען אין זיין לאַנד”. טראָץ דעם וואָס די מצריים זיינען זיך בעגאַנגען אַזוי רשעות׳דיג וואַרפענדיג דיינע קינדער אין וואַסער, האָסטו דאָך געהאַט דיין היים פאַר אַזוי פיעל יאָהרען דאָרטען (דברים כ״ג, בבא קמא צ״ב ע״ב, תנחומה מטות).

געהענדיג איינמאָל אין גאַס מיט זיין אידעם, דעם גאון וצדיק ר׳ הירש לעווינסאָן ז״ל, האָט אַ פאַרבייגעהענדער אָרימער איד, אָפּגעווישט אַביסעל שטויב פון זיין אויבערמאַנטעל. אומזיסט האָט זיך דער חפץ חיים אַרומגעקוקט כדי דעם פרעמדען צו באַפרידיגען. ער איז נעלם געוואָרען. האָט דער חפץ חיים דעם גאַנצען וועג געהאַט גרויס צער פון דעם, ניט קענענדיג פאַרטראָגען אַז יעמאַנד זאָל זיך האָבען פאַר איהם מטריח געווען בחנם.

קומענדיג אויף זיין אכסניא האָט ער זיך אַ טאַפּ געטהאָן אין קעשענע און האָט צו זיין איבעררראַשונג ניט געפונען דעם רובעל וועלכען ער האָט דאָרט אַריינגעלייגט בעפאָר ער איז אַרויס אין גאַס. האָט ער זיך געזאָרגט און געזוכט דעם רובעל ניט וויסענדיג וואו דאָס איז אומגעקומען.

האָט ר׳ הירש באַמערקט צו איהם, אַז מסתמא האָט דער אומבעקאַנטער אידעל בעת ער האָט אָפּגערייניגט זיין אויבערמאַנטעל, דעם רובעל אַרויס־גענומען.

דערהערענדיג די השערה, האָט זיך דער חפץ חיים דערפרעהט און אַ צו־פרידענער אויסגערופען:

„אויב אַזוי, האָבען מיר דאָך איהם שוין טאַקע אָפּגעצאָהלט פאַר דער טרחה!״

קוים האָט איהם ווער אַמאָל געטהאָן אַ טובה, פלעגט ער זיך שוין אַלע יאָהרען פיהלען דאַנקבאַר און אויף פאַרשידענע אופנים זיין הכרת טובה אויסדריקען.

דאָס איז געשעהן אין אַ ווינטערדיגען פריהמאָרגען, פרייטאָג פּ׳ וישלח, אין יאָהר תרע״א. דער ראַדינער בעדער יאָשע, וועלכער איז גלייכצייטיג אויך געווען אַ שמיד, איז, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרטאָג איינגעהייצט דעם מרחץ, אַוועק אַרבייטען אין זיין קוזנע. האָט גראַד פּאַסירט אַז דער חפץ חיים איז דאַמאָלט אומבאַקערט פון אימיצען געגאַנגען פריה אין מקוה. זייענדיג איינער אַליין, האָט ער דערפיהלענדיג אַ טשאַד געזוכט וואָס שנעלער אַרויס־צוגעהן פון דאָרטען. דער רויך איז אָבער געוואָרען אַזוי געדיכט, אַז עס איז איהם געוואָרען ניט גוט און ער איז אַוועקגעפאַלען אין חלשות. ווען דער בעדער איז נאָכהער צוריקגעקומען האָט ער שוין דעם חפץ חיים דאָן געפונען מעהר טויט ווי לעבעדיג.

האָט ער געמאַכט אַן אלאַראַם. מענשען זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען און מען האָט דעם פאַר׳חלש׳טען אויף די הענט שנעל אוועקגעטראָגען אַהיים.

אין פאַרלויף פון אַ שטונדע האָט מען כמעט ניט באַמערקט קיין סימן פון לעבען אין איהם. זיינען אַלע געוואָרען שטאַרק צוטראָגען און זיך גע־פיהלט זעהר באַזאָרגט. די תלמידים האָבען פאַרגאָסען פיעל טרעהרען, זאָ־גענדיג תהלים, ביז דער אויבערשטער האָט געהאָלפען, דער קראַנקער האָט געעפענט די אויגען און איז ביסלעכווייז צו זיך געקומען.

זייט דאַן פלעגט דער חפץ חיים יעדען שמחת תורה איינלאַדען צו זיך יאַשע דעם בעדער. מיט איהם טרינקען צוזאַמען לחיים און זיך פרעהען, דער־מאָנענדיג דעם נס פון יענעם פרייטאָג. און פלעגט ביי דער געלעגענהייט ווינשען יאַשע׳ן אז ער זאָל האָבען אריכת ימים און איהם אַליין איבערלעבען.

מערקווירדיג איז דער פאַקט, אַז דער בעדער האָט איהם טאַקע איבערגע־לעבט פון כ״ד אלול תרצ״ג (דער יום הפטירה פון חפץ חיים) ביז פרייטאָג פריה, פרשת וישלח, תרצ״ד, אויסהויכענדיג זיין נשמה אין דער זעלבער צייט ווען ער האָט פונקט מיט דריי־און־צוואַנציג יאָהר צוריק אָפּגעראַטעוועט ר׳ ישראל מאיר׳ן פון טויט. ער האָט געהאַט אריכת ימים, לעבענדיג קרוב צו ניינציג יאָהר.

ווי ס׳איז שוין באַקאַנט געוואָרען, איז דער חפץ חיים כל ימיו געווען אויסגעהאַלטען אין דעם פּרינציפּ פון „שונא מתנות״ אין פולען זינן פון וואָרט. אַפילו אין דער צייט ווען ער איז געווען געדריקט, האָט ער ליבערשט געליטען נויט, און האָט בשום אופן ניט געוואָלט נעהמען קיין פּרעזענטען פון קיינע מענשען, ווייטע אָדער נאָהענטע.

אַ רייכער איד, וועלכער איז אין יאָהר תרצ״א, אַזש פון אויסלאַנד געקו־מען צו איהם צופאָהרען, האָט ביים געזעגענען זיך אַוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש טויזענד קערבלעך אַלס מתנה פאַר׳ן רבי׳ן. דער חפץ חיים האָט זיך אָבער ענטזאָגט דאָס פון איהם צו נעהמען.

„רבי״, האָט זיך דער אורח אָנגערופען, „איהר זייט דאָך אַ גוטער איד. טאָ פאַרוואָס ווילט איהר פון מיר דאָס געלד ניט נעהמען?״

האָט איהם דער חפץ חיים מיט אַ שמייכעל געענטפערט:

„אַ גוטער איד הייסט דער וואָס גיט און ניט דער וואָס נעהמט״. און דער גביר האָט זיין מתנה געמוזט צוריקנעהמען.

ווען דעם חפץ חיים׳ס אַ שוואָגער, אַ מאַנופאַקטור סוחר אין ביאַליסטאָק, ר׳ אלי׳ שניידער, האָט אין זומער פון יאָהר תרע״ה דורך דיזען שרייבער מיט־געשיקט אלס פרעזענט ווארע אויף מלבושים פאַר די קינדער, האָט דער רבי עס ניט געוואָלט נעהמען און האָט געהאַט שטאַרק תרעומות אויפ׳ן שליח אַזוי גוט ווי אויף דעם וואָס האָט געשיקט. „וואָס ווילען זיי פון מיר האָבען? איך דאַרף ניט און וויל ניט קיינעם׳ס מתנות. ווען איך וועל דאַרפען וועל איך עס אַליין קויפען!״ האָט ער אויסגעשריען.

אַ בריוו דאטירט ה׳ אדר שני, תרפ״ז, געשריבען צום באַוואוסטען נכבד און באַריהמטען מעדיצינער, דאָקטאָר ר׳ יעקב סמיטליין, פון ברוקלין, ניו יאָרק, כאַראַקטעריזירט אם שעהנסטען דעם חפץ חיים׳ס הנהגה אין דיזען פרט.

די אידישע איבערזעצונג פון אינהאַלט לעזט זיך ווי פאָלגט:

„זיין בריעף מיט זיין נדבה פון הונדערט דאָלאַר האָב איך מקבל געווען און באַדאַנק זעהר כבודו פאַר זיין גוטען רצון. ליידער קען איך אָבער ניט ערפילען זיין בקשה צו נעהמען פון איהם דיזע סומע. באשר כבודו דיינקט דאָך מסתמא, אַז איך בין אַ גרויסער נצרך און אַז איך בין אַ הייליגער. אין דער ווירקליכקייט זיינען אָבערביידע זאַכען ניט אמת. איך בין ניט קיין גרויסער נצרך אין געלד, נאָר ליידער אַ גרויסער נצרך אין יראה ואהבת השם.

„די געלד האָב איך איהם געדיינקט גלייך צוריקשיקען. נאָר היות ווי ביי אונז איז ניט ערלויבט ארויסצושיקען דאָלאַרען אין אַ צווייטען לאַנד, האָב איך דאריבער באַשלאָסען אָנצופרעגען כבודו, אויב ער איז איינשטימיג מיר איבערצוגעבען די געלד צוצוטיילען אויף צדקה לויט מיין איינזעהן. באם לא, וועל איך זיך מיט אלע מיטלען משתדל זיין די געלט איהם צוריקשיקען. איך פאַרהאָף אַז כבודו וועט עס מיר פארגעבען... השי״ת זאָל איהם בענשען... ממני ישראל מאיר הכהן״.

אומזיסט פלעגען מענשען זוכען עצות און תחבולות כדי דעם צדיק מהנה זיין. קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען. ער האָט פון זייערע געשאַנקען קיינמאָל ניט געוואָלט נהנה זיין און פלעגט נאָך האָבען פון דעם פיעל פאַרדרוס און עס האַלטען אַזוי לאַנג ביז ער האָט אויסגעפונען ווער דער געבער איז געווען און טראָץ אַלע שוועריגקייטען, עס צוריקשיקען.

אַ לאַנגע צייט האָט אַ גראָדנער איד געזוכט וועגען און מיטלען ווי אַזוי מהנה צו זיין דעם חפץ חיים מיט אַ באַדייטענדע סומע געלד. האָט ער איינמאָל זיך מיישב געווען און האָט צו זיין מוטער, וועלכע האָט גראָד געוואוינט אין איישישאָק (נאָהענט צו ראדין), צוגעשיקט עטליכע הונדערט רובעל, און האָט איהר געבעטען זי זאָל עס באַוואָרענען אַז דער חפץ חיים זאָל עס באַקומען אויפ׳ן פאָלגענדען אופן.

אַריינלייגען די געלד אין אַ פאַרמאַכטען קאָנווערט צוזאַמען מיט אַ צעטעלע, אויף וועלכען ער האָט בלויז אָנגעשריבען:

„רבי, דאָס געלט באַלאַנגט צו אייך, פאַרנוצט עס געזונטערהייט". און עס דורך אַ ספּעציעלען פּערזאָן אָוועקשיקען, וועלכער זאָל אין אָווענט אומבאַמערקטערהייט עפענען די טהיר פון חפץ חיים׳ס וואָהנונג און עס אין דער שטיל אַריינוואַרפען און אַליין גלייך אַנטלויפען.

דער פּלאַן איז גראַד אויסגעפיהרט געוואָרען פּינקטליך. דער גראָדנער איד האָט געהאַט גרויס שמחה וואָס ענדליך איז איהם געלונגען מהנה צו זיין דער חפץ חיים. דער לעצטער האָט אָבער זיך שטאַרק מצער געווען פון דעם. ער האָט די געלד ניט גענוצט. ער האָט כסדר געהאַלטען אין איין אויספרעגען און נאָכפאָרשען, און זיך ניט געפיהלט באַרוהיגט ביז ס׳איז איהם געלונגען צו דערגעהן אַז דאָס האָט איהם אַ געוויסער ר׳ מאיר הלל טולעצקי, פון גראָדנע, צוגעשיקט.

אין צוויי יאָהר אַרום, ווען ר׳ מאיר הלל האָט זיך שוין כמעט געהאַט פאַרגעסען אין דער גאַנצער מעשה, האָט ער פּלוצלונג דערהאַלטען דיזעלבע סומע צוריקגעשיקט דורך פּאָסט, פון חפץ חיים.

אויב אַזוי ווייט איז דער חפץ חיים געגאַנגען אין זיין זהירות ניט צו נעהמען פון קיינעם קיינע זאַכען אומזיסט, אַ פּשיטא שוין ווען עס איז געווען דער קלענסטער חשש פון גנבה.

דערציילט הרב שמואל באסקין אַז איינמאָל ווען דער חפץ חיים איז געפאָהרען פון סלוצק קיין באברויסק, האָט ער געבעטען זיינעם אַ בעקאַנטען, וועלכער האָט אויך געזאָלט פאָהרען אויף דערזעלבער ליניע, איהם צו טהאָן אַ טובה און פאַר איהם אָוועקשיקען אויף פראַכט עטליכע פּעק ספרים. דער מאַן, וועלענדיג צופרידענשטעלען דעם חפץ חיים, האָט אנשטאט אָפּצוגעבען אין באַגאַזש, עס מיט זיך מיטגענומען און דאָס בעהאַלטען אונטער׳ן באַנק פון וואַגאָן.

קומענדיג אין באברויסק האָט דער בעקאַנטער איהם געבראַכט די ספרים, האָט דער חפץ חיים ארויסגענומען געלט איהם צו באַצאָהלען פאַר די הוצאות. האָט זיך יענער ענטזאָגט צו נעהמען, זאָגענדיג, עס האָט איהם גאָרניט געקאָסט, ווייל ס׳איז איהם געלונגען עס אַזוי דורכצופיהרען.

האָט דער חפץ חיים פון דעם געהאַט פיעל פאַרדרוס און זיך ניט געקענט באַרוהיגען ביז ער האָט גענומען די פעקלאַך צו דער באַהן סטאַנציע און געבעטען זיי אָפּוועגען און באַצאָהלענדיג פראַכט־קאָסטען, האָט ער צוריסען די „קוויטאַנציע"...

אַזוי פלעגט דער חפץ חיים אויך לערנען זיינע תלמידים. אָפטמאָל פלעגט ער באטאָנען, אַז עס איז גלייכער צו זיצען בטל און גאָרניט לערנען, איידער צונעהמען אָהן ערלויבניש, יעגעמ׳ס אַ גמרא, אָדער שטענדער צו לערנען, ווייל דורך דעם וואָס ווען דער אייגענטימער וועט עס נאָכהער דארפען אַרומזוכען, וועט ער האָבען הקפדה און עס וועט זיין גזלה — „אַזאַ לערנען איז דאָך גאָרניט ווערטה!" איז געווען זיין אַרגומענט.

דאָס איז אָבער נאָר געווען לכתחילה, בדיעבד פלעגט ער אָבער אויפ׳ן גרעסטען אויסוואורף געפינען אַ זכות, ספעציעל ווען ס׳האָט איהם פערזענליך באַריהרט.

איינמאָל זייענדיג אין ווארשא איז צו איהם געקומען אַ איד מיט א פינף רובעלדיגע מטבע און פון איהם געבעטען פיער רובעל רעשטע אונטער׳ן תירוץ, אַז ער איז איהם שולדיג פון לאַנג אַ חוב אײן רובעל פאַר אַ ספר. האָט זיך דער חפץ חיים ענטזאָגט דעם רובעל פון איהם צו נעהמען, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז ער געדיינקט גאָרניט מכח אַזאַ חוב. ער האָט איהם געבעטען געהן צו זיין איידעם וועלכער פיהרט די חשבונות פון זיינע ספרים פיעלייכט ווייס ער פון דעם.

האָט זיך דער פרעמדער כלומר׳שט פאַרענטפערט, אז ער האָט גאָרניט געמיינט איהם צו געבען דעם רובעל אלס חוב, נאָר אַלס מתנה. האָט איהם דער צדיק געדאַנקט, אַז ער נויטיגט זיך ניט אין קיינע מתנות, ווייל ער האָט ב״ה אַלץ וואָס ער דאַרף... נאָר אויב ער וויל קען ער דעם רובעל געבען אַלס נדבה פאַר זיין ישיבה.

„גוט, רבי, זאָל זיין אַזוי ווי איהר זאָגט!" האָט דער פרעמדער אויסגעשריען.

ווען דער חפץ חיים האָט אַרויסגענומען זיין טייסטער מיט געלד כדי צו געבען דעם אידען רעשט פון זיינע פינף רובעל, האָט דער לעצטער עס אַרויסגעכאַפּט פון זיין האַנד און מיט דעם געמאַכט פליטה.

די מענשען וועלכע האָבען עס באַמערקט, האָבען אויפגערעגטע געוואָלט מאַכען אַ געוואַלד און זיך נאָכיאָגען צו כאַפּען דעם גנב, האָט זיך דער חפץ חיים באַמיהט מיט אַלע כחות זיי צוריקצוהאַלטען און זיי באַרוהיגט מיט די ווערטער:

„ער איז דאָך מסתמא אַ געדריקטער איד, און נויטיגט זיך אין די געלד,

אפשר גאָר חתונה צו מאַכען אַ טאָכטער... זאָל ער עס פאַרנוצען געזונטער־הייט!"

ער האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרטראָגען מ'זאָל זיך פאַר איהם באַמיהען בחנם זאָגאַר ווען יענער האָט עס געמיינט לשם מצוה.

דערצעהלט הרב דוד טאובענפליגעל אַז אין זומער פון יאָהר תרע"א, האָט ער, זייענדיג אין וואַרשא, זיך דערוואוסט אַז דער חפץ חיים איז דאָרט דאָ. איז ער איהם געגאַנגען וויזיטען אויף זיין אכסניא, וואו ער האָט איהם פונקט געטראָפען אַרויסגעהן, טראָגענדיג אַ פעקעל ספרים. האָט ער זיך געבעטען, אַז ער זאָל איהם לאָזען טראָגען זיין פעקעל פאַר איהם, אָבער דער חפץ חיים האָט עס בשום אופן ניט דערלאָזט. „חלילה, זיך לאָזען באַדיענען פון אַ תלמיד חכם! זיין אַ משתמש בתגא!"

הרב טאובענפליגעל האָט זיך ניט פאַרלוירען, נאָר אדרבא, אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג, עפּעס אַזוי ווי דער חפץ חיים וואָלט איהם ניט פאַרגינען צו טהאָן אַ מצוה.

„פעהלט אייך דען צו טהאָן אַנדערע מצוות?" — האָט איהם דער צדיק געפרעגט:

„יאָ, אָבער די מצוה פון עזב תעזב עמו, מקיים צו זיין, האָב איך דאָך איצט אַ געלעגענהייט", האָט איהם הרב טאובענפליגעל געענטפערט.

האָט איהם אויף דעם דער חפץ חיים געזאָגט: „איהר ווייסט דאָך וואָס די חז"ל זאָגען, „עזב תעזב עמו", אַז די מצוה צו העלפען אַ אידען כדי צו פאַרלייכטערען איהם אין זיין משא, איז נאָר געזאָגט געוואָרען דאמאָלסט ווען דער אייגענטימער אַליין טראָגט עס אויך, אָבער ניט ווען ער לאָזט יענעם אַליין עס טהאָן. דעריבער אויב איך וועל אייך לאָזען טראָגען מיין משא וועט עס דאָך שוין קיין מצוה ניט זיין". און ער האָט איהם דאביי געזאָגט: „עס שטעהט — וחיי עולם נטע בתוכנו — די תורה איז דער אייביגער לעבען, וואָס דער רבונו של עולם האָט איינגעפלאַנצט אין אונז. מ'דאַרף דעריבער גאָרניט זוכען צו טהאָן מצוות דורך טראָגען יענעמ'ס משא אויף זיך, ווייל טראָגענדיג די תורה אין זיך קען אַ איד מקיים זיין די גרעסטע מצוה".

דער פאָלגענדער תורה־וואָרט וועט בעסער אויפקלעהרען דעם חפץ חיים'ס אויסצייכענונג אויף דיזען געביט.

אין בענטשען (ברכת המזון) זאָגען מיר „ונא אל תצריכנו ה"א לא לידי מתנת בשר ודם ולא לידי הלואתם, כי אם לידך המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה,

שלא נבוש ולא נכלם לעולם ועד" — דארפען מיר פארשטעהן פארוואס עפעס דורך ניט אנקומען צו מענשען און ניט נעהמענדיג פון זיין קיין מתנות, אדער הלואות ווערט מען ניט פארשעהמט אין דער צוקונפטיגער וועלט?

כידוע, ווערט אויף דער וועלט דער מענש געשאצט לויט זיינע אויסער־ליכע אייגענשאפטען. עס פאסירט זעהר אפט אז דורך דעם וואס מ'קען דאך ניט אריינדרינגען אין יענעם'ס הארץ, מאכט מען א טעות דיינקענדיג, אז ער איז א צדיק, אדער עהרליכער איד, און מען גיט כבוד און מתנות, א. א. וו. ווען אויפ'ן עולם האמת וועט ענטדעקט ווערען אלעס אויף ריכטיג, וועט זיך דאך דער מענש שעהמען דאן וואס ער האט אפגענארט אנדערע און אומ־פארדיענט גענומען פון זיי געלד און פרעזענטען.

בעטען מיר דאריבער פון רבונו של עולם אז מיר זאלען צו קיין בשר ודם ניט דארפען אנקומען, צו נעהמען פון איהם מתנות אדער הלואות, דאן אויב ס'וועט אויפ'ן עולם האמת נתגלה ווערען אז ער איז ניט געווען דאס וואס אנדערע האבען על פי טעות וועגען איהם געדיינקט, וועט אויך קיין אומגליק ניט זיין ווייל ער האט דאך על כל פנים פון קיינעם ניט נהנה געווען צוליב זיין כלומר'שטע גרויסקייט...

מג.

דער נייער ישיבה בנין

דער בנין הישיבה, וועלכער איז אויפגעבויט געוואָרען אין די יאָהרען תרס״ג—תרס״ד איז געוואָרען צו קליין און צו איינג, און האָט בשום אופן ניט געקענט אַריינגעמען די כסדר וואַקסענדע צאָהל תלמידים, וועלכע האָט אין אַ קורצע צייט דערגרייכט צו איבער דריי הונדערט. אויך פון סאניטאַרי־שען שטאַנדפונקט איז דער אַלטער בנין געווען אַ היבש ביסעל הינטערשטע־ליג, און איז לגמרי ניט געווען צוגעפּאַסט לויט די פאַרגעשריבענע כללים פון היגיענע. זיינען אַ טייל פון די תלמידים געצוואונגען געווען צו לערנען אין דעם שטעטעלדיגען בית מדרש און אין דער אָרטיגער שוהל. אַזאַ צושטאַנד האָט זעהר פיעל געשטערט די טהעטיגקייט פון די ראשי הישיבה און משפיעים רוחניים. עס האָט פשוט צושפליטערט די כחות און געשאַפען פיעלע אַנדערע שוועריגקייטען. איז דאריבער בעשלאָסען געוואָרען אינ׳ם ווינטער פון יאָהר תרע״ב צוצוּוואַרפען דעם אַלטען בנין און אויף זיין פלאַץ אויפבויען אַ מאָ־דערנעם מויער מיט אַלע מעגליכע אויסבעסערונגען לויט די אומשטענדען.

אַלע הכנות זיינען געמאַכט געוואָרען יענעם ווינטער. דער חפץ חיים האָט צושיקט פיעלע צעהנדליגע בריעף צו זיינע בעקאַנטע. במשך פון אַ קורצער צייט איז אַריינגעקומען די סומע פון פופצעהן טויזענד רובעל. די ארבייט האָט זיך אָנגעפאַנגען אינ׳ם זומער פון יאָהר תרע״ב און איז פארענדיגט גע־וואָרען אינ׳ם זומער פון יאָהר תרע״ג.

עס איז אַ פּראַכטפאָלע שעהנע, ליכטיגע און לופטיגע געביידע. האָבענדיג גענוג פלאַץ פאַר פיעלע הונדערטע תלמידים. אַ חוץ דעם זיינען דאָרט פאַראַן שלאָף־צימערען פאַר פיעלע צעהנדליגע תלמידים, און אַן אָרט פאַר די פאַר־שידענע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען וויכטיג און נויטיג אין אַזאַ אייגענ־אַרטיגע געזעלשאַפט. עס זיינען דאָרט פאַראַן, למשל, חדרים פאַר די ראשי הישיבה וואוהין תלמידים קומען פאַר בחינות, אָדער כדי צו ריידען און לער־

נען. אַ גרויסער חדר פאַר׳ן משגיח צו האַלטען זיינע מוסר פאַרטראַגען אָדער לעקציעס פאַר די פאַרשידענע גרופּען (ועדים), אַ שעהנער צימער פאַר דער גרויסער ישיבה־ביבליאָטעק (אוצר הספרים) וועלכע פאַרמאָגט טויזענדער בעגדער צווישען וועלכע ס׳זיינען פאַראַן זעלטענע אַנטיקען, אַן אָרט פאַר׳ן ישיבה׳שען גמילות חסדים, אויך אַ חדר פאַר דעם ביקור חולים וועלכער באַזיצט אַן אייגען אַפּטייקעל מיט די נויטיגע מעדיקאַמענטען פאַר דער ערשטער הילף.

איינער, אַ רייכער איד פון שכנות׳דיגען שטעדטעל אראַן, מיט׳ן נאָמען ר׳ מרדכי צפנת, האָט גראַד געוואָלט אַליין געבען די גאַנצע געלד וואָס דער בנין האָט בעדאַרפט באַטרעפען. דער חפץ חיים האָט עס אָבער ניט געוואָלט. זיין שיטה איז אימער געווען, אַז אַזאַ סאָרט הייליגע אינסטיטוציע דאַרף זיין דער בנין פון אַ כלל און ניט פון קיין יחיד. בלויז איין וואַנט האָט ער איהם ערלויבט אויפצובויען. געפינט זיך טאָקע עד היום אַ טאָפעל אויף דער וואַנט פון דער ישיבה, וועלכע ענטהאַלט דעם פאָלגענדען אויפשריפט: „דיזע וואַנט איז אויפגעבויט געוואָרען דורך הנדיב הנכבד ר׳ מרדכי צפנת, וועלכער האָט פאַר דיזען צוועק מנדב געווען דריי טויזענד רובעל — זכרה לו ה׳ לטובה!“

עס איז אַגב אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז ווען ר׳ מרדכי צפנת איז אין מלחמה־צייט געשטאָרבען, איז דאַמאָלט זיין גרויסער פאַרמעגען, וועלכען ער האָט געהאַלטען אין די רוסישע באַנקען, אין גאַנצען געגאַנגען לאיבוד. זיין פרוי איז דאריבער פאַרבליבען אָרים און ממש ברויטלאָז, דערצו איז זי נאָך אויך בלינד געוואָרען. ווען דער חפץ חיים האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער גלייך געשיקט בריינגען קיין ראַדין די אומגליקליכע אלמנה, וואו ער האָט פאַר איהר באַשטימט אַ וואָהנונג אין אַ הויז אויפ׳ן הויף פון דער ישיבה ער האָט זי באַזאָרגט מיט ספּעציעלע באַדיענונג און שפּייז בדרך כבוד. פערזענליך פלעגט ער איהר אַריינטראָגען אויף פרנסה יעדע וואָך. אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט אַז די דריי טויזענט רובעל וועלכע מרדכי האָט אַריינגעלייגט אין דער ישיבה, זיינען געוואָרען דער זיכערסטער און פּרוכטבאַרסטער אינוועסטמענט.

גרויס איז געווען די שמחה פון חנוכת הבית, וועלכע איז געפייערט געוואָרען מיט דער באַטייליגונג פון פּראָמינענטע געסט פון פיעלע שטעדט. אויסער דעם זיינען זיך דאַמאָלסט צוזאַמענגעפאָהרען אַ סך תלמידים פון

אַמאָל צווישען וועלכע עס זיינען געווען גרויסע רבנים ראשי ישיבה און בעלי בתים נכבדים.

אַ ספּעציעלע הויכע פּלאַטפאָרמע איז פאַר דיזען צוועק אויפגעבויט גע־וואָרען אינ׳ם צענטער פון דער ישיבה. די ווענט זיינען געווען באַפּוצט מיט שעהנע דעקאָראַציעס וועלכע האָבען ענטהאַלטען פאַרשידענע אויפשריפטען, ווי למשל: „כי מראדין תצא תורה ודבר ד׳ מחפץ חיים״, א. א. וו.

פייערליך, ריהרענד און איינדרוקספאָל איז געווען דער מאָמענט ווען אויף דער הויכער פּלאַטפאָרמע איז ערשינען דער חפץ חיים. זיין אינערליכ־סטע פרייד און הייליגע „שהחיינו״ געפיהלען האָבען דורכגעדרונגען זיינע פייערדיגע אויגען, זיין שטראַהלענדער פּנים האָט דאן רעפלעקטירט אַן אַנדער וועלטיגע ליכטקייט, אַזוי ווי דאָס געשטאַלט פון כהן גדול (מראה כהן) ווען ער פלעגט טהאָן די עבודה אין דעם הייליגען טאָג יום כפור...

קליין און נידעריג האָט דאמאלט די פלאטפאָרמע אויסגעקוקט אין פארגלייך מיט דער גרויסער פערזענליכקייט וועלכע איז אויף איהר געשטאַ־נען. נישטיג און אונוויכטיג האָט דער גרויסאַרטיגער ישיבה פּאַלאַץ און זיינע פּרעכטיגע דעקאָראַציעס אויסגעזעהן אין דער געגענוואַרט פון אָט דעם גייס־טיגען ריעז וועמעס נשמה האָט דערגרייכט הימלישע הויכקייט און וועמעס האַרץ האָט אין איהר ברייטקייט געפיהלט אַ וועלט. טונקעל און האַלב־פינ־סטער האָבען די פאַרשידענע געקינסטעלטע און פיעל־פאַרביגע באַלייכטונגען אויסגעקוקט לגבי די זונען־שיין וועלכע איז געווען אויף זיין צורה אויסגע־גאָסען.

ער האָט דוכט זיך, גערעדט אַזוי פשוט און האַרציג ווי אַלע מאָל, דאָך האָבען זיינע ווערטער דאַמאָלט געקלונגען אַנדערש, עפּעס אזוי ווי אַ געט־ליכער פאָרטראַג איבערגעגעבען צום פאָלק דורך איינעם וועמען די השגחה האָט אויסערוועהלט און איהם באַשאָנקען מיט אַן אינערליכע וויזיע כדי צו לערנען דאָס פאָלק די וועגען פון מענשליכער פאָלקאָמענהייט און דערגרייכ־באַרע ערהאָבענקייט.

ער האָט אין זיינע ווערטער באַריהרט די וויכטיגקייט פון דער ישיבה, די באַדייטונג פון איהר חנוכת הבית, דעם זכות פון החזקת התורה און דעם שכר פאַר איהר קיום. ער האָט צווישען אנדערעס געזאָגט אומגעפעהר אזוי:

„איטליכער איד אין יעדען דור איז מחויב צו האָבען אַ חלק אין בנין בית המקדש״. אויף די ווערטער: „וכן תעשו״ זאָגען די חז״ל — לדורות הבאים —

מיינענדיג דערמיט אַז די צוקונפטיגע דורות זיינען אויף אימער פאַרפליכטעט צו בויען דעם מקדש, אַזוי ווי דער תרגום אונקלס מאַכט אויפ׳ן פסוק: „זה אלי ואנוהו — דין אלקי ואבני ליה מקדש״. די ישיבה איז היינט אונזער מקדש מעט, ווייל דאָרט וואו עס זיינען קאָנצענטרירט די „ד׳ אמות של הלכה״ איז דער אָרט פאַר דער שכינה. שלמה המלך האָט דעם בית המקדש געבויט פון האָלץ און ניט פון אַ מעהר דויערהאַפטען מאַטעריאַל, פון שטיין אָדער גאָר פון זילבער וועלכעס האָט דאַן קיין גרויסע ווערטה ניט געהאַט (כסף לא נחשב למאומה), ווייל ער האָט בכיון געוואָלט מזכה זיין דעם כלל ישראל אין שפּע־טערדיגע דורות זיי זאָלען דארפען אַלע מאָל דעם בנין איבערבויען אָדער פאַרריכטען, כדי דורך דעם זיך איינשאַפען אַ חלק אין בויען דעם בית המקדש.

„אויף דער פראַגע וואָס מפרשים פרעגען אויב כסף איז בימי שלמה געווען אַזוי פיעל, אַז עס האָט קיין חשיבות ניט געהאַט, טאָ צו וואָס האָט ער באַ־דאַרפט אַרויפלייגען אַ שטייער (מס) אויפ׳ן פאָלק (לויט דער מיינונג פון מעהרסטע פירושים איז דער מס געווען פון מענשען צו דער אַרבייט) בעת׳ן בויען דעם בית המקדש, ענטפערט דער בעל הטורים, אַז דער שטייער (מס) איז ניט נויטיג געווען פאַר דעם בנין נאָר כדי מחזיק צו זיין תלמידי חכמים, דאַרף מען דאָך עס אייגענטליך פאַרשטעהן, ווייל אין פלוג איז דאָך הדרא קושיא לדכותיא, אויב געלט האָט דאַמאָלט קיין ווערדע ניט געהאַט, טאָ צו וואָס האָט ער באַדאַרפט אַרויפצווינגען אויף׳ן פאָלק אַ שטייער פאַר החזקת התורה? נאָר דער תירוץ איז, אַז אויף בנינים צו בויען האָבען זיי זיך טאַקע באַשטייערט מיט׳ן פרייען ווילען, אָבער ווען עס איז געקומען אויפצוהאַלטען תלמידי חכמים איז אַפילו צו געבען אַזא זאך וואָס האָט אַ קליינע ווערדע אויך שווער. ווען עס האַנדעלט זיך מכח מחזיק צו זיין לומדי תורה איז דאַ־מאָלט אויפצוהיבען אַ שטרוי פון דער ערד אויך אַ שווערער ענין. עס ווילט זיך פשוט ניט געבען מיט׳ן פרייען ווילען (מעשה יצר), נאָר מ׳דאַרף מאַהנען... זוכען דורך באַשטייערונגען וכדומה...

„עס איז ניטאָ קיין לעבען אָהן תורה. מעג אַ מענש טהאָן אַלע מצוות און דורך דעם זיך פאַרדינען פיעל שכר לעולם הבא, וועט ער אָבער אַלץ ניט זיין באַרעכטיגט אויפצושטעהן תחית המתים, סאַידען ער האָט אַ זכות פון תורה, דורך אליין לערנען, אָדער דורך ערמעגליכען אנדערע צו לערנען („כל המשתמש באור תורה אור תורה מחייהו״, כתובות ק״א).

„איינע פון די סימפּטאָמען פון אַ שוטה (אַ משוגענעם) באַהויפּטען די־

חז״ל איז — הלן בבית הקברות — דער וואָס נעכטיגט אויף׳ן בית הקברות (חגיגה ג׳). דאַרף מען דאָך עס פאַרשטעהן פאַרוואָס פאַרדינט אַזאַ פּערזאָן באַצייכענט צו ווערען אַלס שוטה, אַלס משוגענער?

„דער תירוץ איז, מ׳האָט דעם מענשען געגעבען אַזאַ גאָלדענעם גליק — אַ געלעגענהייט זיך איינצושאַפען צוליב דעם זכות פון תורה אייביגען לע־בען אויף דער וועלט, אַזוי אַז אַפילו נאָכדעם ווי מ׳לייגט איהם שוין אַריין אין קבר זאָל ער קענען קומען צוריק צום לעבען — תחית המתים; נמצא אַז דער וועלכער פאַרנאַכלעסיגט צו קריגען אַ חלק אין דער תורה דורך אַליין לערנען, אָדער דורך מחזיק זיין אַנדערע, וועט זיין גוף אויף לעולם ועד פאַר־בלייבען נעכטיגען אויף׳ן בית הקברות, דאַרף מען נאָר האָבען אַ גרעסערען נאַר? אַזאַ שוטה! אייביג צו בלייבען ליגען אין בלאָטע...

„די תורה איז אַ טייערער אוצר, די „כלי שעשוע״ פון אויבערשטען, דער דרך העולם איז טייער צו האַלטען און הויך צו שאַצען אַנטיקען. פאַר אַן אַלטע זאַך באַצאָהלט מען אַ סך געלט. וואָס די זאַך איז עלטער, אַלץ מעהר חשוב איז זי. גרויסע גבירים גיבען אויס אוצרות כדי עס צו באַזיצען. ספרים זאָגען, אַז די בריאה איז זייט איהר שאַפונג פיעל נשתנה געוואָרען, אַז די אַלע ריעזען חיות און גרויסע פּרוכט פון אַמאָל זיינען דורך דער צייט וואָס וויי־טער אַלץ מעהר פאַרענדערט געוואָרען, פאַרלירענדיג מעהר זייער אָריגינאַליטעט אין מאָס אַזוי גוט ווי אין געשמאַק. אַלס ביישפּיל קען דינען דער מאמר אין תלמוד, אַז די פּרוכט וועלכע אדם הראשון און חוה האָבען געגעסען אין גן עדן איז געווען אַ ווייץ קערענדעל, פון איין קערענדעל איז אַלזאָ געווען גענוג פאַר אַלעמען צו עסען. מיר זיינען צוגעוואוינט, אַז די ערד זאָל אַרויסגעבען ווייץ פון וואָס מיר באַקען ברויט, נייע בהמות און חיות ווערען טעגליך גע־בוירען פאַר אונזער געברויך. היינט לאָמיר זיך פאַרשטעלען, אויב עס וואָלט מעגליך געווען פאַר אונז איצט צו באַקומען דעם ערשטען ווייץ, עוף, פיש, אָדער בהמה פון ששת ימי בראשית! די ווערדע פון אַזאַ זאַך וואָלט דוכט זיך גאָר קיין שיעור ניט געהאַט!

„מיר אידען פאַרמאָגען דאָך טאַקע אַזאַ אַנטיק, וועלכער איז נאָר אַזש פון פאַר דער וועלט באַשאַפונג. די תורה איז דאָך אַ זעלטענער אוצר, זייענ־דיג די זעלבע היינט אַזוי ווי מיט טויזענטער יאָהרען צוריק. זי האָט איהר אָריגינעלען געשמאַק ניט פאַרלאָרען און איז ניט נשתנה געוואָרען אויף אַ האָר.

„זאָגען טאַקע די חז״ל אַז דער שכר פאַר לימוד התורה איז „עין לא ראתה״ און בלשון מליצה ערקלערען זיי אויף זייער שטייגער, אַז דער רבונו של עולם האָט פון ששת ימי בראשית פארזאָרגט פאַר די צדיקים לעתיד לבא אַ סעודה מיט פיש פון לויתן, פלייש פון שור הבר און וויין פון יין המשומר: לכאורה צו וואָס האָט עס דער אויבערשטער באַדאַרפט צוגרייטען אַזש פון דאַמאָלט אָן?

„די חכמים האָבען עס אָבער סימבאָליש געמיינט, ערקלערענדיג אויף ווי ווייט דער רבונו של עולם געהט אין זיין גערעכטיגקייט צו באַלוינען פאַר גוטס, אַז פאַר קיום התורה, וועלכעס איז דער גרעסטער אנטיק אין דער וועלט, האָט דער כביכול גרייט פאַר׳ן צדיק אַזאַ שכר און אַזעלכע פאַרגעניג־גען, וועלכע ענטהאַלטען דעם געשמאַק פון אַמאָל, אַלזאָ אַ פּאַסענדע קאָמפּענ־סאציע, אָריגינעלעס פאַר אָריגינאַל..״

אָבער טראָץ דעם וואוקס און דער פארשעהנערונג פון דער ישיבה איז דאָס שטעדטעל ראדין פארבליבען צוריקגעשטאַנען און הינטערשטעליג אַזוי, אַז צוליעב׳ן מאַנגעל אין וואוינונגען איז פשוט ניט געווען גענוג אָרט פאַר דער שטייגענדער צאָהל תלמידים. און „המודיע״ פון ה׳ האזינו אין יאָהר תרע״ב געפינט זיך אַ באַקאַנטמאַכונג פון די מנהלי הישיבה, אַז אַ חוץ פינאַנ־ציעלע אורזאַכען זיינען זיי צוליב דעם געוואלדיגען דוחק אין וואוינונגען, וועלכעס מ׳קען זיך פון דער ווייטענס גאָרניט משער זיין, געצוואונגען מזהיר צו זיין, אַז פאַר׳ן קומענדיגען זמן וועלען קיינע נייע תלמידים ניט אָנגענומען ווערען אין דער ישיבה.

דאָס האָט אָבער זעהר ווינציג געהאָלפען, ווייל די תלמידים וואָס „נפשם חשקה בתורה״ זיינען, ניט קוקענדיג אויף אַלע וואָרנונגען, געקומען אויף זייער אייגענער פאראַנטוואָרטליכקייט, און די פיהרער האָבען טאַקע קיין ברירה ניט געהאַט נאָר זיי אריינצונעהמען. גליקליכערווייזע איז דיזער שרייב־ער געווען איינער פון צעהנדליגער אזעלכע עקשנים.

גלייכצייטיג האָט דער חפץ חיים פאַרעפענטליכט אַן אויפרוף אין „המודיע״ ו׳ עש״ק, ב׳ אייר, תרע״ב, צו די רבנים, אויפפאָדערענדיג, אַז יעדער רב זאָל זיך אָנשטרענגען צו אָרגאַניזירען ביי זיך אין שטאָדט אַ ישיבה פון וויפיעל תלמידים ס׳זאָל ניט זיין. מ׳דאַרף ניט וועלען דוקא אַ גרויסע ישיבה. היינט אַ קליינע ישיבה האָט אַזאַ חשיבות ווי אַמאָליגע יאָהרען אַ גרויסע. און אויב

נויטיג זאָל דער רב בכבודו ובעצמו פאַר זיי אַ שעור זאָגען. און ער ציטירט פון ספר „תנא דבי אליהו״:

„אויב דו ווילסט וויסען פאַרוואָס זיינען אין גבעת בנימין אויס׳געהרג׳עט געוואָרען אַזוי פיעל מענשען? דאָס איז די שולד פון די גרויסע סנהדרין וועלכע משה, יהושע און פנחס האָבען געלאָזט אין דער שפּיצע פון פאָלק. אנשטאט אָרומצוגאַרטלען זייערע לענדען מיט אייזערנע שטריק, פאַרקאַטשען די פאָלעס און געהן אין די אידישע שטעדט, איין טאָג אין לכיש, איין טאָג אין בית־אל, איין טאָג אין חברון, איין טאָג אין ירושלים, אַזוי אין יעדען אָרט וואו אידען וואוינען, כדי צו לערנען מיט׳ן פאָלק תורה, זיינען זיי, יעדער איינער געלאָפען, דער צו זיין פעלד, דער צו זיין וויינגאָרטען און זיך ניט געזאָרגט פאַר׳ן כלל. זיי האָבען געטראַכט, אַז אַלץ וועט געהן כשורה, טאָ צו וואָס זיך אָנשטריינגען און זיך באַמיהען...

„די מעשה פון פלגש בגבעה, דער חורבן וואָס דער פאַרברעכען האָט פאַראורזאַכט, איז געווען אַלץ צוליב דעם, וואָס זיי האָבען אין תורה ניט עוסק געווען. זיינען די סנהדרין דאריבער פאַראַנטוואָרטליך פאַר׳ן טויט פון די 70,000 מאַן, וועלכע זיינען געפאַלען אין „גבעת בנימין״. דורך התרחקות פון תורה זיינען מיר אַפּילו איין יאָהר ניט זיכער צו בלייבען אידען. אין די ערטער וואו מ׳האָט זיך דערווייטערט פון תורה (דייטשלאַנד) איז אין איין יאָהר פאָרגעקומען נאָהענט צו פופציג פּראָצענט געמישטע הייראַטען״.

אַן עהנליכען קול קורא האָט ער פאַרעפענטליכט אין אַ פריהערדיגען נו־מער „המודיע״ פון האזינו תרע״ב. ער פאָדערט פון די מנהיגי האומה צו קאָנצענטרירען זייערע הויפּט כחות, ווידמענען זייער מיה און אָנשטרענגונג צו פאַרשטאַרקען און פאַרשפּרייטען דעם לימוד התורה צווישען פאָלק.

דער בעל־תשובה

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָהר תרע״ג. מ. טשיזשאָווער איז פון אַ ראַדיקאַל געוואָרען אַ בעל־תשובה און איז געקומען אין ראַדין לערנען אַלס ישיבה־בחור ער איז געווען אַ גרויסער בעל־מדות און האָט פאַרמאָגט עלוי׳שע כשרונות. ער האָט מיט אַ גוואַלדיגען חשק זיך גענומען צו לערנען און איז געוואָרען אויסערגעוועהנליך פרום, משמעות, כדי אָפּצומאַכען פאַר זיין פאַרלוירענער צייט. צוליב זיין אָרימקייט פלעגט ער שטילערהייט אונטערהונגערען, אָבער דאָס האָט איהם קנאַפּ־וואָס געאַרט, אַבי ער האָט געקענט זיצען און לערנען.

איז ער שפּעטער אָבער קראַנק געוואָרען און האָט זיך געמוזט צוריקקערען אהיים קיין טשיזשאוו.

איינמאָל, לערענדיג אין ארטיגען בית המדרש, האָט ער אין דער שטיל־קייט פון אינמיטען נאַכט, זיך פאַרקלערט וועגען זיינע אמאָליגע זינד. ער איז געוואָרען מעלאַנכאָליש און פּלוצלונג האָט ער זיך פאַר עפּעס דערשראָ־קען און איז אַראָפּ פון זינען.

איז זיין אומגליקליכער פאָטער איינמאָל אַ פרייטאָג געקומען קיין ראדין אויסצוגיסען זיין האַרץ פאַר׳ן חפץ חיים און בעטען פון איהם אַ ברכה. אַזוי האָט איהם דער סלאָנימער רב, ר׳ מרדכי׳לע, געהייסען טאָן. ווען דער חפץ חיים האָט דערהערט פון זיין אומגליק האָט ער דערפון געהאַט זעהר פיעל צער און האָט מיט אַ צובראָכען האַרץ איהם צוגעוואונשען, אויף זיין שטייגער, „השי״ת זאָל מיט זיין חסד רחמנות האָבען אויף׳ן חולה און איהם צושיקען אַ רפואה שלמה במהרה״.

שבת בייטאָג, נאָכ׳ן עסען, ווען דער חפץ חיים האָט געענדיגט זיין שבת׳־דיגען שמועס פאַר די בני־הישיבה, האָט דער פאַרביטערטער פאָטער זיך ווי־דער צוגעשטופּט צו איהם. אָבער איידער ער האָט נאָך אָנגעפאַנגען צו ריידען האָט דער חפץ חיים באַמערקט: „איהר דאַרפט מיר ניט דערמאָנען, איך גע־דענק איהם זעהר גוט. ער געהט מיר ניט אַרויס פון זינען״, און איהם צוגע־וואונשען אַ רפואה שלמה.

און אַ קורצער צייט אַרום איז דערהאַלטען געוואָרען אַ בריף, אין וועלכען ס׳איז געווען געמאָלדען, אַז מ. טשיזשאווער איז, ב״ה, געזונט געוואָרען. זיי־נען אייניגע תלמידים תיכף געלאָפען עס אָנזאָגען דעם רבי׳ן.

ווען דער צדיק האָט דאָס דערהערט האָט ער פאַר גרויס שמחה אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריען מיט גרויס באַגייסטערונג: „איך דאַנק דיר, רבונו של עולם, פאַר דיין גרויסען חסד. כ׳האָב געהאַט גרויס עגמת נפש פון דעם פאַל. עס וואָלט דאָך געווען אַ חילול השם. אַט נעהמט זיך אַ בחור, צום לערנען, ווערט אַ ירא שמים און אינמיטען דערינען גאָר אַזאַ אומגליק!״

און צו די אנוועזענדע האָט ער געזאָגט: „מיר קאָנען גאָר ניט פאַרשטעהן דעם אויבערשטען׳ס דרכים. זיינע חסדים זיינען צו טיף מיר זאָלען זיי קאָ־נען באַגרייפען. אונז דאַכט זיך, אַז עס איז אַ רעה, לאָזען לאָזט זיך עס אָבער אויס, אַז עס איז גאָר אַ טובה. אַט וועל איך אייך דערצעהלען פון אַן עהנלי־כען פאַל, וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ בחור, אונזער׳ן אַ באַקאַנטען. ווען איך

בין איינמאָל געווען אין מינסק האָט מיר דער זעלבער בחור אָפגעשטעלט אין מיטען גאַס. פאַרשטעהט זיך, אַז מיין ערשטע פראַגע, איהם דערזעהענדיג, איז געווען, ווי פיהלט ער אין געזונט. האָט ער מיר מיט פרייד געענטפערט, איצט בין איך, ב"ה, פאָלקאָם געזונט, אַ דאנק מיין דאמאָלטדיגע משוגעת בין איך באַפרייט געוואָרען פון מיליטער־דינסט... און ניט לאַנג נאָכדעם בין איך גלייך געזונט געוואָרען! נו, קאָן מען פאַרשטעהן די וועגען פון דער השגחה?" האָט דער רבי מיט התלהבות פאַרענדיגט.

זיין זאָרג פאַר די תלמידים האָט זיך ניט געענדיגט מיט'ן ענדיגען זייער שטודיום אין זיין ישיבה. ער פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט זוכען זיי צו העלפען אין יעדער הינזיכט מיט ראט און טהאַט.

מד.

סוד פון פאָפּולאַריטעט

וואָס איז ווירקליך דער סוד פון חפץ חיים'ס אומפאַרגלייכליכע פּאָפּולאַריטעט, וועלכע האָט דערגרייכט די ווייטסטע ווינקעלאַך פון אידישען ישוב? ער האָט, דוכט זיך, ניט ארויסגעבראַכט קיינע נייע אידעען און האָט ניט ערפונדען קיינע נייע לאָזונגען; ער האָט בלויז אויפגעלעבט און אָפּגעפרישט, באַלויכטען און צוגענגליך געמאַכט די אַלטע אונערשעפּליכע אוצרות פון דער תורה. גאונים און צדיקים, וועלכע האָבען געשאַפען נייע שיטות און אינספּירירט נייע עפּאָכעס, און וועמעס מעשים האָבען אַרויסגערופען די באַוואונדערונג פון דורות, האָבען פונדעסטוועגען ניט זוכה געווען צו אַזאַ ספּאָנטאַנער פאָלקס־אַכטונג און אוניווערסאַלע באַריהמקייט, ווי עס האָט זיך דערוואָרבען אָט דער ראַדינער בעל־הבית.

עס וואָלט געווען אומבאַגרינדעט צוצושרייבען די הויפּט־סיבה פון זיין וועלט־פּרסום און פאַרעהרונג זיינע פיעלע וואונדערבאַרע ספרים, אָדער צו זיין אויסערגעוועהנליכער צדקות און גדלות בתורה. עס זיינען דאָן געווען אַנדערע גדולים און צדיקים, וועלכע זיינען אויך געווען באַפּאַנצערט מיט אויסגעצייכענטע מדות און מעלות, און האָבען אויך מחבר געווען פיעלע וויכטיגע ספרים, און פון אַ לומד'ישען שטאַנדפּונקט, פיללייכט וויכטיגערע?

כדי צו ענטפערען אויף אָט דער פראַגע איז נויטיג צו פאַרשטעהן, אַן עלעמענטאַרען פּרינציפּ איז פּעדאַגאָגיע. אום אַ לעהרער זאָל זיין ערפאָלגרייך, מוז ער זיין פעהיג זיך צו קאָנען אַרונטערלאָזען צו דער שטופּע פון זיינע תלמידים און נאָכמעהר זיך צו דערהויבען בהדרגה־וויז צוזאַמען מיט זיי. דער רבי דאַרף אָבער ניט וואַרטען אַז דער תלמיד זאָל פון זיך זעלבסט זיך דערהויבען צו זיין הויכער מדרגה. דיזער פּרינציפּ איז דעמאָנסטרירט געוואָרען פון כביכול אַליין אין דער צייט פון מתן־תורה. דער אויבערשטער איז אַראָפּגעקומען פון זיי הימלישער הויכקייט אויפ'ן באַרג סיני (דער נידע־

ריגסטער פון אַלע בערג) כדי זיין פאָלק ישראל די תורה צו מאַכען לערנען. משה רבנו איז געווען אַן אויסנאַהם — „ומשה עלה אל האלקים...״ משה אַליין איז אימשטאַנד געווען זיך צו דערהויבען צום רבי׳נס הויכקייט. „ותחסרהו מעט מאלקים״. אָבער וואָס אַנבאַלאַנגט דאָס גאַנצע פאָלק, האָט השי״ת געזאָגט צו משה׳ן „לך רד... והעל את העם הזה״, ד. ה. געה אַראָפּ צו זיי, כדי דו זאָלסט זיך מיט זיי דערהויבען צו דיין אַנגעצייכענטע הויכקייט. האָט ער טאַקע אַזוי געטהאָן — „וירד משה מן ההר אל העם״ — ער האָט אַראָפּגעני־דערט פון זיין הויכקייט אויפ׳ן באַרג צום פאָלק. אַזאַ ירידה צוליעב אַן עליה איז שוין אַליין אויך אַן עליה.

עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז דעם איינפלוס וועלכען געוויסע גאונים און צדיקים האָבען אויסגעאיבט אויפ׳ן לעבען, איז מעהרסטענטייל געווען איג־דירעקט. עס איז געקומען דורך אַנדערע, דורך אַ פאַרמיטלונג, אָבער זעלטען דורך אַ דירעקטע, פערזענליכע און אינטימע באַריהרונג מיט׳ן פאָלק. וואָס גרעסער דער גאון, אַלץ זעלטענער איז געווען זיין קאָנטאַקט מיט דעם פשוט׳ען אידען.

זאָלען מיר באַטראַכטען אַלס ביישפּיעל די היסטאָריע פון אַזאַ גייסטיגען ריעז און פענאָמענאַלע פערזענליכקייט ווי דער ווילנער גאון. ער אליין איז געווען אַ יושב־אוהל און איז זעהר זעלטען אַרויסגעגאַנגען מפתח ביתו. איז געזעסען תמיד ביי זיך אין חדר, די פענסטער פאַרמאַכט אויף די לאָדענס אַפילו בייטאָג, און עוסק געווען יום ולילה אין תורה ועבודה.

מען דערצעמלט, למשל, אַז ער האָט איינמאָל געשיקט נאָכ׳ן דובנער מגיד, וועלכער האָט דאַן גע׳שם׳ט מיט זיינע דרשות און משלים, און אויף איהם גוזר געווען, אַז ער זאָל איהם זאָגען דברי מוסר און תוכחה. האָט דער דוב־נער קיין ברירה ניט געהאַט און האָט אָנגעפאַנגען אַזוי:

„אוי רבי אליהו, רבי אליהו! אַ קונץ איז צו זיין אַ ווילנער גאון און דיענען דעם אויבערשטען בעת מ׳זיצט סגור ומסוגר בחדרי חדרים און מען איז עוסק רק אין תורה? אַרויסגעהן אין גאַס צווישען מענשען און עוסק זיין אין הויות העולם, טהאָן משא ומתן און דעמאָלט בלייבען אַ ווילנער גאון — דאָס איז אַ קונץ!״

האָט זיך דער גאון צעוויינט און מיט טרעהרען באַמערקט צו דעם דוב־נער מגיד:

„ניין, ר׳ יעקב, צו זיין אַ קונצען־מאַכער, צו באַווייזען וואונדער און געהן איבער א שטריק, וואָס הייננט איבער אַ שטורעמדיגען ים — דאָס קאָן איך ניט, דאָס האָב איך מורא...״

פיהרענדיג אן אָפגעזונדערט און צוריקגעצויגען לעבען, האָט ער זיך אַרומגערינגעלט מיט אַ געקליבענער צאָהל אויסגעצייכענטע תלמידים, ווי ר׳ חיים וואלאָזשינער און זיין ברודער ר׳ שלמה זלמן, ר׳ מאיר פון ווילנא, די שקלאָווער: ר׳ מנחם מענדיל און ר׳ ישראל, ר׳ צבי הירש פון סעמיאטיץ, ר׳ אברהם שמחה פון אמציסלאוו און ר׳ שלמה פון מאָהליב און אַנדערע. זיינע גרויסע תלמידים האָבען מיט זייערע כשרונות איבערגענומען זיין שיטה, פאַרשפּרייט זיין תורה און באַקאַנט געמאַכט זיינע אידעאַלע לעהרען צווישען די לומדים, ווערענד דאָס פאָלק האָט זיך געוואָרימט אין זיינע הימלישע ליכט־שטראַהלען, וועלכע האָבען דערגרייכט צו זיי אינדירעקט.

עהנליך איז געווען דער פאל מיט׳ן הייליגען און גרויסען ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. ניט ער, נאָר זיינע באַריהמטע תלמידים זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דאָס פאַרשפּרייטונג פון זיין דרך החסידות, ווי: ר׳ יעקב יוסף דער פּול־נאָהער רב, ר׳ מאיר מרגליות דער גאבּ״ד פון לבוב, ר׳ יצחק פון דראהביטש, ר׳ מיכל פון זלאטשוב, ר׳ פּנחס פון קאָרעץ, ר׳ דוד פון מיקאָלייעוו און פיעלע אַנדערע, און ספּעציעל ר׳ דוב, באַריהמט אַלס דער מגיד פון מעזעריטש, ווערען היסטאָריש באַטראַכט אלס די הויפּט־באַגרינדער און פאַרשפּרייטער פון בעל־שם׳ס דרך. זאָגאַר דער מעזעריטשער מגיד איז פערזענליך געווען בלויז אינסטרומענטאל אין דער פאַרשפּרייטונג פון „חסידות״, וועלכעס איז בעיקר אָבער געטהאָן געוואָרען דורך זיינע תלמידים, די גרויסע בעלי־מח, מיט וועמען ער האָט זיך אַרומגערינגעלט, ווי דער גרויסער רב פון לאדי — ר׳ שניאור זלמן, רבי אלימלך פון ליזענסק, ר׳ מנדל וויטעבסקער, ר׳ שמעלקא אבד״ק ניקעלשפּרונג, ר׳ פּנחס, דער בעל הפלאה, א. א. וו. די פּשוט׳ע אידען זיינען געקומען צו זיי ניט כדי צו לערנען תורה אָדער מדות, נאָר נאָך סגולות און רפואות, אָדער ברכות אויף געזונט און פרנסה. אַפילו ר׳ לוי יצחק באַר־דיטשעווער, דער פּאָפּולעסטער פון מעזעריטשער׳ס תלמידים, האָט ניט גע־האָט קיין געניגענדע באַריהרונג מיט׳ן פאָלק. זיין פאָלקסטימליכקייט און לעגענדאַרישע גרויסקייט איז הויפּזעכליך באַשטאַנען אין דעם תמימות׳דיגען אופן ווי ער פלעגט ממליץ זיין אויפ׳ן פאָלק ישראל אין זיינע תפלות צום

רבונו־של־עולם. ער האָט אָבער זעהר זעלטען געזוכט צו לערנען תורה און צו דערציהען דעם פשוט׳ען אידען פון אַ גאַנץ יאָהר.

אַנדערש איז אָבער געווען דער חפץ חיים. ער איז געווען דער גרויסער פאָלקס־מענש. זיין אָריגינעלע איינפאַכקייט און אייגענאַרטיגע פאָלקסטימ־ליכקייט האָבען איהם געמאַכט פאַר׳ן רבי׳ן פון כל ישראל. ער איז געווען דער גאון וצדיק הדור, אָבער אין אַ טיפערען זין ווי עס ווערט געוועהנליך פאַרשטאַנען אונטער דיעזע ווערטער. דער גאון וצדיק אין איהם זיינען גע־ווען צוזאַמענגעגאָסען אין זיין גאַנצען וועזען אַזוי ווי איין גיגאַנטישער כח. ער איז ניט נאָר געווען אַ גאון אין לומד׳ישען זין, נאָר אַ גאון דורך און דורך אין יעדע ערהאבענדע מידה מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעצייכענט. ער איז געווע אַ גאון אין צדקות, אַ גאון אין עניוות, אַ גאון אין אמונה, אַ גאון אין זיין כח הסברה צו ערקלעהרען קלאָהר און דייטליך אַלעס וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען. ועל כולם איז ער געווען אַ גאון אין פשטות. און אַלס דער גרויסער פשטן האָט ער זיך אימער הויפזעכליך געזאָרגט פאַר׳ן פשוט׳ן אידען, פאַר איהם האָט ער די מעהרסטע פון זיינע אַכט־און־דרייסיג ספרים געשריבען, צו איהם האָט ער זיך פון צייט־צו־צייט מיט פאַרשידענע אויפ־רופען געווענדעט, צו איהם האָט ער זיך פון זיין הימלישער הויכקייט אַראָפּ־געלאָזט און אין זיין אינערליכען לעבען טיעף אַריינגעדרונגען. ווי אַ פאָטער מיט אַ קינד, אַזוי איז ער פערזענליך אין באַריהרונג מיט איהם געווען. איהם האָט ער געזוכט צו לערנען זיך צו דערהויבען מאָראַליש און גייסטיג. אַלע זיינע ספרים, אַלע זיינע רייד זיינען דורכגענומען מיט אַן אויסערגעוועהנלי־כער קלאָהרקייט און פשטות. ניטאָ אין זיי קיינע געשפּיצטע דרשות, אָדער געדרעהטע פשט׳לאַך.

זיינע פאָלקסטימליכע משלים און פון לעבען גענומענע אילוסטראַציעס זייגען טיעפזיניג, פאַרשטענדליך און איבערצייגענד. זיין דרך הלימוד איז שטענדיג געווען ווייט פון האָר־שפּאַלטענדע פלפולים. דער שווערסטער ענין, דער טיעפסטער און פאַרוויקעלסטער פראָבלעם קומט ביי איהם ארויס קלאָר און דייטליך. זיין תורה באַשטעהט זעהר זעלטען פון קשיות און תירוצים. ער עפענט אויף די אויגען מיט זיינע פשוט׳ע ווערטער, זיינע איינפאַכע ער־קלעהרונגען און פשטים דערלאָזען גאָר ניט צו קיינע קשיות.

דער באַוואוסטער גאון ר׳ מנשה איליער אין זיין באַריהמטען ספר „אלפי מנשה״ ערקלערט, אַז דער יעניגער וועלכער איז אַ גאון אין פשט, שטעהט פיעל

העכער ווי דער וואָס איז גרויס אין פלפול. דער טיעפער קאָפּ רייסט אויס בערג און רייבט זיי איינעם אָן אנדערען (עוקר הרים וטוחנן זו בזו — תלמוד), אָבער אַ באַרג צו דערזעהן פון דערווייטענס איז זעהר לייכט. זאגאר אַ קורצ־זיכטיגער קאָן איהם באַמערקען. דאגעגען צו דערזעהן אַ גלייכען וועג פון דערווייטענס מוז מען באַזיצען אַ געזונט און ווייט־זעהענדיג אויג.

אַרויסגעהענדיג פון דיעזען שטאַנדפונקט איז ממש אין לשער די פיעל־פאַכע גרויסקייט פון חפץ חיים, וועלכער איז מיט זיין „דרך הפשטות" אומ־פארגלייכליך צווישען די גדולים אין די לעצטע דורות.

זיינע חדושי תורה זיינען פאַרבליבען אין כתב־יד. זיי האָט ער ניט גע־זוכט אַרויסצובערענגען. צוליעב וואָס און פאַר וועמען? פאַר לומדים? פעהלט זיי דען חדושים? זיי האָבען געגוג ספרי פלפול מיט וואָס זיך צו דערקוויקען. און בכלל האָט ער געהאַלטען ביי זיך, ווי קומט ער, אַ פשוט'ער איד, צו שריי־בען תורה פאַר לומדים? זיין זאָרג איז דערהויפּט געווען פאַר'ן פשוט'ן אידען.

אויב מען געפינט טיפע פלפולים צעשפּרייט דאָ און דאָרטען אין זיינע ספרים ווי אין זיין „באור הלכה" אויפ'ן „משנה ברורה" און „זבח תודה" אויפ'ן „לקוטי הלכות" אויף קדשים און אַנדערע ווערק, זיינען זיי בלויז צו־פעליג און פאַרבייגעהענד. אַפילו אויף דעם האָט ער זיך כמה פעמים מתנצל געווען, אַז ער האָט זיי אָפּגעדרוקט, כדי מ'זאָל ניט מיינען, אַז ער, דער מחבר, איז גאָר קיין למדן ניט, און מען וועט זיך ניט וועלען סומך זיין אויף זיינע מסקנות להלכה. בנוגע זיין תורה אין „זבח תודה" האָט ער אַמאָל באַמערקט בזה הלשון: „דער זבח תודה" איז ניט מיין תורה אויף קדשים. איך האָב עס בכיון געדרוקט כדי די וועלט זאָל ניט דענקען, אַז איך האָב בלויז מעתיק געווען די גמרא". אין איינעם פון זיינע ספרים באַטאָנט ער, אַז די צייט האָט איהם, ליידער ניט ערלויבט צו פאַרפאַסען זיין באור „זבח תודה" אויף אַלע מסכתות אין „לקוטי הלכות", און ער פיהרט אויס, אַז דאָס פאַרקלענערט אָבער ניט די וויכטיגקייט פון זיין אַרבייט, ווייל ער האָט זיך זעהר פיל מתבונן גע־ווען און פאַרטיפט אין יעדען ענין באַזונדער איידער ער האָט איהם אַרויסגע־בראַכט להלכה.

עס זיינען געווען צוערשט אָט די פשוט'ע אידען, וועגען וועמען דער תלמוד באַהויפּטעט, אַז כאָטש זיי אַליין זיינען קיין נביאים ניט, זיינען זיי אָבער קינדער פון נביאים, וועלכע האָבען דערפיהלט, אַז „שכינה מדברת מתוך גרונו". זיי האָבען איהם געקרוינט אַלס רבי און וועג־ווייזער. זיי האָבען איהם

די ערשטע פאַרהיילגט. און ווען ער איז שוין געווען באַריהמט און באַליבט ביים פאָלק, האָבען איהם די לומדים באַמערקט אַלס אַ שטייגענדען שטערען אין עולם הלומדות. באַקענענדיג זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר און אַלץ טיפער מיט זיינע פסקים און הלכות האָבען זיי באַוואונדערט די גראַדקייט און קלאָר־קייט פון זיין זאַנדערבאַרען דרך־הלמוד. דער אינהאַלט, סגנון און פאַרנעהם פון מאַנכע פון זיינע ספרים פאַסט זיך פאַר ראשונים, אָדער גדולי האחרונים. אין דעם פנים פון „לקוטי הלכות" האָבען זיי דערזעהן אַ מייסטערהאַפטע השלמה צו דעם ווערק פון רב אלפס, און אין זיין פירוש אָדער באור „זבח תודה" — אַן עהנליכקייט צו די ווערק פון רבנו נסים, אָדער „נמוקי יוסף". אין זיין באור אויף'ן „תורת כהנים" — אַן עהנליכקייט צו רש"י'ס ווערק. אין זיין ערשטע פרוכט דעם מאָנומענטאַלען ספר „חפץ חיים" אַן ערגענצונג צום „טור" און „שלחן ערוך" (מקום הניחו לו...). און אין זיין „משנה ברורה" — אַ וואונדערבאַרען מוסטער פון פראַכט און שלמות אין דער ספרות הפוסקים. אין זיינע ספרי מוסר — נאָהענטקייט צו רבנו יונה גירונדי, און אין זיין אויסמיידען דעם דרך הפלפול — אַ נאָכפאָלגונג פון „באור הגר"א".

זיינע ספרים זיינען געוואָרען אַ נויטווענדיגער טייל אין די ביבליאָטעקען פון רבנים און תלמידי חכמים. אַ קוואל פון וואַנען צו שעפען גייסטיגע חיות, מוסר, מדות, קדושה און יראת שמים. ניט אומזיסט זאָגט מען: „ר' חיים בריסקער'ס גאונות האָט פאַרטונקעלט זיין צדקות און דעם חפץ חיים'ס צדקות האָט פאַרטונקעלט זיין גאונות".

אלס יונגערמאַן האָט דער חפץ חיים געזוכט משמש צו זיין פילע פון די דאמאלטיגע גדולי וצדיקי הדור, כדי פון זיי צו לערנען דרכים און עבודת השם. ער פלעגט זאָגען: „אַמאָל אין דער יוגענד האָט מען נאָך געטראַכט וועגען פרומקייט. מ'פלעגט פאָהרען צו ר' ישראל סאלאנטער צו שמועסען אין יראת שמים. אָבער היינט... מ'פרעהגט זיך אַז מ'קאָן און ווי עס איז אָפּדאַווענען..."

ווען דער חפץ חיים איז אַלס יונגערמאַן געקומען לערנען צום גאון וצדיק ר' ישראל סאלאנטער 1) האָט איהם דער לעצטער געזאָגט: „איהר — דאַרפט צו מיר ניט קומען, איהר — דאַרפט מיר ניט האָבען!"

---

1) דער חפץ חיים פלעגט אין זיינע שמועסען, זעהר אפט, ציטירען ר' ישראל סאלאנטער. ער פלעגט זאָגען: „ר' ישראל איז געווען אַ מלאך אלקים קדוש ודבריו דברי אלקים חיים חוצבים להבת אש". אויך: „ר' ישראל האָט אַראָפּגעלאָזען יראת שמים אויף דער ערד".

דער חפץ חיים איז אויך געווען ביים גאון וצדיק ר׳ חיים ליב סטאַוויס־קער, וועגען וועמען ער האָט באַמערקט: „זיין דרך איז צו הויך פאַר אונז, ער איז צו שטרענג, פאָדערט מסירת נפש אַפילו אויפ׳ן קלענסטען דרבנן”.

וועגען הגאון ר׳ בן־ציון שטערענפעלד (ביעלסקער רב), האָט דער חפץ חיים געזאָגט: „זיין דרך איז צו האמעטנע” (כידוע איז ר׳ בן־ציון אין זיין עבודת השם געווען אויסערגעוועהנליך התלהבות׳דיג).

געפעלען געוואָרען איז דעם חפץ חיים דער דרך אין עבודת השם און אהבת הבריות פון ר׳ נחום׳קע הוראדנער. „זו הדרך לכו בה”, פלעגט ער אָפטמאָל זאָגען צו זיינע מקורבים. אין ר׳ נחום׳קעס פאָלקסטימליכקייט און פשטות׳דיג־קייט האָט ער מיט זיין כאַראַקטעריסטיש־גאונ׳ישער השגה געזעהן אַ מוסטער־האַפטען דרך פון עהרליכקייט און הייליגקייט פאַר יעדער אידען נאָכצופאָלגען.

אַ פּשוט׳ן עהרליכען אידען פלעגט ער בכלל תמיד ליב האָבען ארויסצו־שטעלען אַלס עקזאמפּעל. ער פלעגט וועלענדיג אילוסטרירען א טיפּ פון אַן עהרליך פרומען אידען, אַ רודף צדקה וחסד, דערמאָנען אַ געוויסען ר׳ שמעון קאפטאן זצ״ל פון ווילנא און דערצעהלען מיט באַגייסטערונג ווי אזוי ער פלעגט אַ גאַנצען טאָג אַרומגעהן אין די ווילנער גאַסען מיט אַ צדקה פּושקע אין האַנט, קלייבענדיג פאַר אָרימע, קראַנקע און נויטבאַדערפטיגע. ער פלעגט בעטענדיג אַ נדבה, אונטערברומען א ניגון (דער חפץ חיים פלעגט טאקע אויך נאָכזאָגען מיט זיין ניגון): „ווער עס גיט אַ גראָשען געלט, דער האָט די אמת׳ע וועלט!” און אַליין פלעגט ר׳ שמעון ציהען זיין אָרימע חיונה פון דעם וואָס ביינאַכט פלעגט ער צורייבען טאבאק־בלעטער 2).

פּראָמינענט, באַליבט און באַוואונדערט געוואָרען איז דער חפץ חיים טראָץ, אָדער בעסער געזאָגט, אַ דאַנק זיין נאַטירליכער באַשיידענקייט און איינפאַכקייט. איינמאָל אין הונדערטע יאָהרען איז אַ דור זוכה צו האָבען אַזאַ אויטאָריטעט, צו וועמענס ווערטער עס זאָלען זיך צוהערען אַלע שיכטען פון פאָלק. פאַר דעם חפץ חיים׳ס גיגאנטישער פערזענליכקייט זיינען פאַרשוואונדען די געוועהנליכע רייבונגען און קריגערייען צווישען חסידים און מתנגדים, די גרעניצען און מיספאַרשטענדנישען צווישען אידען. אלע האָבען איהם מעריץ געווען און געשלונגען יעדען וואָרט וואָס איז ארויסגעקומען פון זיין מויל.

---

2) די פאטאגרעפיעס פון ר׳ נחום׳קען, ר׳ שמעון קאפטאן און ר׳ מרדכי־לע לידער, פלעגט ער האבען ביי זיך אין הויז באַהאַלטען אין קאמאדע. אפטמאל קוקענדיג אויף זיי, פלעגט ער זאגען צו די בני בית: „קינדערלאך, איהר ווייסט גארנים וואסערע גרויסע אידען דאס זיינען געווען, זיי זיינען געווען פאַרבאָרגענע”.

מה.

די וועלט-מלחמה

דעם צדיק אויף דער וועלט לאָזט מען פון הימעל ניט צו אַז ער זאָל גע־ניסען שלוה, איז די באַהויפּטונג פון אונזערע אַלטע חכמים (רש"י, אָנפאַנג פּרשת וישב). מ'וויל משמעות דעם צדיק פאַרשאַפען אויף'ן עולם האמת אַ גרעסערען תענוג און איהם מאַכען דאָרט צו פיהלען מעהר דעם טעם פון אמת'ע מנוחה נאָך אַ לעבען פון צער . . .

זיסער און מעכטיגער איז געוואָרען דער קול התורה פון די הונדערטע ישיבה תלמידים לערנענדיג אין דעם שעהנעם לופטיגען און פּראַכטפולען בנין הישיבה. דער חפץ חיים האָט ממש אָנגעקוואָלען פון נחת. זעהענדיג אַז די רחבות און באַקוועמליכקייט האָט גורם געווען צו אַ פאַרשטאַרקונג פון למוד התורה, האָט דער חפץ חיים צוזאַמען מיט זיין איידעם, דעם גאון וצדיק ר' הירש לעווינסאָן, און די באַריהמטע ראשי ישיבה, די גאונים ר' נפתלי ז"ל און (יל"ח) ר' משה לאַנדינסקי, אויסגעאַרבייט פּלענער צו פאַרגרעסערען די הכנסה כדי אויסצובעסערען אויף אַלע אַנדערע געביטען, מאַטעריעל און גייסטיג, דעם מצב פון די תלמידים, צו שאַפען און שטיצען מעהרערע אָפּטהיילונגען פון דער ישיבה אין די אַרומיגע שטעדט און שטעדטלאַך, צו פאַרגרעסערען די מעגליכקייטען פאַר די וועלכע נפשם חשקה בתורה זאָלען אונגעשטערט קאָנען פאָרטזעצען זייערע למודים זאָגאַר אַלס יונגע לייט נאָך דער חתונה, און אַ צאָהל פון אַנדערע וויכטיגע תיקונים.

אָבער אַזוי ווי אַ שווערער דונער האָט דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אינ'ם זומער פון יאָהר תרע"ד אַלעמען געטראָפען. עס האָט צעשטערט אַלע זיסע חלומות און האָפענונגען. בעאָבאַכטענדיג אין יענע טעג דעם חפץ חיים האָט מען פאַרשטאַנען די פולע באַדייטונג פון דעם וואָרט: „דער צדיק איז דאָס האַרץ פון דער וועלט". זיין צאַרטער יוגענדליכער פּנים איז אַזוי ווי פלוצלונג פאַרעלטערט געוואָרען און אויף זיינע קנייטשען האָט זיך דער „וועלט שמערץ" אויסגעגאָסען מיט זיין גאַנצען אומעט. זיין גאַנצער וועזען,

אלע זיינע ווערטער און באַוועגונגען זיינען דורכגענומען געווען מיט צער אַזוי ווי אַלע זיינע גלידער וואָלטען געפיהלט דעם אונגעהויערען וועהטאָג און זיין גאַנצער אָרגאַניזם וואָלט געווען איין גרויסע האַרץ פיהלענדיג די צרות און יסורים פון כלל...

דאָ טרייבט מען אידען אַרויס פון זייערע היימען, דאָרטען האָט מען אויפגעהאָנגען, געשאָסען, מערדערליך דערשלאָגען זקנים און קליינע קינדער, עס איז שרעקליך, ס'איז אונערטרעגליך! דאָס האַרץ פּרעסט און בלוטיגט!

און דער גרויסער און הייליגער רבי לערנט דאַן זיינע תלמידים: „אַ איד דאַרף זיך אויסאַרבייטען צו אַזאַ מדרגה אין זיין אהבת השם, אַז ווען ער האָט צער זאָל ער פיהלען אַז דער אויבערשטער איז זיך פון איהם מצער נאָך מעהר ווי ער אַליין. דער רבונו של עולם איז דאָך אַזוי ווי אַ פאָטער וועלכער פיהלט מיט דעם צער פון זיינע קינדער. בעיקר דאַרף מען זיך דאריבער מצער זיין אויף דעם וואָס כביכול האָט צוליעב אונז צער" (צער השכינה).

זיינע געדאַנקען זוכט ער אָבער קיינמאָל ניט צו ערקלערען פון מיסטישען שטאַנדפּונקט. ביי איהם קומט דאָך אַלעס אַרויס פשוט כפשוטו.

צו די שטעדטעלדיגע רעזערוויסטען וועלכע זיינען יענעם טרויעריגען תשעה באב מאָביליזירט געוואָרען, האָט ער ביים געזעגענען זיך מיט זיי גע־זאָגט אומגעפעהר אַזוי:

„ווען איהר וועט חלילה זיין אין אַ עת צרה זאָלט איהר דאַמאָלט כסדר האַלטען אין איין זאָגען די פּרשה פון „שמע ישראל" און דאָס וועט אייך בעזרת השם באַשיצען. עס איז גאָר פשוט: די תורה, זאָגען די חז"ל, איז „מגני ומצלי" — זי באַשיצט און איז מציל די אַלע וועלכע לערנען איהר מיט דער געהעריגער כונה. „שמע ישראל" איז דאָך אַ פסוק (אָדער פּרשה) פון דער תורה וואָס יעדער איד פאַרשטעהט, און אין אַזאַ עת צרה, ווען קוילען לויפען אַרום, זאָגט מען דאָך דאַמאָלסט דעם פסוק מיט אמת'ע כונה, וואָס קיין גרע־סערע דוכט זיך קאָן גאָרניט זיין. דאריבער העלפט עס..."

דאָס איז געווען ערב ראש השנה אין יאָהר תרע"ד, דעם ערשטען יאָהר פון דער וועלט־מלחמה. מעהר ווי אַלע יאָהר האָבען זיך דאַמאָלט צוזאַמענ־געפאָהרען אין ראַדין אַן אונגעהויערע גרויסע צאָהל אורחים, באַשטעהענד פון געוועזענע תלמידים און סתם פאַרהערער פון חפץ חיים און זיין ישיבה. צווישען די געסט האָבען זיך געפונען אַזעלכע בעוואוסטע פּערזענליכקייטען ווי הגאון ר' אלחנן וואַסערמאַן, וועלכער פלעגט קומענדיג אויף ימים נוראים

צום חפץ חיים מיטברייינגען די בעסטע תלמידים פון זיין אייגענער ישיבה (בריסק, היינט אין בּאראנאָוויטש), כדי צו ערמעגליכען די לעצטע צו קענען שעפען פונ'ם זעלבען קוואַל פון וואנען ער האָט געשעפּט 1).

אויך איז דאָן אַנוועזענד געווען דער צדיק ר' אליעזר יעקב חוואס, פון יאנישאק, ליטע (דער שווער פון ראַדינער ראש ישיבה הגאון ר' נפתלי טראָפּ זצ"ל).

ר' ליזר יעק'ל איז געווען א פייערדיגער איד מיט אַ גרויס אידישע האַרץ. דער שרייבער פון דיזע שורות עראינערט זיך זיין התלהבות'דיגען דאַווענען. ס'איז זיך גאָר ניט פאַרצושטעלען פון וואנען ס'האָבען זיך גענומען צו איהם אַזאַ קוואַל פון טרעהרען וועלכע ער האָט דאָן פאַרגאָסען.

פון נאָהענט און פון ווייט זיינען אַלע דאַן געקומען קיין ראדין אום אין יענע פורכטיגע טעג פון תשובה, און אין אַזאַ שווערער און אומעטיגער צייט צו זיין לעבען צדיק הדור כדי צו געפינען גייסטיגען מוטה, אינערליכע שטאַר־קייט און האָפנונג אונטער דער השפעה פון רבן של ישראל — דער חפץ חיים.

יענעם פריהמאָרגען זיינען געקומען אין דער ישיבה עטליכע בעלי בתים פון נאָהענטען אידישען ישוב, דאגאלישאק, כדי צו בעטען איינעם פון די יונגע תלמידים וועלכער איז שוין דאָן בעקאַנט געווען אַלס רעדנער, אַז ער זאָל פאָה־רען צו זיי אויף יום טוב, כדי דאָרט צו דרש'ען בעפאָר תקיעת שופר. אָבער טראָץ זייער אַנבאָט איהם דערפאַר גוט צו באַפרידיגען מאַטעריעל, וועל־כעס האָט געמיינט זעהר פיעל פאַר אַ ישיבה בחור, האָט ער זיך ענטזאָגט צו ערפילען זייער בקשה.

זיינען די אידען אוועק צום חפץ חיים און איהם געבעטען צו ווירקען אויפ'ן אייגנע'עקשן'טען בחור אַז ער זאָל באַוויליגען מיט זיי צו פאָהרען. האָט דער רבי איהם גערופען און אויף זיין פראַגע: הלמאי ער זאָגט זיך אָפּ פון צו טהאָן אידען אַזאַ טובה, האָט דער בחור געענטפערט, אַז ער קען ביי זיך ניט פועל'ן צו פארלאָזען די ישיבה, זיינע חברים און רביים אין די היי־ליגסטע און ערנסטע טעג פון ראש השנה און יום כפור. אויב אנדערע האָבען פאַרלאָזען זייערע היימען און פאַמיליעס און זיינען געקומע אַהער, טאָ ווי־

1) ר' אלחנן איז אנב פון די נעצעהלטע יחידי סגולה אין אונזער צייט וועלכער אַ דאַנק זיין גאונות און צדקות קען באמת אנגערופען ווערען אַ תלמיד מובהק פון זיין גרויסען רבי'ן דעם חפץ חיים.

אזוי קען ער זיך ערלויבען צו פארלאזען דאמאלט די ישיבה און אוועקפאהרען אויף א ישוב.

„איהר זייט דאך אין דער ישיבה א גאנץ יאהר!" האט דער חפץ חיים באמערקט מיט זיין גלעטענדע שטימע.

„יא, אבער רבי, איהר זעהט דאך אז איך בין בכיוון אהיים צו מיינע עלטערען ניט געפאהרען, אבי ניט צו פארלירען די געלעגנהייט צו זיין מיט אייך יום טוב, טא ווי אזוי קען מען פארלאנגען פון מיר איך זאל גאר אוועק־פאהרען פון דאנען?" האט דער בחור מיט א ציטערענדע שטימע גע'טענה'ט.

אויף דעם האט דער רבי דעם יונגען תלמיד הישיבה געענטפערט:

„איך קען אייך גאר ניט זאגען, טהוט ווי איהר פארשטעהט. נאר איין זאך זאלט איהר געדענקען, אז א מענש איז ניט באשאפען געווארען כדי צו לעבען בלויז פאר זיך!"

זעלבסטפארשטענדליך אז דער בחור (דער שרייבער פון דיזע שורות) האט שוין דאן קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי איינצושטימען מיטצופאהרען מיט די דאגאלישקער אידען אויף די ימים הנוראים. און דער רבי האט איהם דאמאלט מיט שמחה צוגעוואונשען אז עס זאל זיין דבריו נשמעים. ער איז צוגעגאנגען צום פאליצע און ארויסגענומען זיין ספר „שם עולם" און אויפ־מישענדיג די פרקים וועגען „שמירת שבת", אנגעזאגט דעם תלמיד עס איבער־צוקוקען און נאכהער רעדען מכח דעם צום עולם. „כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו" — דער וואס איז מזכה אנדערע וועט קיין זינד דורך איהם ניט פאראורזאכט ווערען, זאגען די חז"ל, האט ער פארענדיגט.

שוין אריבער מעהר ווי צוויי צעהנדליג יאהרען זייט דיזען עפיזאד. די ווערטער זיינען אבער נאך זעהר פריש אין זכרון אזוי ווי מען וואלט עס היינט געהערט. „א מענש דארף וויסען אז ער איז ניט באשאפען געווארען צו לע־בען פאר זיך אליין", דאס שיינט צו האבען געוועזען דער הויפט מאטיוו פון זיין לעבען. דער גרונד־פרינציפ פון זיין שטרעבונג פון זיין פריהעסטע יוגענד אן. ניט נאר מאטעריאליש דארף א מענש זיין גרייט דעם אנדערען צו העלפען, נאר אויך גייסטיג. לויט'ן חפץ חיים'ס שיטה איז א מענש וואס זארגט זיך בלויז פאר זיין פערזענליכען חלק עולם הבא, אדער גן עדן, ניט וועניגער עגאאיסטיש ווי דער ביי וועמען דער אייגענער „איך" פארנעהמט אלע ווינ־קעלעך פון זיין חומריות'דיגע וועלטעל.

אונצעהליגע געסט פלעגען אין יענע יאהרען באַזוכען דעם חפץ חיים און זיין ישיבה. אין זייער עלענדקייט און פאַרצווייפלונג פלעגען זיי קומען זוכען אַ טרייסט־וואָרט פון צדיק, אום צו קענען ערמוטיגען און שטאַרקען זייערע ברידער אין דער צייט ווען זייערע לעבענס און פאַרמעגענס זיינען ממש גע־ווען הפקר.

אַזאַ באַזוך האָט אינמיטען זומער פון יאָהר תרע״ה אויך געמאַכט דער באַוואוסטער גאון ר׳ אהרן באַקשט, שאַוולער רב (דאמאלט רב אין שאדאווע, נאָכהער אין סובאַלק און לאָמזע) בעקאַנט אין דער ישיבה־וועלט אַלס ר׳ ארטשיק איוויער.

ווי דער מנהג איז געווען, פלעגען די בחורים און ראשי ישיבה יעדען שבת פריה נאָכ׳ן עסען זיך פאַרזאַמלען ביים חפץ חיים אין הויז כדי צו הערען פון איהם דברי תורה און מוסר וועלכע ער פלעגט ביי זיין טיש זאָגען. יענעם שבת ווען ר׳ ארטשיק איז אריין, האָט דער חפץ חיים, האַלטענדיג שוין אין מיטען ריידען, זיך אויפגעשטעלט מלא קומתו און געגאַנגען איהם אַנטקעגען. ער האָט איהם געבעטען זיך צו זעצען לעבען איהם און נאָכהער אַז ער זאָל עפּעס זאָגען. האָט זיך ר׳ ארטשיק ענטשולדיגט אַז ער איז בלויז געקומען הערען אָבער ניט זאָגען.

דער חפץ חיים דאריבער פאָרטגעזעצט זיין שמועס אָבער ניט אויף לאַנג. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך געווענדעט צום גאַסט:

„זאָגט, ר׳ אהרן, זאָגט, איך בעט אייך, איך קען ניט און דאַרף ניט זאָגען קיין תורה אין אייער געגענוואָרט!״

דעם שאַדאָוער רב איז אָבער ווידער געלונגען זיך צו ענטשולדיגען און פּועל׳ן ביים רבי׳ן ער זאָל זיך ניט שטערען, נאָר פאָרטזעצען זיינע הייליגע ווערטער.

„מילא, אין מסרבין לגדול״, האָט דער חפץ חיים ווי מורמלענדיג צו זיך ווייטער גערעדט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, ער האָט זיין שמועס פאַר־ענדיגט און דאַן דורכאויס געבעטען זיין חשוב׳ען גאַסט עפּעס צו זאָגען.

דער גאון, ניט וועלענדיג זאָגען זיין תורה ביים טיש פון חפץ חיים, האָט בדלית ברירה איבערגערעדט די טיעפקייט פון דעם לעצטענס ווערטער, און האָט אויף זיין דרך זיי ערקלעהערט אויף אַ קלאָרערען און מעהר פאַרשטענד־ליכען אופן.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז צווישען די רבנים באַזוכער נאָכ׳ן אויסברוך פון דער מלחמה איז דאָן געוועזן הרב ר׳ מאיר ק., ער איז ספּעציעל געשיקט געוואָרען פון הויפּט קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי אין ווילנער ראַיאָן, גענעראַל רענענקאַמפּף צו בעטען אַ ברכה פאַר איהם פון חפץ חיים, אַז ער זאָל זיגען קעגען די דייטשען. דער גענעראַל האָט דעם רב געגעבען הונ־דערט רובעל פאַר הוצאות.

דער חפץ חיים, וועמעס ווערטער זיינען אימער געווען געוועגען און גע־מאָסטען האָט דאַמאָלט זיך צוריקגעהאַלטען פון צו געבען אַ ברכה. ער האָט אָפּגע׳פּטר׳ט דעם שליח מיט נו, נו!... אַלס ענטפער אויף זיין בקשה. צו זיינע מקורבים האָט ער באַמערקט: „ווי אזוי קאָן איך געבען אַ ברכה אויף בלוט פאַרגיסונג?“

מז.

די אָפּטע פּריזיווען.

דערהויפּט האָט אָבער דער חפץ חיים דאַמאָלט געליטען פון זיין ליבלינג די ישיבה. אָבוואָהל דער חפץ חיים האָט כידוע שטרענג געהאַלטען פון דינא דמלכותא דינא, ער האָט געפאָדערט לאָיאַליטעט זאָגאָר צו דער „מלכות הרשעה" — דער רוסישער רעגירונג. ער האָט אָבער בשום אופן ניט געקאָנט בלייבען גלייכליגטיג צו איהרע ספּעציעלע גרויזאַמע גזירות געגען אידען. באַזונדערס פלעגט דער חפץ חיים האָבען גרויס צער פון דעם וואָס די רוסישע רעגירונג איז זיך באַגאַנגען אַזוי רשעות'דיג מיט די בני הישיבה. אין דער צייט וואָס זי פלעגט באַפרייען סטודענטען פון אַנדערע אמונות, האָט זי געשלעפּט די ישיבה תלמידים צו מיליטער. די גאַנצע מיה און אַרבייט פאַר ישיבות איז דורכדעם געגאַנגען לאיבוד. אין דער קאַזאַרמע, אין דער פאַרגרעבטער סאָלדאַטסקער סביבה, איז דאָך דער ישיבה בחור געווען אין ריזיקע צו פאַרגעסען די תורה און צו פאַרלירען די מדות און יראת שמים, וועלכע ער האָט נאָך אַזוי פיעל אָנשטרענגונג ערוואָרבען אין דער ישיבה 2).

אָבער וועהרענד אין פרידענס צייט איז אַזאַ צושטאַנד געווען אַ האַלבע צרה, איז אָבער אין דער צייט פון מלחמה, ווען אַלע ווילע האָט מען געמאַכט אַ פּריזיוו און גערופען אַלע מאָל מעהר די יונגוואַרג צו מיליטער, וואָלט עס דאָך אויסגעליידיגט די ישיבות און צושטערט דעם למוד התורה. אַזאַ זאַך איז פאַר'ן צדיק שווער געווען דורכצוטראָגען. פלעגט ער טאָקע אין זיינע תפלות מאָנען פון רבונו של עולם און טענה'ן, אַז לויט'ן דין און יושר דאַרף מען דאָך פון „מקבל עול תורה" אַראָפּנעהמען דעם עול מלכות.

---

2) עס איז אַ פאַקט אַז נאָכ'ן אַרונטערוואַרפען פון צאַר האָט די רעוואָלוציאָנערע קערענסקי רעגירונג, גלייך מיט'ן מבטל זיין אַלע אַנדערע גזירות געגען אידען, אויך באַפרייט אַלע רבנים סטודענטען פון מיליטער דיענסט.

אויסער דעם איז דאָך יעדער פאַל באַזונדער געווען אַן ענין פון פיקוח נפש. אויב דאָס אוועקרייסען אַ בן יחיד פון אַ פאָטער פאַרשאַפט אונענדליכע צער און יללה, איז זיך לייכט פאַרצושטעלען ווי דער חפץ חיים פלעגט ליידען צוליב די צרות פון זיינע תלמידים, ווען ער האָט געליבט מיט דער שטאַרקסטער ליבע פון אַ פאָטער צו אַ קינד.

אונבאַשרייבליך זיינען די דאמאלטיגע מאָמענטען פון יעדען נאָך מעריב אין דער ישיבה. מ׳פלעגט דאַן זאָגען תהלים ברבים און מזכיר זיין דעם נאָמען פון יעדען ישיבה פריזיוניק, אָדער זעלנער, דאָס געוויין און קרעכצען האָבען געקאָנט אַ שטיין ריהרען. דער חפץ חיים פלעגט נאָכדעם מיט אַ ציטערענדע שטימע פאַרזאָגען די תפלה: „אחינו כל בית ישראל הנתונים בצרה ובשביה", און די בני הישיבה פלעגען כליפענדיג ענטפערען „אמן!"

מ׳פלעגט זיך זעהר שטאַרק היטען צו באַהאַלטען פון איהם די שרעקליכע געשעהנישען אין דער אידישער וועלט. ס׳איז אָבער שווער אָנגעקומען. זיין האַרץ פלעגט אינסטינקטיוו דערפיהלען די צרות פון זיין פאָלק. ער פלעגט שוין לעזען אויף די פנים׳ער פון זיינע מקורבים און פלעגט פאָדערען מ׳זאָל איהם וועגען אלץ דערצעהלען.

ס׳איז דאַן געווען פרייטאָג נאָכמיטאָג, ווען דער חפץ חיים האָט זיך דערוואוסט פון ניקאָלייעוויטש׳ס גזירה ארויסצוטרייבען אלע אידען פון קאָוונער ראיאָן. פרייטאָג צו נאַכט אינמיטען קידוש, איז ער צוזאמענגעבראָכען און איז געווען אַ וואָך קראַנק נאָכדעם. שטילערהייט פלעגט מען איהם הערען מורמלען: „מלכות הרשעה במהרה תעקר".

איינמאָל איז פאר דיזען שרייבער אויסגעקומען דורכצולעזען פאַר׳ן חפץ חיים אַ בריוו וואָס ער האָט נאָר וואָס ערהאַלטען פון אַ תלמיד הישיבה ה. ג., וועלכער איז דאַן געווען אַ רוסישער סאָלדאַט. דער אינהאַלט האָט זיך געלעזען אומגעפעהר אַזוי:

„היות ווי מען האָט מיר היינט באַשטימט איך זאָל געהן אויפ׳ן שלאַכטפעלד, געזעגען איך זיך מיט אייך, טייערער און הייליגער רבי, און בעט אייך איהר זאָלט מיר מוחל זיין טאָמער האָב איך זיך מיט עפּעס פאַרזינדיגט געגען אייך. דאָס זעלבע בעט איך אויך פון אַלע מיינע רביים, חברים און בעקאַנטע.

„איך בעט אייך מתפלל צו זיין פאַר מיר. איך האָב בטחון אין השי״ת אַז ער וועט מיר מציל זיין. ווי ס׳שטעהט „שמע ישראל... אתם קרובים למלחמה היום..." זאָגען די חז״ל, אַז דער זכות פון קריאת שמע יעדען מאָרגען

און אָוועגט איז געגוג מגין צו זיין בעת מלחמה, — וסהדי במרומים אַז איך האָב מעולם ניט פאַרפעהלט קיין קריאת שמע״.

לעזענדיג דעם בריוו האָט דער חפץ חיים אויסגעבראָכען אין אַ מורא׳־דיגען געוויין און מיט אַ טרעהרען־געשטיקטע שטימע האָט ער אָנגעפאַנגען טענה׳ן:

„דו הייסט דאָך אונז לערנען תורה, רבונו של עולם. אדרבא ווייז ווי אזוי קאָן מען לערנען תורה אויב אַזאַ תלמיד חכם, אַזאַ ירא שמים און צדיק, ווערט אָוועקגעריסען פון דער גמרא צו שיקען איהם אין פייער אריין? ביי די אומות העולם להבדיל, זיינען די וואָס לערנען רעליגיעזע זאַכען באַפרייט פון מיליטער און מיר זיינען צו שאַנד און צו שפּאָט! זעה רבש״ע ווי לאַנג וועסטו אונז לאָזען אַזוי! ווי קאָן מען בלייבען רוהיג און שווייגען ווען מען נעהמט פון אונז אָוועק אונזערע בעסטע קינדער״. אַזוי איז ער געבליבען פאַרטרויערט און פאַרזאָרגט אַ לאַנגע צייט.

אויף מאָרגען איז פלוצלונג אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז ה. ג. איז באַפרייט.

ווי עס שיינט האָט יעדער נס אַ שייכות מיט דער טבע. עס האָט אזוי פּאַסירט: ווען דער רעגימענט איז שוין געווען אויסגעשטעלט גרייט צו געהן צום באַהן, האָבען דאָקטוירים נאָכאַמאָל עקזאַמינירט יעדען סאָלדאָט, וואָס האָט זיך ווען עס איז באַקלאָגט אויף אַ שוואַכקייט. און אזוי ווי ה. ג. האָט זיך געקלאָגט אויף עפּעס אַ מיחוש האָט די קאָמיסיע, נאָכדעם ווי זי האָט איהם נאָכאַמאָל אונטערזוכט, גלייך באַפרייט.

עס איז איבעריג צו דערצעהלען ווי גרויס דעם רבינ׳ס פרייד איז געווען דערזעהענדיג זיין תלמיד פריש און געזונד צוריק אין זיין ישיבה.

מז.

צום מארשאלעק

אין יענע יאָהרען האָט אין דער ישיבה געלערענט אַ בחור מיט'ן נאָמען יעקב פון דער שטאָדט בארדיטשעוו, וועלכער האָט אָפּגעשטאַמט פון באַריהמ־טען חסיד'ישען רבי'ן ר' לוי יצחק. זיין עדינות הנפש און צוויבערליכע פער־זענליכקייט, און ספּעציעל זיין תורה און יראת שמים, האָבען איהם אויף אַלעמען באליבט געמאַכט.

אָנפאַנג יאָהר תרע"ה האָט ער באַדאַרפט שטעהן צום פּריזיוו. פיזיש איז ער געווען אַ שוואַכער און זעהר אַן איידעלער. אין נאָרמאַלע צייטען וואָלט מען איהם געוויס אויסבראַקירט. אין מלחמה צייט אָבער איז ער געווען אין געפאַהר באַנוצט צו ווערען אַלס האַרמאַטען פלייש. פאַר זיין אָפּפאָהרען האָט ער זיך געווענדעט צום חפץ חיים נאָך אַ ברכה און געבעטען אַ בריוו צו באַקאַנטע אין דער שטאָדט ק. מ'זאָל איהם דאָרט מקרב זיין און אויב נויטיג באַהילפיג זיין אין אַ עת צרה.

האָבען זיך די נכבדים פון ק. געשראָקען אַז צוליעב די טאָג טעגליכע פיינדליכסטע העצעס געגען אידען זאָל יעקב, אַ דאַנק זיין בולט'ע אידישקייט, חלילה דאַרפען ליידען...

גראַד האָט דאָרט געוואוינט דער מאַרשאַלעק אָדער פאָרזיצענדער פון דער פּריזיוו קאָמיסיע פון דער שטאָדט א. צווישען די באַקאַנטע פון מארשא־לעק איז געווען אַ געוויסער איד וועלכער איז אויך געווען אַ גרויסער פאַר־עהרער פון חפץ חיים.

ווי באַוואוסט, איז אין פאַרלויף פון ביילים'עס פּראָצעס געמאַכט געוואָ־רען אַ באַשולדיגונג אַז אידישע צדיקים באַנוצען קריסטליך בלוט פאַר ריטוע־לע צוועקען. די רוסישע צייטונגען האָבען זיך דאַן באַשעפטיגט מיט'ן באַ־שרייבען טיפען פון אידישע צדיקים.

דער מארשאלעק, וועלכער איז גראַד געווען אַן אויפריכטיגער און עהרלי־

כער מענש און אַ אוהב ישראל, האָט איינמאָל געבעטען זיין אידישען פריינד, אַז ער זאָל איהם אַמאָל צייגען אַ אידישען צדיק. דער איד האָט איהם אָבער דאַמאָלט געזאָגט, אַז אין שטאָדט ק. קאָן מען זעלטען טרעפען אַ טיפּ פון אַ צדיק.

איצטער האָט ער געפונען אַ גוטע געלעגענהייט. ער איז אַוועק צום מאַר־שאַלעק און איהם פאַרצעהלט אַז ער האָט זיך דערוואוסט אַז זיינער אַ באַקאַנ־טער יונגערמאַן וועלכער שטודירט אויף צדיק דאַרף גראַד שטעהן צום פּריזיוו אין שטאָדט א. אונטער דעם מאַרשאַלעק׳ס פאַרזיץ. דעריבער קאָן ער יעצט האָבען אַ מעגליכקייט זיך צו באַקאַנען מיט אַ טיפּ פון אַ אידישען צדיק. ווען אונזער ישיבה בחור איז ערשינען פאַר דער קאָמיסיע און מען האָט איהם, ווי דער שטייגער איז, אויסגעפרעגט מיט וואָס ער באַשעפטיגט זיך, האָט ער גע־ענטפערט אַז ער שטודירט אויף רב. דער מאַרשאַלעק, וועלכער האָט זיך שוין דאַן אַן אלץ געהאָט פאַרגעסען, האָט קאָנטיג, דערהערענדיג דעם ענטפער, זיך פלוצלונג דערמאָנט. ער האָט איהם אַ פרעג געטהאָן צי שטודירט ער אַמאָל נישט אויף צדיק? און ווען ער האָט געהערט זיין ענטפער אַז יאָ, האָט ער איהם מיט נייגעריגקייט באַטראַכט.

דער דאָקטאָר איז געווען גרייט צו ערקלעהרען דעם בלייבען, אויסגעצער־טען בחור אַלס מיליטער פעהיג, אָבער דער זכות פון זיין צדקות איז איהם בייגעשטאַנען און אַ דאַנק דער אַריינמישונג פון מאַרשאַלעק איז ער באַפרייט געוואָרען פאַר א יאָהר צייט כדי זיך צו ערהאָלען.

ניט באַשערט איז אָבער געווען יעקב׳ן צו בלייבען רוהיג אפילו אַ יאָהר צייט. דריי מאָנאַטען שפּעטער האָט די מלחמה געפאָדערט פרישע פלייש און מ׳האָט איהם גערופען פאַר אַ צווייטען נאבאָר (קאָנסקריפּציע). פאַר׳ן אָבפאָהר איז דער תלמיד ווידער אריין צו זיין רבי׳ן און האָט זיך באַקלאָגט אויפ׳ן ביטול תורה וואָס ער מוז צוליעב דעם ליידען, און האָט דאריבער מיט טרעהרען אין די אויגען געבעטען דעם רבי׳ן מתפלל צו זיין פאַר איהם אַז ער זאָל ווערען געענצליך באַפרייט (מיט אַ ווייסען בילעט). כאָטש נישט זייענדיג צופרידען פון אַזאַ פאָדערונג. האָט איהם דער חפץ חיים עס פאַרגעבען און איהם ווי געהעריג געבענשט.

אין פאַרלויף פון דער צייט האָט ניט איינמאָל דער מארשאלעק אין אַ געשפּרעך מיט זיין אידישען פריינד דערמאָנט דעם טיעפען איינדרוק וואָס

דער יונגער צדיק האָט געמאַכט אויף איהם. דער איד, באַמערקענדיג זיין באַגייסטערונג, האָט איהם ביי דער געלעגענהייט דערצעהלט, אַז דיעזער יונ־געראַמאַן איז בלויז אַ סטודענט ביי איינעם וועגען וועמעס לעגענדארישע צדקות זאָגאַר די אידען־פּרעסערישע צייטונגען, ווי „נאָוואָיע ווערמיא״, האָבען אויך געשריבען מיט לויב.

דער מאַרשאַלעק איז דאַן אריין אין עקסטאַז און געבעטען זיין פריינד ער זאָל קריגען אַ ברכה פאַר איהם פון אָט דעם וואונדערבאַרען מאַן, און אז אויב אידען זיינען, טראָץ זייערע אונטערדריקונגען, פעהיג געווען צו שאַפען אַזאַ לויטערע פּערזענליכקייט איז ער גרייט צו טאָהן אַלץ וואָס און זיין קראַפט פאַר׳ן אידישען פאָלק.

דער איד האָט איהם דאַן געזאָגט אז דער אַלטער צדיק פיהרט זיין קאָרעס־פּאָנדענץ בלויז אויף לשון־קודש, וועלכע איז פאַר איהם אומלעזבאַר. דער מאַרשאַלעק האָט אָבער אויף דעם באַמערקט, אַז אַ בריעף פון אַזאַ צדיק וואָלט פאַר איהם געווען טייערער פון זיינע פיעלע מיליאָנען, ער וואָלט עס איז אַ גאָלדענער ראַם איינגעפאַסט און אימער געהאַלטען פאַר זיינע אויגען.

ווען יעקב איז צום צווייטען מאָל ערשינען בעפאָר דער פּריזיוו קאָמיסיע, האָבען איהם דאַן שוין אַלע באַגריסט אַלס אַן אַלטען באַקאַנטען. מ׳האָט איהם צוגעגרייט אַ שטוהל און געבעטען זיצען. נאָכדעם ווי דער הויפּט דאָקטאָר האָט איהם עקזאַמינירט, האָט ער אין זיין רשעות געפאָדערט מ׳זאָל איהם אָפּגע־בען פאַר אַ זעלנער, באַטאָנענדיג אַז דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע טובה פאַר דעם אויסגעבלייכטען און שוואַכען צדיק, עס וואָלט איהם ענטוויקעלט און געשטאַרקט פיזיש.

דער מאַרשאַלעק האָט אָבער, טראָץ דעם דאָקטאָר׳ס שטאַרקע איינווענ־דונג דורכאויס געפאָדערט יעקב׳ן צו באַפרייען, אַרגומענטירענדיג מיט דעם דאָקטאָר, אַז זיין אָפּגעצערטקייט איז אַ נאַטירליכע, און אַז פּאָניע׳ס קאשע וועט אַודאי איהם נישט פעטער מאַכען, און אַז זייענדיג אַ צדיק וואָלט דאָך דער מאַן זיך בכיון ניט געצערט כדי זיך צו באַפרייען פון מיליטער.

דער חפץ חיים, דערזעהענדיג זיין באַליבטען תלמיד, וועמען עס איז גע־לונגען אַרויסצואַראַטעווען פון אַ געפאַהר, צוריק אין ישיבה, האָט געדאַנקט השי״ת און האָט זיך געפרעהט מיט איהם ווי אַ פאָטער מיט זיינ׳ס אַ קינד. אָבער צו שרייבען אַ בריוו צו אַ הויכען בעאַמטען אין צייט פון מלחמה, ווען די לופט איז געווען פול מיט בלבולים געגען אידען, האָט דער חפץ חיים קיין חשק

ניט געהאַט, ביז זיין גרויסער אידים, דער מנהל הישיבה ר׳ הירש זצ״ל, האָט איהם אָבער אויפמערקזאַם געמאַכט אַז עס קאָן ברייגנען צו אַ חלול־השם אויב דער גוי וועט פון איהם אַ ברכה נישט קריגען, און דאָס האָט געהאָלפען.

דער פארפאסער פון דיזען ספר האָט געהאַט דאָס גליק צו שרייבען אַט דעם בריוו וועלכען דער רבי האָט גע׳חתמ׳עט מיט זיין האַנט.

דער אינהאַלט איז אומגעפעהר געווען ווי פאָלגט:

כבוד האדון השר הנכבד רודף צדקה וחסד מר פאוועל מאַצקע בעיר ק.

כאשר שמעתי שכבוד מעלתו פועל צדק ועושה חסד עם אנשים ודורש טוב לעמנו הנענה, אמרתי לברכהו שיאריך ה׳ ימיו ושנותיו ויזכה לראות טוב בחייו ויבלה ימיו בנעימים.

„מוקירו ומכבדו כערכו הנשגב,
ישראל מאיר הכהן מראדין (מקוה״ח).״

הוספות

אין פרק „אַ קרעמער", זייטע 52 הערה 1, בנוגע דער פראַגע צו עס פּאַסט זיך ביי אַן אשת נכרי דער דין פון „מה שקנתה אשה קנתה בעלה", האָב איך נאָכהער געפונען די זעלבע שאלה אין ספר „שדה חמד — פאת השדה", סימן ו', סעיף קטן י', בשם ה„שבות יעקב". אויך אין „שיורי הפאה" מערכת ג' כלל א', עיין שם.

צום פרק „ספר משנה ברורה" זייטע 194, דאַרף צוגעגעבען ווערען דער פאלגענדער עפּיזאד:

הלכה ברורה

ר' נחום נחומאָווסקי, אַ באַוואוסטער למדן אין דעליאַטיטש, האָט אַמאָל אַ פרעג געטהאָן דעם חפץ חיים, הלמאי ער האָט זיין ספר ניט אָנגערופען „הלכה ברורה" און ביאור משנה", אנשטאט „משנה ברורה" און „ביאור הלכה".

האָט דער חפץ חיים איהם געענטפערט:

„אָנצורופען עס „הלכה ברורה", דאָס האָב איך ניט געקאָנט, פאַר דעם האָב איך מורא..."